גי דע-מאפאסאן



גי דע מאָפּאַסאַן׳ס

געזאמעלטע ווערק

איבערזעצט פון

לעאן קאָבּרין

I.

ארויסגעגעבען פון
„פארווערטס"
.1913

צאָהל פון
פיידזשעס

פארווארט פון'ם איבערזעצער.

די געשיכטע פון א הויז־מיידעל	29
דער שטעל־פערטרעטער	6
דאָס הייזעל	42
לבנה־שיין	8
משוגע ?	7
א פאריזער פאסירונג	11
די ערוואכונג	8
מאררא קא	14
דער וויהנאכטס־אבענד	7
דער וואגאבונד	18
מוטער סאוואזש	11
די בעל־הבית'טע	10
פרייליין פיפי	20
סימאָנ'ס פאטער	13
די ירושה	102

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פאָרוואָרט.

I.

אין׳ם פריהלינג פון׳ם יאָהר 1880 איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק בעקאַנט געוואָרען מיט א גאַנץ נייעם שרייבער, פון וועלכען עס האָט פריהער קיינמאָל ניט געהערט. א קליין ביכעלע ערצעהלונגען איז ערשיענען פון איינעם א גיו דע מאָפּאַסאַן, און דאָס דאָזיגע ביכעלע — „אבענדען אין מעדאַן״ האָט עס געהייסען — האָט גלייך בעריהמט געמאַכט דעם נייעם שרייבער.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געדרוקט אין פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאַלען און אלע האָבען איהם געלעזען מיט בעוואונדערונג, התפעלות און ליעבע.

די געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור קען ניט אנווייזען אויף איין שרייבער, וואָס איז אזוי שנעל בעריהמט געוואָרען ביי אלע קלאַסען לעזער ווי ער, מאָפּאַסאַן. מיט זיין ערשטען ארויסטריט האָט ער גלייך געפאַנגען דאָס הארץ און די פאַנטאַזיע פון זיינע לעזער.

„אלע האָבען איהם געלעזען: דער בורזשואַ און דער מיליטער־מאַן, דער קאָמערסאַנט און דער אריסטאָקראַט, דער יוריסט און דער פינאַנסיסט״ — שרייבט וועגען איהם דער שריפטשטעלער פויל העוויע — „אין זיינע ערצעהלונגען האָט יעדער לעזער געפונען די שילדערונג פון זיין אייגענעם ווינקעל: דער פון זיין היים, יענער פון זיין געשעפט, פון זיין קאַזאַרמע, פון זיין סאַלאָן און אזוי ווייטער״.

האָבען איהם געלעזען און בעוואונדערט, בעוואונדערט דאָס שאַרפע אויג, וואָס האָט אריינגעדרונגען אין די טיעפסטע ווינקעלאַך פון זייערע הערצער און מוחות, דעם פיינעם געהער, וואָס האָט אונטערגעכאַפּט דעם שטילסטען פליסטערען פון די פערבאָרגענסטע סודות זייערע....

II.

פון זיין ביאָגראַפיע ווייסט מען, אז ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 5טען אויגוסט 1850 אין דעם שלאָס מיראָמעניל, נעבען

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/collectedworksof0000leon

אין א געשפּרעך מיט זיינע א פריינדין האָט ער אליין אזוי כאראקטעריזירט זיין ערפאלג:

— איך האָב זיך בעוויזען אויף'ן ליטעראַרישען פעלד ווי א מעטעאָר און וועל פערשווינדען פון דארט ווי א בליץ....

און זיין נביאות איז, ליידער, מקוים געוואָרען. ווי א בליץ איז זיין מעכטיגע, פייערדיגע פאנטאזיע אויסגעלאָשען געוואָרען, זיין גייסט איז פערזונקען געוואָרען אין דעם חושך פון משוגעת. דאָס שאַרפע אויג, וואס האָט אזוי קלאר און ניכטער געזעהן די וועלט און איהרע מענשען, האָט שרעקענס־געשפענסטער אָנגעהויבען צו זעהן... זיי האָבען געפאנגען זיין הארץ, זיין מוח, זיינען ניט אפּגעטראַטען פון איהם, האָבען ארויסגעקוקט צו איהם פון יעדען ווינקעל... (לעזט זיין „האָרלא" און עהנליכע זיינע ערצעהלונגען, וואס ווייזען סמנים פון זיין שפּעטערדיגען משוגעת). אזוי איז ער געשטארבען דעם 6טען יולי 1893 אין א פּריוואט־אנשטאַלט פאר משוגעים. 43 יאָהר איז ער דאַן אַלט געווען!....

III.

ליידער איז מיין פּלאַץ בעשרענקט און איך האָב ניט די מעג־ליכקייט צו זאגען אין א קורצען פארווארט אלעס, וואס מיר וואלט זיך געוואלט זאגען וועגען דעם איינדרוק, וואס זיינע ווערק האָבען אויף מיר געמאכט.

דערפאר וועל איך פּרובען אנווייזען אויף די הויפּט־שטריכען פון מאַפּאַסאַנ'ס שאַפען, ניט אָפּשטעלענדיג זיך אויף איינצעל־הייטען.

אין מאַפּאַסאַנ'ס בעסטע ערצעהלונגען פיהלט זיך, נאָך מיין מיינונג, פיעל מעהר דער איינפלוס פון זיין רוסישען פריינד טור־גענעוו ווי פון זיין לעהרער פלאבער. אלס איבערזעצער פון טור־גענעוו'ס ערצעהלונגען האָב איך זיך גאָר אפט געפיהלט אין זיין, טורגענעוו'ס אטמאָספערע, בעת איך האָב איבערזעצט מאַפּאַסאַנ'ס ערצעהלונגען. ווי אָפט דערמאָנען זיינע נאַטור־שילדערונגען דעם גרויסען רוסישען נאַטור־מאָהלער טורגעניעוו, דעם גרעסטען פּילייכט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. זיינע ערצעהלונגען פון דעם פּויערים־לעבען דערמאָנען גאַנץ אָפט אָן דעם דיכטער פון „די

דיעפפא. פון'ם פאָטער'ס צד האָט ער געהערט צו לאַטארינגיען און פון דער מוטער'ס — צו נארמאנדיען.

אין נארמאנדיען האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט און איינגע־זויגט אין זיך די איינדריקען פון דער דארטיגער סביבה, פון די דארטיגע פרימיטיווע מענשען און פון דער דארטיגער נאטור, וואס ער האָט שפּעטער אזוי מייסטערהאפט אין ערצעהלונגען געשילדערט. ער האָט זיך געלערנט אין א סעמינאַריום, דערנאָך אין א ליצעאום.

אין'ם יאָהר 1870, ווען ער איז אלט געווען 20 יאָהר, איז ער אריינגעטראטען אלס פרייוויליגער אין די פראנצויזישע ארמיע און האָט אנטהייל גענומען אין דער אונגליקליכער מלחמה געגען דייטשלאנד. שפּעטער האָט ער נאָך געדיענט אלס בעאמטער אין מיניסטעריום. אין דער אייגענער צייט האָט ער געשריעבען זיינע זאכען, האָט אבער ניט געוואגט זיי צו דרוקען. ער האָט פערקעהרט אין דעם ענגען קרייז פון די בעריהמטע שריפטשטעלער פלאבער, זאָלא, דאָדע, די ברידער האנקור און דעם גרויסען רוסישען שריפט־שטעלער טורגענעוו, האָט ער פאר זיי זיינע זאכען געלעזען. די דאָזיגע גרויסע שריפשטעלער האבען אויף איהם אן איינפלוס געהאט, בעזונדערס פלאבער, דער בעריהמטער פערפאסער פון „מאדאם באווארי", וועלכער איז געווען א פריינד פון זיין מוטער. דעם לעצטען האָט מאפּאסאן בעטראכט אלס זיין לעהרער.

אין'ם יאָהר 1880, ווען דער נאמען גיו דע מאפּאסאן איז צום ערשטען מאל ערשיענען פאר דאָס פּובליקום, איז ער, מאפּאסאן, שוין אלט געווען דרייסיג יאָהר. ער האָט געלעבט נאָך 13 יאָהר און אין פערלויף פון דער דאזיגער קורצער צייט האָט ער אנגעשריעבען העכער צוואנציג בענדער ערצעהלונגען, ראמאנען, פּאעמען, רייזע־בעשרייבונגען און אזוי ווייטער, ניט אריינרעכענדיג די דראמען, וואָס ער האָט אנגעשריעבען און די פיעל זשורנאליסטישע אר־טיקלען....

ער איז געוואָרען איינער פון די בעריהמטעסטע און בעליעב־טעסטע שרייבער אין פראנקרייך, איז איבערזעצט געוואָרען אויף אַלע אייראָפּעאישע שפראכען, האָט פערנומען דעם אויבען־אָן אין דער וועלט־ליטעראטור און מיט אמאָל... אזא טראגישער סוף!...

איהרע נקבה'שע אינסטיקטען, אין זיין ערצעהלונג „פריהלינגס־שטראָהמען", אָבער דאס זיינען אויסנאהמען, וואס בעשטעטיגען נור דעם רעגעל....

צוזאמען מיט דעם גאטספארכטיגען פריסטער פון זיין וואונ־דערשעהנער, קלאסישער ערצעהלונג „לבנה־שיין", זעהט ער אין דער פרוי נור די פערקערפערונג פון זינד. אין איין פלאץ דריקט ער זיך אזוי אויס וועגען דער פרוי: „די פרוי איז די אייביגע, אונשטערב־ליכע פראָסטיטוטקע, וועלכע גיט זיך אפ אהן עקעל, מחמת איהר קערפער איז נור סחורה פאר ליעבע". און אין א צווייטען פלאץ: „איהרע זינדיגע, אונריינע אויגען, וועלכע ברענען מיט א פערלאנג צו געפעהלען, בעצויבערען אונז. זי בעהערשט אונז אויף א גרויזא־מען, פער'עקשנ'טען און קרענקליכען אופן".

IV.

ער האָט אָבער אויף איהר רחמנות, ווען זי איז אונגליקליך, ווי ער האָט אגב רחמנות אויף אלעמען און אלסדינג אין'ם לעבען, וואס ליידעט און איז אונגליקלאך. לעזט זיין „געשיכטע פון א דיענסט־מיידעל", זיין „מיסס האריעט", „שאלי" און נאָך אנדערע ער־צעהלונגען, וועלכע בעהאנדלען אונגליקליכע פרויען, וויפיעל רחמנות עס פיהלט זיך דאס אין יעדען בלעטעל!

עס איז אנגענומען, אז מאפאסאן פערהאלט זיך גלייכגילטיג צו זיינע העלדען. דאָס איז נאָך מיין מיינונג א אונזין. גלייכגיל־טיג פערהאלט זיך נור א פאטאגראפישער אפאראט, אבער ניט דאָס ווארימע הארץ פון דעם קינסטלער. אום צו שאפען, מוז דער קינסט־לער זיין פעראינטערעסירט אין דעם, וואס ער שאפט, מוז ליעב האָבען צי האסען זיינע העלדען, מוז זיי אין זיין הארצען טראגען, אָהן דעם וועט ער גארנישט ניט קענען בעשאפען. דערפאר איז לעבערליך, ווען מען רעדט וועגען די גלייכגילטיגקייט פון א קינסט־לער צו די קינדער פון זיין גייסט. דער אמת'ער קינסטלער פער־באָרגט נור זיינע סימפאטיען און אנטיפאטיען הינטער דער האנד־לונג פון זיינע העלדען, לאזט ארויס, אונבעמערקט פון דעם לעזער, א טרער דורך זייערע אויגען, דריקט אויס זיין פרייד און טרויער, זיין ליעבע און האס, קורץ, זיינע געפיהלען און געדאנקען, דורך

מעמוארען פון א יעגער", און מאנכע פון זיינע ערצעהלונגען קלינגען אין גאנצען, דאכט זיך אמאָל, ווי א נאכאהמונג טורגענעוו'ן. לייענט, למשל, זיין ערצעהלונג „פרייליין קאָקאָטע", דערמאָנט זיא אייך ניט שטארק טורגענעוו'ס ריהרענדע ערצעהלונג „מומו?"... גאנץ אפט הערט זיך אויך אין זיינע ווערק טורגענעוו'ס ווייכער, פערטראכ־טער, מעלאנכאלישער טאָן, פול אונבעפרידיגונג און בענקעניש, ווען ער פערטראכט זיך, פונקט ווי טורגענעוו, וועגען דעם הבל הבלים פון'ם לעבען און וועגען דעם טויט, פון וועלכען מען קען ניט אנטלויפען... ער האָט אויך ליעב די נאטור אין דעם נאטור־מענשען מיט זיין פרימיטיווען אַרט דענקען און פיהלען, די וואלד־חיות און די הויז־חיות, אזוי ווי טורגענעוו, דער דיכטער פון „די מעמוארען פון א יעגער", און א טרער און רחמנות האָט ער פאר די ארימע און אונגליקליכע, אזוי ווי דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער. נור אין זייער בליק אויף פרויען אונטערשיידען זיי זיך אין גאנצען. טורגענעוו ליעבט די פרוי, מאפּאסאן פעראכטעט זי. ביי טורגע־נעוו'ן איז די פרוי די פערקערפּערונג פון זעעלען־שעהנהייט, ריינהייט און אויפאפּפערונג, ביי מאפּאסאנ'ען איז זי די פערקערפּע־רונג פון פערדארבענהייט, שלויהייט און עגאָאיזמוס. טורגענעוו'ס א פרוי ליעבט מיט איהר נשמה, מאפּאסאנ'ס — נור מיט איהר קער־פּער. די עהרליכסטע פרוי ביי מאפּאסאנ'ען איז בעהערשט פון איהרע נקבה'שע אינסטינקטען און עס ציהט איהר צו זינד, ווי די פליעג צום פייער. די עהרליכסטע פרוי ביי מאפּאסאנ'ען איז אמאָל אונטריי איהר מאן. לעזט זיינע ערצעהלונגען „א פּאריזער פּאסי־רונג", „די ערוואכונג"; לעזט, ווי אזוי די פרומע, אנשטענדיגע פרוי פון דעם אידישען באנקיער, אין דעם ראמאן „דער שעהנער פריינד", פערלירט זיך, בעת דער „שעהנער פריינד" וועקט אויף איהרע נקבה'שע אינסטינקטען... די דורכשניטליכע פרוי אין זיינע ער־צעהלונגען געהערט ל ו י ט א י ה ר ע א י נ ס ט י נ ק ט ע ן צו דעם טיפּ פרוי פון זיין ערצעהלונג „מאראָקקא". אמת, עס זיינען פאראן ביי איהם מאנכע פרויען אויסנאהמען, ווי, למשל, די העל־דין פון „דאָס לעבען פון א פרוי", פונקט ווי ביי טורגענעוו'ן איז דאָ א פרוי א אויסנאהם, וועלכע איז אין גאנצען בעהערשט פון

פרויען פון די גרויסע שטעדט און קליינע שטעדטלאך, די בכבוד'ע אונאנשטענדיגקייט און די אונאנשטענדיגע בכבוד'קייט....

און אימער, אין יעדען ווערק זיינעם, אין דער קלענסטער ערצעהלונג זיינער, מעג זי אמאָל אפילו קלינגען ווי א אנעקדאט, פיהלט זיך זיין פערבארגענע הארץ. אמאָל לאכט עס אוים עפעס, — אמאָל די צבוע'צסטווא, אמאָל די נארישקייט — און ניט זעלטען בעוויינט עס עפעס א עלענד און גאַנץ אָפט פּראָטעסטירט עס געגען די גרויזאמקייט פון דער געזעלשאפט....

טראכט מען זיך אריין אין זיינע ערצעהלונגען, ווייזט זיך אויס, אזוי ווי ער וואלט א שפּיעגעל אוועקגעשטעלט געגען זיינע מיטמענשען און צו זיי געזאגט:

— אָט קוקט זיך אָן, דאָס זייט איהר, אזוי דענקט איהר און אזוי האנדעלט איהר, דאס איז אייער פיעל־בעריהמטע קולטור!...

VI.

און דאָס, וואס ער ווייזט אין דעם שפּיעגעל, האָט ער גאר ניט פערשלייערט... הויכעס און נידריגעס, עדעלעס און געמיינעס האָבען זיך אין איהם אפגעשפּיעגעלט. און בעלייכט האט ער דאס מיט זיין גייסט, מיט דעם גייסט פון דעם דענקער און דיכטער, אזוי, דאס זיינע מיטמענשען זאלען זיך אין דעם שפּיעגעל דערזעהן אין זייער גאנצער לעכערליכקייט און קלעגליכקייט, ווי ער, דער גרויסער זיטען־שילדערער, כאראקטער־מאהלער און טיעפער מענשען־קענער האָט זיי געזעהן....

ווי אונבארעמהערציג ער שניידט דאָס די געזעלשאפט אין זיין מייסטערהאפטער ערצעהלונג „דאָס הייזעל". וואס פיר א ביטערע איראָניע דאס איז איבער די בכבוד'ע אנשטענדיגקייט, וואס בע־זוכט די פּראסטיטוטקעס דורך א הינטער־טיר און וועלבע עס כאפּט אָן א בהלה, בעת די פּראסטיטוטקעס פערלאזען אויף א פּאָאר טעג זייער הייזעל!... הערט די שילדערונגס־קראפט, וואס ער ווייזט ארוים אין דער דאזיגער ערצעהלונג! די צוויזשעטע ליידענשאפט איז'ם שטעדטעל, די סצענעס אין'ם וואגאן, וואו די מיידלאך זיצען, די נאטור־שילדערונג, די סצענעס אין'ם דארפישען קלויסטער, די

ווייע׳רע מוחות און הערצער. ניט דער קינסטלער ערקלעהרט די נשמה פון זיין ווערק, נור דאָס ווערק ערקלעהרט די נשמה פון דעם קינסטלער. מיט איינעם ווארט, דער קינסטלער האָט א נשמה, וועלכע ער לעגט אריין אין זיין ווערק. דערפאר קען מען אי־מער געפינען אויף׳ן גרונד פון דעם ווערק דעם קינסטלער׳ס נשמה, זיין פיהלען און טראכטען, זיינע סימפאטיען און אנטיפאטיען, זיין וועלט־שטאנדפונקט....

אין א בריעף צו זיינעם א פריינד האט מאפאסאן אליין בע־ריהרט די פראגע וועגען זיין כלומר׳שטיגע גלייכגילטיגקייט. „מען האלט מיך פיר דעם גלייכגילטיגסטען מענשען אויף דער וועלט" — שרייבט ער — „אין דער אמת׳ן אבער בין איך גאָר ניט גלייכ־גילטיג, איך האָב א שטאלץ, אָבער ווייך הארץ, וואס רעגט זיך אויף און ליידעט; איך בין אבער א סקעפטיקער, ווייל איך האָב צו א שארפע אויג. און מיינע אויגען זאגען מיר: „בעהאלט דיין הארץ, אלטער, דו מאכסט זיך לעכערליך" און איך בעהאלט...."

V.

און בעהאלטען האָט ער עס אין זיינע ווערק. דער, וואס קאָן טיע־פער זעהן אין א ווערק, וועט דארט א הארץ דערזעהן, וואס ליעבט און האסט, ליידעט און פראָטעסטירט, לאכט אויס און פעראכטעט.... ווייל זיין צו שארפע אויג, וואס האָט איהם פאר א סקעפטיקער גע־מאכט, האָט די וועלט און די מענשען געזעהן אין זייער גאנצער קלעגליכקייט און אונפערשעהמטער נאקעטקייט....

דאָס לעבען, דאס פראנצויזישע לעבען און דאס לעבען און די נאַטור פון דעם מענשען בכלל, האָט זיין „צו שאַרפע אויג" פון אלע זייטען געזעהן. אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט פיהרט ער פאר אונז ארויס אין זיינע ערצעהלונגען און ראָמאנען: דעם פויער און דעם קליינעם בעאמטען, דעם קליין־שטעדטעלדיגען זשענטעלמאן און דעם אריסטאקראט פון די פאריזער קלובען, דעם זשורנאליסט, דעם דאקטאר, דעם ארטיסט, דעם סוחר, דאָס דיענסט־מיידעל, די פאבריק־ארבייטערין, די פּראסטיטוטקע אויף דער גאס, אין די עפענטליכע הייזער, די בעל הבית׳טע פון אזוינע הייזער, די פּראס־טיטוטקע אין דער הויכער געזעלשאפט, די אריסטאָקראטישע

שען טשעכאָוו. איבערזעצענדיג איהם נאָך טשעכאָוו'ן האָב איך ביי מאַנכע ערצעהלונגען זיינע געפיהלט, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס טשע־כאָוו'ן איבערזעצט. די אייגענע פּערזאָנען, די אייגענע פּעסימיזם, דער אייגענער שניידענד־שפּאָטישער שמייכעל, דער אייגענער אונבע'רחמנות'דיגער שניידען פון דער געזעלשאַפט, זאָגאַר מאַנכע טהעמען זיינען די אייגענע, דער טאָן נור און די פאַרב זיינען ביי זיי גאַנץ פערשיעדענע. טשעכאָוו רעדט מיט האַל־בע טענער, מאָפּאַסאַן רעדט מיט גאַנצע, פולע. טשעכאָוו'ס פאַרב איז די דעמערונגס־פאַרב און מאָפּאַסאַנ'ס איז די זוניגע....

מען בעשולדיגט מאָפּאַסאַן'ען, וואָס ער שילדערט מאַנכע סצע־נען, איבערהויפּט צווישען מאַן און פרוי, צו אָפען. אויף דעם ענט־פערט דער בעריהמטער דייטשער איבערזעצער זיינער אַמפּטעדראַ אַזוי :

— צו אַ קונסטווערק אַ סטאַטוע זיינען צוגעגאַנגען אַ קינסט־לער און איינער, וואָס האָט פון קונסט קיין אַהנונג ניט געהאַט. דער ניט־קינסטלער האָט מיט כעס אָנגעקוקט די סטאַטוע און אויסגע־שריען מיט ענטריסטונג : „זעה נור, ווי נאַקעט!“ דער קינסטלער וואָס האָט געקוקט אויף די סטאַטוע מיט בעגייסטערטע אויגען, האָט פערוואונדערט גענטפערט : „זעה נור, און איך האָב עס גאָר ניט בעמערקט !....“

עס ווענדעט זיך, ווער עס קוקט און וויא מען קוקט . . .

מאָפּאַסאַן איז איבערזעצט אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַ־כען. איך האָב געזעהן דריי פון זיי : די ענגלישע, די רוסישע און די דייטשע. די ערגסטע פון זיי איז די ענגלישע. די בעסטע איז די דייטשע, פון דעם בעוואוסטען דייטשען שריפטשטעלער אַמפּטעדראַ. די דאָזיגע איבערזעצונג איז אַן אמת קינסטלערישע. איך און מיין פרוי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מיר איבערזעצט מאָפּאַסאַן'ען פונקט ווי טורגענעוו'ען און טשעכאָוו'ן, האָבען זיך בעמיהט צו זיין וואָס נעהנטער צו דער בעסטער איבערזעצונג.

לעאָן קאָברין.

היילינגע שטימונג, וואס כאפט דארט ארום די זינדינגע נשמות, — ווי מייסטערהאפט און מ ע נ ש ל י ך, מ ע נ ש ל י ך דאס אלעס איז געשילדערט !....

אזוינע ערצעהלונגען ווי „מוטער סאוואזש“ און „פריילען פיפי“ זיינען א מעכטיגער פראטעסט געגען מלחמה. און אזא ערצעהלונג ווי „דער וואגאבונד“ איז א פייערדיגער פראטעסט געגען דער ארדנונג פון דער היינטיגער געזעלשאפט בכלל, וועלכע שאפט ארבייטסלאזע און טרייבט עהרליכע ארבייטער צו פערברעכען. אפילו אזוינע, דאכט זיך, שפאסהאפטע ערצעהלונגען ווי דער „שטעלפערטרעטער“ און „ווייהנאכטס־אבענד“ זאגען אויך עפעס. די ערשטע לאכט אויס, ערשטענס, די צבוע'צסטווא פון דער כלומר'שט פרומער און אנשטענדיגער צנועה און פון דער צווייטער זייט בעווייזט זי די קללה פון סאלדאטשינע, וועלכע ברענגט א סאלדאט דערצו, ער זאל זיך פארקויפען פאר א פאר פראנק צו אן אלטער פרוי. די צווייטע ערצעהלונג ווייזט די עלענדקייט פון א גאסען־מיידעל, וועלכע אין דעם אייגענעם אבענד, ווען זי דארף מוטער ווערען, איז געצוואונגען ארומצוטרייבען זיך איבער דער קאלטער, פראסטיגער גאס און אנבאטען איהר קערפער צו מענער...

ניט אומזיסט האָט טאָלסטאָי פון איהם אזוי געהאלטען. ער האָט זאגאר מאנכעס פון איהם איבערזעצט.

ער געפינט אין מאפאסאנ'ס ווערק — האָט ער געשריעבען „אין גלייכער מאָס די הויפט דריי מעלות, וואס זיינען סמנים פון יעדען גרויסען ווערק: די מאָראלישע אבזיכט, דעם פאלקאמענעם סטיל און די אמת'ע אויפריכטיגקייט“....

און ווייטער האָט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער געשריעבען: „מאפאסאן איז א מאן, וואס האָט מיט זיין גייסט אריינגעדרונגען אין די טיעפסטע טיעפעניש פון דעם מענשליכען לעבען“....

VII.

מאָפאסאָן האָט געהאט אַ גוואלדיגען איינפלוס אויף אַ סך שרייבער פון די אנדערע ליטעראטורען, בעזונדערס אויף דעם רוסי־

די געשיכטע פון א הויז־מיידעל

1.

אזוי ווי דאָס וועטער איז געווען שעהן, האָבען די אר־בייטער אויף דער פארם אָפּגעגעסען שנעלער, ווי געוועהנליך, און זיינען אוועק אויפ'ן פעלד צו דער ארבייט.

ראָזאַ, דאָס דיענסטמיידעל, איז געבליבען אליין אין דער גרויסער קיך, וואו דאָס פייער אויפ'ן פריפּעטשיק איז אויסגעגאַנגען אונטער א קעסעל וואסער. פון צייט־צו־צייט האָט זי גענומען וואסער פון דעם דאָזיגען קעסעל און פּאַמעליך געוואַשען די געשיר. אָדער האָט געקוקט אויף די צוויי ליכטיגע פלעקען, וואָס די זון האָט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן לאַנגען טיש געוואָרפען און אין וועלכע עס האָבען זיך אָפּגעטוקט די קליינע לעכער און שפּאַלטען פון די שויבען.

דריי כוואַטסקע היהנער האָבען אויפגעפּיקט ברעקלאַך אונטער די שטולען. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָט זיך געצויגען א וואַרעמער זויערער גערוך פון'ם שטאַל און אין דער שטילקייט פון דעם הייסען האַלבען־טאָג האָבען די העהנער געקרעהט.

ווען דאס מיידעל איז פאַרטיג געוואָרען מיט איהר ארבייט, ווען זי האָט דעם טיש אָפּגעווישט, דעם פריפּעטשיק אָפּגערייניגט און די טעלער צושטעלט אויפ'ן הויכען געשטעל נעבען דעם הילצערנעם זייגער, וואס האָט געקלאַפּט מיט אימפּעט, האָט זי אָפּגעזיפצט. עפּעס האָט זי געמאַרטערט, זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָס.

זי האָט א קוק געטהאָן אויף די שוואַרצע ליימענע וואַנד, אויף די פעררויכערטע באַלקענס פון דעם סופיט, וואו צוזאַמען מיט שפּינוועבס זיינען געהאַנגען גערויכערטע הערינג און גאַנצע פּעק־

פלוצים איז פארבייגעלאָפען אין א פרעהליכען גאלאפּ א יונג, פערליעבט פערדעל. עס האָט הין און צוריק פערבייגעפאבריקעוועט א קאנאווע, וועלכע איז געלעגען צווישען ביימער, און איז ראפּטאם שטעהן געבליעבען, אזוי ווי עס וואלט זיך שטארק פערוואונדערט, דערזעהענדיג זיך פלוצים אליין.

ראָזא'ן האָט אויך אנגעכאפּט א חשק צו לויפען, צו בעוועגען זיך און אין דער אייגענער צייט האָט זי דערפיהלט נאָך א שטאר־קערע בעדירפנים צו לייגען זיך, אויסציהען די גליעדער און זיך אויסצורוהען אין דער בעוועגונגסלאזער, ווארעמער לופט. זי האָט עטליכע טריט געטהאָן, ווי זי וואלט זיך מיישב געוועזען, און, חיות'ענדיג זיך, צוגעמאכט די אויגען. דערנאך איז זי גאנץ שטיל אוועק צום היהנער־שטאל, אום אויפצוקלייבען די אויער. האָט אויפגעקליבען דרייצעהן שטיק, געבראכט זיי אין קיך אריין און פערשלאָסען אינ'ם שראנק. דערנאך איז זי ווידער ארויס, אום צו זיצען א ווייל'ע אויף'ן גראָז, ווייל זי האָט ניט געקענט אויסהאלטען פון דעם שווערען גערוך אין דער קיך.

דער הויף פון דער פארם, וועלכער איז מיט ביימער ארומגע־רינגעלט געוועזען, האָט, ווי עס האָט זיך אויסגעדאכט, געשלאָפען. דאָס הויכע גראז, פון וועלכען די געלע פלאנצונג מיט'ן נאָמען „לייב־צאהן" האָט ארויסגעלייכטעט, איז געוועזען פון געזונדען, פריי־שען פריהלינגס־גרין קאָליר. די עפּעל־ביימער האָבען געווארפען ארום דעם שטאל רונדע שאָטענס און די שטרויענע דעכער פון די געביידעס, וואס אויף זייערע שפּיצען האָבען אזוינע ליליען גע־וואקסען, ליליען, וואס זיינען צו שווערדען עהנליך געווען, האָבען זיך אביסעלע גערויכערט, אזוי ווי די פייכטקייט פון'ם שטאל און פון די שייערס וואלט זיך דורך די שטרוי דורכגעריסען.

ראזא איז אוועק אונטער דעם וועטער־דאך, וואו עס זיינען גע־שטאַנען גרעסערע און קלענערע וועגלאך. דארט דערביי איז די גאנ־צע קאנאווע בעוואקסען געווען מיט פיילכען־בליהמעלאך, וואס האָ־בען געשמאק גערופטעט. ווייטער, הינטער'ן צוים, האָבען זיך געצויגען די פעלדער, ווייטע פעלדער, וואו דאָס פערזעעטע ברויט

לאָך ציבעלעס; דערנאָך האָט זי זיך געזעצט און א שטיקענדיגע
גערוך, וואס האָט ארויסגעזעצט פון דער אנגעווארעמטער פאדלא
גע, וואו אזוי פיעל פערשיעדענע זאכען זיינען געלעגען און האָבע
זיך געטריקענט, האָט זי אביסעלע גענומען ווערגען. דערצו האָט ז
נאָך געווארגען דער בייסענדיגער גערוך פון דעם מילכיגס, וואָס
איז געשטאנען אין דעם דערבייאיגען צימער. דאָך האָט זי געוואלט
אנפאנגען צו גייהען ווי געוועהנליך, אבער זי האָט זיך דערפיהלט
מיעד, אפגעשוואכט און זי איז ארוים אויף די שוועל, אביסע
פרישע לופט צו כאפען.

ווען די ווארעמע זון האָט זי בעשיינט, האָט זי דערפיהלט אזא
חיות און א זיס געפיהל האָט זיך איהר צוגאסען איבער אלע איהרע
גליעדער.

פון דער פייכטער קופע מיסט פאר דער טיר, האָט זיך די גאנ
צע צייט געצויגען א לייכטע ווייסליכע פארע; די היהנער האָבע
זיך געוואלגערט אויף דערויף, זיינען געלעגען אויף א זייט או
האָבען געשארט מיט איין פיסעל, זוכענדיג ווערימלעך. אין מיטע
צווישען זיי איז געשטאנען דער שעהנער האָהן. יעדע רגע האָט ע
זיך אויסגעוועהלט איינע פון זיי און אנגעהויבען צו פאדען ארומ
איהר מיט א שטילען, אויפפאדערענדיגען קוואקטשען. די אויס
געוועהלטע הוהן האָט זיך דאן געהארכזאם אויפגעהויבען און איהם
צוגעלאזט צו זיך מיט א רוהיגער מינע, אונטערבויגענדיג איהרי
לאפקעס און אונטערהאלטענדיג איהם אויף איהרע פליעגלען. דער
נאָך האָט זי **אויפגעטרייסעלט** איהרע פעדערען, אום דער שטויב
זאל פון דארט ארויס, און זיך ווידער אויסגעצויגען אויף דער קופ
מיסט, ווערענד ער האָט א טריאומפפירענדיגען „קוקערעקו
ארויסגעלאזט; און פון אלע הויפען האָבען איהם אפגעענטפער
העהנער, אזוי ווי זיי וואלטען פון איין פארם צו דער אנדערער א
ארויספאדערונג צום קאמפף זייערע ליעבעס־קאָנקורענטען געשיקט

דאָס מיידעל האָט געקוקט אויף זיי און וועגען קיין זאך ני
געטראכט. דאן האָט זי אויפגעהויבען די אויגען און איז ווי פער
בלענדעט געוואָרען פון די בליהענדע עפעל־ביימער, וואס זיינע
געשטאַנען אין גאנצען ווייס, ווי געפודרעטע קעפּ.

זיי האָבען פערלאָזען אויף א לאנגע צייט, פילייכט אויף אויביג. ווען זי האָט זיך אן דעם דערמאנט, איז זי גאנץ ווייך געוואָרען און ער, וועלכער האָט נאָך אלץ געהאַט זיינע נארישקייטען אין׳ם קאָפּ, האָט זיך גערוקט צו איהר נעהענטער, האָט אין גאנצען געציטערט פאר ליידענשאפט און זיך געריבען אָן איהר.

זי האָט געזאָגט:

— איך האָב די מוטער שוין לאנג ניט געזעהן; עס איז א וועהטאג, וואָס מען איז אזוי ווייט פון די אייגענע.

און איהר בליק האָט געבלאנזשעט אין דער ווייטקייט ארויס און זיך געטראָגען אין געדאנקען איבער די ווייטע פעלדער אהין ביז צו איהר דארף, וואָס זי האָט פערלאָזען אין דעם ווייטען צפון.

דאָ האָט ער זי פּלוצים אָנגעכאַפּט ביים האלז און זי א קוש געטהאָן. אָבער זי האָט מיט איהר פעסטען פויסט איהם א זעץ געטהאָן גלייך אין פּנים און אזוי שטארק, דאס זיין נאָז האָט גענומען בלוטען. ער איז אויפגעשטאנען און האָט זיך אנגעשפּארט מיט׳ן קאָפּ אָן א שטאם פון א בוים. דאָ האָט זי רחמנות דערפיהלט, איז צוגעגאנגען צו איהם און האָט געפרעגט:

— עס טהוט דיר וועה?

אָבער ער האָט זיך צולאכט:

— ניין, עס איז גארנישט.

זי האָט איהם געטראָפען אין סאמע מיטען. ער האָט ארויסגע־ברומט: „נישקשה׳דיג אריינגעפאהרען!“ און זי אנגעקוקט פער־וואונדערט און דערפיהלט צו איהר א מין דרך ארץ, א גאנץ אנדערס געפיהל, ווי פריהער: דער אנפאנג פוןווירקליכער ליעבע.

ווען דאָס בלוט פון דער נאָז האָט אויפגעהערט צו געהן, האָט ער איהר פארגעלייגט א שפּאציער־גאנג מיט איהם צו מאכען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, ווען זיי פערבלייבען ווייטער אזוי זיצען איינער נעבען אנדערן, זאָל זי איהם נאכאמאָל ניט לאָזען פיהלען איהר הענטעלע. אָבער זי האָט אליין איהם גענומען אונטער׳ן ארעם אויף דעם שטאָדטישען שטייגער און זיך אנגערופען:

— זשאַק, עס איז ניט שעהן פון דיר, וואָס דו דענקסט וועגען מיר אזוי שלעכט.

האָט געוואקסען. דאָ און דארט זיינען געשטאנען אין בעזונדערע קופּקעס ביימער. דאָ און דארט האָבען געארבייט מענשען, וועלכע האָבען פון וויטען אויסגעזעהן ווי קוקלעס, און ווייסע פערד, עהנליך צו שפּיעלצייג־פערדלאך, האָבען געשלעפּט א קינדערשען אקער־אייזען און אהינטער איז נאכגעגאנגען א מענשעל, ווי א פינגער די גרויס.

זי איז אוועק אין שייער, האָט געבראכט פון דארט א בינטעל שטרוי, א ווארף געטהאָן עס אין קאנאווע אריין און זיך געזעצט אויף דעם. אָבער אזוי זיצען איז איהר ניט בעקוועם געווען, האָט זי צונומען דאס בינטעל, צושאָטען די שטרוי און זיך א ווארף געטהאָן אויף דעם. דאן האָט זי פערלייגט די הענד אונטער'ן נאקען און אויסגעצויגען די פיס.

מיט פערגעניגען האָט זי די אויגען צוגעמאכט און זיך איבער־געגעבען צום זיסען שלאָף. זי האָט שוין באלד געהאט איינגעשלאָ־פען. ערשט פלוצים האָט זי דערפיהלט, ווי צוויי הענד האָבען זי אָנגענומען ביי דער ברוסט. מיט איין שפּרונג איז זי שוין גע־שטאַנען אויף די פיס. דאָס איז געווען זשאק, דער קנעכט, א גרוי־סער, שטאַרקער חברה'מאן, וועלכער איז זייט א געוויסער צייט איהר נאָכגעלאפען. אין דעם דאזיגען טאָג האָט ער געארבייט אין'ם שטאל און אז ער האָט דערזעהן, ווי זי האָט זיך אין שאטען אוועק־געלייגט, האָט ער זיך צוגע'גנב'עט צו איהר מיט אן איינגעהאל־טענעם אטהעם, בלישצענדיגע אויגען און מיט שטרוי אין די האָאר.

ער האָט זי געוואלט קושען, אָבער זי, וועלכע איז געווען אזוי שטארק ווי ער, איז איהם אריינגעפאהרען אין באק. דאן האָט ער מיט א פינסטערער מינע זיך ענטשולדיגט פאר איהר. דערנאך האָבען זיי זיך געזעצט איינער נעבען אנדערן און גענומען ריידען אויף דעם פריינדליכסטען אופן. זיי האָבען גערעדט וועגען דעם וועט־טער, וואָס איז זעהר גינסטיג פאר פעלד־ארבייט, וועגען דעם יאהר, וואס האָט זיך אזוי גוט אנגעהויבען, וועגען זייער בעל־הבית, א גאנץ וואוילען מענשען, דערנאך וועגען די שכנים, וועגען דער גאנצער געגענד, וועגען זיך אליין, וועגען זייער דארף, וועגען זייער יוגענד און זייערע עראינערונגען, וועגען זייערע עלטערן, וועלכע

קלייד, מיט בארפוסע פיס, האָט זיך דורכגע'גנב'עט דעם הויף און א שטוים געטהאָן די טיר פון'ם שטאַל, וואו זשאַק איז געשלאָפען אין א גרויסען קאסטען מיט שטרוי איבער זיינע פערד. ער האָט דערהערט, אז זי קומט, האָט ער זיך געמאכט, ווי ער כראָפּעט. אבער זי איז ארויפגעקראָכען צו איהם, האָט זיך ארונטערגעלאזט נעבען איהם אויף די קניע און איהם אזוי לאנג געטרויסעלט און געשאָקעלט, ביז־ער האָט זיך אויפגעזעצט.

ווען ער איז שוין געזעסען, האָט ער זיך אָנגערופען:

— וואָס ווילסטו?

זי האָט איהם געענטפערט מיט צונויפגעשצעמעטע ציינער, ציטערענדיג פאר צאָרן:

— איך וויל, דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבען, ווייל דו האָסט מיר צוגעזאגט.

ער האָט זיך צולאכט און געענטפערט:

— דאָס אַלעס? נו, מיט אלע מיידלאך, מיט וועלכע איך האָב אמאָל געזינדיגט, קען איך דאָך ניט חתונה האָבען.

אָבער זי האָט איהם געכאַפּט ביים גאָרגעל, און א שליידערטהאָנדיג איהם אזוי, דאָס ער זאָל זיך ניט קענען ארויסרייסען פון איהרע הענד, האָט זי איהם געוואָרגען און געשריען גלייך איהם אין פּנים אריין:

— איך בין שוואנגער, דו הערסט, איך בין שוואנגער.

ער האָט געסאָפּעט, האַלב דערשטיקט. און אזוי זיינען זיי פערבליבען ביידע אונבעוועגליך אין דער שווארצער שטילקייט פון דער נאכט, וועלכע איז נור געשטערט געוואָרען פון די פערד, וואָס האָבען געשלעפּט שטרוי פון דעם קאסטען און עס לאנגזאם געקייט.

ווען זשאַק האָט דערפיהלט, אז זי איז שטארקער פון איהם, האָט ער ארויסגעשטאמעלט:

— גוט, איך'ל מיט דיר חתונה האָבען, אויב אזוי.

אָבער זי האָט שוין מעהר ניט געגלויבט זיינע פערשפּרעכונגען און זיך אָנגערופען:

— גלייך זאָלסטו עס ערקלעהרען פאר אַלעמען. נאָך מאָרגען, דו הערסט?

ער האָט זיך פערענטפערט: ניין, ער דענקט גאָר ניט שלעכט וועגען איהר, אָבער ער איז פערליעבט אין איהר, און דאָס אלעס.

— דו ווילסט, הייסט עס, מיט מיר חתונה האָבען?

ער האָט זיך געקווענקעלט און א קוק געטהאָן אויף איהר פון דער זייט, און איהרע אויגען האָבען געבלאַנדזשעט ערגעץ ווייט, ווייט. זי האָט געהאט פולע, רויטע באקען, א ברייטע שטארקע ברוסט, וועלכע האָט ארויסגעשפארט פון אונטער איהר סיטצען יאקעל, דערצו פרישע, קרעפטיגע ליפען. אויף איהר בלויזען האלז זיינען געשטאנען קליינע שוויים־טראָפען. די ליידענשאפט האָט איהם ווידער אנגעכאפט און ער האָט צוגעבויגט זיין מויל צו איהר אויער און ארויסגעפליסטערט:

— יאָ, איך וויל זעהר.

דאן האָט זי מיט די ארעמס זיך איהם אויף׳ן האלז געווארפען און איהם געקושט, געקושט אזוי לאנג, ביז דער אטהעם האָט זיי ביידען אויסגעפעהלט.

פון דער דאזיגער מינוט אָן האָט זיך צווישען זיי אָנגעפאנגען די אלטע געשיכטע. זיי האָבען זיך אנגעהויבען ארומצושלעפען אי־בער די פערבארגענע ווינקעלאך, האָבען זיך געטראָפען ביי לבנה־שיין הינטער קופּעס הייה און זיך אנגעטראָטען פער׳גנב׳עט אויף די פיס אונטער׳ן טיש מיט זייערע שווערע, גראָבע, מיט אייזען־בעשלאָגענע טשאָבאָטעס.

דערנאך האָט זשאק ביסלעכווייז זיך גענומען פיהלען לאנג־ווייליג מיט איהר, האָט זי אויסגעווייכט, ניט גערעדט צו איהר מעהר, ניט געזוכט זי צו טרעפען מעהר אויג אויף אויג. דא האָבען זי אלערליי ספקות בעפאלען און א שווערע טרויעריגקייט. אין א געוויסער צייט ארום האָט זי זיך געכאפט, אז זי איז שוואנגער.

צוערשט איז זי געווען אויסער זיך, דאן האָט זיך א צאָרן אין איהר ערוועקט, א צאָרן, וואס האָט זיך מיט יעדען טאָג אלץ שטאַר־קער און שטארקער צוברענט, ווייל זי האָט זיך מיט זשאק׳ן מעהר ניט געטראפען, אזוי געשיקט האָט ער זי אויסגעווייכט.

צום סוף, איינמאָל ביינאַכט, ווען אלע אויף דער פארם האָבען געשלאָפען, איז זי ארויס אויף די שפּיץ־פינגער אין איין אונטער־

וואָס זי טהוט, מיט איין איינציגען געדאנק אין׳ם מוח: „וואָס וועט זיין, אז מען וועט עס בעמערקען!“

דער דאזיגער געדאנק האָט זי אויף א רגע ניט אפגעלאזט. אזוי, דאָס זי האָט וועגען קיין אנדער זאך גאָר ניט געטראכט, ניט אפילו וועגען דעם, ווי די שאנד צו פערמיידען, די שאנד, וועלכע, ווי זי האָט געפיהלט, דערנעהערט זיך מיט יעדען טאג אלץ נעהענ־טער און נעהענטער, זיכער און אונפערמיידליך, ווי דער טויט.

יעדען אין־דער־פריה איז זי אויפגעשטאנען פריהער פון אלע־כען און האָט מיט בייזער עקשנות בעטראכט איהר פיגור אין א קליינעם שטיקעל גלאז פון א שפיגעל, וואס זי פלעגט פריהער בע־נוצען, בעת׳ן קאמען זיך, און יעדעס מאָל האָט זי געטראכט: „אָט היינט, היינט בעמערקט מען עס!“

דורך׳ן טאָג האָט זי יעדע רגע אונטערבראָכען איהר ארבייט און געקוקט אויף זיך פון אונטען ארויף, אום צו זעהן, אויב דער בויך פעררייסט ניט צו־הויך דעם שירץ.

מאָנאטען זיינען פערלאפען. זי האָט שוין מעהר קיין ווארט ניט אויסגערעדט, און ווען מען האָט זי עפּעס געפרעגט, האָט זי ניט פערשטאנען, זיך געשראָקען, געקוקט אויף מענשען מיט אונזיניגע אויגען און די הענד האָבען ביי איהר דערביי שטענדיג געציטערט. דאָס האָט בעמערקט איהר בעל הבית און ער פלעגט פרעגען:

— וואָס איז מיר דיר, מיידעל? זייט די לעצטע צייט ביזטו עפּעס געוואָרען גאָר א גולם!

אין דער קירכע האָט זי זיך בעהאלטען הינטער א זייל און ניט געוואגט מעהר צוגעהן צו דער בייכטע, ווייל זי האָט מורא געהאט צו טרעפען זיך מיט׳ן פריסטער, וועגען וועלכען זי האָט געגלויבט, אז ער בעזיצט אן איבערמענשליכע קראפט, צו לעזען אין די הער־צער פון אנדערע.

ביים טיש האָבען די בליקען פון אנדערע זי געשראקען און זי האָט זיך איינגערעדט, אז דער פאסטוך, א קליינער, פאר־זיינע־יאָהרען שטארק ענטוויקעלטער איינגעל, וועלכער האָט זי שטענדיג פערפאלגט מיט זיין בלישצענדיגען בליק, בעמערעקט איהר צו־שטאנד.

— נאָך מאָרגען.

— שווער ביי גאָט.

ער האָט זיך א ווײַלע געקווענקעלט, דערנאָך האָט ער זיך ענט־שלאָסען און געזאגט:

— איך שווער ביי גאָט.

דאן האָט זי איהם ארויסגעלאזט פון איהרע הענד און איז ארויס, ניט זאגענדיג מעהר קיין ווארט.

עטליכע טעג האָט זי דערנאָך קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו ריידען מיט איהם און ביינאַכט איז דער שטאָל שוין איצט אויך געווען צוגעשלאָסען. אויפהויבען א גוואַלד האָט זי אויך ניט גע־וואגט, ווייל זי האָט מורא געהאט פאר אן עפענטליכען סקאנדאל.

דאן, איינמאָל אין א דער־פריה, איז געקומען צום פריהשטיק א נייער קנעכט. זי האָט איהם דערזעהן און געפרעגט:

— איז דען זשאק אוועק?

ער האָט געענטפערט:

— נו, אודאי! איך בין דאָך אויף זיין שטעלע אנגעקומען.

זי האָט גענומען ציטערען, געציטערט אזוי שטארק, דאָס זי האָט דעם קעסעל ניט געקענט ארונטערנעהמען. דערנאָך, ווען אלע זיינען ווידער אוועק צו דער ארבייט, איז זי ארויף צו זיך אין צי־מער און האָט געוויינט, געוויינט, דעם פּנים אריינגעגראבען טיעף אין קישען אריין, אום מען זאל איהר געוויין ניט הערען.

איצט האָט זי פון דער זייט זיך גענומען נאכפרעגען אויף איהם, היטענדיג זיך, אז קיין פערדאכט זאל אויף איהר ניט פאלען; אָבער דער געדאנק וועגען איהר אונגליק האָט זי אזוי ווייט בעהערשט, דאָס עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אלע, ביי וועמען זי פרעגט זיך נאָך אויף איהם, לאכען פון איהר. אגב, פון איהר גאנצען אויס־פרעגען און נאכפרעגען זיך האָט זי זיך נור דערוואוסט, אז ער האָט אין גאנצען די געגענד פערלאזען.

2.

איצט האָט זיך אָנגעהויבען פאר איהר א לעבען פול יסורים. זי האָט געארבייט ווי א מאשינע, ניט טראכטענדיג וועגען דעם,

און אויף מאָרגען האָט ראָזא געבוירען א „זיעבענטעל“, א מורא'דיג קליינציקען, א דארינקען סקעלעט, וואס האָט זיך געדרעהט און גע־קרימט און, דאכט זיך, שרעקליך געליטען, אזוי רחמנות'דיג האָט עס צונויפגעדריקט די הענטעלאך, אויסגעטריקענטע, ווי די לאָפּ־קעס ביי א קרעבס.

פונדעסטוועגען איז עס געבליבען לעבען.

ראָזא האָט דערצעהלט, אז זי איז פערהייראטעט, קען אָבער ניט נעהמען דאָס קינד מיט זיך און האָט עס איבערגעלאזט ביי די שכנים, וועלכע האָבען איהר פערשפּראָכען צו זארגען פאר דעם.

זי האָט זיך צוריקגעקעהרט.

אָבער דאָ איז אין איהר טויטען הארצען מיט אמאָל אויפגע־גאנגען, ווי דער מארגען־שטערן, אן אונפערשטענדליכע ליעבע צו דעם דאזיגען קליינציקען, אונגליקליכען נפש'ל, וואס זי האָט איבער־געלאזט דארט, אין דעם ווייטען דארף; און די דאזיגע ליעבע האָט איהר פערשאפט נייע יסורים, יסורים, וואס האָבען זי ניט אפּגעלאזט ניט אויף איין מינוט, ניט אויף איין רגע.

זי האָט דערפיהלט א ברענענדיגע בעדירפניס צו קושען עס, צו דריקען עס אין די ארעמס, די ווארימקייט פון דעם קליינציקען קערפּערל ביי איהר ברוסט צו פיהלען. זי האָט נעכט ניט געשלאָפען, גאנצע טעג וועגען איהר קינד געטראכט, און פארנאכט, ווען זי איז מיט איהר ארבייט פארטיג געווארען, האָט זי זיך געזעצט ביים פייער און געקוקט פאר זיך אין איין פונקט, ווי מענשען, וואס טראכטען וועגען זאכען, וועלכע געפינען זיך העט ווייט, ווייט.

מען האָט געגומען ריידען וועגען איהר, גערעדט אין שפּאס, אז זי האָט ערגעץ א געליעבטען, אויסגעפרעגט זי, אויב ער איז שעהן, שטארק, ווען איז די חתונה און ווען קומט דאָס קינד. און דאן איז זי אנטלאפען פון די דאָזיגע פראגען, אום צו קאנען זיך אויסוויינען, דען די אלע דאָזיגע פראגען האָבען זי געשטאכען ווי מיט שארפע נאָדלען אין פלייש אריין.

אום זיך צו צושטרייען, האָט זי זיך מיט פערצווייפלונג געוואר־פען אויף די ארבייט, און, האָבענדיג תמיד אין די געדאנקען איהר

אין פריהמאָרגען האָט דער בריעף־טרעגער איהר דערלאנגט א בריעף. ביז אהער האָט זי קיינמאָל ניט בעקומען קיין בריעף און זי האָט זיך אזוי פאר דעם דערשראקען, דאָס זי האָט זיך געמוזט זעצען. אפשר איז עס פון איהם? אבער אזוי ווי זי האָט ניט גע־קענט לעזען, איז זי געבליעבען זיצען, ציטערענדיג, מיט דעם גע־שריעבענעם פאפיר אין דער האנד.

זי האָט דעם בריעף בעהאלטען אין קעשענע. דען זי האָט מורא געהאט, טאָמער וועט עמיצער דורך דעם זיך דערוויסען איהר סוד; און אָפט, אין מיטען דער ארבייט, האָט זי געקוקט און געקוקט אויף די גלייכע שורה'לאך פון דעם בריעף, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט אַן אונטערשריפט. זי האָט זיך איינגעבילדעט, אז סוף כל סוף וועט זי אליין אויסגעפינען, פון וועמען איז דער בריעף און וואס אין איהם שטעהט. צולעצט האָט זי ניט אויסגעהאלטען פאר אונגעדולד און אונרוהיגקייט און איז אוועק צום לעהרער פון דער דארפישער שוהלע. ער האָט איהר געהייסען זיך זעצען און איבערגעלעזען:

„מיין טהייערע טאָכטער!

מיט דעם דאזיגען בריעף לאז איך דיר וויסען, אז מיר איז זעהר שלעכט. אונזער שכן דענטיו שרייבט עס דיר אין מיין נאָמען; אויב דו קאנסט, קום צופאהרען.

פאר דיין מאמען, וואס ליעבט דיך,

צעזאר דענטיו, לעהרער־געהילף".

זי האָט קיין ווארט ניט געזאגט און איז אוועק; אָבער באלד נור ווי זי איז געבליבען אליין, האָבען זיך די קניע ביי איהר אונ־טערגעבויגט און זי האָט זיך געזעצט אויף'ן ראנד פון'ם וועג. דארט איז זי פערבליבען ביז נאכט.

ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, האָט זי דערצעהלט וועגען איהר בריעף דעם בעל הבית איהרען, דעם פארמער, און ער האָט זי גלייך אפגעלאזט אויף אזוי לאנג, ווי זי האָט נור אליין גע־וואָלט, דערביי האָט ער איהר פערשפראָכען, ווען זי וועט קומען צוריק, וועט ער זי ווידער אננעהמען.

זי האָט געטראָפען איהר מוטער אויף'ן טויטען־בעט. זי איז גע־שטארבען אין דעם אייגענעם טאָג, ווען די טאכטער איז געקומען.

זי האָט בעשלאָסען צו פאדערען, מען זאָל איהר העכערען. דריי מאָל איז זי געגאנגען וועגען דעם צו איהר בעל הבית און יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען צו איהם, האָט זי גערעדט וועגען עפּעס אנדערש. זי האָט זיך געשעהמט וועגען דעם צו ריידען, אזוי ווי וועגען עפּעס ניט אן עהרליכע זאך. צום סוף, איינמאָל, בעת דער פארמער איז אליין געזעסען אין דער קיך, האָט זי זיך געמאכט הארץ און איהם געזאגט, אז זי וואלט וועלען מיט איהם ריידען אונטער פיער אויגען. ער האָט פערוואונדערט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אנגעשפארט זיך מיטביידע ארעמס אָן טיש, אין איין האנד האלטענדיג דאס מעסער מיט'ן שפּיץ ארויף, אין דער צווייטער א שטיק ברויט, האָט ער געקוקט אויף איהר. זי איז ווידער צומישט געוואָרען אונטער זיין בליק און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זי אפּלאָזען אויף עטליכע טעג אהיים, ווייל זי פיהלט זיך אביסעלע ניט אין גאנצען.

ער האָט עס איהר גלייך ערלויבט און, אליין אויך אביסעלע צומישט, האָט ער צוגעלייגט:

— דו ווייסט, איך דארף מיט דיר אויך וועגען עפּעס ריידען, ווען דו וועסט קומען צוריק.

3.

דאָס קינד איז שוין אלט געוועזן אכט מאָנאטען. זי האָט עס גאָר ניט דערקענט. עס איז געוועזן רונד און דיק, מיט ראזעווע פולע באַקען. און עס האָט אויסגעזעהן ווי א לעבעדיג שטיק שמאלץ. די צושפּרייטע פינגערלאך האָבען זיך ביי דעם בעוועגט, קאנטיג פאר פערגעניגען. ראָזא האָט זיך א ווארף געטהאָן אויף איהר קינד, ווי א חיה אויף איהר רויב, און עס אזוי שטאַרק געקושט און געדריקט, דאָס עס האָט פאר שרעק גענומען שרייען. דאן האָט זי זיך אליין צו־וויינט, למאי דאס קינד האָט זי ניט דערקענט און למאי עס האָט זיך געצויגען מיט די הענטלאך צו דער אַם, באלד ווי עס האָט זי בעמערקט, אזוי ווי עס וואלט זיך ראטעווען געזוכט.

אָבער אויף מאָרגען האָט זיך עס שוין צוגעוואוינט צו איהר און געלאכט צו איהר, ווען עס האָט זי דערזעהן. זי האָט עס גענומען מיט זיך אויף'ן פעלד און איז געלאפען מיט דעם אין די ארעמס, ווי א משוגענע. דערנאך האָט זי זיך געזעצט אין דעם שאטען פון א

קינד, האָט זי זיך געסטאַרעט וואס מעהר געלד פאר איהם אפצו־שפּאַרען.

זי האָט בעשלאָסען צו ארבייטען אזוי, דאָס דער בעל הבית זאָל איהר מוזען העכערען דאָס געהאַלט.

און זי האָט ביסלעכווייז די ארבייט אין גאַנצען אריינגענומען אין איהרע הענד. די צווייטע דיענסט, וועלכע איז איבריג געוואָרען זייט זי, ראָזא, האָט אנגעהויבען צו ארבייטען פאר צוויי, האָט מען אָפּגעשאַפט. זי האָט געשפּאָרט אין ברויט, אין אויל, אין ליכט, אין קערנער, וואס מען האָט פריהער פאר די היהנער געשאָטען פון דער פולער האַנד, אין פּיטטער פאר די פיה אין׳ם שטאַל, וואס מען האָט פריהער צופיעל פערשווענדעט. זי איז געווען קאַרג אויף איהר בעל הבית׳עס געלד, אקוראַט ווי עס וואָלט געווען איהר אייגענס. די פּראָדוקטען פאר דעם הויז האָט זי איינגעקויפט ביליג און די פּראָדוקטען פון דעם הויז האָט זי פערקויפט טהייער. די סוחרים, וואָס האָבען מיט איהר געהאַנדעלט, האָבען זי ניט געקענט נאַרען, ניט אין די פּראָדוקטען און ניט אין די פּרייזען. אלסדינג האָט זי אליין איינגעהאַנדעלט און אלסדינג אליין פערקויפט. זי האָט אכטונג געגעבען אויף די ארבייטער און אליין זייער רעכנונג גע־פיהרט, און אין א גאַנץ קורצער צייט איז זי געוואָרען די גאַנצע בעל־הבית׳טע אויף דער פאַרם. זי האָט אזוי גוט אכטונג געגעבען אויף אלעס, דאָס די פאַרם אונטער איהר פיהרונג האָט זיך מערקווירדיג צובליהט. פאר צוויי מיילען ארום האָט מען איצט גערעדט וועגען וואַלענס דיענסט. און דער פאַרמער האָט אומעדום דערצעהלט: „דאָס מיידעל איז מיט גאָלד צוגלייך“.

אָבער די צייט איז געלאָפען און דעם געהאַלט האָט מען איהר ניט געהעכערט. זי האָט געאַרבייט ווי א פערד, און דער פאַרמער האָט אויף דעם געקוקט ווי אויף א נאַטירליכע זאַך: א גוטע דיענסט איז מחויב אזוי צו ארבייטען. און זי האָט מיט ביטערניש און וועה־טאָג גענומען טראַכטען, אז וועהרענד דער פאַרמער קריעגט איצט אריין, א דאַנק איהר ארבייט, מיט 50 אדער 100 פינף־פראַנקען־דיגע מעהר יעדען חודש, איז זי פערבליעבען ביי די אייגענע 240 פראַנ־קען א יאָהר, ווי פריהער.

— ראָזא, האָסט שוין אמאָל געטראכט וועגן ווערען א בעל־הבית'טע פאר־זיך?

זי איז בלייך געוואָרען. און אז ער האָט דערזעהן, אז זי ענט־פערט ניט, האָט ער גערעדט ווייטער:

— דו ביזט א וואוילע מיידעל, אן עהרליכע, פוילסט זיך ניט צו ארבייטען און פערשטעהסט, ווי צו שפּאָרען. אזא פרוי, ווי דו איז א גליק פאר א מאן.

זי איז נאָך אלץ געזעסען, ווי צוגעשמיעדט צו איהר אָרט און האָט געקוקט פערווירט. זי איז ניט אימשטאַנד געווען, אריינ־צוטראכטען זיך אין זיינע ווערטער, אזוי צומישט איז זי געווען, אקוראט ווי פון א גרויס אונגליק. ער האָט געווארט א רגע און דערנאָך ווידער אנגעהויבען:

— אָט דו ווייסט דאָך אליין, די פארם קען זיך ניט בעגעהן אהן א בעל הבית'טע, אפילו מיט אזא גוטער דיענסטמיידעל, ווי דו ביזט.

דאַן איז ער אנשוויגען געוואָרען, האָט ניט געוואוסט, וואס ווייטער צו זאגען. ראזא האָט געקוקט אויף איהם מיט אויגען, פול שרעק, ווי איינער, וואס דערזעהט פאר זיך א מערדער און איז גרייט צו אנטלויפען ביי דער מינדסטער בעוועגונג פון יענעם.

ער האָט אפגעווארט נאָך א פינף מינוטען און דערנאָך זיך ווי־דער אָנגערופען:

— נו, וואס זאגסטו? געהט עס?

זי האָט געפרעגט מיט א מינע פון א גולם:

— וואָס, בעל הבית?

דאַן האָט ער גענטפערט שארף:

— צו אלדע שווארצע יאהר, האָב מיט מיר חתונה!

זי האָט זיך ראפּטאָם א הייב געטהאָן און איז צוריקגעפאלען, ווי געבראָכען, אויפ'ן שטול. אזוי איז זי געבליבען זיצען, ווי איינער, וועמען עס וואלט א גרויס אונגליק געטראָפען. דער פארמער האָט, צום סוף, פערלארען די געדולד:

— נו, וואס־זשע נאָך וואלסטו וועלען, הא?

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אונזיניגע אויגען; דאַן האָט זי

בוים און צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט זי געעפענט איהר הארץ פאר א צווייטען לעבעדיגען נפש, הגם דאָס קינד האָט זי ניט פערשטאַנען, האָט דערצעהלט וועגען איהרע יסורים, איהר ארבייט, וועגען איהרע זארגען און האָפנונגען.

עס האָט איהר פערשאפט אן אונענדליכע פרייד, דאָס קינד אין איהרע הענד צו פיהלען, צו וואשען עס און אויסצוטהאָן. זי איז געווען זאגאר גליקלאך, צו ראמען פון דעם, אומצובייטען די ווינדע־לאך, וואס עס האָט נאס געמאכט, אקוראט ווי די דאזיגע קליינע אונ־אנגענעהמליכקייטען האָבען בעשטעטיגט איהר מוטערשאפט. זי האָט געקוקט אויף דעם און זיך אלץ געוואונדערט, וואס עס איז מיט איהר, נעבען איהר, אויף איהרע הענד, און דערביי האָט זי גע־רעדט האַלב־שטיל, וויגענדיג עס אויף איהרע ארעמס:

— מיין קליינציק בעבעלע! מיין קליינציק בעבעלע!

ווען זי איז אוועק צוריק צו דער פארם, האָט זי אויף'ן גאנצען וועג געיאמערט, און ווי נור זי איז אהין געקומען, אזוי גיך האָט דער פארמער זי אריינגערופען צו זיך אין צימער. זי איז אריין, פערוואונדערט און שטארק אויפגערעגט, זי האָט אליין ניט גע־וואוסט ווארום.

ער האָט זיך אנגערופען:

— זעץ זיך.

זי האָט זיך געזעצט און עטליכע מינוט זיינען זיי געבליבען איינער נעבען אנדערן, זייט ביי זייט, ביידע פערלעגען, מיט צונויפ־געלייגטע ארמס, און ניט קוקענדיג איינער אויף'ן אנדערן, מעשה פויערים.

דער פארמער, א דיקער פויער פון א יאָהר פינף און פערציג, א גאנץ פרעהליכער מענש, אבער א גרויסער עקשן, איז שוין צום צווייטען מאָל געווען אן אלמן, דערפאר האָט ער זיך געפיהלט אביסעל אין א פערלעגענהייט. צום סוף, האָט ער זיך געמאכט הארץ און אָנגעהויבען צו ריידען מיט כלומרשט א גלייכגילטיגער מינע, האָט אונטערגעשטאַמעלט אביסעלע און געקוקט דורך'ן פענסטער ווייט אויף'ן פעלד ארויס.

שטילקייט פון׳ם הויז האָט דער גרויסער זייגער פון דער קיך די צייט געשלאָגן, האָט זי א קאַלטער שווייס בעגאָסען.

זי האָט דעם קאָפּ פערלאָרען, א קאשמאר האָט זי געשטיקט. דאָס ליכט אויף איהר בעט האָט זיך אויסגעלאָשען. דאן האָט זיך אויף איהר ארויפגעוואָרפען א מורא׳דיגער פּחד, יענער משונה׳דיגער פּחד, וואָס בעפאַלט אמאָל די דאָרפסלייט, בעת זיי ווייזט זיך אויס, אז עפּעס אן אומגליק האָט זיי געטראָפען. עס האָט זי אנגעכאַפּט א משוגענער פערלאַנג, צו אנטלויפען, ווי א שיף פון א שטורם, פון דעם אומגליק צו אנטלויפען.

אן אוילע (סאָווע) האָט ערגעץ ארויסגעלאָזט א קלאָגענדיגען געשריי; זי האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן, איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך א פיהר געטהאָן מיט די הענד איבער׳ן פּנים און האָאר און גע־נומען טאַפּען איהר לייב, ווי א משוגענע. דערנאָך איז זי, ווי א נאַכט־וואַנדלערין, ארויס אויף׳ן הויף. אויף׳ן הויף האָט זי גע־נומען פּויזען, אום קיינער זאָל זי ניט דערזעהן, ווייל די לבנה, וואָס האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, האָט נאָך העל בעלייכ־טעט די פעלדער. אנשטאַט צו עפענען די פאָרטקע, איז זי געקראָ־כען איבער דעם צוים. און דערנאָך, ווען זי איז שוין געשטאַנען אויף׳ן פרייען פעלד, האָט זי זיך געלאָזט לויפען גלייך אין פאָר־אויס. צייטענווייז האָט זי אונבעוואוסטערהייט ארויסגעלאָזט קוויטשענדיגע קולות. איהר לאַנגער שאָטען, וואָס איז געפאַלען נעבען איהר איבער ד׳ערד, האָט זיך געצויגען נאָך איהר. א נאַכט־פויגעל האָט א פּאָאר מאָל געפלאַטערט איבער איהר קאָפּ. די הינט אויף די פאַרמס האָבען געבילט, ווען זיי האָבען געהערט, אז עמי־צער לויפט. איינער פון זיי איז אריבערגעשפּרונגען דעם צוים און האָט זיך א לאָז געטהאָן נאָך איהר מיט אויסגעשטעלטע צייהן. אָבער זי האָט זיך אומגעדרעהט און אזוינע קולות ארויסגעלאָזט, דאָס דער הונד איז אין טויט־שרעק אנטלאָפען און האָט זיך בע־האַלטען אין זיין בודקע.

א פאַמיליע פון האָזען האָט זיך געשפּיעלט אויף׳ן פעלד. אָבער ווען די משוגענע לויפערין האָט זיך בעוויזען, ווי א גערייהרטע דיאַנאַ, זיינען זיך די שרעקענדיגע חיות צולאָפען. די קינדער מיט

זיך פלוצים צו־וויינט און ארויסגערעדט צוויי מאל מיט א פער־שטיקטער שטימע:

— דאָס קען איך ניט! דאָס קען איך ניט!

— ווארום ניט? נו, מאך זיך ניט נאריש. איך גיעב דיר צייט ביז מאָרגען צו איבערלעגען.

און ער איז ארויסגעלאפען צופריעדען, וואס ער האָט אפגע׳פּטר׳ט די דאזיגע שווערע זאך, צו וועלכער ער האָט זיך געקליעבען שוין א היבשע צייט און אלץ קיין מוטה אויף דעם ניט געהאט. ביי איהם איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אז דאָס דיענסטמיידעל וועט זיין פאר־שלאג אננעהמען, וועלכער איז פאר איהר געווען אזא גליק און פאר איהם אויך א גוט געשעפט, מחמת זי וועט איהם זיין אי א ווייב, אי אריינטראגען וועט זי איהם מעהר ווי די רייכסטע כלה אין זיין געגענד.

אגב, וועגען ניט א גלייכען שידוך האָט ביי זיי גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין, ווארום אויף׳ן דארף זיינען כמעט אלע גלייך: דער פארמער ארבייט ווי זיין קנעכט, וועלכער קען מיט דער צייט אליין ווערען א בעל־הבית, און די דיענסט־מיידלאך בעל־הבית׳טעס, און דאָס ענדערט גאָר ניט אויף א האָאר זייער לעבען און געוואהנ־הייטען.

יענע נאכט האָט ראזא ניט געקענט שלאָפען. זי איז געזעסען אויף איהר בעט און איז געווען אזוי ניעדערגעשלאגען, דאס זי האָט אפילו קיין כוח ניט געהאט צו וויינען. זי איז געזעסען און האָט מיט קיין אבר ניט א ריהר געטהאָן. זי האָט ניט געפיהלט מעהר איהר קערפּער. אין איהר מוח איז געווען פוסט, דער פערשטאנד איז דארט ניט געווען, אזוי ווי עמיצער וואלט איהם צוהאקט מיט איינעם פון יענע אינסטרומענטען, וואָס ווערען בענוצט ביים באר־שטען האָאר פון מאטראצען.

נור צייטענווייז איז איהר געלונגען אויף א רגע צונויפצונעה־מען איהרע געדאנקען, און דאן האָט זי אין גאנצען געשווינדערט ביי דעם געדאנק, וואס וועט איצט זיין.

איהר שרעק האט געוואקסען און יעדעס מאָל, ווען אין דער

דערפיהלט צוויי שארפע ביסען אין די קנעכלאך און זי האט א שפרונג געטהאן צוריק מיט א פערצווייפעלטען געשריי: איהרע פיס זיינען פון אויבען ביז אונטען בעדעקט געווען מיט שווארצע בלוט־פיאווקעס, וואס האבען געזויגען איהר לעבען און אויפגעבלאזען זיך אויף איהר לייב, אין וועלכען זיי האבען זיך איינגעגעסען. זי האט מורא געהאט זיי אנצוריהרען און געקוויטשעט פאר שרעק. איהר פערצווייפעלטען געשריי האט דערהערט א פויער, וועלכער האט זיך ניט ווייט געשלעפט מיט זיין וואגען. ער איז געקומען צולויפען און האט ארונטערגעריסען די פיאווקעס איינע נאך דער אנדערער, האט בעדעקט די וואונדען מיט גראז און אוועקגעפיהרט דאס מיידעל אין זיין וואגען צוריק צו איהר בעל הבית.

צוויי וואכען איז זי געלעגען צו בעט. דערנאך, ווען זי איז אויפגעשטאנען און איז געזעסען אין דעם אייגענעם פריהמארגען פאר דער טיר, איז אונערווארטעט דער פארמער פאר איהר ארויס־געוואקסען און ער האט געזאגט:

— הייסט עס, האבען מיר חתונה, הא?

צוערשט האט זי ניט געענטפערט, דערנאך אבער, אזוי ווי ער איז געשטאנען און האט זי דורכגענומען מיט זיין פער'עקשנ'טען בליק, האט זי מיט מיה געענטפערט:

— ניין, בעל הבית, איך קען ניט.

דא איז ער פלוצים בייז געווארען:

— דו קענסט ניט? וואס הייסט, דו קענסט ניט?

זי האט זיך צו־וויינט און ווידער געענטפערט:

— איך קען ניט.

ער האט זי אנגעקוקט פון אויבען ביז אונטען און א געשריי געטהאן:

— מסתמא האסטו א געליעבטען! אזוי, הא?

זי האט א ציטער געטהאן און ארויסגעשטאמעלט צושראקען:

— עס קאן זיין.

דער פארמער איז רויט געווארען, ווי צונטער, און האט אזש פאר כעס גענומען שטאמלען:

— אהא, דו ביזט זיך אליין מודה, צולאזענע מויד! ווער איז

דער מוטער זיינען פערשוואונדען צווישען די צואקערטע בעטען און דער פאטער איז געלאָפען פייל פון'ם בויגען, און מיט זיין האסטיגען שאָטען און אויפגעשטעלטע אויערען האָט ער פער־שטעלט די אונטערגעהענדיגע לבנה, וועלכע האָט איצט געשוועבט גאנץ ניעדריג און בעלייכטעט די פעלדער מיט איהר קרומען שיין, ווי א גרויסע לאנטערנע, וואס וואלט דארט ביים האָריזאנט אויף דר'ערד געשטאנען.

די שטערן האָבען זיך געלאָשען אויף'ן הימעל. א פּאָאר פייגע־לאך האָבען געווישצערט. עס האָט געטאָגט. דאָס מיידעל איז גע־לאָפען אהן אן אטהעם און ווען די זון האָט זיך דורכגעבראכען דורך די פורפורנע מאָרגען־דעמערונג, איז זי שטעהן געבליבען.

די געשוואָלענע פיס האָבען איהר מעהר ניט געדיענט. דאָ האָט זי דערזעהן א גרויסען טייך, וואָס האָט אונטער דעם רויטען ליכט פון דעם יונגען טאג אויסגעזעהן ווי מיט בלוט אָנגעגאסען, און זי איז אוועק אהין מיט הינקענדיגע טריט, אום די פיס דארט צו באָדען.

זי האָט זיך געזעצט אויף דאָס גראז, ארונטערגעשלעפּט די שווערע פערשטויבטע שיך, אויסגעטהאָן די זאקען און אריינגע־שטעקט איהרע פיס מיט די אנגעצויגענע בלויע אדערען אין דאָס וואסער אריין, וואו וואסער־בולבילקעס האָבען צייטענווייז אויפ־געפּלאצט.

אן אנגענעהמע פרישקייט האָט זי בעריהרט און ארומגענומען פון די פיאטעס ביז דער ברוסט ארויף. און פּלוצים, בעת זי האָט געקוקט אין דאס טיעפע וואסער אריין, האָט אין'ם קאָפּ איהר גע־נומען שווינדלען, און עס האָט זי אנגעכאפּט א ברענענדיגער וואונש טיעף אין איהם ארונטערצולאזען זיך, טיעף, טיעף. דארט וואלטען אלע איהרע פייערדיגע יסורים פאר אימער געווען פערלאשען. זי האָט שוין מעהר ניט געטראכט וועגען איהר קינד, זי האָט נור רוה געגארט, פאלקאמענע רוה, אייביגען שלאף. דאן האָט זי זיך אויס־געגלייכט, פערריסען הויך די ארעמס און א פּאָאר טריט געטהאָן אין פאראוים. זי איז שוין געווען ביז די היפטען אין'ם וואסער און האָט זיך שוין געוואלט א ווארף טהאָן. ערשט פּלוצים האָט זי

— ער איז דיר נאכאנאנד נאָכגעלאָפען און האָט דיך כמעט מיט די אויגען אויפגעפרעסען ביים עסען. דו האסט איהם א ווארט געגעבען, הא?

דאָס מאָל האָט זי איהם א קוק געטהאָן גלייך אין פּנים אריין:

— ניין, ניין, קיינמאָל ניט, און איך שווער ביי גאָט, אז ווען ער זאָל היינט קומען און וועלען מיט מיר חתונה האָבען, וואלט איך איהם אפילו אנקוקען ניט געוואלט.

און זי האָט דערביי אויסגעזעהן אזוי אויפריכטיג, דאָס דער פּארמער האָט אליין ניט געוואוסט, וואס צו דענקען. דאן האָט ער אָנגעהויבען אויף דאס ניי, ווי ער וואלט גערעדט צו זיך אליין:

— היינט וואָס דען איז דאָס? געזינדיגט האָט זי ניט, ווארים מען וואָלט דאָך געוואוסט. היינט אויב אזוי, ווארום וויל זי ניט חתונה האָבען מיט איהר בעל הבית? וואלט דען א מיידעל, וואס מיט איהר האָט קיינמאָל גאר נישט געטראפען, וואלט דען אזא מיידעל אפּגעזאגט איהר בעל הבית? עפּעס מוז דא זיין ניט גלאט!

זי האָט מעהר ניט געענטפערט. די מורא האָט זי געשטיקט.

ער האָט געפרעגט נאָך אמאָל:

— דו ווילסט ניט, הא?

און איז אוועק.

זי האָט געמיינט, אז זי איז פון איהם פּטור געוואָרען און איז דעם גאנצען טאָג געווען כמעט רוהיג. אָבער זי איז געווען אזוי מיעד און צובראָכען, אקוראט ווי זי וואלט פון אין־דער־פריה אָן געשלעפּט די דרעש־מאשינע אנשטאט דער אלטער ווייסער שקאפּע.

אין דעם אייגענעם אבענד איז זי אוועק שלאפען פריהער ווי ווען־עס־איז און באלד איינגעשלאָפען.

אין מיטען נאכט האָט זי זיך אויפגעכאפּט. צוויי הענד, וואס האָבען בעטאפּט איהר בעט, האָבען זי אויפגעוועקט. זי האָט זיך א צאפּעל געטהאָן, אבער האָט באלד דערקאנט די שטימע פון דעם פּארמער, וואס האָט גערעדט:

— שרעק זיך ניט, ראזא, דאָס בין איך, איך וויל מיט דיר ריידען.

ער, דער חברה־מאן? א וואגאבונד מסתמא? א בעטלער, א שלע־פער, וואס פגר'ט פאר הונגער? ווער איז ער, זאג!

און אזוי ווי זי האט ניט געענטפערט, האט ער גערעדט ווייטער:

— אהא, דו ווילסט ניט זאגן? וועל איך דיר עס אליין זאגן: דאס איז זשאן באָדיו.

זי האט אויסגעשריען:

— ניין, ניין, ניט ער:

— דאן איז עס פיאָטער מארטען!

— ניין, ניין, בעל הבית.

און ער האט אויסגערעכענט אלע ארבייטער פון דער נעגענד און זי האט אלץ געלייקענט, ווישענדיג די אויגען מיט א ברעג פון איהר בלויען שירץ. אָבער ער האט אלץ געפארשט מיט זיין גראָבער עקשנות, פייניגענדיג איהר הארץ, אום צו דערגעהן איהר סוד, ווי א יאכט־הונד, וואס גראָבט זיך איבער א הייהל, אום די חיה צו פאקען, וועלכע ער האט דארט דערשמעקט. פלוצים האט ער אויס־געשריען:

—אהא, איך ווייס שוין! דאס איז זשאק, מיין פאראיאָהריגער ארבייטער; מען האט טאקע גערעדט, אז צווישען אייך איז עפּעס דאָ, אז איהר קלייבט זיך חתונה צו האָבען.

ראָזא האט זיך אנגעצונדען; דאס בלוט האט איהר א זעץ גע־טהאָן אין פנים, איהרע טרערען זיינען גלייך פערשוואונדען, אויס־געטריקענט געוואָרען, ווי וואסער־טראפּענס אויף אן אנגעברענטען אייזען. זי האט אויסגעשריען:

— ניין, ניט ער, ניט ער!

דער פארמער האט געפיהלט, אז ער האט געטראפען, און ער האט צורייצט אויסגעשריען:

— ער, ער, דערצעהל מיר ניט קיין מעשיות!

זי האט זיך האסטיג א כאפּ געטהאָן:

— איך שווער אייך, איך שווער אייך.

זי האט געזוכט, מיט וואס זיך צו שווערען, דען מיט זאכען, וואס זיינען איהר הייליג געווען, האט זי ניט געוואגט צו שווערען.

קאָפּ הענגען אַלע אונגליקען, ווי מורא׳דיגע פעלזען, גרייט אַרונטערצופאַלען אויף איהר יעדע מינוט. דער געדאַנק וועגען איהר מאַן האָט זי געמאַטערט. עס האָט זיך איהר אַלץ געדאַכט, ווי זי וואָלט איהם בע׳גנב׳עט און אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער עס בעמערקען. און אויסער דעם האָט זי געטראַכט וועגען איהר קינד. וואָס איז געוועזען דער קוואַל פון אַלע איהרע אונגליקען, אָבער אויך איהר איינציגעס גליק אויף דער וועלט.

צוויי מאָל אין יאָהר האָט זי עס בעזוכט און יעדעס מאָל האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אַלץ טרויעריגער.

אָבער מיט דער צייט זיינען די געוויסענביסע אנשווייגען געוואָרען, איהר האַרץ איז געוואָרען רוהיגער און זי איז שוין ניט געוועזען אַזוי פערצווייפעלט. נור מאַנכעסמאָל האָט זי אָנגעכאַפּט אַן אונבעשטימטע מורא.

יאָהרען זיינען פערלאָפען. דאָס קינד איז זעקס יאָהר אַלט געוואָרען. איצט איז זי געוועזען כמעט גליקליך. ערשט מיט אַמאָל האָט זיך איהר מאַן, דער פאַרמער, געענדערט, אין גאַנצען גאָר אַנאַנדערער געוואָרען.

שוין זייט אַ יאָהר צוויי־דריי, ווי עס האָט איהם אָפּט גענומען בעפאַלען אַ מין מרה־שחורה, אַזוי ווי עפּעס אַ פינסטערער געדאַנקען וואָלט איהם פערפאָלגט, אפשר איז עס געוועזען אַ סימן פון נאָהענטער משוגעת. נאָך דעם עסען איז ער לאַנג געבליבען זיצען ביים טיש, מיט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט און האָט אויסגעזעהן טרויעריג, טרויעריג, ווי עפּעס אַ טיעפער צער וואָלט זיין זעעלע געפּייניגט. ער האָט גענומען ריידען צו־האַסטיג און גאַנץ אָפּט גראָב און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס אַ הינטער־געדאַנק געגען זיין ווייב, ווארים ער האָט איהר גענומען ענטפערען צורייצט, מיט כעס.

און איינמאָל, בעת זי איז זיך בעגאַנגען גראָב מיט אַ אינגעל פון אַ שכנה, וועלכער איז געקומען קויפען אייער, איז פּלוצים ערשיענען איהר מאַן און האָט געזאָגט צורייצט:

— ווען דאָס וואָלט געוועזען דיינער, וואָלסטו זיך מיט איהם אַזוי ניט בעגאַנגען, נישקשה!

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט, צומישט און ניט גע־

צוערשט האָט זי זיך פערוואונדערט, דערנאָך, אז ער האָט גע־נומען קריכען אונטער די דעקע, האָט זי פערשטאַנען, וואס ער וויל און גענומען אין גאַנצען ציטערן, דערפיהלענדיג נעבען איהר נאַקע־טען קערפּער אויף׳ן בעט דעם דאָזיגען מאַן, וואָס האָט זי בעגעהרט.

זי האָט זיך ניט אפּגעגעבען, אבער שטארק וועהרען האָט זי זיך אויך ניט געוועהרט, ווארים זי האָט געהאט צו בעקעמפּפען דעם אייגענעם אינסטינקט, וועלכער איז ביי די פשוט׳ע מענשען שטאַרקער ענטוויקעלט. זי האָט געדרעהט דעם קאָפּ דא צו דער וואנד, דא אויף דער זייט, דא אויף דער אנדערער, אום אויסצו־ווייכען די ליפּען פון דעם פארמער; און איהר קערפּער האָט זיך גע־דרעהט און געברענט אונטער דער דעקע און איז צום סוף מיעד גע־וואָרען פון דעם קאמפּף געגען דעם מאן און געגען איהר אייגענעם אינסטינקט. ער איז געוואָרען פרעכער, ווילדער, האָט ארונטערגע־ריסען פון איהר די דעקע. דאן האָט זי קלאָר פערשטאַנען, אז זי קען ניט ווידערשטעהן מעהר, און שעהמענדיג זיך, האָט זי געמאַכט ווי יענער שטרוים־פויגעל: האָט פערדעקט איהר געזיכט מיט די הענד און זיך מעהר ניט געוועהרט.

דער פארמער איז פערבליעבען נעבען איהר די גאַנצע נאכט.

אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען צו איהר און אזוי יעדע נאכט.

זיי האָבען אנגעהויבען צו לעבען צוזאמען.

איינמאָל אין דער־פריה האָט ער זיך צו איהר אנגערופען:

— איך לאָז וויסען אין דער קירכע, אז נעכסטען מאָנאט האָ־בען מיר חתונה.

זי האָט גאָר נישט געענטפערט. וואָס האָט זי געקאנט זאגען? וואָס האָט זי געקאנט טהאָן?

4.

ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט. זי האָט זיך געפיהלט, ווי זי וואָלט אריינגעפאַלען אין אן אָבגרונד, וואָס איז מיט משופּע׳דיגע וואנד ארומגערינגעלט, פון וואנען זי וועט שוין קיינמאָל ניט קענען ארויסקריכען, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז איבער איהר

די אונגליקליכע האָט שיער ניט גע׳חלש׳ט און דער פּריסטער האָט ווייטער גערעדט:

וואָס־זשע ווילט איהר, מיין קינד?

און דערביי האָט ער שנעל גענומען שלינגען פולע לעפעל מיט סופ, בעגיסענדיג זיין פּערפלעקטען פּריסטער־ראָק, וועלכער האָט ארומגעטאנצט אויף זיין בויך.

ראזא האָט ניט געוואגט מעהר צו ריידען, איהם צו פרעגען, איהם צו בעטען. זי איז אויפגעשטאנען און דער פּריסטער האָט געזאָגט:

— נור מוטה.

זי איז אוועק.

זי איז געקומען אהיים און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. דער פארמער האָט אויף איהר געווארט. די ארבייטער זיינען אין הויז ניט געווען. דאן איז זי שווער געפאלען צו זיינע פיס און האָט אויסגעקרעכצט, בעוואשענדיג זיך מיט טרעהרען:

— וואָס האָסטו צו מיר?

ער האָט גענומען שרייען:

— וואָס איך האָב! קיין קינדער האָב איך ניט, אָט וואָס! א פרוי נעהמט מען ניט, אום מען זאָל מיט איהר דערנאָך דעם גאנצען לעבען לאנג בלייבען בלויז ביינאנד. אָט דאָס וואָס איך האָב צו דיר. אז א קוה האָט ניט קיין קעלבער, טויג זי אויף כפּרות און אז א פרוי האָט ניט קיין קינדער, טויג זי אויך אויף כפּרות.

זי האָט געוויינט און געשטאמעלט:

— דאָס איז דאָך ניט מיין שולד! דאָס איז דאָך ניט מיין שולד!

דאן איז ער ווייכער געוואָרען און האָט צוגעלייגט:

— איך זאָג דען, אז דאָס איז דיין שולד? אָבער א מאָדנע זאך איז עס פאָרט.

.5

פון דעם דאָזיגען טאָג אָן האָט זי געהאט נור איין געדאנק אין דעם מוח: צו האָבען א קינד, נאָך איין קינד; און זי האָט דער־צעהלט וועגען דעם דער גאנצער וועלט.

וואוסט וואָס צו ענטפערען. דאַן איז זי אריין אין הויז און אויף׳ן הארצען איז איהר געוואָרען אזוי שווער, אזוי שווער.

דערנאָך ביים עסען האָט דער פארמער ניט גערעדט מיט איהר, ניט אומגעקוקט זיך אפילו אין איהר זייט; עס האָט זיך געדאכט, אז ער האסט און פעראכטעט זי, ווייל ער האָט עפּעס דערוואוסט.

דאַן האָט זי פערלאָרען דעם קאָפּ און איז באלד נאָך דעם עסען אוועקגעלאָפען אין קירכע אריין.

די נאכט איז צוגעפאלען. די קליינע קירכע איז אין גאנצען געווען פינסטער, אָבער אינווענינג האָבען זיך טריט געהערט אין דער שטילקייט. עס איז געווען דער סאקריסטאן (פּאָנאָמאר), וועלכער האָט דארט אנגעפילט דעם אייביגען לעמפעל פיר די נאכט. אין דער דונקעלהייט האָט דאס רויטע ליכט געציטערט און ראזא׳ן האָט זיך אויסגעדאכט אז עס ווינקט צו איהר די לעצטע האָפנונג. זי האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם און איז געפאלען אויף די קניע.

די קייטעל פון דעם אייביגען לאָמפּ האָט געקלונגען און דער קליינער רויטער פלאַם האָט זיך געצויגען אין דער־הויך, דאַן האָט זיך דערהערט א רעגעלמעסיגע קלאַפּערייַ פון פאנטאפעל איבער דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, דערנאָך א שארשקעריי פון א שטריק, וואָס מען ציהט, און דער קליינער גלאָק האָט גענומען שאלען צום אבענד־געבעט דורך דער שטענדיג־וואקסענדיגער פינסטערניש.

ווען דער סאקריסטאן איז ארויסגעגאנגען, איז זי איהם נאָכ־געלאָפען און האָט געפרעגט:

— איז דער פּריסטער אין דער־היים?

— איך גלויב אזוי. ער עסט תמיד אין דיעזער צייט.

זי איז אוועק הינטער׳ן גארטען און האָט מיט ציטערענדיגע הענד געעפענט די טהיר פון דעם פּריסטער׳ס הויז.

ער איז געזעסען ביים טיש און האָט זי גלייך איינגעלאדען צו זיצען.

— יאָ, יאָ, איך ווייס שוין וועגען וואָס איהר זייט געקומען, אייער מאַן האָט מיר שוין געזאָגט.

רעדט; דאָס שטענדיגע יאָדעניייש און גריזשעניס האָט איהם קראַנק געמאַכט.

און צווישען זיי האָט זיך אָנגעהויבען א קריגעריי. ער האָט זי געזידעלט און געשלאָגען. ביי טאָג האָט ער געבורטשעט און ביינאַכט אויפ'ן בעט האָט איהם דער האַס געשטיקט און ער האָט געשליידערט איהר אין פּנים בעליידיגענדיגע, שענדליכע ווערטער.

איינמאָל א ביינאַכט, ווען ער האָט שוין מעהר גאָר נישט געקענט אויסטראַכטען, מיט וואָס איהר וועה צו טהאָן, האָט ער איהר געהייסען אויפשטעהן און וואַרטען הינטער דער טיר ביז טאָג אונטער א גוס רעגען. און ווען זי האָט איהם ניט געפאָלגט, האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביים האַלז און גענומען שלאָגען מיט'ן פויסט אין פּנים. זי האָט געשוויגען און זיך ניט א ריהר געטהאָן. אויסער זיך איז ער דאַן ארויפגעשפּרונגען מיט די פיס איהר אויפ'ן בויך און זי געשלאָגען ווילד, ווי א צורייצטער משוגענער, מיט אויסגעשצירעטע ציינער. אין דער דאָזיגער רגע האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן, צו פערטהיידיגען זיך. מיט איין שטויס האָט זי איהם א שליידער געטהאָן צו דער וואַנד, איז אויפגעשפּרונגען און האָט ניט מיט איהר קול אויסגעשריען:

— איך האָב א קינד, איך האָב א קינד! פון זשאַק'ן! דו קאָנסט זשאַק'ן. ער האָט געזאָלט חתונה האָבען מיט מיר, איז אָבער אַנטלאָפען.

דער מאַן איז מטושטש, צוטומעלט געוואָרען, פּונקט ווי זי אַליין. ער האָט געשטאַמעלט:

— וואָס רעדסטו דאָרט? וואָס רעדסטו?

דאַן האָט זי זיך צוואָמערט און אונטער שטראָמען טרעהרען געשטאַמעלט:

— דערפאַר האָב איך מיט דיר ניט געוואָלט חתונה האָבען, דערפאַר. איך האָב עס דיר ניט געקענט זאָגען, ווייל איך האָב מורא געהאַט, איך און מיין קינד זאָלען אָהן ברויט ניט בלייבען. דו האָסט ניט קיין קינד און דו פערשטעהסט עס ניט, דו קענסט עס ניט פערשטעהן!

ער האָט געשטאַמעלט אַלץ מעהר און מעהר פערוואונדערט:

א שכנה האָט איהר געגעבען אַ מיטעל דערצו: זי זאָל איהר מאַן יעדען אויף־דער־נאַכט געבען צו טרינקען אַ גלאָז וואסער, אין וועלכען זי זאָל אריינטהאָן אַ ביסעלע אַש. דער פארמער איז איינגע־גאַנגען אויף דערויף, אָבער דאָס מיטעל האָט ניט געהאָלפען.

זיי האָבען צווישען זיך איבערגערעדט: אפשר זיינען פאַרט פאַראַן אזוינע געהיימע מיטלען. און זיי האָבען גענומען זיך נאָכ־פרעגען. מען האָט זיי אָנגעוויזען אויף א פּאַסטוך, וואָס האָט גע־וואָהנט א צעהן מייל פון זיי, צו יענעם זאָלען זיי פאָהרען. און אין איין שעהנעם טאָג האָט דער פארמער איינגעשפּאַנט זיין וואָגען און איז אוועקגעפאָהרען צו יענעם. דער פּאַסטוך האָט איהם געגעבען ברויט, מאַכענדיג אויף איהם עפּעס צייכענס. דאָס ברויט איז אויס־געקנאָטען געוועזען מיט קרייטיכער און זייביידע האָבען איהם גע־דאַרפט עסען צו שטיקלאַך אויף דער־נאַכט פאַר און נאָך די לאַסקעס.

דאָס גאַנצע ברויט איז אויפגעגעסען געוואָרען און — גאָר נישט.

עפּעס א לעהרער האָט זיי דערצעהלט וועגען א פּאָאר גע־היימע ליעבעס־מיטלען, וועלכע זיינען אויף'ן דאָרף גאַנץ אונבע־קאַנט און וואָס העלפען אונבעדינגט. דעם לעהרער'ס מיטלען האָ־בען אויך ניט געהאָלפען.

דער פּריסטער האָט געראַטהען, צו עולה לרגל זיין מיט די פרו־מע פּיליגרימען אין א קלויסטער, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַל־טען די הייליגקייטען פון פענקאַן, און דאָרט בעטען. ראזא האָט זיך דאַן אָנגעשלאָסען אָן דער מענגע פון די פרומע פויערים און פויער־טעס, וואָס זיינען געגאַנגען אהין. קומענדיג אין קלויסטער, האָט זי זיך געוואָרפען אויף די קניע און, אויסריידענדיג איהר הארץ צו־זאַמען מיט די אַנדערע פויערים, האָט זי געבעטען דעם, צו וועמען אַלע האָבען געבעטען, נאָך אַמאָל איהר לייב צו בענשען. אומזיסט. דאַן האָט זי זיך איינגערעדט, אז דאָס שטראָפט זי אזוי גאָט פאַר איהר ערשטעס קינד, און זי איז געוואָרען שרעקליך פערצווייפעלט.

זי איז אויסגעגאַנגען פאַר צער, און דער מאַן איז גרוי און אַלט געוואָרען, האָט זיך אַליין „דאָס בלוט פערצאָפּט“, ווי מען האָט גע־

איינס, אַט האָבען מיר איינס. איך האָב שוין געהאַט געבעטען ביים פריסטער א יתום׳ל.

זיין ווייב האָט נאָך אַלץ געוויינט.

ער האָט זי א קוש געטהאָן אויף איין באַק, אויף דער אנדערער און אויסגעשריען אַזוי, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען טויב:

— נו, אַלטע, געה טהו אַקאָרשט א קוק, אויב עס איז נאָך דאָ אַביסעל סופּ, איך וואָלט נאָך א טעלער׳ל געגעסען.

זי האָט אָנגעטהאָן איהר אונטערקלייד; זיי זיינגען ארונטער אונטען. און ביז וואַנען זי האָט דאָרט, שטעהענדיג אויף די קניע, אונטער׳ן קעסעל אונטערגעלייגט פייער, איז ער ארומגעלאָפען איבער דער קיך הין און צוריק, האָט אין גאַנצען געשיינט פאַר שמחה און גערעדט:

— אוי, ווי דאָס פרעהט מיך, דו ווייסט גאָר אַליין ניט ווי. אוי, אוי, אוי גוט!

— דו האָסט אַ קינד? דו האָסט אַ קינד?

און זי האָט איהם געענטפערט מיט אַ יאָמער:

— דו האָסט מיך מיט געוואַלד געצוואונגען חתונה האָבען מיט דיר, דו ווייסט, אַז איך האָב ניט געוואָלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגעצונדען אַ ליכט און גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק מיט די הענד פערלייגט אויפ'ן רוקען. זי האָט נאָך אַלץ געוויינט, איינגעגראָבען זיך אין איהר בעט.

פּלוצים איז ער שטעהן געבליבען פאר איהר:

— בין איך, הייסט עס, אין דעם שולדיג, וואָס דו האָסט ניט קיין קינד?

זי האָט ניט געענטפערט. ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו שפּרייזען, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווי אַלט איז דיין אינגעלע?

זי האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— זיבעטער יאָהר.

ער האָט ווייטער געפרעגט:

— ווארום האָסטו עס מיר ניט געזאָגט?

זי האָט ארויסגעקרעכצט:

— האָב איך דען געקענט, געטאָרט?

ער איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט.

— נו, שטעה אויף!

זי האָט זיך קוים אויפגעהויבען. ווען זי איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, צוגעשפּארט צו דער וואנד, האָט ער זיך פּלוצים צולאַכט הויך אויפ'ן קול מיט אַ גליקליכען געלעכטער, גאָר ווי אַמאָל. און ווען זי האָט איהם אָנגעקוקט צושראָקען, האָט ער צוגעלייגט:

— נו, מיר וועלען נעהמען דיין אינגעלע, ווען ביי אונז אַליין קומט גאָר ניט ארויס.

זי איז אַזוי אונרוהיג געוואָרען, דאָס ווען זי וואָלט קרעפטען געהאַט, וואָלט זי זיכער אנטלאָפען. אָבער דער פארמער האָט זיך געריבען די הענד און געמורמעלט:

— געוואָלט צונעהמען אַ קינד האָדעווען און אָט האָבען מיר

הכלל, פאַריגען דיענסטאָג האָט אזא מעשה געטראָפען.

מיין פריינד, זשאַן ד'אנגלעמאַר, איז, ווי איהר ווייסט, א קאַפּיטאַן ביי די דראַגונער.

קומט ער אנומעלט אין קאַזאַרמע אריין און דערוויסט זיך, אז צוויי סאָלדאַטען פון זיין סקאַדראָן האָבען געהאַט צווישען זיך א שטאַרקען געשלעג.

די מיליטערישע עהרע האָט געפאָדערט, זיי זאָלען זיך דועלירען. נאָך'ן דועל האָבען די סאָלדאַטען זיך איבערגעבעטען און ווידער גוטע פריינד געוואָרען.

דערנאָך פרעגט זיי דער קאַפּיטאַן, ווארום זיי האָבען זיך צוקריעגט. דערצעהלען זיי איהם, אז איבער מאַדאַם באַנדערו.

— וואָס רעדט איהר ?...

— וואָס איהר הערט, מיין פריינד — יאָ, איבער מאַדאַם באַנדערו !

אָט וואָס דער דראַגונער סיבאָל האָט דערצעהלט : איך גיעב איבער זיינע אייגענע ווערטער :

— אזוי איז עס געווען, הערר קאַפּיטאַן: מיט א יאָהר אנדערטהאַלבען צוריק, שפּאַציער איך אַמאָל אויף דער גאַס אזוי צווישען זעקס און זיעבען פאַרנאַכט, קומט צו צו מיר פּלוצים עפּעס א פרוי און מאַכט צו מיר גאַנץ פשוט :

— דראַגונער, ווילט איהר פערדיענען צעהן פראַנק א וואָך ? אָבער עהרליך, אַנשטענדיג.

— פאַרוואָס ניט ? — רוף איך זיך אָן.

— דאַן קומט מאָרגען בייטאָג צו מיר. איך בין מאַדאַם באַנדערו. מיין אַדרעס איז : גאַס טראַנשע, הויז נומער 6.

— איך וועל זיכער קומען, מאַדאַם, זייט רוהיג.

איז זי געווען צופריעדען, האָט געזאָגט : „איך דאַנק אייך, הערר דראַגונער" — און איז זיך אַוועק.

— דאַנקען דאַרף איך אייך, מאַדאַם — רוף איך זיך אָן.

קורץ, איך האָב קוים דערלעבט ביז מאָרגען.

אויף מאָרגען האַלבען טאָג קלינג איך אָן ביי איהר.

דער שטעל־פערטרעטער.

— מאדאם באנדרערו?

— יאָ, די אייגענע.

— ניט מעגליך!

— איך פערזיכער אייך.

— מאדאם באנדרערו, די אַלטע דאַמע מיט דעם שפּיצען־היי־בעלע, אַט די פרומע, אַט די כשר'ע צנועה, אַט די אייגענע בכבוד'ע מאדאם באנדרערו מיט די פאַלשע קרייזלאַך, וואָס קוקען אויס ווי צו־געקלעפּט צו איהר שאַרבען?

— אַט די טאַקע, די....

— אוי, געהט, איהר זייט משוגע!

— איך שווער אייך.

— אָהן שפּאַס? אויב אַזוי, מוזט איהר עס מיר דערצעהלען!

— מיט פערגעניגען. הקיצור אַזוי: כל זמן איהר מאַן האָט געלעבט, דער אַלטער נאָטאַריוס, הערר באַנדרו, האָט זי זיך בענוצט מיט זיינע שרייבערס פאַר איהרע „פּריוואַט צוועקען". זי איז איינע פון יענע בכבוד'ע פרויען פון מיטעל־קלאַס, וואָס אין דער שטיל זינדיגען זיי אויף וואָס די וועלט שטעהט, און פאַר דער וועלט זייגען זיי ריינע צנועות. אַזוינע זיינען פאַרהאַן איבערגענוג. זי האָט גע־האַט אַ שוואַכקייט פאַר שעהנע יונגע לייט. דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך. האָבען מיר דען ניט ליעב שעהנע מיידלאַך?

ווען באַנדרערו איז געשטאָרבען, האָט ער איהר איבערגעלאָזט אַ היבשען פערמעגען און זי האָט זיך געלעבט שעהן און רוהיג. זי איז פלייסיג געגאַנגען אין קירכע, האָט נישקשה'דיג בערעדט איהרע ליעבע שכנים און בשום אופן ניט געוואָלט ליידען, מען זאָל זי בע־ריידען.

דערנאָך איז זי געוואָרען עלטער. געוואָרען יענע מיאוס'ע, בייזע, פערביסענע פרוי, וועלכע איהר קאָנט.

אויף אביסעל שטיצען, קלעהר איך ביי זיך: „פאר דעם פּאָטער וועל איך פערדיענען פינף פראנק“.

געוואָרען פארטיג, וויל איך אוועקגעהן, הערר קאפּיטאָן, האלט זי מיך אָפּ, וויל, איך זאָל נאָך א ווײַלע בלייבען מיט איהר. רוף איך זיך אָן: „מאדאם, יעדע זאַך האָט זיך איהר פּרייז. איין גלעזעלע שנאַפּס קאָסט צוויי פינפער און צוויי גלעזעלאַך קאָסטען פיער פינ־פער“.

איז זי גאָר ניט קיין נאַר, פערשטעהט, וואָס איך מיין, און רוקט מיר אריין א גאָלדענע מטבעה אין האנד אריין. פאר אונזערן א מענשען טויג ניט אזא מטבעה. מען לעגט זי אריין אין קעשענע און ווען דאָרט איז א לאָך, רוקט זי זיך ארונטער אין כאָליעווע אריין, אָדער, אז עס איז בעשערט, פערלירט מען זי גאָר אין גאנצען.

קוק איך מיר אזוי אויף דער גאָלדענער מטבעה און טראכט מיר דאָס. זעהט זי עס און מיינט, אז די מטבעה איז מיר ווענינ, ווערט זי רויט און פרעגט מיך:

— דו ווילסט מעהר?

זאָג איך:

— דאָס דוקא ניט, מאדאם. אָבער ווען איהר קענט מיר געבען אנשטאט דעם דאָזיגען צעהן־פראנק־שטיק צוויי איינציגע מטבעות צו פינף פראנק, וואָלט געווען בעסער.

גיט זי מיר און איך געה אוועק.

און אזוי ציהט זיך עס זייט אנדערטהאלבען יאָהר, הערר קאפּי־טאָן. יעדען דיענסטאג ביינאכט געה איך אהין, ווען נור איהר לאָזט מיך אָפּ. ביינאַכט איז זי זיכערער, ווייל דאן שלאָפט איהר מיידעל.

קורץ, הערר קאפּיטאָן, לעצטע וואָך ווער איך מיט אמאָל קראנק און דאַרף געהן אין שפּיטאל אריין. קומט אָן דער דיענסטאג, שלעכט! איך קען ניט געהן אהין. צעהן פראנק מיינע זיינען פער־לאָרען!

טראכט איך ביי זיך: „ווען קיינער געהט ניט צו איהר, בין איך פערלאָרען מיט די ביינער. זי וועט זיך דאן געוויס נעהמען איינעם פון ארטילעריע!“

טהו איך דאן א רוף צו זיך פּאמעליא׳ן, מיינעם א לאנדסמאן,

זי עפענט מיר אַליין די טיר. אויף'ן קאָפּ ביי איהר איז אַ גאַנ־צער באַרג מיט קליינציקע סטענגעס.

— גיכער — מאַכט זי — מיין מיידעל קומט באַלד צוריק.

— איך בין בערייט — זאָג איך — וואָס ווילט איהר זאָל איך טהאָן?

צולאַכט זי זיך אויף'ן קול און זאָגט:

— פערשטעהסט גאָר ניט, דו גנב דו?

הערר קאַפּיטאַן, איך שווער אייך, אַז איך האָב ניט פערשטאַ־נען, וואָס זי וויל פון מיר!

קורץ זי זעצט זיך אַוועק נעבען מיר און מאַכט:

— אויב דו וועסט עמיצען איין וואָרט דערצעהלען וועגען דעם, שווער איך דיר, אַז דו וועסט ביי מיר זיצען אין געפענגנים. שווער זיך, אַז דו וועסט זיין שטום, ווי אַ פיש.

האָב איך געשוואָרען, אָבער פערשטאַנען האָב איך נאָך אַלץ ניט....

מיר ווערט הייס, נעהם איך אַרונטער דעם הוט, און וועלכען עס איז געלעגען מיינס אַ טיכעל. זי נעהמט דאָס טיכעל און ווישט מיר אָפּ דעם שוויים פון די שלייפען. דערנאָך — נעהמט זי מיך אַרום, אַט אַזוי פּלוצים, ווי איהר זעהט מיך לעבען, קושט מיך און שושקעט מיר אין אויער אַריין.

— דו ווילסט, האַ?

איך ענטפער:

איך וועל אַלסדינג טהאָן, וואָס איהר וועט מיר הייסען מאַדאַם, איך בין דאָך אויף דערוויף געקומען.

מאַכט זי מיר קלאָר, וואָס זי וויל. און אַז איך וויים, וואָס זי וויל, וועל איך, הערר קאַפּיטאַן, מסתמא די דראַגונער ניט פערשטעה־מען. אַנטלויפען וועל איך זיכער ניט.

איך קאָן ניט זאָגען, אַז איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט, ווייל די דאַמע איז געוועזען אַביסעלע צו אַלט פאַר אַ דראַגונער.

אָבער שטאַרק אויסקלייבען טאָר מען ניט, אַזוינע זאַכען טרעפען ניט יעדען טאָג. און חוץ דעם מוז מען דאָך די אָרימע פאַמיליע

— דער עיקר, גיט מיך ניט ארויס; זאָל עס בלייבען צווישען אונז. פערשפּרעכט איהר עס מיר? — האָט דער קאַפּיטאַן מיר גע־זאָגט.

— וועגען דעם קאָנט איהר זיין רוהיג — האָב איך איהם פער־זיכערט — אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אזוי האָט זיך עס געענדיגט?

— ווי אזוי? טרעפט... די אַלטע באַנדערו בעשעפטיגט זיי ביידען.... יעדער פון זיי האָט זיך זיין טאָג. איצט זיינען אַלע דריי צופריעדען.

— אָה, ווי גוט זי איז די אַלטע, ווי גוט!

— און די אַלטע עלטערען האָבען וואָס צו עסען. די טוגענד ויעגט!....

און דערצעהל איהם אַלסדינג, און זאָג איהם: פינף פראנק פאר דיר און פינף פראַנק פאר מיר, געהט עס, האַ ?...

איז ער צופריעדען און געהט אוועק אהין. איך האָב איהם אַלס־דינג קלאָהר ערקלעהרט. ער קלאַפּט אָן, זי עפענט, פיהרט איהם אריין אין צימער, און בעמערקט ניט, אז דאָס איז ניט דער אייגענער.

איהר ווייסט דאָך, הערר קאַפּיטאַן, אז אַ דראַגונער איז אַ דראַ־גונער, אויף׳ן ערשטען בליק איז שווער צו אונטערשיידען צווישען איינעם און דעם אַנדערן.

אָבער פּלוצים כאַפּט זי זיך, אז דאָס איז ניט דער אייגענער, און פרעגט איהם מיט כעס:

— ווער זייט איהר ? וואָס דאַרפט איהר ? איך קען אייך ניט.

דערצעהלט איהר פאַמעליא די גאַנצע געשיכטע, זאָגט, אַז איך בין קראַנק און אַז איך האָב איהם געשיקט אַלס מיין שטעל־פּער־טרעטער.

קוקט זי איהם אָן, הייסט זיך איהם שווערען און נעהמט איהם אָן, ווייל פאַמעליע איז אויך ניט קיין קראַנקער קערל.

אָבער, אַז דער הונד איז געקומען צוריק, האָט ער מיר מיינע פינף פראַנק ניט געוואָלט אָפּגעבען. ווען דאָס געלד וואָלט געווען מיינס, וואָלט מיך ניט געאַרט, הערר קאַפּיטאַן, אָבער עס איז דאָך מיין פאָטערס !... אַזוינע געלד מוז זיין הייליג...

זאָג איך איהם, דעם הונד:

— דאָס איז ניט עהרליך פאר אַ דראַגונער, ניט שעהן, ניט אַנ־שטענדיג, דו בעליידיגסט דערמיט די עהרע פון אונזער יוניפאָרם !

וואַרפט ער זיך אַרויף אויף מיר מיט די פויסטען און שרייט, אז אַזאַ ארבייט איז ווערט צוויי מאָל אַזוי פיעל.

יעדערער, הערר קאַפּיטאַן, האָט זיך זיין פערשטאַנד, ניט אמת? האָט ער עס ניט געזאָלט אָננעהמען ! איך האָב איהם די נאָז צובלו־טיגט... און וואָס ווייטער איז געווען ווייסט איהר...

דער קאַפּיטאַן ד׳אַנגלעמאר האָט זיך געקאַטשעט פאר געלעכ־טער, ווען ער האָט מיר דערצעהלט די דאָזיגע געשיכטע ; ער האָט אָבער ביי מיר אַ וואָרט גענומען, צו האַלטען עס בסוד, ווי ער האָט עס פערשפּראָכען זיינע סאָלדאַטען.

זיין טאָכטער צו פערוואַלטען אַן עפּענטליכע הויז, ווי ער וואָלט זי געשיקט צו פערוואַלטען אַ פּענסיאָן פאר אריסטאָקראַטישע טעכ־טער.

אגב, האָט די מאַדאַם גע׳ירשה׳נט דאָס דאָזיגע הייזעל פון איהרען אַן אַלטען אָנקעל. זי און איהר מאַן האָבען פריהער געהאַל־טען אַ גאַסט־הויז נעבען איוועטאָ, אָבער אַז דער אנקעל איז געשטאָר־בען און זיי איבערגעלאָזט דאָס הייזעל, האָבען זיי גלייך אויפגעגע־בען דאָס גאַסט־הויז, רעכענענדיג, אַז דעם אָנקעל׳ס געשעפט וועט מעהר אריינטראָגען.

אויף אַזאַ׳ן אופן זיינען זיי אין איין שעהנעם פריהמאָרגען גע־קומען צופאָהרען אין פעקאַן און איבערגענומען דעם אָנקעלס גע־שעפט, וואָס האָט שוין געהאַט גענומען ליידען דערפון, וואָס עס האָט קיין בעל־הבית ניט געהאַט.

זיי זיינען געווען גאַר וואוילע מענשען און גלייך האָבען זיי זיך בעליעבט געמאַכט, ווי ביי די איינוואָהנער פון׳ם הייזעל, אַזוי ביי די ארומיגע שכנים.

אין צוויי יאָהר ארום איז דער מאַן געשטאָרבען פון אַ האַרץ־שלאַג. אַזוי ווי זיין ניי־געשעפט האָט איהם די מעגליכקייט געגעבען צו פרעסען און זויפען, און פוילענצען, איז ער זעהר דיק געוואָרען. זיין געזונדקייט, קאָן מען זאגען, האָט איהם דערשטיקט.

ווען די מאַדאַם איז געוואָרען אַן אלמנה, האָבען די געסט זי אַנגעהויבען צו זוכען, אָבער אומזיסט. זי איז געבליבען עהרליך. אפילו איהרע מיידלאך האָבען ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען וועגען איהר.

זי איז געווען הויך, דיק, מיט רונדע פארמען. איהר פּנים, וואָס איז בלייך געווען פון שטענדיגען זיצען אין דעם דונקעלען הויז, האָט געגלאַנצט, אַזוי ווי ער וואָלט בעשמירט געווען מיט לאַק. ארום איהר שטערן האָבען זיך געקרויזט אַ גאַנצע מאַסע פאַלשע, ארויפגעלעגטע לאָקען; דאָס האָט זי געמאַכט אויסזעהן גאַר יונג; אָבער דער יונגער פּנים האָט ניט געפּאַסט צו איהר די־קער פיגור.

זי איז שטענדיג געווען פרעהלאך, האָט ליעב געהאַט אַ שפּאַס

דאָס הייזעל.*)

ערען אבענד ארום עלף אוהר איז מען אהין געגאנגען, אזוי ווי אין אן אנשטענדיג קאפע־הויז.

שטענדיג האָט מען דאָרט געטראָפען די אייגענע זעקס־אכט העררן, ניט קיין אונאנשטענדיגע חלילה, נור גאַנץ בכבוד׳יגע סוחרים און יונגע לייט פון שטאָדט. זיי האָבען געטרונקען זייער שארטרעז, זיך אביסעל אונטערגעשפיעלט מיט די מיידלאך, אָדער האָבען געפיהרט אן ערנסטען געשפרעך מיט דער מאדאם, וועלכע זיי אַלע האָבען געאַכטעט.

דערנאָך ארום האלבער נאכט זיינען זיי זיך צוגאנגען, יעדער צו זיך אהיים. די יונגע לייט זיינען אמאָל דאָרט פערבליבען לענגער.

דאָס הויז איז געווען זעהר אן אגענעהמע, א שטילע און א פריינדליכע, גאָר ווי א שעהן־בעל־הבית׳ישע הויז, א גאנץ קליינע, געל אויסגעפאַרבטע הויז, און איז געשטאַנען אויפ׳ן עק גאס הינטער דער קירכע פון דעם הייליגען סטעפאַן. אין די פענסטער האָט זיך געזעהן דער האפען, וואו מען האָט אויסגעלאָדען שיפען, און דער גרויסער געזאַלצענער טייך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָרזיכטיג־קייט“, און ווייטער אהינטער דער בארג פון דער הייליגער יונגפרוי מיט׳ן אַלטען גרויען קלויסטער.

די מאדאם האָט געשטאַמט פון אן אנשטענדיגע פויערן־פאמי־ליע פון דעם דעפארטמענט ער. זי האָט בעטראכט איהר געשעפט ניט ערגער ווי די אנדערע אנשטענדיגע געשעפטען. דער פלעק פון גרויסער שאנד, וואָס ליעגט אויף פּראָסטיטוציאָן אין די שטעדט, עקזיסטירט ניט אין די דערפער פון נארמאנדיען. דער פויער זאגט: „דאָס איז א שעהן געשעפט, מען פערדיענט גאָלד דערביי“ און שיקט

---

*) די דאָזיגע ערצעהלונג האָט מאפאסאן געווידמעט זיין פריינד, דעם גרויסען רוסישען שריפטשטעלער א. טורגענעוו. ל. ק.

דער זאאַל פון יופּיטער, וואו עס פּלעגען זיך פערזאַמלען די אָרטיגע שעהנע בעלי הבתים, איז געווען אויסגעקלעפּט מיט בלויע טאַפּעטען און בעציערט מיט אַ גרויסען בילד, וואָס האָט פאָרגע־שטעלט „לעדאַ׳ן אויסגעצויגען אונטערן שוואַן“. מען האָט געקאָנט אַריינקומען אַהין דורך אַ זייטיגער גאַס־טיר׳ל, וואָס מען האָט קוים געקאָנט בעמערקען, און וועלכע האָט געפיהרט איבער גערדרעהטע טרעפּ אין זאאַל אַריין. איבער דער דאָזיגער טיר׳ל האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט אַ קליינע לאַנטערנע הינטער אַן אייזערנעם שטאַ־כעט, אַזוי ווי עס ברענט אין מאַנכע הייזער אונטער דעם בילד פון דער הייליגער מוטער.

דאָס הויז איז געווען פייכט און אַלט און האָט אַביסעל גע־שמעקט מיט שימעל. אָפט האָט זיך געטראָגען איבער די קאָררידאָ־רען דער גערוך פון אָדעקאָלאָן. ווען די טיר איז אַביסעל געווען אָפען, האָט זיך איבער׳ן גאַנצען אויבערשטען שטאָק געטראָגען אַ ווילדער ליאַרם פון אונטען, וואו דאָס פּשוט׳ע פאָלק האָט גע׳שיכור׳ט. און דאָן האָט זיך אויף די פּנים׳ער פון די בכבוד׳יגע געסט אויף דעם אויבערשטען שטאָק אָפּגעשפּיעגעלט אונרוהיגקייט און עקעל.

די מאַדאַם, וועלכע איז געווען בעפריינדעט מיט די קליענטען פון דעם אויבערשטען שטאָק, האָט קיינמאָל ניט פערלאָזען דעם זאאַל און זיך נייגעריג צוגעהערט צו די נייעס פון שטאָדט, וואָס זיי פּלעגען איהר דערצעהלען. איהר ערנסטער געשפּרעך האָט אַביסעל פערפיינערט, פערמילדערט די גראָבע ווירקליכקייט, וואָס די דיקע קליענטען, די שעהנע בעלי הבתים, האָבען זיך ערלויבט אין זייער געשפּרעך מיט איהרע מיידלאַך, מיט וועלכע זיי האָבען יעדען אָבענד פערבראַכט, אגב, גאַנץ „אַנשטענדיג“, בלויז ביי אַ גלעזעלע ליקער.

די דריי מיידלאַך פון ערשטען שטאָק האָבען געהייסען : פער־נאַנדאַ, ראַפאַעלאַ און ראָזע „די שקאַפּע“.

אַזוי ווי זיי זיינען געווען נור דריי אין דעם הייזעל, האָט יעדע פון זיי געזאָלט רעפּרעזענטירען אַ בעשטימטען טיפּ, כדי יעדער בעזוכער זאָל אויף אַזאַ׳ן אופן קאָנען געפינען מעהר אָדער ווייניגער די פערקערפּערונג פון זיין אידעאַל.

פערנאַנדאַ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די בלאָנדע שעהנהייט.

צו טהאָן, אָבער אַלע מאָל מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטענקייט. דאָס ניי־געשעפט האָט נאָך אין גאַנצען זי ניט איבערגעפיהרט. גראָבקייטען האָט זי ניט געקענט פארטראָגען, און האָט עמיצער אַמאָל איהר הייזעל אָנגערופען מיט'ן ריכטיגען נאָמען, איז זי ביין געוואָרען, אויסער זיך געווען פאר כעס.

זי איז געווען זעהר דעליקאַט און, כאָטש זי האָט בעהאַנדעלט איהרע מיידלאך ווי פריינדינען, האָט זי דאָך אָפט ליעב געהאַט צו לאַזען זיי פיהלען, אז זיי זיינען ניט איהר גלייכען.

מאנכעס מאָל איז זי מיט עטליכע פון זיי ארויסגעפאהרען אין אן עקיפּאַזש ערגעץ־וואו ארום דעם טייכעל, וואס פליסט אין דעם טהאָל באַלמאַן. דאַן איז געווען אַן אמת'ער יום־טוב ביי די מיידלאך. זיי זיינען ארומגעלאָפען איבער די לאָנקעס, האָבען געטאַנצט, געשפרונ־גען ווי קינדער. די פרישע לופט האָט זיי פער'שיכור'ט; זיי האָבען געגעסען וואורשט אויפ'ן גראַז, געטרונקען סיי־דער, און, ווען די נאַכט איז דערנאָך צוגעפאַלען, האָבען זיי זיך צו־ריקגעקעהרט אין עקיפּאַזש גליקליכע, זיס־פערמאַטערטע, און גע־קושט זייער מאַדאַם, ווי אַ גוטע, ליעבע, נאָכגעביגע מוטער.

דאָס הייזעל האָט געהאַט צוויי בעזונדערע אריינגאַנגען. אויפ'ן אונטערשטען שטאָק האָט מען יעדען פארנאַכט געעפענט אַ מין קאַ־פע־הויז פאר דעם פּשוט'ן פאָלק און פאר מאַטראָזען.

צוויי מיידלאך, וואָס זיינען ספּעציעל אָנגעשטעלט געווען פאר דעם דאָזיגען סאָרט עולם, האָבען דאָ בעדיענט. זיי האָט נאָך ארויס־געהאָלפען אַ געוויסער פריעדריך, אַ קערל, קליינגעוויקסיג, אָהן אַ באָרד, אָבער געזונד, ווי אַ בופלאַקס. זיי האָבען דאָ וויין און ביער דערלאַנגט צו די מאַרמאָרנע, וואַקעלדיגע טישלאַך און אויפגערייצט די געסט, צו טרינקען, זיצענדיג ביי זיי אויף די קניע.

די אַנדערע דריי דאַמען (עס זיינען אין גאַנצען געווען פינף) האָבען פאָרגעשטעלט אַ מין אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבען זיך אויפ־געהאַלטען אויפ'ן ערשטען שטאָק. דאָרט האָבען זיי אויפגענומען זיי־ערע געסט. מאַנכעסמאָל זיינען זיי ארונטערגעקומען אונטען אויך, ווען אויבען איז קיינער ניט געווען און אונטען האָט מען זיי נויטיג געדאַרפט.

דריי קאָלירען; די צווייטע — אין א פאַנטאַסטישען שפּאַנישען קאָסטיום און מיט א שנירל קופּערנע מטבעות, איינגעפלאָכטען אין די רויטליכע האָאר, וועלכע האָבען געהילכט און געקלונגען ביי יעדען טריט איהרען. זייביידע זיינען געווען ניט מיאוס׳ער און ניט שעה־נער פון געוועהנליכע קעלנערינס און אין דער גאַנצער האַפען־געגענד האָט מען זיי גערופען „די ביידע פּאַמפּעס“.

די מיידלאַך זיינען אין האַרצען אייפערזיכטיג געווען איינע צו דער אַנדערער, זיי האָבען עס אָבער קיינמאָל אָפען ניט אַרויסגעווי־זען, א דאַנק דער קלוגער פיהרונג פון דער מאַדאַם און א דאַנק דעם, וואָס זי איז תמיד גוט אויפגעלעגט געווען.

אזוי ווי עס איז געווען דאָס איינציגע הייזעל אין דעם קליינ־שטעדטעל, איז עס שטאַרק בעזוכט געוואָרען. די מאַדאַם האָט פער־שטאַנען, ווי צו געבען איהם אַן אַנשטענדיגען, לייטעשען אויסזעהן. זי איז געווען ליעבענסווירדיג און פריינדליך מיט יעדען און איהר גוט האַרץ איז בעקאַנט געווען אַלעמען און אַלע האָבען זי אויף א געוויסען שטייגער געאַכטעט.

די בעזוכער האָבען אַלע געזוכט איהר פריינדליכקייט און יעדער פון זיי האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט, ווען זי האָט איהם אַרויסגעוויזען בעזונדערע ליעבענסווירדיגקייט.

בעת זיי, איהרע בעזוכער, האָבען זיך בייטאָג געטראָפען אין די געשעפטען, האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „היינט אָבענד, איהר ווייסט דאָך וואו!“ אזוי ווי מען זאָגט: „וועט איהר היינט נאָך סאַפּער זיין אין׳ם קאַפע־הויז?“

קורץ, דאָס הייזעל טעליער — ווי עס איז בעקאַנט געווען — איז געווען א מין קלוב, וואו יעדען ביינאַכט זיינען זיך צונויפגעקו־מען די אייגענע בכבוד׳ע מענשען.

אָבער איינמאָל ביינאַכט, סוף מאַי, בעת דער האָלץ־הענדלער און פריהערדיגער מעיאָר פון׳ם שטעדטיל, הערר בולען, איז דער ערשטער געקומען צום הייזעל, האָט ער געפונען די זייטיגע טיר׳ל צוגעשפּאַרט. די קליינע לאַנטערנע האָט ניט גע־ברענט הינטער׳ן שטאַכעט, פון׳ם הויז האָט זיך ניט געהערט קיין פּיפּס אפילו, אזוי ווי אַלע וואָלטען דאָרט געווען אויסגעשטאָרבען.

זי איז געווען הויך, פעט, רונד און ווייך, א דאָרפישע מיידעל, מיט א פּנים פול מיט זומער־שפּרינקלאַך און מיט קורצע, העלע אויסגעקראַ־כענע האָאר, ווי געבאַרשטענע פּאַקלע.

ראַפּאַעלאַ, פון דער שטאָדט מאַרסעל, וואָס האָט זיך איבער אלע האַפענס ארומגעשלעפּט, האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט די אונפּער־מיידליכע „שעהנע אידישע מיידעל". זי איז געווען מאָגער, מיט רויט־געפאַרבטע, אויסגעשטאַרצעטע באַקען־קנאָכען. איהרע שוואַרצע האָאר, וואָס זי האָט געשמירט מיט רינדען־מאַרך, בכדי זיי זאָלען גלאַנצען, זיינען געווען אנגעקרויזט אויף די שלייפען אין רינגעלאַך, איהרע אויגען וואָלטען געווען שעהן, ווען דאָס רעכטע וואָלט ניט פערצויגען געווען מיט א ווייסער הייטעל. איהר קרומע נאָז האָט גע־קוקט אָן א זייט און צוויי נייע, פאַלשע אויבערשטע צייהן האָבען פער׳מיאוס׳ט די אונטערשטע, וועלכע האָבען זיך צייטענווייז בע־דעקט מיט אזא דונקעלער פאַרב, וואָס מען זעהט אויף אן אלטען בוים.

ראָזא, „די שקאַפּע" איז געווען איין שטיק פלייש, אין גאַנצען בויך, אויף קורצע פיס. דעם גאַנצען טאָג, פון פריה ביז ביינאַכט, האָט זי געזונגען מיט א דינעם קול׳כעלע שמוציגע אדער סענטי־מענטאַלע לידער, האָט נאָכאַנאַנד דערצעהלט נאַרישע, לאַנגווייליגע מעשיות און האָט נור אויפגעהערט צו ריידען, אום צו עסען און אויפגעהערט צו עסען, אום צו ריידען. דעם גאַנצען טאָג האָט זי זיך ארומגעדרהעט פלינק, ווי א וועווערקע, טראָץ איהר שווערען גוף און קורצע פיס. פון אלע זייטען האָט זיך נאָכאַנאַנד געהערט איהר גע־לעכטער און איהר ליאַרם, דאָ פון איין ווינקעל און באַלד פון אַנאַנ־דער׳ן, דאָ פון דעם צימער, באַלד פון דעם בוידעם און באַלד גאַר פון אונטען, פון דעם קאַפע־הויז, און אלע מאָל האָט זי געלאַכט סתם אין דער וועלט אריין, אָהן א פאַרוואָס.

די צוויי מיידלאַך פון אונטען, לואיזע, מיט׳ן צונעמעניש „די קוואַקטוכע" און פלאָרא, מיט׳ן צונעמעניש „הוידע", ווייל זי האָט אביסעלע צוגעהינקט, האָבען אויסגעזעהן, ווי קעכינס, וואָס האָבען זיך צו א מאַסקען־באַלל אנגעטהאָן. איינע פון זיי איז געווען אנגע־טהאָן אין דעם קאָסטיום פון א פרייהייטס־געטין מיט א גאַרטעל פון

זיי אַלע האָבען זיך אומגעקעהרט און זיינען ווידער אוועק אַהין איבער דער אידישער גאס, נאָך אמאָל פּרובען מזל.

אָבער די אויפגערעגטע מאַטראָסען האָבען דאָרט דאָס הייזעל בעלאַגערט, געוואָרפען שטיינער און אַזוי געוואַלדעוועט, אַז אונזערע פינף בכבוד'ע בעלי הבתים האָבען אויף גיך זיך פון דאָרט אָפּגעטראָגען.

זיי האָבען זיך ווידער ארומגעשלעפּט איבער די גאסען.

זיי האָבען נאָך אָנגעטראָפען דעם פּערזיכערונגס־אַגענט, הערר דיופּואַי'ן און שפּעטער דעם ריכטער, הערר באַססע'ן, און זיי אַלע האָבען אונטערגומען אַ לאַנגען שפּאַציר צום האַפען.

דאָרט האָבען זיי זיך צוזעצט איינער נעבען אַנדערן אויף דעם גראַניט־צוים און געגומען קוקען, ווי די כוואַליעס שווימען. דער שוים אויף די קעפּ פון די כוואַליעס האָט געלייכטעט אין דער דונקעלקייט מיט אַ ווייסען שיין, וואָס איז אָבער באַלד פערלאָשען געוואָרען, ווי נור ער האָט זיך בעוויזען; און דער איינפאָרמיגער גערויש פון דעם ים האָט געקלונגען דורך דער נאַכט איבער'ן גאַנצען ברעג און זיך אָן די פעלזען אַנגעקלאַפּט.

די טרויעריגע שפּאַציער־געהער זיינען אַ ווייל'ע דאָרט געזעסען, דערנאָך האָט הערר טורנעוואַ זיך אָנגערופען:

— ניט פרעהלאָך!

— געוויס ניט פרעהלאָך — האָט הערר פּימפּעס אונטערגעבאַפּט, און זיי זיינען פּאַוואָליע אוועק צוריק.

דורכגעגאַנגען די גאס, וואָס רופט זיך „אונטער די ביימער", דעם הילצערנעם בריק, זיינען זיי אוועק פּאַזע אייזענבאַהן־וועג און זיינען ווידער געקומען אויפ'ן מאַרק, און דאָ מיט אַמאָל האָט זיך פיזרפיהרט אַ צאַנקערייַ צווישען דעם צינז־קלייבער פּימפּעס און דעם פיש־זאַלצער טורנעוואַ איבער אַ געוויסען סאָרט שוועמעל, וועלכען מען האָט געקענט עסען, ווי איינער פון זיי האָט גע'טענה'ט, און וועלכען מען האָט ניט געקענט עסען, ווי דער צווייטער האָט גע'טענה'ט.

און אַזוי ווי די העררן זיינען געווען צורייצט פאַר לאַנגווייליג־

ער האָט אנגעקלאפּט אפריהער שטיל, דערנאָך שטארקער, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָבגערופען. דאן איז ער אוועק צוריק איבער דער גאס מיט שטילע טריט און ווען ער איז דערגאנגען ביז'ן מארק, האָט ער אָנגעטראָפען דעם אייגענטהימער פון שיפען, הערר דובער'ן, וועלכער איז אויך צום הייזעל געגאַנגען. הערר בולען האָט זיך אומ־געקעהרט און איז ווידער אוועק אַהין מיט הערר דובער'ן, אבער אומזיסט — די טיר איז געוועזן צוגעשלאָסען.

פלוצים האָבען זיי דערהערט א גוואלדיגען ליארם, וואָס האָט זיך געטראָגען פון ערגעץ דערביי. זיי זיינען אריבער אויף דער אנ־דער זייט הויז, וואו עס האָט זיך געפונען די אָבטהיילונג פאר דעם פשוט'ען עולם, און האָבען באַלד דערזעהן א מענגע פון ענגלישע און פראנצויזישע מאטראָסען, וועלכע האָבען געקלאפּט מיט די פויסטען אין די פערמאכטע לאָדענס פון דעם „קאפע־הויז".

די ביידע שעהנע בעלי הבתים האָבען גלייך געכאַפּט די פיס און געמאכט פליטה, אום דאָ ניט קאָמפּראָמעטירט צו ווערען; אָבער א שטיל „פּסט!" האָט זיי אָבגעשטעלט. דאָס האָט הערר טורנעווא, א פיש־זאלצער, זיי דערקאנט און גערופען. ער איז אויך אהין געגאַנגען, און ווען זיי האָבען איהם דערצעהלט, אז עס איז צוגעשלאָסען, האָט עס איהם שטארק פערדראָסען. בעזאָנדערס איז עס איהם אונאנגענעהם געוועזן דערפאר, ווייל זייענדיג א פערהייראַ־טער מאן, א פאטער פון קינדער, און פערפאלגט פון די שארפע אויגען פון זיין פרוי, האָט ער זיך געמוזט היטען. דעריבער איז ער אהין געגאַנגען נור שבת ביינאַכט „פון זיכערקייט וועגען", ווי ער האָט געזאָגט. מיט דעם האָט ער געמיינט די פעריאָדישע ארבייט אין דעם הייזעל פון דער סאַניטאַר־פּאָליציי און פון זיין פריינד דאָקטאָר באָרד, וועלכער האָט איהם יעדעס מאָל נעלאָזט וויסען, ווען ער מעג געהן אהין.... גראד היינט האָט ער געמעגט געהן אהין און פלוצים: נאַ דיר! ער וועט איצט מוזען אָבקומען נאָך א גאנצע וואָך!

די דריי מענער זיינען אוועק ווייטער און אויפ'ן וועג האָבען זיי אָנגעטראָפען דעם יונגען באנקיער'ס זוהן, הערר פיליפּ'ן, אויך א שטענדיגען בעזוכער, און הערר פּימפּעס'ן, דעם צינזען־קלייבער.

גען די מאַרסעליעזע, די ענגלישע — זייער נאַציאָנאַלען הימן: „רול בריטאַניאַ". דאַן האָבען זיי זיך אַלע מיט שטורם אַ וואַרף געטהאָן אויף דאָס הייזעל און גענומען קלאַפּען אין די ווענד; און דערנאָך האָט זיך די גאַנצע באַנדע ווידער אַוועקגעטראָגען צום האַפען, וואו עס האָט אויסגעבראָכען אַ געשלעג צווישען די מאַטראָסען פוןביידע נאַציאָנען. אין דעם דאָזיגען געשלעג האָט מען אַן ענגלענדער אַ האַנד צובראָכען און אַ פראַנצויז — אַ פוס.

דער שיכור׳ער, וואָס איז געבליבען זיצען פאַר דער טיר, האָט איצט געוויינט, ווי אַ קינד, וואָס מען וואָלט צורייצט.

צום סוף, זיינען די שעהנע בעלי הבתים זיך צוגאַנגען.

ביסלעכווייז איז אין דעם שטעדטעל שטיל געוואָרען. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך צייטענווייז דערהערט אַ ליאַרם פון שטימען און איז באַלד פערשטאָרבען אין דער ווייטקייט.

בלויז איין מענש האָט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסען, הערר טורנעוואַ, דער פיש־זאַלצער, וועלכער האָט, נעבאַך, געמוזט וואַרטען ביז דעם קומענדען שבת. און אַזוי ווי אין זיין מוח האָט זיך ניט געקענט פּאַטופּען אַזאַ גוואַלדיגער סקאַנדאַל, וואָס דאָס הייזעל איז געשלאָסען, האָט ער מיט כעס געטראַכט, ווי אַזוי קאָן די פּאָליציי דולדען, עס זאָל שטעהן צוגעמאַכט אַ נוצליכער פּאָלקס־אַנשטאַלט, וואָס שטעהט אונטער איהר שוץ, און ער האָט אַליין געהאַפט אויף אַ גליקליכען צופאַל.

ער האָט זיך צוריקגעקעהרט און געפּאָרשט די ווענד פון דעם הייזעל, געזוכט אַליין צו דערגעהן, פאַרוואָס עס איז געשלאָסען. פּלוצים האָט ער בעמערקט אויף אַ לאָדען פון אַ פענסטער אַ צוגעקלעפּטע קאַרטע. ער האָט שנעל אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און איבערגעלעזען די פאָלגענדע ווערטער, געשריעבען מיט קרומע, גרויסע בוכשטאַבען: „צוגעמאַכט צוליעב אַ קאָנפירמאַציאָן!"

דאַן איז ער אוועק, ווייל ער האָט איינגעזעהן, אז ער וועט גאָרנישט קאָנען מאַכען.

דער שיכור׳ער האָט זיך דערווייל אויסגעצויגען אויפ׳ן שוועל און איז אַנשלאָפען געוואָרען.

אויף מאָרגען זיינען אַלע שטענדיגע געסט איינער נאָך׳ן אַנ־

קייט, וואָלט זיך די דאָזיגע צאַנקעריי געווים געענדיגט מיט קלעפּ, ווען די אַנדערע וואָלטען זיך ניט אריינגעמישט.

הערר פּימפּעס איז פאר כעס אַנטלאָפען און באַלד האָט זיך א נייע צאַנקעריי פערפיהרט צווישען דעם פריהערדיגען מעיאר בולען און דעם פערזיכערונגס־אַגענט הערר דיופּואי איבער דעם געהאַלט פון דעם צינזען־קלייבער און איבער דעם איינקינפט, וואָס ער קאָן האָבען פון דער זייט. פוןביידע זייטען האָט געהאָגעלט מיט זידלערייען און ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען פון מארק וואָלט זיך פּלוצים ניט דערהערט אַ געוואַלדיגער ליארם פון די מאַטראָסען. זיי האָט דערעסען צו שטעהן פאר דעם פערשלאָסענעם הויז, האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן אויף'ן מארק. זיי האָבען זיך געהאַלטען פאר די הענד, פאָאר־ווייז מארשירענדיג אין אַ לאַנגער פּראָצעסיאָן, און האָבען ווילד געשריען. די שעהנע בעלי הבתים האָבען זיך פערשטעקט הינטער א טויער און די ליארמדיגע מענגע איז אַוועק אין דער ריכטונג צום קלויסטער צו. לאַנג נאָך האָבען זיך געהערט די דאָזיגע ווילדע געשרייען; ביסלעכווייז האָבען זיי זיך גענומען הערען שוואַכער און שוואַכער, ווי אַ שטורם, וואָס דערווייטערט זיך; דאן איז אין גאַנצען שטיל געוואָרען.

הערר בולען און הערר דיופּואי זיינען אוועק, ניט **זעגענענדיג זיך**. אין פערשיעדענע זייטען, ביידע ברוגז'ע.

די איבריגע פיער זיינען אוועק ווייטער און זייערע פים האָבען זיי געבראכט ווידער צום הייזעל, גאר אונגעריכטערהייט....

אָבער עס איז פאָרט געווען געשלאָסען, אָהן אַ סימן פון אַ לעבעדיגען מענשען אין איהם.

אַ שיכור'ער מאַן, אַ רוהיגער און פער'עקשן'טער מענשעל, האָט שטיל געקלאַפּט אין די טיר פון דעם „קאַפּע־הויז", דערנאָך האָט ער זיך אבגעשטעלט און גערופען האַלב שטיל פרידריך'ן. ווען ער האָט דערזעהן, אַז מען ענטפערט ניט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל, וואַרטען, וואָס וועט זיין ווייטער.

די שעהנע בעלי הבתים האָבען זיך געוואָלט אָפּטראָגען, ערשט פּלוצים האָט זיך ווידער אויף'ן עק גאס בעוויזען די מענגע מאַטראָסען. די פראַנצויזישע מאַטראָסען האָבען מיט ווילדע קולות געזונ־

אין פּעקאָן", און מען האָט געקאָנט רעכענען, אַז זי לעבט פון איהר אבגעשפּאַרט געלד.

פון פּעקאָן ביז ווירוויל האָט זיך גערעכענט אַ צוואַנציג מייל און פאַר אַ פויער צוואַנציג מייל איז אַ סך ווייטער ווי דער אָצעאַן פאַר דעם ציוויליזירטען מענשען. די איינוואָהנער פון ווירוויל זיינען ווייטער פון רואַן קיינמאָל ניט געווען, פּונקט אַזוי האָבען זיך די איינוואָהנער פון פּעקאָן קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט אַזאַ דערפעל ווי ווירוויל, וואָס האָט אין גאַנצען געהאַט דריי הונדערט הייזער ערגעץ אויף אַ פעלד און וועלכע האָט בעלאַנגט צו אַנאַנדערן דעפּאַרטמענט. קורץ, דאָרט האָט מען גאָרנישט געוואוסט.

אָבער, אַז די צייט צו פאַהרען האָט זיך אנגערוקט נעהענטער, האָט די מאַדאַם זיך דערפיהלט אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. קיין געהילף צו זיך, אויף וועמען צו קאָנען איבערלאָזען דאָס הייזעל, האָט זי ניט געהאַט; איבערלאָזען דאָס הייזעל אליין, וועלען די מיידלאַך פון אויבערשטען און אונטערשטען שטאָק זיך געוויס צו'הרג'ענען; פרידריך וועט זיך געוויס אָנ'שיכור'ן און ווען ער איז שיכור, זיינען די מענשען ארום איהם מיט'ן לעבען ניט זיכער: ער שלאָגט, נהרג'ט אָהן אַ פּאַרוואָס. צום סוף האָט זי בעשלאָסען, אַלע מיידלאַך מיטצונעהמען, נור פרידריך'ן ניט; איהם האָט זי אָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר טעג.

זי האָט וועגען דעם אָנגעפרעגט איהר ברודער. איהם האָט עס ניט געאַרט. פערקעהרט, ער האָט נאָך אויף זיך גענומען די מיה צו בעזאָרגען פאַר זיי אַלעמען אַ נאַכטלעגער.

אויף אַזאַ'ן אופן זיינען זיי ארויסגעפאָהרען שבת אין דער־פריה מיט'ן שנעל־צוג. זיי אַלע, די מאַדאַם מיט איהרע דאַמען, זיינען געזעסען אין איין וואַגאָן פון דעם צווייטען קלאַס.

ביז באַזיוויל זיינען זיי געווען אליין און האָבען געשוואַצט וואָס זיי איז אויף דער צונג ארויף. אָבער אויף דער סטאַנציאָן איז ארויף אַ פּאָאַר פאָלק. דער מאַן איז געווען אַן אַלטער פויער אין אַ בלויער בלוזע מיט אַ געפאַלדעוועט אפּגעלעגטען קראַגען, ברייטע אר־בעל, וואָס זיינען ביי די עלענבויגענס שמאָל געווען און וועלכע זיי־נען בעפּוצט געווען מיט ווייסע שפּיצען. ער האָט געטראָגען אַ הוי־

דערן פערביייגעגאַנגען דאָס הייזעל, ווי כלומרשט צופעליג, מיט פערשיעדענע בינטלאַך פאַפּיערען אונטער'ן פאַכווע, כדי עס זאָל אויסקוקען, אַז זיי זיינען אויף דער דאזיגער גאַס וועגען געשעפט, און יעדער פון זיי האָט פער'גנב'עט איבערגעלעזען די געהיימע ווערטער:

„צוגעמאַכט צוליעב א קאָנפירמאַציאָן!"

.2

די מאַדאַם האָט געהאַט א ברודער א טישלער, וועלכער האָט געוואוינט אין ווירוויל אין דעם דעפּאַרטמענט ער, זייער געבורטס־אָרט. ווען די מאַדאַם האָט נאָך געהאַלטען דאָס גאַסט־הויז אין אי־וועטאַ, איז זי געוועזען די טויף־מוטער ביי איהר ברודער'ס טאָכטער, וועלכע זי האָט א נאָמען געגעבען קאָנסטאַנצע, קאָנסטאַנצע ריווע, ווייל פון דעם פאָטער'ס צד האָט די מאַדאַם אויך געהייסען ריווע.

דער טישלער, וועלכער האָט געוואוסט, אַז זיין שוועסטער געהט גוט, האָט זי גוט געהאַט אין'ם זינען, כאַטש זיי האָבען זיך זעלטען ווען געזעהן, ווייל יעדער פון זיי איז געווען פערנומען מיט זיינע עסקים און, חוץ דעם, האָבען זיי געוואוינט ווייט איינער פון דעם אנדערן. אָבער ווען זיין טאַכטער איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר און זי האָט צום ערשטען מאָל געדאַרפט געהן צו קאָנפירמאַציאָן אין קלויסטער אריין, האָט ער זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און אָנ־געשריבען זיין שוועסטער, אַז ער ריכט זיך אויף איהר ביי דער דאָזי־גער הייליגער צערעמאָניע. די אַלטע עלטערן זיינען געווען טויט, האָט זי ניט געקענט אָבזאָגען איהר ברודער און האָט אָנגענומען זיין איינלאַדונג. איהר ברודער זשאָזעף האָט געהאָפט, אַז דורך ליע־בענסווירדיגקייטען וועט איהם געלינגען צו ווירקען אויף איהר, זי זאָל אבשרייבען איהר פערמעגען צו גונסטען פון דער מיידעלע, ווייל די מאַדאַם אליין האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

דאָס, וואָס זיין שוועסטער איז געווען א מאַדאַם פון א הייזעל, האָט איהם א האָאר ניט געאַרט. אגב, האָט אין זיין געגענד קיינער וועגען דעם ניט געוואוסט. עס איז אַמאָל אויסגעקומען דאָרט צו ריידען וועגען איהר, האָט מען נור געזאָגט: „מאַדאַם טעליע וואוינט

וואס זיינען געווען אין מאָדע נאָך אין דער צייט פון רעסטאַווראַ־ציאָן.

בעמערקט, אַז זיי זיינען שוין מעהר ניט אליין אין דעם וואַ־גאָן, האָבען די דאַמען אָנגענומען ערנסטע מינעס און גענומען ריי־דען וועגען הויכע ענינים, כדי צו מאכען א גוטען איינדרוק. אָבער אין באַלבעק איז אין וואַגאָן אריין אַ הערר מיט בלאָנדע באַקענ־באַרדען, מיט רינגען און אַ גאָלדענעם קייטעלע. דער הערר האָט ארייגעלעגט אין נעץ איבער זיין קאָפּ עטליכע פּעקעלאַך, וואָס זיי־נען איינגעוויקעלט געווען אין געוואַקסעוועטען לייוונד.

ער האָט זיך פערנויגט, אַ שמייכעל געטהאָן און באַלד גע־פרעגט מיט א גוטמוטהיגער מינע:

— די דאַמען בייטען זייער קאַזאַרמע?

די דאָזיגע פראגע האָט זיי אַלעמען צומישט. צולעצט איז די מאַדאַם געקומען צו זיך און האָט געענטפערט טרוקען, וועלענדיג זיך אָפּרעכענען פאר די עהרע פון איהר רעגימענט:

— עס וואָלט אייך ניט געשאַדט צו זיין אביסעלע העפליכער, מיין הערר!

ער האָט זיך ענטשולדיגט.

— פּאַרדאָן, איך האָב געוואָלט זאָגען אייער „קלויסטער".

די מאַדאַם האָט מעהר ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען: און אפשר האָט זי געדענקט, אַז זיין ענטשולדיגונג איז גענוג. זי האָט מיט ווירדע זיך אַ נויג געטהאָן און צונויפגעדריקט די ליפּען.

דאַן האָט דער הערר, וועלכער איז געזעסען צווישען ראָזא „די שקאַפּע" און דעם אַלטען פּויער, גענומען ווינקען מיט די אויגען צו די דריי ענטלאַך, וואס האָבען ארויסגעשטעקט די קעפּ פון דעם קאָרב.

ווען ער האָט בעמערקט, אַז ער האָט פעראינטערעסירט די אַנ־ווע‍זענדע, האָט ער אָנגעהויבען צו קיצלען די ענטלאַך אונטער'ן שנאָבעל און האלטען פאר זיי קאָמישע רעדעס, כדי פרעהלאַך צו מאכען דעם עולם.

— מיר האָבען אונזער קליינעם טייך פערלאָזען — קוועק! קוועק! אום צו בעקענען זיך מיט'ן בראָט־פּאהן — קוועק! קוועק!

כען, אַלט־פראַנקישען, רויט־האָריגען הוט און אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען א גרויסען, זעהר גרויסען גרינעם רעגענשירם און אין דער אַנדערער — א גרויסען קאָרב, פון וועלכען עס האָבען צו־שראָקען ארויסגעקוקט דריי ענטלאַך. די פרוי, אין אַן אומגעלומ־פערטען, דאָרפישען קלייד, מיט אַ שפּיציגער נאָז, האָט אין גאַנצען אויסגעקוקט, ווי אַ הוהן. זי האָט זיך געזעצט געגען איהר מאַן און איז געבליבען פערגאַפּט זיצען, פערבלענדעט פון דער פיין־געקליי־דעטער געזעלשאַפט, וואָס זי האָט פאר זיך דערזעהן.

און, באמת, האָט מען געקאָנט פערבלענדעט ווערען פון די אַלע גרעלע, שרייענדיגע פארבען, וואס האָבען זיך אין די אויגען געוואר־פען אין דעם דאָזיגען וואגאָן, וואו די מאדאם מיט איהרע דאמען זיינען געזעסען.

די מאַדאַם אַליין איז געווען אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין בלויען זייד, האָט געטראָגען אויף די אַקסלען א שאַל פון פראַנ־צויזישען קאַזשעמיר, אַ רויטען, פלאַמענדיגען, אַ בלענדענדיגען. פערנאַנדע האָט זיך געשטיקט אין אַ שאָטלענדישען קלייד; איהר קארסעט, וואָס איהרע פריינדינען האָבען מיט אַלע קרעפטען פער־שנורט אין דער טאַליע, האָט זי געדריקט און געשטיקט, די נשמה פון איהר ארויסגעקוועטשט, און האָט אונטערגעהאַלטען איהרע צוויי אַראָבהענגענדיגע בריסט, ווי צוויי אויפגעבלאָזענע פּענכערס, וועלכע האָבען זיך בעוועגט ארויף, אַזוי ווי דאָרט, הינטער׳ן שטאָף פונ׳ם קלייד, וואָלט געווען עפּעס פליסיגעס.

ראַפאַעלא, אין אַ פריזור מיט פעדערן, עהנליך צו אַ נעסט, פול מיט פייגעלאַך, האָט געטראָגען אַ מין אָריענטאַלישען קלייד, בעזעצט מיט גאָלדענע פליטערלאַך — וואָס האָט גוט געפּאסט צו איהר אידעשען פּנים.

ראָזא „די שקאַפּע“, אין אַ ראָזעווען קלייד מיט ברייטע קרוי־זען, האָט אויסגעזעהן ווי אַן אונגאַטירליך דיקעס קינד, אָדער ווי אַן אָנגעפּרעסענע אַס. די „ביידע פּאָמפּעס“ זיינען אָנגעטהאָן געווען אין אַזוינע קאָסטיומען, וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי אויפגענייהט פון אַלטע פענסטער־פאָרהאַנגען, פון יענע געבלומטע פאָרהאַנגען,

צער ערענסטקייט פון פרויען, וועלכע בעקוקען עטוואָס פאר זייער טואלעט. זיי האָבען געפרעגט און געראַטהען איינע דער אנדערער אי מיט די בליקען, אי מיט א פליסטערן, און די מאדאם אליין האָט אויך מיט קנאה גערדרעהט אין איהרע הענד א פּאָאר זאָקען־בענד־לאך פון אראנזש־קאליר, וואס זיינען ברייטער און שעהנער געווען פון די איבעריגע **דאָס** זיינען געווען, מיט איינעם ווארט, ריכטיגע זאָקען־בענדלאך פאר א „מאדאם“.

דער הערר האָט עפּעס ארומגעטראכט. דאן האָט ער געזאָגט:

— נו, מיינע קעצעלאך, מען דארף זיי אָנמעסטען.

עס האָט זיך דערהערט א געפּילדער, א ליארם; זיי האָבען פערקוועטשט די קליידלאך צווישען די פיס, אקוראט ווי זיי וואָל־טען מורא געהאט פאר א פערגוואלדיגונג. ער האָט אָבער גאנץ רו־היג אָפּגעווארט דעם ריכטיגען מאָמענט און געזאָגט:

— נו, אויב איהר ווילט ניט, וועל איך זיי צוריק פערפּאקען.

דאן האָט ער נאָך צוגעלעגט:

— ווער עס מעסט אָן, יענע קריגט א פּאָר אומזיסט.

אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט און געקוקט אויף איהם מיט ווירדע. דאָך די „ביידע פּאָמפּעס“ האָבען אויסגעזעהן אזוי אונגליק־ליך, דאס ער האָט זיי זיין פארשלאג נאָך אמאָל פארגעלייגט. בעזאנ־דערס האָט געקעמפּפט מיט זיך פלאָרא „די הוידע“. זי האָט זיך אליץ מיישב געווען, צי זאָל זי, צי ניט. ער איז צוגעשטאַנען צו איהר:

— נו קעצעלע, נור אביסעלע מוטה. קוק אָן אָט די לילאָווע, זיי וועלען פּאסען זעהר גוט צו דיין קלייד.

דאָ האָט זי זיך געמאַכט הארץ, פעררריסען דאס קלייד און ארויסגעשטעלט א דיקע פוס אין א גראָבער, שלעכט אנגעצויגענער זאָק.

דער הערר האָט זיך איינגעבויגט, אנגעטהאָן איהר דעם זאקען־בענדעל אפריהער אונטער דער קניע, דערנאָך העכער. בעת דעם האָט זי געשריען.

ווען ער איז פארטיג געוואָרען מיט איהר, האָט ער געפרעגט ווייטער:

— ווער נאָך?

די אונגליקליכע ענטלאַך האָבען אוועקגעדרעהט פון איהם זייערע העלזער, געווייכט פון זיינע צערטליכקייטען און האָבען מיט אַלע קרעפטען זיך אנגעשטריינגט, ארויסצורייסען זיך פון זייער געפלאָכטענעם געפענגניס. פלוצים האָבען אַלע דריי גענומען פערצווייפעלט שרייען:

— קוועק! קוועק! קוועק!

די דאמען האָבען ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. זיי האָבען זיך איינגעבויגט, געשטופּט, אום בעסער צו זעהן. די ענטלאַך האָבען זיי שטאַרק אינטערעסירט, און דער הערר האָט נאָך מיט מעהר ברען גענומען שפּאַסען.

ראָזא האָט זיך אריינגעמישט. זי האָט זיך אויסגעבויגט איבער די קניע פון איהר שכן און אַ קוש געטהאָן די ענטלאַך אויף׳ן שנאַבעל. און באַלד האָבען די אַלע דאמען געוואָלט איהר נאָכטהאָן, און דער הערר האָט זיי אַלעמען צו זיך אויף די קניע געזעצט, געשאָקעלט זיי און געקניפּען, און האָט פּלוצים זיי גענומען „דוצען“.

דער פּויער און זיין פרוי זיינען נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען, ווי זייערע ענטלאַך, האָבען געקוקט מיט ווילדע אויסגעגלאָצטע אויגען און מורא געהאַט זיך אַ ריהר צו טהאָן. זייערע אַלטע צוקנייטשטע פּנים׳ער האָבען ניט געשמייכעלט, זיי זיינען געבליבען שטאַר, ווי פערגליווערט.

דערנאָך האָט דער הערר, וועלכער, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, איז געווען אַ קאָמי־וואיאַזשאר (געשעפטס־רייזענדער) פאַרגעלעגט די דאמען, כלומרשט פון שפּאַס וועגען, אנצוקוקען שלייקעס פון מענער־הויזען. ער האָט ארונטערגענומען אַ פּעקעל און עס געעפענט; עס איז אָבער נאָר געווען אַ טריק פון איהם: אין דעם פּעקעל זיינען געלעגען זאָקען־בענדלאַך.

פערשיעדענע זאָקען־בענדלאַך האָט ער געהאַט: בלויע, רויטע, וויאָלעטעווע, ראָזאָווע, מיט מעטאַלענע שפּראַנצקעס, וואָס האָבען פאָרגעשטעלט צוויי בעגולדעטע אַמורען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען ארומגענומען.

די מיידלאַך האָבען אַזש גענומען ליאַרמען פאַר פרייד. דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען בעטראַכטען די מוסטערן מיט דער גאַנ־

זיך שוין היטען, ניט צו פערפיהרען קיין בעקאַנטשאַפט מיט דעם ערשטען בעסטען...

אין אוססעל האָבען זיי געביטען דעם צוג און אויף דער נעכ־סטער סטאַנציאָן האָבען זיי געטראָפען דער מאדאם׳ס ברודער, הערר דזשאזעף ריווע, וועלכער האָט זי ערוואַרטעט מיט א גרויסען וואגען, פול מיט שטולען, און אין וועלכען עס איז איינגעשפּאַנט געווען א ווייסער פערד.

דער טישלער (סטאָליאר) האָט העפליך בעגריסט די דאמען און געהאָלפען זיי ארויפקריכען אויף׳ן וואָגען. דריי האָבען זיך געזעצט פון הינטען און די מאדאם, איהר ברודער און ראפאעלא אויף די דריי שטולען פון פאָרענט. פאר ראזא „די שקאַפע“ איז ניט פערבליבען קיין לעדיגער פלאץ, האָט זי זיך געזעצט ביי דער גרויסער פערנאַנ־דא אויף די קניע. דערנאָך האָט זיך דער וואָגען א ריהר געטהאָן פון דעם פלאץ. אָבער באלד האָט דער ניט גלייכער גאַנג פון דעם פערד אזוי פונאַנדערגעטרייסעלט דעם וואגען, דאָס די שטולען האָבען גע־נומען טאַנצען און וואַרפען די רייזענדע אין די לופט דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס,ווי קארטון־מענשעלאך. זיי האָבען גע־מאַכט קרומע מינעס, האָבען פאר שרעק געשריען און זייער געשריי האָט זיך יעדע ווײלע איבערגעריסען פון א נייעם, נאָך שטאַרקע־רען שטויס. זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן די זייטען פון דעם וואגען, די היטלאך האָבען זיך ביי זיי ארונטערגערוקט אויף׳ן נאקען, אויף׳ן פנים, אויף די אַקסלען, און דאָס ווייסער פערדעל איז אַלץ געלאָפען מיט אָן אויסגעצויגענער האלז און דערביי האָט ער געדרעהט מיט זיין קליינעם, דינעם עק ארויף און אראָפּ, וועהרענדיג זיך נעגען די פליגען.

זשאָזעף ריווע האָט איין פוס געהאַלטען אויף די האָליאָבלע, די צווייטע אונטער זיך, האָט הויך אויפגעהויבען די הענד מיט די לייצעס און פון זיין האלז האָט יעדע ווײלע זיך ארויסגע־ריסען אַזא מין קוויטשעריי, פון וועלכען ביים פערדעל האָבען זיך די אויערען אויפגעשטעלט און די פיס זיך געהייבען.

פון ביידע זייטען וועג האָט זיך געצויגען א גרינע פעלד. דאָ און דאָרט האָט זיך צושפּרייט, ווי א טישטוך, א געלער, בעוועגטידי־

— איך! איך! איך! — האָבען אלע אויסגעשריען אין איין קול.

ער האָט אנגעהויבען פון ראָזע „די שקאַפּע“, וועלכע האָט ארויסגעשטעלט עפּעס גאַנץ רונדעס, אָהן ביינער און אָהן א פאָרם. ער איז שטארק נתפּעל געוואָרען פון איהרע „מעכטיגע זיילען“ און האָט איהר אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג. דערפאר איז ער גאָר ניט נתפּעל געוואָרען פון די מאָגערע פיס פון דער שעהנער אידישער פריילין. לואיזע די „קוואקטוכע“ האָט שוין פון שפּאַס וועגען איהם איבערגערעקט דעם קאָפּ מיט איהר קלייד, און די מאדאם האָט זיך געמוזט אריינמישען, אום צו מאכען א סוף צו אזא אונאנשטענדיגען שפּאַס.

צולעצט האָט די מאדאם אליין אויסגעצויגען איהר פוס, א שעהנעם, רונדען, מוסקוליעזען פוס, און דער רייזענדער, ווי אן עכ־טער פראנצויז, האָט העפליך געצויגען זיין הוט, אום צו בעגריסען די שעהנסטע פון אלע פיס, וועלכע האָט איהם איבערראשט און בע־גייסטערט.

דער פויער און זיין פרוי האָבען ניט געוואוסט, וואו אהינצו־טהאָן די אויגען, און האָבען געקוקט אָן א זייט. זיי זיינען איצט אזוי עהנליך געווען צו ציפּליאטעס, דאָס דער הערר מיט די בלאָנדע באקענבארדען האָט זיך אויפגעשטעלט און ארויסגעקרייהט:

— קו־קע־רע־קו!

דאָס האָט ארויסגערופען א נייעם פרעהליכען געפילדער.

דער אלטער פויער און זיין פרוי זיינען ארונטערגעקראָכען אין מאטוויל מיט זייער קארב ענטלאך און רעגען־שירם, און מען האָט נעהערט ווי די פויערטע האָט געזאָגט צו איהר מאן, בעת זיי זיינען ארויס פון דעם וואגאָן:

— דאָס זיינען אויסגעלאסענע, פאָהרען נאָך דעם פערפלוכ־טען פאריז!

דער פרעהליכער רייזענדער איז ארונטערגעקראָכען אין רואן. ער איז צולעצט געוואָרען אזוי גראָב, דאָס די מאדאם איז געצוואונ־גען געווען איהם אויסצוזידלען. זי האָט נאָך געזאָגט:

— דאָס וועט פאר אונז זיין א לעהרע: וויטער וועלען מיר

ריווע האָט צו יערער בעזונדער געזאָגט „לחיים" און זיין פרוי האָט דערלאַנגט און צוגענומען פון'ם טיש און געפליסטערט יעדער איינציגער אין אויער אריין:

— זייט איהר זאַט?

גאַנצע קופּעס ברעטער, וואָס זיינען אָנגעשפּארט געווען אָן די וואַנד, און גאַנצע קופּעס סטרוזשקעס, וואָס זיינען פערקעהרט געווען אין די ווינקעלאַך, האָבען ארויסגעלאָזט פון זיך א געשמאַקען גערוך פון געהובעלטען האָלץ, יענעם בעזונדערען שטאַרקען גערוך, וואָס טראָגט זיך אין ווערקשטאַט ביי א טישלער און וועלכען עס איז א מחיה איינצואָטהעמען.

מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער קליינער, זי איז אָבער געווען אין קירכע און האָט געזאָלט זיין ערשט פאַרנאַכט צוריק.

דאַן איז די גאַנצע קאָמפּאַניע אוועק שפּאַציערען.

דאָס דאָרף איז געווען גאַנץ קליין און פון א ברייטען וועג דורכגעשניטען. פוןביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען ביי א דוצענד הייזער, אין וועלכע די אָרטיגע געשעפטס־לייט, דער קצב, דער קרעמער, דער טישלער, דער שענקער, דער שוסטער און דער בעקער האָבען געוואוינט.

אויף'ן עק פון'ם דאָרף איז געשטאַנען א קירכע, וואָס איז ארומגערינגעלט געווען פון א שמאָלען בית עולם. פיער מעכטיגע לינדען־ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים אריינגאַנג פון דער קירכע, האָבען זי אין גאַנצען פערשטעלט. זי איז געווען געבויט פון געהובעלטע פעלד־שטיינער, אהן שום סטיל, און בעציערט מיט א טהורם. הינטער איהר האָבען זיך ווידער געצויגען פעלדער מיט ביימער־גרופּעס, וועלכע האָבען פערשטעלט די פויערשע הייזקעס.

ריווע איז געווען אָנגעטהאָן אין זיינע ארבייטס־קליידער. דאָס האָט אָבער איהם ניט געשטערט צו געהן געאָרמט מיט זיין שוועסטער, קוקענדיג ארום זיך מיט זעהר א שטאָלצער מינע. זיין פרוי, שטאַרק בעגייסטערט פון ראַפאַעלאַ'ס פינקעלדיגען קלייד מיט די גאָלדענע פּאַטשערקעס, איז געגאַנגען צווישען איהר און פערנאַנדאַ'ן. ראָזאַ „די שקאַפע" האָט זיך געשלעפּט הינטער זיי מיט לואיזע

נער שטיק פעלד, וועלכער האָט ארויסגעלאָזט פון זיך א געזונדען, שטאַרקען געדוך, א שאַרפען און א זיסען; דער ווינד האָט איהם צוטראָגען ווייט־ווייט. פון צווישען די קאָרן־זאַנגען, וועלכע זיינען שוין געווען הויך, האָבען ארויסגעקוקט די קאָרן־בלומען מיט זייערע קליינע הימעלס־פאַרביגע קעפּלאַך. די מיידלאַך האָבען גרויס חשק געהאַט ארונטערצוגעהן און אָנרייסען פאַר זיך בוקעטען, אָבער הערר ריווע האָט ניט געוואָלט זיך אָפּשטעלען. דערנאָך האָט זיך בעוויזען א פעלד, וואָס איז אין גאַנצען ווי פערגאָסען געווען מיט בלוט, אזוי פיעל מאָהן האָט אויף איהם געוואַקסען. און צווישען די דאָזיגע פעלדער, בעציערטע מיט פיעל־פאַרביגע בלומען, האָט זיך געטראָגען דאָס ווייסע פערדעל מיט'ן וואַגען, וועלכער איז אליין אויך אָנגעלאָדען געווען מיט בוקעטען נאָך גרעל־פאַרביגערע. דאָ איז ער פערשוואונדען הינטער די גרויסע ביימער פון עפּעס א פאַרם, און באַלד איז ער ווידער ארויסגעשוואומען פון צווישען די צווייגען און בלעטער און האָט זיך ווייטער געטראָגען צווישען די געלע און גרינע פעלדער, בעשפּרינקעלטע מיט רויט און בלוי; אזוי האָט זיך געיאָגט אונטער די גליהענדיגע שטראַהלען פון דער זון דער דאָזיגער גרעל־פאַרביגער וואָגען מיט פרויען.

ווען דער וואָגען איז שטעהן געבליבען נעבען ריווע'ס הויז, האָט דער זייגער געשלאָגען איינס.

זיי אַלע זיינען געווען צובראָכען פון דער רייזע און בלייך פאַר הונגער. זייט זיי זיינען ארויסגעפאָהרען, האָבען זיי נאָך גאָר נישט אינ'ם מויל געהאַט.

פרוי ריווע איז ארויסגעלאָפען זיי אַנטקעגען, האָט געהאָלפען זיי ארונטערקריכען און מיט יעדער בעזונדער זיך צוקושט. פון איהר שוועגערין איז זי ניט אָפּגעטראָטען און האָט זיך גע'חנפ'עט צו איהר.

פון דער ווערקשטאַט האָט מען ארויסגעטראָגען דעם הובעל־באַנק, דאָרט האָט מען דעם טיש געגרייט און געגעסען.

מען האָט דערלאַנגט א גוטען פיינ־קוכען, דערנאָך געפּרעגעלטע וואורשט, וואָס זיי האָבען פערטרונקען מיט עפּעל־וויין, און זיי אַלע זיינען ווידער פרעהלאַך געוואָרען.

דאָס פּראָפעסיאָנעלע בעדערפניש צו קושען און לאָסצען, האָבען די דאָזיגע אַלע דאַמען זי געלאָסצעט און געקושט, פּונקט ווי די ענט־לאַך אין דעם וואַגאָן. יעדע פון זיי האָט זי גענומען אויף די קניע, געדריקט זי שטורמיש אין די אָרעמס.

דאָס קינד, אין גאַנצען דורכגענומען מיט פרומע געפיהלען, וואָס די קאָנפירמאַציאָן האָט אין איהר ערוועקט, איז געזעסען רו־היג און האָט געדולדיג אריבערגעטראָגען זייערע אַלעמענס צערט־ליכקייטען.

אַזוי ווי זיי זיינען מיעד געווען, האָבען זיי אַלע באַלד נאָך סאַ־פּער זיך צולעגט אויף זייערע פּלעצער. אָן אונענדליכע, כמעט היי־ליגע שטילקייט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דאָס קליינע דאָרף. די דאַמען פון דעם עפּענטליכען הייזעל, וואָס זיינען געוואוינט גע־ווען צו אויפרעגענדע, ליאַרעמדיגע נעכט, זיינען געווען גערירט פון דער דאָזיגער שטילקייט פון די שלאָפענדיגע פעלדער. זיי האָ־בען געשוידערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, ניט פאַר קעלט, נור פאַר טיעפער בעוועגונג וואָס האָט אַנגעפילט זייערע אונרוהיגע, צו־רודערטע הערצער.

באַלד, ווי זיי זיינען אין'ם בעט געווען, האָבען זיי זיך אַרומגע־נומען, יעדע איהר חבר'טע, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך וועלען בע־שיצען פון דעם געוואַלדיגען איינדרוק, וואָס די שלאָפענדיגע פעל־דער האָבען אויף זיי געמאַכט. נור איין ראָזאַ „די שקאַפע" איז געלע־גען אַליין אין איהר דונקעלען צימער'ל און, ניט זייענדיג געוואוינט אַליין צו שלאָפען, האָט זי זיך געפיהלט ניט אַנגענעהם. זי האָט זיך אַרומגעוואָרפען אויף איהר געלעגער און ניט געקענט אַנשלאָפען ווערען. פּלוצים האָט זי דערהערט פון הינטער דעם ווענטעל אַ שטי־לע שלוכצען ווי פון אַ קינד. זי האָט זיך דערשראָקען און גענומען רופען. עס האָט איהר געענטפערט אַ שוואַך, דין קול. דאָס איז גע־ווען דאָס קליינע מיידעל, וועלכע איז געוואוינט געווען צו שלאָפען מיט דער מוטער און האָט איצט מורא געהאַט צו שלאָפען אַליין אויף די שמאָלע ברעטער.

אַ דערפרעהטע איז ראָזאַ פון דעם בעט אַרונטער און שטיל, אום ניט אויפצו־וועקען קיינעם, איז זי אַוועק צום קינד. זי האָט עס

„די קוואַקטוכע" און פלאַרא „די הוידע", וועלכע האָט פאַר מיעדקייט אונטערגעהונקען.

די איינוואָהנער האָבען זיך בעוויזען אין די טירען, די קינדער האָבען זיך אויפגעהערט צו שפּיעלען. דאָ און דאָרט האָט זיך אָפּגע־רוקט אַ פאַרהאַנג פון אַ פענסטער, און אַ קאָפּ מיט אַ ציפּעק האָט זיך אַרויסגערוקט. אַן אַלטע האַלב־בלינדע פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטען גאַס, אָנגעלעהנט אויף קרוקעס, האָט זיך איבערגע׳צלם׳ט, ווי פאַר אַ הייליגער פּראָצעסיאָן; און אַלע אויגען זיינען געווען אויסגעגלאָצט אויף די דאָזיגע שטאָדטישע דאַמען, וואָס זיינען גע־קומען פון ווייט צו דער קאָנפירמאַציאָן פון זשאָזעף ריוווע׳ס טעכ־טער׳ל. דער טישלער האָט זיך שטאַרק אויפגעהויבען אין די אויגען פון זיינע שכנים.

בעת זיי זיינען פערבייגעגאַנגען די קירכע, האָבען זיי דערהערט אַ געזאַנג פון קינדער. שאַרפע, הילכענדיגע שטימען האָבען זיך געטראָגען מיט אַ תפילה צום הימעל. די מאַדאַם האָט ניט דערלאָזט אַריינגעהן אין קירכע, כדי ניט צו שטערען די קינדער.

זשאָזעף ריווע האָט זיי געוויזען די פעלדער, די הייזער פון די רייכערע פּויערים, האָט זיי אויסגערעכענט דעם איינקונפט, וואָס עס טראָגען אַריין די פעלדער און פיה, און דערנאָך געבראַכט זיין טשע־רעדע פרויען צוריק אַהיים.

אַזוי ווי עס האָט ניט געסטאַיעט קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען, האָט מען זיי צולעגט צו פּאָאַרווייז.

ריווע׳ן אַליין איז אויסגעקומען צו שלאָפען אין ווערקשטאַט אויף אַ קופּע סטרוזשקעס; זיין ווייב האָט זיך געלעגט מיט דער שוועגערין. דעם צימער דערביי האָט מען אָפּגעגעבען פערנאַנדאַ׳ן און ראַפאַעלאַ׳ן. לואיזע׳ן און פלאָראַ׳ן האָט מען אויסגעבעט אין דער קיך אויף דער פּאַדלאָגע, און ראָזאַ׳ן האָט מען אָפּגעגעבען אַ דונקע־לען צימער בעזונדער אונטער די טרעפּ, און געגען איהר בעט, הינטער׳ן ווענטעל, האָט געזאָלט שלאָפען אויף שמאַלע ברעטער די קאָנפירמאַציאָנקע אַליין.

ווען דאָס מיידעלע האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער קירכע, האָבען זיך אַלע אַרויפגעוואָרפען אויף איהר קושען; פיהלענדיג

דער פאָרם און אַלטער, אייניגע מיט דעם פאָדערשטען טהייל אויס־געבויגט צו דער ערד, אַנדערע מיט דעם הינטערשטען טהייל, אָבער אַלע מיט די האַליאַבלעס אין דער לופט.

ביים טישלער אין׳ם הויז האָט זיך געריישט ווי אין א ביהנשטאָק. די מיידלאַך אין קארסעטען און אונטער־רעק מיט די שיטערע און קורצע האָאר צולאָזט איבער׳ן רוקען, — די אָבגעבליאַקירטע און אויסגעקראָכענע האָאר זייערע, וועלכע דאָס שטענדיגע פראַזירען און ברענען האָט ווי אויפגעפרעסען — האָבען געהאָלפען דער מיידעלע אָנטהאָן זיך.

דאָס יונגע קינד איז געשטאַנען אויף א טיש און האָט זיך ניט געריהרט, וועהרענד פרוי טעלליע האָט געהיט די בעוועגונגען פון אַלע איהרע מיידלאַך. מען האָט זי ארומגעוואַשען, פערקאַמט, אָנ־געפריזירט און אָנגעטהאָן. מיט א גאַנצער מאַסע שפּילקעס האָט מען איהר די פאַלדען פון דעם קלייד איינגעשפּיעלעט, די צו ברייטע טאַליע איינגעצויגען און דאָס גאַנצע קלייד שעהן געמאַכט. ווען מען איז דערמיט פארטיג געוואָרען, האָט מען דאָס גערולדיגע מיי־דעלע אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און איהר געהייסען, זי זאָל זיך גוט ריהרען. די אויפגערעגטע מיידלאַך זיינען דאַן אוועק זיך אַליין אויסצופּוצען.

דער גלאָק פון דער קליינער קירכע האָט ווידער גענומען קלינ־גען. דער שוואַכער קלאַנג פון דעם דינעם גלעקעל האָט זיך פערלאָ־רען אין דעם ווייטען הימעל־רוים, ווי א צו שוואַכע שטימע, וואָס ווערט פערשלונגען פון דער ווייטקייט.

דער עולם איז ארויס פון די טירען און אוועק צום געמיינדע־הויז, וואו עס האָבען זיך געפונען די צוויי שוהלען און די קאַנצע־ליאַריע פון דעם בירגערמייסטער. דאָס דאָזיגע הויז איז געשטאַנען אויף׳ן עק פון׳ם דאָרף אנטקעגען דער קירכע.

די עלטערן זיינען געגאַנגען נאָך די קינדער, אויסגעפּוצט אין זייערע זונטאַגדיגע קליידער, מיט יענע אונגעשיקטע בעוועגונגען פון מענשען, וועלכע זיינען געוואַהנט צו שווערע ארבייט. די קליינע מיידלאַך זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען אונטער א וואָלקען פון ווייסען טול און די אינגלאַך, עהנליך צו קליינע קעלנער, מיט גלאַנ־

גענומען צו זיך אין בעט אריין, צוגעדריקט צו איהר ברוסט, געקושט עס און געלאָסצעט מיט איבערטריבענע צערטליכקייט. דערנאָך איז זי אַליין אויך רוהיגער געוואָרען און האָט איינגעשלאָפען. און ביז טאָג האָט דער אונשולדיגער, ריינער שטערן פון דער קאָנפירמאַציאָנקע גערוהט אויף דער נאַקעטער ברוסט פון דער פּראָסטיטוטקע.

א זייגער פינף האָט דער קירכען־טהורם אָנגעהויבען צו קלינגען און אויפגעוועקט די דאמען, וואס זיינען געווען געוואוינט צו שלאָפען שפּעט אין טאָג אריין.

די פויערים אין׳ם דאָרף זיינען שוין לאַנג געווען אויף. די פרויען זיינען ארומגעלאָפען פערהאַוועט פון טיר צו טיר, האָבען געשמועסט און פּאָרזיכטיג געטראָגען אין די הענד שטייף־געקראכמעלעטע קליידלאַך אָדער גרויסע וואקסענע ליכט, וואָס זיינען אין מיטען ארומגעבונדען געווען מיט זיידענע אָדער גאָלדענע שלייפען.

די זון האָט שוין הויך געלייכטעט אויף׳ן בלויען הימעל, וועלכער האָט נור אויף׳ן האָריזאָנט געהאַט אַ ראזעווען פלעק, אַ שוואַכען צייכען פון דעם מאָרגען־שטערן. פאַר די הייזער זיינען ארומגעלאָפען היהנער. און דארט האָט א שווארצער האָהן פערריסען זיין קאָפּ מיט דעם רויטען קאם, אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פליגעלען און ארויסגעלאָזט זיין „קוקערעקו" אויף׳ן ווינד, וואָס די אַנדערע העהנער האָבען באַלד אונטערגעכאַפּט.

פון די נאָהענטע דערפער זיינען אָנגעפאָהרען וועגלאַך, האָבען זיך אבגעשטעלט פאַר די הייזער און נארמאַנדישע פויערטעס זיינען ארונטערגעקראָכען פון די דאָזיגע וועגלאַך. זיי אַלע זיינען געווען אָנגעטהאָן אין דונקעלע קליידלאַך און טיכער, וואָס זיינען געווען איבערגעלייגט אויף דער ברוסט, ווי אַ צלם, און צוגעשפּילעט מיט זילבערנע שפּילקעס, וועלכע זיינען א יאָהר הונדערט אלט געווען. די מענער האָבען געטראָגען איבער זייערע בלויע רעק, סיי נייע און סיי אַלטע, בלויע בלוזעס, פון אונטער וועלכע עס האָבען ארויסגעקוקט די פּאָלעס פון די רעק.

ווען מען האָט די פערד צושטעלט אין די שטאַלען, זיינען איבער׳ן גאַנצען לענג פון דעם וועג געשטאַנען צוויי ראנדען דאָרפישע פוהרען, וועגלאַך, קאבריאַליעטעס, טילבורעס און קויטשעס פון יע־

שטראהלט, ווי די הייליגע פּריסטער־קליידער. דער בירגערמייסטער האָט זיי אָבגעטראָטען זיין באנק אויבענ־אָן.

פרוי טעלליע האָט זיך דאָרט אוועקגעזעצט מיט איהר שווענערין, און פערנאנדרא מיט ראפאעלא׳ן נעבען זיי; ראזא און ביידע פּאָמפּעס צוזאמען מיט׳ן טישלער האָבען פערנומען די צווייטע באנק. דער כאָהר אין קירכע איז פול געווען מיט מיידלאך פון איין זייט און אינגלאך פון דער צווייטער. זיי האָבען דאָרט געקניעט מיט לאנגע ליכט אין די הענד, וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי א גאנצע מאסע, אין אלע זייטען געבויגענע, שפּיזען.

פאר׳ן כאָהר־פּולט זיינען געשטאנען דריי מענער און געזונגען מיט הויכע שטימען. זיי האָבען אָהן אויפהער געצויגען די קלינגענדע לאטיינישע זילבען און זייערע „אמן׳ס" זיינען געווען לאנג און אויסגעצויגען אָהן א ברעג. א שארפע קינדער־שטימע האָט געענטפערט. און פון צייט צו צייט האָט א פּריסטער, וועלכער איז געזעסען אויף זיין פלאץ צווישען כאָהר מיט א פיערקאנטיגען היטעלע אויף׳ן קאָפּ, זיך אויפגעהויבען, עפּעס געזאָגט און זיך ווידער געזעצט. און די דריי זינגער האָבען נאָך אלץ געזונגען, די אויגען שטאר אויף דאָס גראָבע בוך מיט נאָטען אָנגעשטעלט, וואָס איז געלעגען פאר זיי אן אפענעם אויף די אויסגעשפּרייטע פליעגעל פון א היל־צערנעם אדלער, וועלכער האָט געשוועבט אויף איינעם פון די זייטען. דערנאָך איז אלעס שטיל געוואָרען. די גאנצע געמיינדע האָט זיך מיט איין מאָל אויף די קניע אראָפּגעלאָזט. עס איז ערשיענען דער פּריסטער, אן אלטער, בכבוד׳ער מאן מיט ווייסע האאר, האָט זיך אריבערגעבויגען איבער׳ן קרוג, וועלכען ער האָט אין זיין לינקער האנד געטראָגען. פאר איהם זיינען געגאנגען ביידע אדמיניסטראנטען אין רויטע מלבושים און הינטער איהם אן עולם זינגער אין שווערע שטיוועל, וועלכע האָבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען פון דעם כאָהר.

א קליין גלעקעלע האָט אין דער טיעפער שטילקייט אָנגעקלונגען. דער גאָטעס־דיענסט האָט זיך אָנגעהויבען. דער פּריסטער איז לאנגזאם געגאנגען הין און צוריק פאר דעם גאָלדענעם טאבערנאקעל, האָט געקניעט און געזונגען, מיט א געבראָכענער און פון אלטקייט

ציגע, אויסגעפּאמאדעוועטע קעפּ, האָבען געטראַטען מיט ווייט צו־שפּרייטע פיס, כדי ניט צו פערשמוצען זייערע נייע, שווארצע פּאנטאלאָנעס.

עס איז געווען אַ כבוד פאר אַ פאַמיליע, ווען איהרען אַ קינד האָבען ארומגערינגעלט אַ סך קרובים, וועלכע זיינען געקומען צו־פאָהרען פון ערגעץ ווייט. אויף אַזאַ אופן האָט דער טײטלער געמיגט זיין שטאָלצער פון אַלעמען. נאָך קאָנסטאַנצע׳ן איז נאָכגעגאנגען דער גאַנצער רעגימענט פון פּרוי טעלליע מיט איהר אַליין אָן דער שפּיצע. דער פאָטער האָט געפיהרט אונטער׳ן אָרעם די שוועסטער, די מוטער איז געגאַנגען לעבען ראַפּאַעלאַ׳ן, פּערנאַנדאָ מיט ראָזאַ׳ן,ביידע „פּאָמפּעס“ צוזאַמען. אויף אַזאַ שטייגער האָט די מאַיעסטעטישע פּראָצעסיאָן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גענעראַל שטאַב אין פּאַראַדנער פאָרמע.

אין דעם דאָרף האָט עס געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק.

אין דער שוהלע האָבען זיך די מיידלאך אויסגעשטעלט אין רייהען אונטער דער פיהרונג פון אַ פרומער שוועסטער, די אינגלאך אונטער דער פיהרונג פון אַ לעהרער, אַ שעהנעם, ערנסט־אויסזע־הענדיגען מאַן; דאַן זיינען זיי אוועק זינגענדיג תפילות.

די אינגעלאך זיינען געגאַנגען פאַראויס אין צוויי לאַנגע ריי־העז צווישען די אויסגעשטעלטע וואָגענס. אויף׳ן זעלביגען שטייגער זיינען נאָכגעגאַנגען די מיידלאך. און אַזוי ווי אַלע היימישע האָבען אויס רעספּעקט צו די שטאָדטישע דאַמען, זיי דעם אויבען אָן אָב־געטראָטען, זיינען די דאַמען געגאַנגען גלייך נאָך די קליינוואַרג, נאָך לענגער מאַכענדיג דעם דאָפּעלטען צוג פון דער פּראָצעסיאָן. דריי פון זיי זיינען געגאַנגען רעכטס, די אַנדערע דריי לינקס און זיי־ערע קליידער האָבען געפינקעלט, ווי אמת׳ע בריליאַנטענע פייער־ווערק.

זייער אריינטריט אין קירכע האָט דעם עולם משוגע געמאַכט. מען האָט זיך געשטופּט, געשטויסען, געקעהרט און געדרעהט זיך, אום זיי צו זעהן, און די פרומע האָבען גערעדט כמעט אויף׳ן קול, ערשטוינט פון דעם אויסזעהן פון די דאָזיגע דאַמען, וואָס זייערע קליידער האָבען נאָך מעהר געגליטשעט, געפינקעלט און גע־

שטאַנען, וואָלט זיך צו איהר צוריק אומגעקעהרט: און זי האָט זיך צו־וויינט. צוערשט האָבען זיך נור קאַרגע טרעהרען איבער איהרע באַקען געקייקעלט. אָבער צוזאַמען מיט דער עראַינערונג איז געוואַקסען איהר אויפרעגונג, עס האָט איהר פערקוועטשט אין האַלז, דאָס האַרץ אין דער ברוסט האָט גענומען קלאַפּען און זי האָט זיך צו־וויינט אויפ'ן קול. זי האָט ארויסגענומען א טיכעל, אָבגעווישט זיך די אויגען און פערשטיקט די נאָז און דאָס מויל, כדי ניט צו שרייען. — אומזיסט. עפּעס א מין כריפּען האָט זיך פון איהר האַלז ארויסגעריסען און צוויי אַנדערע הערצרייסענדע, טיעפע זיפצען האָבען איהר געענטפערט. ביידע פריינדינען, וועלכע האָבען געקניעט נעבען איהר, לואיזע און פלאָרא, זיינען אויך פון די זעלבע ווייטע עראַינערונגען איבערוועלטיגט געוואָרען און זיי האָבען געקרעכצט, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען.

טרעהרען זייען אַנשטעקענד. די מאַדאַם האָט אויך באַלד דערפיהלט, אַז איהרע באַקען ווערען נאַס, און ווען זי האָט זיך אומגעדרעהט צו איהר שוועגערין, האָט זי דערזעהן, אַז די גאַנצע באַנק וויינט.

דער פּריסטער האָט געמאַכט די הייליגע פּאַרברייטונגען. די קינדער האָבען שוין פון קיין זאַך מעהר ניט געטראַכט, זיי זיינען געלעגען אויף דר'ערד אין עפּעס א מין פרומער איבערגעבענקייט. און אין קירכע האָט דאָ א פרוי, דאָ א מוטער און דאָ א שוועסטער איהר קעסטעלדיגען טאַשענטוך מיט טרעהרען בענעצט און עס דאַן מיט דער לינקער האַנד צום קלאַפּעדיגען האַרצען צוגעדריקט. אַזוי שטאַרק האָט אויף זיי געווירקט דער הייליגער אַקט און דער אָנבליק פון די שעהנע דאַמען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די קניע און זיך געטרייסעלט פאַר געוויין.

ווי א ברענענדיג פונק, געוואָרפען אויף א טרוקענעם, רייפען קאָרן־פעלד, צוטראָגט זיך מיט א פייער איבערן גאַנצען פעלד, אַזוי האָבען אויך ראַזאַ'ס און איהרע פריינדינס טרעהרען אין איין אויגענבליק דעם גאַנצען עולם אָנגעשטעקט. מענער, פרויען, גרייזען, יונגע בחורים אין נייע בלויע בלוזעס, אַלע האָבען געוויינט. און עס האָט זיך אויסגעגעבען, אַז איבער זייערע קעפּ שוועבט עטוואָס אי־

עטוואָס ציטערנדיגער שטימע, די איינלייטונגס געבעטען. ווי נור ער איז אנשוויגען געוואָרען, האָבען געגומען הילכען די זינגער, דער ארגעל, אלע מיט אמאָל. עס האָבען אויך גענומען זינגען די לייטע אין קירכע, אָבער ניט שטארק הויך, בעשיידען, ווי עס פּאסט זיך פאר א פרומער געמיינדע.

„גאָט זיי אונז גנעדיג!" האָט זיך פּלוצים א ריס געטהאָן פון אלע העלזער און הערצער און זיך גענומען טראָגען צום הימעל. דער געשריי איז געוועזען אזוי גרויס, דאָס די ווענט האָבען א ציטער געטהאָן און פון דעם אלטען סופיט האָבען זיך גענומען שיטען שטיק־לאך קאלך און צופוילטע העלצלאך. די זונן, אָנברענענדיג דעם דאך, האָט געמאכט די קירכע פאר אַן אמת'ן קאלך־אויווען. און גרויסע אויפרעגונג, אונרוהיגע ערוואַרטונג, די נאָהנטקייט פון'ם אונאויס־שפרעכליכען געהיימניס האָט געמאכט שטארקער קלאַפּען די הער־צער פון די קינדער און פערשטיקט די העלזער פון די מוטערס.

דער פּריסטער, וועלכער איז א קורצע צייט געזעסען, האָט זיך ווידער אויפגעהויבען, איז ארויף צום אלטאר מיט א הוילען קאָפּ, אויף וועלכען עס האָבען זיך נור געזעהן די זילבערנע האָר און מיט א ציטערנדיגער בעוועגונג האָט ער גענומען אויספיהרען דעם הייליגען אקט.

ער האָט זיך געווענדעט צו די גלויביגע, אויסגעשטרעקט צו זיי די הענד און אויסגערופען:

— טהוט תפילה, מיינע ברידער!

אלע האָבען גענומען בעטען. דער אלטער פּריסטער האָט אין דער שטיל געשעפּצעט ווערטער, געהיימניספולע און הייליגע. דאָס גלעקעל האָט אלץ געקלונגען; דער עולם האָט זיך געבוקט און גע־בעטען צו גאָט. דאָס מורא פון די קינדער איז געווען אָהן א שיעור.

דאָ האָט זיך ראָזא, וועלכע איז געזעסען מיט דעם שטערן אויף די הענד אָנגעשפּארט, פּלוצים דערמאָהנט אָן איהר מוטער אין דער־היים, אָן דער קירכע אין איהר דאָרף און אָן איהר אייגענער קאָנ־פירמאַציאָן.

עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי יענער טאָג, ווען זי איז געווען א קליין מיידעלע און איז אויך אין איהר ווייס קליידעלע גע־

זינגער, איצט אין ווייסע מלבושים, האָבן ווידער גענומען זינגען, דאָס מאָל ניט מיט אַזוינע זיכערע און ריינע שטימען ווי פריהער; און דער הארניסט איז אויך, דאכט זיך, הייזעריג געוואָרען, אקוראַט ווי זיין האָרן, אין וועלכען ער האָט געבלאָזען, האָט אויך געוויינט.

דאן האָט דער פריסטער אויפגעהויבען די הענד גוּן א צייכען געגעבען, מען זאָל שווייגען. ער איז דורכגעגאנגען דורך די רייהע פון די קאָנפירמאציאנטען, וועלכע זיינען, דאכט זיך, אין גאנצען פער־זונקען געווען אין זייער גליק, און איז צוגעגאנגען צו דעם שטאכעט, וואו דער כאָהר איז געשטאנען.

קלאפענדיג מיט די שטולען, האָט זיך דער עולם איצט צווזעצט אויף די פלעצער און שטארק געסמאָרקעט מיט די נעזער. בעמער־קענדיג ווידער דעם פריסטער, איז מען שטיל געוואָרען. דאן האָט דער פריסטער אָנגעהייבען צו ריידען גאנץ שטיל, אויפגערעגט און מיט א ציטערדיגען קול:

— ליעבע ברידער! ליעבע שוועסטער! ליעבע קינדער! איך דאנק אייך פון טיעפסטען הארצען. איהר האָט מיר ערשט דאָס גרעסטע גליק פון מיין לעבען פערשאפט. איך פיהל, אז גאָט האָט מיינע תפילות צוגעהערט און ער האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף אייך. ער האָט זיך ארונטערגעלאָזט, ער איז געווען דאָ, האָט אָנגע־פילט אייערע הערצער און פייכט געמאכט אייערע אויגען. איך בין דער עלטסטער פריסט אין דער עפארכיע און היינט בין איך דער גליקליכסטער. א וואונדער איז צווישען אונז געשעהן, אן אמת׳ער גרויסער, ערהאבענער וואונדער. ווען כריסטוס האָט צום ערשטען מאָל ארייננעדרונגען אין די לייבער פון די דאָזיגע קינדער, האָט זיך דער הייליגער גייסט, די טויב, דער הויך פון גאָט ארונטערגעלאָזט אויף אייך, האָט אייך אין גאנצען בייגעקומען, געפאקט אייך און צו דר׳ערד געבויגט, ווי דער ווינד א יונג ביימעלע...

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו די צוויי בענק, וואו דעם טיש־לער׳ס געסט זיינען געזעסען, און ער האָט געזאָגט:

— בעזאנדערס דאנק איך אייך, מיינע טהייערע שוועסטער, וואס איהר זייט געקומען פון אזוי ווייט; אייער אנוועזענהייט צווי־שען אונז, אייער טיעפער גלויבען, וואס איז ניכר אויף אייך, אייער

בערמענשליכעס, עמיצענס א נשמה טראָגט זיך אין דער לופטען, און עס פיהלט זיך דער הויך פון א געטליכען, אונזיכטבארען, אלמעכ־טיגען וועזען.

דאן האָט זיך אין כאָהר דערהערט א לייכטער קלאַפּ. דאָס האָט די גאַנצע געגעבען א ציטער, אז מען זאָל צוטרעטען צו דער קאָנפירמאציאָן. און די קינדער, טרייסלענדיג זיך פאר הייליגען שוידער, זיינען צוגעגאנגען צום געטליכען טראָהן. אלע האָבען זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע. דער אלטער פריסטער, וועלכער האָט געהאלטען אין דער האנד א הייליג, מיט גאָלד און זילבער בעפּוצט בילד, איז פערבייגעגאנגען פערביי זיי און האָט מיט צוויי פינגער צו זיי אויסגעשטרעקט דעם הייליגען קרבן, כריסטוס'עס לייב, די ערליי־זונג פון דער וועלט. זיי האָבען קראמפּפּהאַפט די מיילער געעפענט. און זייערע אויגען האָבען נערוועז געפינטעלט, און זייערע פּנים'ער זיינען געוועזען בלייך, און די לאַנגע טיכער, וואָס זיינען פערבונדען געוועזען אונטער זייערע מאָרדעס, האָבען געפלאַטערט און געציטערט, ווי פליסענדיגעס וואסער.

פלוצים האָט זיך דורכגעטראָגען איבער די קירכע א משונה'־דיגער טומעל, א שטורם פון שלוכצען און קלאָגען און אונטערדריק־טע געשרייען. ווי א שטורם־ווינד, וואָס מאַכט דעם וואלד זיך בויי־גען און קרעכצען, האָט ער זיך דורכגעטראָגען. דער פריסטער איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט, מיט דעם קרבן אין דער האַנד, פאר שטאַרקער אויפרעגונג און ער האָט ביי זיך געטראַכט: דאָס איז גאָט! גאָט האָט מיין תפילה דערהערט און אויף זיין קניענדיגע פאָלק זיך ארונטערגעלאָזט. און ער האָט געשטאַמעלט אונבעשטימטע תפילות, פיר וועלכע ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען, תפילות, וואָס זיינען פון זיין נשמה געקומען און האָבען זיך געריסען, פול הייליגער עקסטאַז, צום הימעל.

ער האָט געענדיגט דעם הייליגען אקט אין אזאַ רעליגיעזער אויפרעגונג, דאָס די פיס האָבען זיך ביי איהם אונטערגעהאַקט, און ווען ער האָט אויסגעטרונקען דאָס בלוט פון זיין ערלייזער, האָט זיין ניט־אירדישער פּנים אויסגעדריקט טיעפע גליקזעליגקייט.

דער עולם הינטער איהם האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט. די

פאַר דעם יום־טובדיגען מאָהלצייט פון לאַנגע ברעטער אויפגע־שטעלט געווען.

די טיר צו דער גאַס צו איז געווען אָפען, און אהין האָט זיך אריינגעריסען דער טומעל פון דעם הוליענדיגען דאָרף. אומעדום האָט מען געגעסען און געטרונקען. דורך אַלע פענסטער האָט מען געזעהן די פויערים אין יום־טוב׳דיגע קליידער ארום די טישען זיצען און פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען פרעהליכע געשרייען. די פויערים אָהן רעק האָבען געטרונקען עפּעל־וויין איין גלאָז נאָכ׳ן אַנדערען, און צווישען זיי, אין יעדען הויז, האָט מען געזעהן קינדער זיצען.

צייטענווייז האָט זיך דורכגעטראָגען איבער דער גאַס אונטער דער גליהענדיגער בייטאָגיגער זון אַ וואָגען מיט אַן אַלטער שפּרינג־גענדיגער שקאַפּע, און דער מאַן אין דער בלוזע, וועלכער האָט די לייצעס געהאַלטען, האָט געקוקט מיט קנאה אויף די דאָזיגע אַלע פעסט־מאָהלצייטען.

ביי דעם טישלער אין דער וואָהנונג האָט זיך דער עולם נאָך ניט צוהוליעט. די אַלע דאַמען זיינען נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק פון די אויפרעגונגען אין דער קירכע. ריוועט נור אַליין איז געווען אויפגעלעגט און געגאַסען אין זיך, ווי אין אַ פּאַס אריין. מאַדאַם טעלליע האָט יעדע מינוט געקוקט אויף׳ן זייגער. ווייל, אום ניט צו פערלירען צוויי טעג, האָט זי געמוזט ארויספאָהרען מיט דעם פיער־אוהר צוג.

דער טישלער האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען, די געסט זאָלען פערבלייבען ביז מאָרגען. אָבער די מאַדאַם האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איהר געשעפט.

באַלד נאָך׳ן קאַפע האָט זי געהייסען איהרע דאַמען זיך איינ־פּאַקען. דאַן האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהר ברודער:

— דו, דו מוזט גלייך איינשפּאַנען.

און זי איז אַליין ארויס, איינפּאַקען זיך.

ווען זי איז אריין צוריק, האָט אויף איהר געוואַרט די שווענגע־רין, אום מיט איהר וועגען דער קליינער צו ריידען. זיי האָבען אַ לאַנגען געשפּרעך געהאַט, אָבער קיין שום זאַך האָט די שווענגערין

פרומקייט איז פאר אונז א איבערצייגענדער ביישפיעל געווען. אייער פרומקייט האָט די איבריגע מיטגעריסען. אהן אייך וואלט אפשר דער דאָזיגער גרויסער טאָג אזא אמת געטליכען כאראקטער ניט געטראָגען. מאנכעס מאָל דארף מען נור איין אויסגעוועהלטע, פרומע שאף, אום אַז דער ערלייזער, דער הארר זאָל ארונטערקומען רוהען אויף זיין טשערעדע.

זיין שטימע איז געווארען שוואכער און ער האָט נור נאָך צוגע־לייגט:

— גאָט זאָל אייך בענשען! אמן!

דאן איז ער ארויף צום אלטאר, אום צו ענדיגען דעם הייליגען אקט.

איצט האָט זיך דער עולם געאיילט אוועקגעהן. די קינדער זיי־נען געווען אויפגערעגט, מיעד פון לאנגער אנשטרענגונג. חוץ דעם, זיינען זיי געווען אויסגעהונגערט, און די עלטערען האָבען ביסלעכ־ווייז זיך ארויסגערוקט פון דער קירכע, ניט אויסזיצענדיג אין גאנצען די לעצטע תפילות.

ביים ארייגאנג האָט זיך דער עולם געשטופט און געליארמט, און אויסגעשטעלט זיך אין צוויי רייהען. און ווען די קינדער האָבען זיך בעוויזען, האָט זיך יעדע פאמיליע צו איהר קינד געווארפען.

צו קאנסטאנציע׳ן האָבען זיך א ווארף געטהאָן אלע דאמען, האָבען זי געהאלזט און געקושט אָהן א סוף. בעזאָנדערס האָט זיך ראזא איינגעגעסען אין איהר, ניט אפצורייסען זי פונ׳ם קינד. צולעצט האָט זי אנגענומען זי פאר איין האנד, מאדאם טעלליע פאר די צווייטע, ראפאעלא און פערנאנדע האָבען איהר נאָכגעטראגען פון הינטען די לאנגע שלעפע פון דעם לייווענדנעם קלייד, כדי עס זאָל זיך ניט שלעפען איבער׳ן שטויב; לואיזע, פלאָרא און מאדאם ריווע הינטער זיי, און דאָס מיידעלע, אין גאנצען פערטהאָן אין זיך און פון גאָט דורכגעדרונגען, איז אוועק, בעגלייט פון דעם דאָזיגען עהרען־עסקארט.

דעם פעסט־מאָהלצייט האָט מען אין ווערקשטאט דערלאנגט. דער עולם איז ארום לאנגע טישען געזעסען, וואָס זיינען ספעציעל

דער וואגען האָט זיך געריהרט און, ווי נעכטען, איז דאָס ווייסע פערדיל אוועק מיט זיינע שנעלע, טאנצענדיגע טריט.

אונטער דער גליהענדיגער זון האָט ביי די דאמען די פרעהליכ־קייט ערוואכט. זיי האָבען איצט געלאכט איבער דאָס טרייסלען זיך פון דעם אַלטען וואגען, האָבען געשלעפּט די שטולען איינע ביי דער אנדערער און האָבען ארויסגעלאָזט הויכע קוויטשערייען, דערמאַ־נענדיג זיך, ווי ריווע האָט זיך געריסען צו ראזא'ן.

א בלענדענדיגע ליכטיגקייט האָט פערטרונקען די פעלדער, און די רעדער האָבען אויפגעהויבען א שטויב־וואלקען, וואס האָט זיך געדרעהט הינטער'ן וואגען איבער'ן ברייטען וועג.

פלוצים האָט פערנאנדא, וועלכע האָט ליעב געהאט מוזיק, געבעטען ראזא'ן, זי זאָל עפּעס זינגען. יענע האָט פרעהלאך גענומען זינגען דאָס ליעד וועגען דעם דיקען פּריעסט פון מעדאָן. אָבער די מאראם האָט זיך ארייננגעמישט: אזא ליעד פּאסט ניט פאר הײנט, און זי האָט צוגעלייגט: — בעסער זינג אונז פון בעראנזשע'ס*) ליעדער.

דאַן האָט ראזא א ווײלע זיך געלאָזט בעטען און דערנאך האָט זי גענומען זינגען מיט איהר הייזעריגער שטימע דאָס ליעד: „די באבע".

די באבעניו האָט וויין געטרונקען
א גאנצע גלאָז צו איהר געבורטסטאג'ס באלל
און זאגט, אויף ברוסט דעם קאָפּ געזונקען:
ליעבהאבער געהאט האָב איך א שלל!
אוי, מיינע הענטעלאך,
מיינע פיס אזוי רונד!
א שאָד איז פיר מאנכע
גאָר פערלארענע שטונד!

און דער כאָר פון די דאמען צוזאמען מיט דער מאדאם האָבען אונטערגעכאפּט:

*) בעראנזשע איז געווען א פראנצויזישער פאָלקס־דיכטער. זיינע ליעדער זיינען זעהר פּאפּולער ביים פראנצויזישען פאָלק. — ל. ק.

ביי איהר ניט גע׳פועל׳ט. די פויערטע האָט זי גע׳חנפה׳ט און אַרויס־געוויזען איהר פיעל ליעבע. אָבער זי, האַלטענדיג דאָס מיידעל אויף די קניע, האָט גאָר נישט בעשטימט פערשפּראָכען, זיך אַרויסדרעהענ־דיג מיט אונבעשטימטע פערשפּרעכונגען: זי וועט שוין דאָס קינד אין זינען האָבען, עס איז נאָך דאָ צייט, און זיי וועלען זיך נאָך אָגב זעהן.

דעם פערד האָט מען פונדערסטוועגען נאָך ניט איינגעשפּאַנט און די דאַמען זיינען נאָך ניט אַרונטער פון דעם אויבערשטען שטאָק. פון אויבען האָבען זיך זאָגאַר געהערט געשרייען, א הויך געלעכטער, א געלאָף, א פּאַטשען מיט די הענד. צום סוף, איז די פרוי פון דעם טישלער אוועק אין שטאַהל, זעהן אויב דער פערד איז געשפּאַנט, און מאַדאַם טעלליע — אויבען, צו די איבריגע דאַמען.

ריווע, שטאַרק שיכור, און האַלב אויסגעטהאָן, האָט געפּרובט פערגוואַלדעווען ראָזאַ „די שקאַפּע", וועלכע האָט געקייכט אונטער איהם פאַר געלעכטער. די צוויי „פּאָמפּעס" האָבען איהם צוריק גע־האַלטען פאַר די הענד, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז אַזאַ זאַך נאָך דער היינטיגער הייליגער צערעמאַניע איז ניט אַנשטענדיג. אָבער ראַפאַעלאַ און פערנאַנדאַ האָבען איהם אונטערגעגעבען חשק, גע־האַלטען זיך ביי די זייטען פאַר פרעהליכען געלעכטער און גע־קוויטשעט הויך אויף׳ן קול פון דעם, וואָס איהם געלינגט ניט.

דער טישלער איז געווען ווילד, זיין פּנים דונקעל־רויט און ער האָט געשטופּט פון זיך די צוויי פרויען, וואָס האָבען איהם צוריק־געהאַלטען.

מיט אַלע כוחות האָט ער געריסען ראָזאַ׳ס קלייד און געשריען:

— דו אויסוואורף, ווילסט ניט, הא?

אָבער די מאַדאַם איז אַזוי אויפגערעגט געווען פון דעם, דאָס זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף איהר ברודער, אָנגעכאַפּט איהם פאַר די אַקסלען און איהם געגעבען אַזאַ וואָרף אַרויס, דאָס ער האָט זיך א זעץ געטהאָן אָן וואַנד.

אין צעהן מינוט אַרום האָט מען געהערט, ווי ער גיעסט זיך וואַסער אויף׳ן קאָפּ, און אין א ווייַלע אַרום, ווען ער איז געזעסען אויף׳ן וואָגען, איז ער שוין געווען ניכטער.

אויף אלסדינג איז דאָ א צייט. מען קען ניט נאכאנאנד הוליען. דאן איז ריווע׳ן איינגעפאלען :

— ווייסטו וואס — האָט ער זיך אָנגערופען — קומענדיגען מאָנאט וועל איך קומען צו אייך צו גאסט אין פעקאן.

און ער האָט דערביי א קוק געטהאָן אויף ראזא׳ן מיט פוטער־דיגע אויגען.

— גוט — האָט געענטפערט די מאדאם — קאָנסט קומען, אבער דו וועסט זיך מוזען האלטען אנשטענדיג.

ער האָט ניט געענטפערט, און אזוי ווי אין דער דאזיגער צייט האָט זיך דערהערט דאָס פייפען פון דעם צוג, האָט ער זיך א כאפ געטהאָן אלעמען צו קושען. ווען ער האָט ארומגעכאפּט ראזא׳ן, האָט ער דורכאויס געוואלט זי קושען אויף די ליפּען, וועלכע זי האָט יעדעס מאָל געשיקט אוועקגעדרעהט, בעת זי האָט דערפּיהלט זיין אטהעם. ער האָט זי געהאלטען פאר די הענד און בשום אופן ניט געקענט אנכאפּען איהר מויל, ווייל איהם האָט געשטערט די גרויסע בייטש, וועלכע ער האָט אין א האנד געהאלטען און וועלכע האָט זיך בעוועגט אהער און אהין הינטער דער מיידעל׳ס רוקען.

— אין די וואגאנעס אריין ! — האָט אויסגערופען דער פּאָר־טיער — נאָך רואן !

זיי זיינען אין די וואגאנעס אריין.

עס האָט זיך דערהערט א לייכטער פייף, וועלכען דער מעכ־טיגער פייף פון דעם לאָקאָמאָטיוו האָט אונטערגעכאפּט. די מאשין האָט ארויסגעשפּייט א ווייסען וואָלקען פון דאמפּף, און די רעדער האָבען זיך מיט מיה גענומען ריהרען.

ריווע האָט פערלאָזען דעם וואקזאל און איז צוגעלאָפען צום שלאג־בוים, אום נאָך אמאָל צו זעהן ראזא׳ן, און ווען דער וואגאן מיט דער לעבעדיגער סחורה האָט זיך פערבייגעטראגען, האָט ער גענומען פאכען מיט דער בייטש, שפּרינגען און זינגען מיט אלע קרעפטען :

אוי, מיינע הענטעלאך,
מיינע פיס אזוי רונד !
א שאָד איז פיר מאנכע

אוי, מיינע הענטעלאך,
מיינע פיס אזוי רונד!
א שאָד איז פיר מאנכע
גאָר פערלארענע שטונד!

— זעהר שעהן! — האָט ערקלעהרט ריווע, ווען עס זיינען שטארק געפעלען געוואָרען די ווערטער פון דעם ליעד.

ראָזא האָט געזונגען ווייטער:

— שוין־זשע, באבוניו, האָסטו געשטיעפט?

— יא, צו פונפצעהן יאהר האָב איך געפּרובט
שוין אין דער ליעבעס ארמס צו זיין
ביי דעם געהיימען לבנה־שיין.

אלע צוזאמען האָבען אונטע־געכאפּט און ריווע אליין האָט צוגעקלאפּט צום טאקט מיט א פוס איבער די האָליאָבלע און מיט די לייצעס איבער דעם פערד׳ס רוקען. דאָס פערדיל, ווי היגגעריסען אליין פון דעם ליעד, האָט זיך אוועקגעטראָגען אין א גאלאפּ, אין אזא ווילדען גאלאפּ, דאָס די דאמען זיינען ארונטער־געפלויגען פון זייערע שטולען.

זיי האָבען זיך ווידער געזעצט און געקוויטשעט דערביי ווי משוגעים. און דאָס ליעד האָט געקלונגען ווייטער, אפּהילכענדיג ווייט איבער די פעלדער, אונטער דעם גליהענדען הימעל, צווישען די רייפע קארנ־זאנגען, ביי דעם ווילדען געלאף פון דעם פערדעל, וואָס האָט זיך צוהיצט אלץ מעהר און מעהר פון דעם געזאנג ארום איהם.

צייטענווייז האָט זיך דארט אויפ׳ן וועג אויפגעהויבען עפּעס א שטיין־קלאפּער און געקוקט דורך זיינע ברילען אויף דעם דאָזיגען ווילדען און שרייענדיגען וואגען, וואס האָט זיך פערבייגעטראגען אין דעם שטויב.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אויפ׳ן וואקזאל, האָט דער טישלער זיך אָנגערופען מיט צערטליכקייט אין זיין קול:

— א שאָד, וואס איהר פאהרט אוועק, מען האָט געקאנט שעהן א לעב טהאָן.

די מאדאם האָט קלוג געענטפערט:

דערנאָך האָט ער אנגעקלונגען און דאָס הויזמיידעל איז אריין.

— מיין ראָק און מיין הוט, שנעל! שנעל!

קוים איז ער ארויס אויף דער גאַס, האָט ער זיך א לאָז געטהאָן לויפען אהן אן אטהעם, און דער וועג האָט זיך איהם אויסגעוויזען מורא׳דיג לאנג, אזוי אונגעדולדיג איז ער געוועזן.

טעלליע׳ס הייזעל האָט אויסגעזעהן יום טוב׳דיג. אין דעם אונ־טערשטען שטאָק האָבען געליארעמט די שטימען פון מאטראָסען און פון האַפען־ארבייטער. לואיזע און פלארא האָבען ניט געוואוסט, וועמען צו ענטפערען, האָבען געטרונקען מיט דעם, מיט דעם אנדע־רען און האָבען היינט פערדיענט מעהר ווי־וועןניט־איז דאָס צונגע־מעניש: „די ביידע פּאמפּעס״. מען האָט זיי גערופען פון אלע זיי־טען; זיי האָבען שוין ניט געקענט בעפריעדיגען די בעדירפנישען פון אלעמען און עס האָט זיי ערווארטעט א זעהר שווערע נאכט.

ארום א זייגער ניין זיינען אויף דעם אויבערשטען שטאָק שוין פערקליבען געוועזן אלע בכבוד׳ע געסט. העררו באססע, דער האנ־דעלס־ריכטער, וועלכער איז פערליעבט געוועזן אין דער מאדאם, איז געזעסען מיט איהר אין א ווינקעלע און האָט זיך שטיל מיט איהר אונטערהאלטען, און ביידע האבען געשמייכעלט אזוי, אקוראט ווי זיי וואלטען געהאלטען ביי עפּעס אן אפּמאַך צווישען זיך. העררר בולען, דער עקס־בירגערמייסטער, האָט געהאלטען ראַזאַ׳ן רייטענדיג אויף די קניע. זי האָט איהם געקוקט טיעף אין די אויגען אריין און געגלעט די ווייסע באַקען־באַרדען. אויף זיינע שווארצע הויזען האָט זיך געזעהן א שטיק פון איהר נאַקעטער פוס, וואס האָט ארויס־געקוקט פון אונטער דעם רויטען, זיידענעם, אונטערגעקאשערטען קלייד. איהרע רויטע זאקען זיינען געוועזן בעציערט מיט א בלויען זאקען־בענדעל, וואס דער רייזענדער האָט איהר געשענקט.

די גרויסע פערנאנדע איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, מיט ביידע פיס אנגעשפּארט ביי העררר פּימפּעס׳ן אויף׳ן בויך און מיט דער ברוסט ביי דעם יונגען באנקיר׳ס זוהן אויף דער וועסט. די רעכטע האַנד האָט זי פערוואָרפען ארום זיין נאַקען און אין דער לינקער האָט זי געהאלטען א פּאַפּיראָס.

און ראפאעלא האָט, קאַנטיג, דארט עפּעס אפּגעמאַכט מיט

גאָר פערלאָרענע שטונד!

דאן האָט ער געקוקט, ווי עס האָט זיך אוועקגעטראגען אליין ווייטער און ווייטער א ווייס טיכעל, מיט וועלכען מען האָט צו איהם פון דעם וואגאן געפאכעט.

.3

זיי האָבען געשלאָפען ביז זייער שטעדטעל מיט דעם פריעדליכען שלאָף פון מענשען מיט א רוהיגען געוויסען. און ווען זיי זיינען אין הויז אריין, אויסגערוהט און אָפּגעפרישט פאר ווייטערע ארבייט, האָט די מאדאם זיך ניט איינגעהאלטען און געזאגט:

— אוי, איך האָב אזוי געבענקט נאָך דער היים!

מען האָט אויף גיך אָפּגעגעסען, דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעטאָן ווידער אין זייערע יצר־הרע־קליידער און געגומען ווארטען אויף געסט. און די קליינע לאנטערנע, וועלכע מען האָט אונטען אָנגעצונדען, האָט אָנגעזאָגט די פערבייגעהער, אז די טשערערע האָט זיך צוריקגעקעהרט אין שטאל אריין.

אין איין רגע האָט זיך די נייעס צוטראגען, ווי אזוי און דורך וועמען, איז שווער צו זאגען. הערר פיליפ, דער זוהן פון דעם באנקיר, איז אזוי ליעבענסווירדיג געוועזען, דאָס ער האָט זאָגאר געשיקט א שליח, אָנצוזאָגען די דאָזיגע פרעהליכע בשורה צו הערר טורנעוואַ'ן, וועלכער איז דעמאלט געזעסען געפאנגען ביי זיין הויז געזינד און זיינע קרובים. גראד דעמאלט זיינען געוועזען ביי איהם צוגאסט עטליכע פון זיינע קרובים, און מען האט שוין געהאט דערלאנגט קאפע צום טיש. ערשט פלוצים איז אריין א מאן מיט א בריעף. הערר טורנעוא, שטארק אויפגערעגט, האָט איהם געעפענט און איז בלייך געוואָרען. די דאָזיגע ווערטער, מיט א בלייפעדער געשריבען, זיינען דאָרט געשטאנען: „די אנגעלאדענע שיף מיט פיש איז אָנגעקומען; די סחורה איז שוין אין דעם האפען. א מציאה פאר אייך. קומט שנעל“.

ער האָט גענומען זוכען אין די קעשענעס, געשענקט דעם מאן א מטבע פון צוואנציג סענטים און, רויט־ווערענדיג ביז איבער די אויערען, האָט ער דערלאנגט זיין פרוי דעם בריעף און געזאגט:

— איך מוז גלייך געהן!

דעם דאזיגען אינסטרומענט ארויסגעריסען א וויינענדיגען און הײ־זעריגען וואלס.

דאָס גרויסע מיידעל האָט ארומגעכאפט פּימפּעס׳ן און די מאדאם האָט זיך אריינגעווארפען אין די ארמס פון דעם האנדעלס־ריכטער, באססע׳ן. דאן האָבען זיך דיביידע פּאָרלעך געגומען דרעהען און קושען, קושען און דרעהען. דער האנדעלס־ריכטער, וועל־כער האָט אמאָל פיעל געטאנצט אין דער געזעלשאפט, האָט זיך גע־האלטען זעהר גראציעז, און די מאדאם האָט געקוקט אויף איהם מיט יענעם געהיימען בליק, וואָס האָט גערעדט „יא" און וועלכער איז פיעל זיסער פון דעם אויסגעשפּראָכענעם „יאָ".

פריעדריך האָט געבראכט די שאמפּאניער. מען האָט געעפענט די ערשטע פלאש, און הערר פיליפּ האָט פארגעלייגט צו טאנצען א קאדריל.

די פיער האָבען גענומען טאנצען ווי אין דער בעסטער געזעל־שאפט, מיט אלע פּיטשעווקעס, מיט די פערנויגונגען און פער־בויגונגען.

דערנאָך האָבען זיי גענומען טרינקען. דאן איז אריינגעקומען הערר טורנעווא, בעפריעדיגט, ערלייכטערט, מיט א שטראהלענדיגען פּנים, און האָט אויסגעשריען:

— איך וויים ניט, וואס איז היינט געווען מיט ראפאעלא׳ן, אבער זי איז א מיידעל א שטיק פּייער.

דערנאָך, אויסטרינקענדיג די גלאז שאמפּאניער, וואס מען האָט איהם דערלאנגט, האָט ער צוגעלייגט:

— אָט דאָס הייסט א מיידעל!

באלד האָט הערר פיליפּ אנגעהויבען צו שפּיעלען א פרעהליכע פּאָלקע, און הערר טורנעווא איז אוועקגעפלויגען מיט דער שעהנער אידישער דאמע און ער האָט זי געהאלטען אזוי, דאָס איהרע פיס האָבען די ערד ניט בעריהרט. הערר פּימפּעס און הערר באססע האָ־בען אויך געטאנצט. צייטענווייז האָבען זיך די פּאָרלאך אָפּ־געשטעלט נעבען קאמין, אום אויסצוטרינקען א גלאָז שאמפּאניער, און זיינען ווידער אוועק טאנצען. פּלוצים איז ראזא אריינגעקומען מיט א ליכט אין דער האנד. זי איז געווען אין איין העמד, אין פּאנ־

הערר דיופואי, דעם פערזיכערונגס־אגענט, און מען האָט געהערט, ווי זי האָט געזאגט:

— יא, מיין ליעבער, היינט ביינאכט טהו איך עס.

דאן האָט זי שנעל גענומען טאנצען א וואלס און אויסגעשריען אויף׳ן גאנצען זאאל:

— היינט ביינאכט טהו איך אלסדינג, וואס איהר ווילט!

די טיר האָט זיך מיט אן אימפעט געעפענט, און טורנעווא איז אריין. עס האָט איהם בעגעגענט א בעגייסטערטער געשריי:

— אוררא! טורנעווא!

און ראפאעלא, וועלכע האָט זיך נאָך אלץ געדרעהט, האָט זיך א ווארף געטהאָן איהם אויף׳ן האלז ארויף. ער האָט זי ווילד א כאפ געטהאָן און, ניט ארויסריידענדיג קיין ווארט, האָט ער זי אויפגעהויבען אין דער־הויך, ווי א פעדער, איז דורכגעלאפען מיט איהר דעם זאאל, פערשוואונדען אין הינטער־טיר און פון דאָרט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין לעבעדיגער משא אין די אָרמס ארויף די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו די צימערן אויבען. א פרעהליכער געשריי און אפלאדיסמענטען האָבען איהם בעגלייט.

ראָזא איז געוועזן פערנומען מיט דעם אלטען עקס־בירגערמייס־טער, האָט איהם געהאלזט און געקושט, געצופּט איהם פאר ביידע באַקענבארדען און איהם גערופען: „קום“.... דאן האָט ער זיך אויפּ־געהויבען, פעררוכט אויף זיך די וועסט, א טאפּ געטהאָן די קעשענע, וואו עס איז געלעגען זיין געלד, און איז אוועק נאָך איהר.

פערנאנדרא און די מאדאם זיינען פערבליבען מיט פיער מענער, און הערר פיליפּ האָט אויסגעשריען:

— שאַמפּאַניער! איך צאהל! מאדאם טעלליע, זייט אזוי פריינדליך און שיקט נאָך דריי פלעשער!

דאן האָט פערנאנדרא זיך צוגעדריקט צו איהם און איהם גע־זאָגט אויף׳ן אויער מיט אַ בעטענדיגען קול:

— שפּיעל אונז עפּעס א וואלס, יא?

ער איז אויפגעשטאנען, האָט זיך געזעצט פאר אן אלטפרענקי־שען קלאַוויר, וואָס האָט אין אַ ווינקעל גע׳חלום׳ט, און האָט פון

איינער נאָך'ן אַנדערען זיינען די בכבוד'ע הערן אַוועק מיט די דאמען. אלע זיינען אין דער דאזיגער נאכט געווען בעזאָנדערס גוט און נאכגעביג.

די מאדאם איז געזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען; זי האָט געפיהרט א לאנגען שמועס מיט הערר באססע'ן, אזוי ווי זי וואלט מיט איהם בעשפראכען די לעצטע איינצעלהייטען פון א בעשלאָסע־נער זאך.

צום סוף, א זייגער איינס, האָבען די בײדע פערהייראטעטע מענער, הערר טורנעווא און הערר פימפעס, ערקלעהרט, אז זיי מו־זען געהן אהיים, און האָבען פערלאנגט די רעכנונג. מען האָט זיי אָבער נאָר גערעכענט פאר די שאמפאניער און אויך מיט פיער פראנק ביליגער אויף דער פלאַש, ווי געוועהנליך. און ווען זיי האָבען אויסגעדריקט זייער פערוואונדערונג איבער אזא גרויסמוטהיגקייט, האָט די מאדאם געענטפערט מיט א שיינענדיגען פנים:

— ניט אלע טאָג איז דאך יום טוב.

טאָפּעל און מיט צולאָזטע האָאר, און האָט אויסגעזעהן שטארק רויט פאר אויפרעגונג.

ארײנקומענדיג, האָט זי אויסגעשריען :

— איך וויל טאנצען.

— און דיין אַלטינקער ? — האָט זיך אָנגערופען ראפאעלא.

— ער שלאָפט שוין. ווי־וואָס שלאָפט ער גלייך איין.

זי האָט א כאפּ געטהאָן העררן דיופּואי, וועלכער איז געזעסען אהן א דאמע אויף דער זאפע, און די פאלקע האָט ווידער אנגעפאנ־גען.

די פלעשער שאמפאניער זיינען שוין געווען אויסגעטרונקען. דאן האָט הערר טורנעווא ערקלעהרט :

— איך צאָהל פאר נאָך א פלאש !

— איך אויך ! — האָט אויסגערופען הערר באססע.

— און איך אויך ! — האָט זיך א כאפּ געטהאָן הערר דיופּואי.

— בראוואָ ! — האָבען אלע גענומען שרייען און פּאטשען מיט די הענד.

עס איז געוואָרען נאָך פרעהליכער, לעבעדיגער, אן אמת׳ער באלל. צייטענווייז זיינען זאגאר פון אונטען ארויפגעקומען לואיזע און פלארא, האָבען שנעל א טענצעל געכאפּט, וועהרענד אונטען זיינען זייערע קונדען געזעסען, ווי אויף הייסע קוילען, פאר אונגע־דולד ; דערנאָך זיינען זיי געלאָפען צוריק ארונטער אין קאפע־הויז מיט שווערע הערצער, ווייל זיי האָבען ניט געקענט בלייבען אויבען.

ארום האלבע נאכט האָט מען נאָך געטאנצט. פון צייט־צו־צייט איז איינע פון די דאמען פערשוואונדען פון דעם זאאל, און ווען מען האָט זי גענומען זוכען צום טאנץ, האָט מען זיך דאן געכאפּט, אז עס פעהלט עמיצער פון די מענער אויך.

— וואו זייט איהר געווען ? — האָט אויף שפּאס געפרעגט הערר פיליפּ הערר פּימפּעס׳ן, בשעת ער איז ארײנגעקומען מיט פערנאנדא׳ן.

— מיר זיינען געגאנגען זעהן, ווי הערר בולען שלאָפט — האָט געענטפערט הערר פּימפּעס.

און דער דאזיגער ענטפער האָט געהאט א גוואלדיגען ערפאלג.

די פיער צייטען פונם יאָהר זיינען בעשאפען געוואָרען, ווייל זיי זיינען זעהר נויטיג געווען פיר די לאַנדווירטשאפט, און קיינ־מאָל איז דעם פּריסטער ניט איינגעפאלען דער געדאנק, אז די נאטור האָט ניט קיינע בעזונדערע אבזיכטען, אז, פערקעהרט, אלסדינג, וואָס לעבט, בויגט זיך אונטער דעם שווערען דרוק פונ׳ם קלימאט און דער מאטעריע, ניט רעכענענדיג זיך גאָר מיט די נויטיגע בעדירפנישען פון די צייטען.

אָבער ער האָט געהאסט די פרויען. ער האָט זיי געהאסט אומ־בעוואוסט און זיי פעראכטעט אינסטינקטיוו. אפט האָט ער איבער־גע׳חזר׳ט כריסטוס׳עס ווערטער: „ווייב, וואָס הייב איך אָן מיט דיר צו טהאָן". און ער האָט פון דעם געדרונגען, אז גאָט אליין איז מיט דעם דאָזיגען ווערק זיינעם אונצופריעדען געווען.

די פרוי איז פיר איהם צוועלף מאָל אונריין געווען, ווי דער דיכטער האָט זיך אויסגעדריקט. זי איז געווען די פערפיהרערין, וואס האָט דעם ערשטען מאַן פערפיהרט און וועלכע איז ביז היינטיגען טאָג פערבליעבען די אייגענע שוואכע, געפעהרליכע און געהיימ־ניספולע אויפרייצענדע בעשעפענים. און נאָך מעהר ווי איהר פער־פיהרערישען לייב האָט ער געהאסט איהר ליעבענדע זעעלע.

אפט האָט ער איהר צערטליכקייט געפיהלט, און כאטש א פרוי האָט נאהענט צו איהם ניט געקענט צוטרעטען, דאָך האָט די שטענדיג אונרוהיגע ליעבע־בעדירפניש איהם אפט פערצווייפעלט געמאכט.

נאָך זיין מיינונג האָט גאָט די פרוי נור בעשאפען, דעם מאַן צו פערפיהרען און איהם אין א נסיון צו שטעלען. מען מוז זיך האלטען זעהר פארזיכטיג מיט איהר און אימער זיך היטען פיר איהר פאסטקע. און באמת זיינען דען איהרע אויסגע׳שטרעקטע ארעמס, איהר געעפענט מויל צום קושען ניט א פאסטקע פיר יעדען מאַן?

טאָלעראַנט האָט זיך דער אבבע געהאלטען נור געגען די נאָנען (מאָנאשקעס), וואס האָבען זיך פון די מענער פערשלאָסען. און דאָך אפילו זיי האָט ער אויך בעהאנדעלט מיט רוגזה, הארט, ווייל טיעף אין זייער אונטערטהעניגען הארצען האָט ער שטענדיג געפיהלט די

לבנה־שין.

אבבע מארינגאנא איז געװען א רױבער, מאַנערער פּאַ־גאַטישער פּריכטער, אביבעלע אן ערטן, אבער א באמת ערהליכער און אײנפריכטיגליבענער מענש. קײנמאָל איז קײן כעס אױב אײנ'ן װינען ניט אריין. ער איז געװען ױבער, אז ער קאן זײן גאָט, לאָן זײן גאָט'ס מעשים, זײן גאָט'ס רצון און זײן גאָט'ס כונות.

מאַנכעסמאָל, בעת ער האָט געשפּרײזט מיט גרײכע טריט איבער זײן קלײנעם קירכענגאַרטעל הױ אין צירוק, האָט זיך אים פּליצים געשטעלט א פראגע: „למאי האָט גאָט דאָס — יענעם בעשאַפען?“ דאן האָט ער געריכט מיט ערשנות, ראַרטמנעלין אן ענטפער איך דעם, האָט זיך אין די מחשבות איך גאָט'ס שטעלע איבערטראַגען און בטעט תמיד אן ענטפער אױף זײן פראגע געפינען. ער איז ניט געװען איא מענש, װאָס זאָל מיט פרימער אינטערמעניקײט זאָגען: „װער קאן דײנע מעשים פערשטײען, גאָטעניו!“ — נײן. ער האָט געזאָגט: „איך בין גאָט'ס רײנער! דעריבער מוז איך קאָנען די כבות, צוליעב װעלכע ער האָט דאָס אדער יענעם בעשאַפען, דאָס אדער יענעס געטהאָן, און װען איך קען זײ ניט, מוז איך זעהן זײ צו דערגעהן“.

ליט זײן מײנונג אײ אלכדינג אין דער נאַטור מיט שטרענגער לאָגיק געשאַפען געװאָרען. יעדעס „װאָרום“ האָט א „דאָרום“ געהאַט. דער מאַרגענשטערן איז דײט בעשאַפען, כדי די ערױאַכונג זאָל א פרעהלאך פּנים האָבען. דער טאָג — כדי ריזה צו מאַכען די געטרײדע אין די פּריכטען אױף די פעלדער און גערטנער. דער רעגען — צו בענעצען זײ. די אבענדען — דעם שלאָף צו ברענגען און די הונקעלע נעכט — צום רוהען.

געכאפּט, האָט זי זיך צוריקגעקעהרט צום פּריסטער און מיט התפּעלות געליארעמט: „זעה נור, אָנקעל, ווי שעהן ער איז! איך וואלט איהם א קוש געטהאָן!“

די דאזיגע בעדערפניש די קליינע שמעטערלינגען צו קושען, האָט שטארק אויפגערעגט דעם פּריסטער, ווייל ער האָט אין דעם ווידער געזעהן יענע צערטליכקייט, וואס שלומערט אין יעדען פרויען־הארצען.

מיט אמאָל דערוויסט ער זיך פון דער פרוי, וואס האָט ביי איהם די בעל־הבית׳ישקייט געפיהרט, אז זיין פּלימעניצע האָט א געליעבטען. דאָס האָט איהם אזוי צומישט און צוטומעלט, דאָס ער איז געבליעבען שטעהן מיט אן איינגעזויפטען פּנים, דען גראד דעמאלט האָט ער זיך געראזירט.

אזוי גיך ווי ער איז אביסעל צו זיך געקומען און געקאנט רייי־דען, האָט ער אויסגעשריען:

— דאָס איז ניט אמת, מעלאניע! דאָס איז א ליגען!

אָבער די פּויערטע האָט די האנד אויף׳ן הארצען ארויפגע־לעגט:

— גאָט זאל מיך שטראפען, ווען איך זאג א ליגען, הערר פּריסטער. איך זאג אייך, יעדען אבענד לויפט זי אהין, ווען אייער שוועסטער לייגט זיך שלאפען. זיי טרעפען זיך ביים טייך, זי מיט איהר געליעבטען. צווישען צעהן און האלבער נאכט קאָנט איהר זיי דארט כאפּען.

דאַן האָט ער אויפגעהערט זיך צו ראזירען און אָנגעהויבען צו שפּרייזען איבער׳ן צימער הין און צוריק, ווי זיין טבע איז געווען, בעת ער האָט עפּעס ערנסט אויסגעטראכט. און דערנאָך, ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבען זיין באָרד צו קראצען, האָט ער זיך דריי מאָל איינגעשניטען פון דער נאָז ביז׳ן אויער.

דעם גאנצען טאָג דערנאָך האָט ער פאר צאָרן קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

דער צאָרן פון דעם פּריסטער איבער די אונבעזיעגליכע ליעבע איז אויסגעמישט געווען מיט דער פערצווייפלונג פון דעם ער־ציהער און אפּעקון, פון דעם זעעלען־פּאָטער, וועלכער האָט זיך גע־

ווייבערשע צערטליכקייט, וואס האָט איהם אויך בעוועלטיגט, כאָטש ער איז געוועזן אַ פּריסטער. ער האָט די דאָזיגע צערטליכקייט גע־פיהלט אין זייערע אויגען, וואָס האָבען אין די תפילות פּייכטער גע־גלאַנצט, ווי די אויגען פון די מאָנאַכען, אין זייער רעליגיעזער התלהבות, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט זייער געשלעכט און אין זייער ליעבע צו כריסטוס'ן, וועלכע האָט איהם בעזאָנדערס בייז גע־מאַכט, ווייל זי, די דאָזיגע ליעבע, איז געוועזן פרויען־ליעבע, פלייש־ליעבע. די דאָזיגע פערפלוכטע צערטליכקייט האָט ער געפיהלט אפילו אין זייער אונטערטהעניגקייט, אין זייערע שטימען, בעת זיי האָבען גערעדט צו איהם, אין זייערע ארונטערגעלאָזטע אויגען און אין זייערע אונטערטהעניגע טרערען, בעת ער האָט זיי אמאָל מיט רוגזה בעהאַנדעלט.

און ווען ער האָט דעם פרויען־קלויסטער פערלאַזען, האָט ער אלע מאָל אבגעטרייסעלט זיין פּריסטער־קלייד און איז שנעל געלאָפען פון דאָרט, אַקוראַט ווי ער וואָלט פון אַ געפאהר ענטרונען.

ער האָט געהאַט אַ פּלימעניצע, וועלכע האָט מיט איהר מוטער געוואוינט אין אַ קליין הייזעל ניט ווייט פון'ם קלויסטער און ער האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען זי פאר אַ נאָנע צו מאַכען.

זי איז געוועזן שעהן, אביסעל לייכטזיניג און אַ שטיפערין. ווען דער אבבע האָט זי גע'מוסר'ט, האָט זי געלאַכט און ווען ער איז בייז געוואָרען אויף איהר, האָט זי איהם שטורמיש ארומגעכאַפּט און צו איהר הארצען געדריקט. דאַן האָט ער פערצווייפעלט פון איהרע ארעמס זיך געריסען און בעת דעם האָט ער געפיהלט, ווי אין זיין הארצען צוגיעסט זיך אַ ווארימקייט. דאס פאטערליכע געפיהל האָט זיך דאַן אין זיין הארצען אויפגעוועקט, דאָס פאטערליכע גע־פיהל, וואָס אין יעדען מאַן שלאָפט.

אָפט האָט ער גערעדט צו איהר פון גאָט, פון זיין גאָט, בעת ער האָט געשפּאַציערט מיט איהר איבער די פעלדער. זי אבער האָט זיך ניט צוגעהערט צו דעם, וואס ער רעדט, האָט געקוקט אויף'ן הי־מעל, די לאַנקעס, די בלומען מיט אויגען, פון וועלכע לעבענס־לוסט האָט ארויסגעשפּריצט. יעדע ווײלע האָט זי איהם איבערגעלאָזט, כדי נאָך אַ שמעטערלינג זיך נאָכצויאָגען, און ווען זי האָט איהם

אזוי גיך ווי ער איז פון׳ם דאָרף ארויס, איז ער שטעהן געבלי־
בען, אום די לאַנדשאַפט צו בעטראכטען, וואָס איז פערגאָסען געוועזן
פון דעם ווייכען ליכט און האָט זיך אין גאַנצען גע׳טובל׳ט אין דעם
זיסען שמאַכטענדיגען רייץ פון דער דאָזיגער שטילער נאַכט. יעדע
ווײַלע האָט זיך דערהערט דאָס קורצע מעטאַלישע קוואקען פון די
זשאַבעס און אין דער ווייטקייט האָבען געזונגען די נאַכטיגאַלען,
וואָס זייער לייכטע, ציטערנדיגע מוזיק רופט ארויס טרוימען און
לעשט אויס די געדאַנקען, רעגט צו ליעבען און צו חלום׳ן אונטער
דעם לבנה־שיין.

דער פריסטער איז אוועק ווייטער און ער האָט דערפיהלט ווי
זיין הארץ איז שוואך געוואָרען. ער האָט ניט געוואוסט ווארום. ער
האָט זיך פּלוצים גענומען פיהלען ווי עפּעס מיעד, פערמאטערט. ער
האָט חשק געהאַט זיך אַנידערצוזעצען, צו בלייבען דאָ, צו בעטראכ־
טען און גאָט צו בעוואונדערען אין זיין שעפּפונג.

אין דער ווייטקייט האָט זיך קרייזלענדיג ארום דעם קליינעם
טייכעל געצויגען א לאַנגער ראָנד פּאפּעל־ביימער. א דינער רויך,
ווי ווייסער דאמפּף, דורך וועלכען די לבנה־שטראהלען האָבען זיך
דורכגעבראכען, איז געלעגען אויף׳ן ברעג טייכעל, שימערענדיג ווי
זילבער, און האָט בעדעקט דעם איינגעהאַלטענעם לויף פון דעם
וואסער׳ל, ווי מיט לייכטער דורכזיכטיגער וואטע.

דער פריסטער האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט. ער איז נאָך
שטאַרקער געריהרט געוואָרען. די התפּעלות אין זיין נשמה איז גע־
וואקסען, האָט איהם אין גאַנצען אויפגערודערט.

א ספק, אן אונבעשטימטע אונרוה האָט איהם גענומען עג־
בערן. ער האָט דערפיהלט **ווי עס** ערוואכט אין זיין מח איינע פון
יענע פראגען, וואָס ער האָט זיך אפטמאָל געשטעלט.

— ווארום האָט גאָט דאָס געמאַכט? די נאַכט איז דאָך פיר דעם
שלאָף בעשטימט, ווען מען זאָל רוהען און אַלסדינג פערגעסען! ווא־
רום האָט ער זי רייצענדער געמאַכט פון דעם טאָג? שעהנער פון
דעם מאָרגען־שטערען און דעם אַבענד? ווארום שיינט דאָרט אויבען
דער דאזיגער שטיל־שוועבענדער, אנציהענדער שטערן, וואס איז
פּאָעטישער פון דער זון, און וועלכער בעשטראהלט געוויס מיט זיין

פיהלט בעטראָגען, בע׳גנב׳עט און אפּגענארט פון זיין קינד. ער האָט געפיהלט דאָס אייגענע, וואס עלטערען, בעת זיי דערוויסען זיך, אז זייער טאכטער, ניט אנפרעגענדיג זיך ביי זיי און געגען זייער ווילען, האָט זיך אליין א מאן געוועהלט.

נאָך׳ן עסען האָט ער געפּרובט לעזען א ווייִלע, האָט אבער ניט געקענט. וואָס ווייטער איז ער געוואָרען אלץ מעהר פערצווייפעלט, און ווען דער זייגער האָט צעהן געשלאָגען, האָט ער גענומען זיין מעכטיגען שטאק פון אייכענהאלץ, וועלכען ער פלעגט אלע מאָל מיט זיך מיטנעהמען, בעת ער פלעגט ביי־נאַכט א קראנקען בעזוכען. און דער דיקער שטאק, וואָס ער האָט גענומען דרעהען אין זיין שטאַרקען פויערשען פויסט, האָט דאכט זיך איהם אויסגעלאכט. דאָ האָט ער פּלוצים א סקריע געטהאָן מיט די צייהן, אויפגעהויבען איהם אין דער־הויך און איהם אזוי א שמיץ געטהאָן אָן א שטול, אז דאָס ווענטעל פון׳ם שטול איז אויף צווייען צובראָכען געוואָרען און אויף ד׳רערד ארונטערגעפאלען.

ער האָט געעפענט די טיר, אום צו געהן. אָבער אויף דער שוועל איז ער שטעהן געבליבען ווי צוטומעלט. ער איז שטאַרק איבערראשט געווען פון דעם לבנה־שיין, וואס האָט אזוי העל געלייכטעט, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. און אזוי ווי דער פּריסטער איז געווען א טרוימער, א בעל־חלום, ווי אפשר יענע פּריסטער אין די אלטע צייטען, וואָס זיינען געווען דיכטער בעלי חלומות, האָט דאָס איהם פּלוצים צושטרייט און די גרויסארטיגע קלארע שעהנקייט פון דער העלער נאכט האָט איהם זעהר גערירהרט.

זיין גארטען איז געווען פערגאסען מיט ליכט. דער ראָנד פרוכט ביימער האָט געוואָרפען א שמאָלען שאטען אויף די אלעע, וועהרענד פלאַנצונגען מיט גרויסע בלעטער האָבען זיך אויף דער וואנד פון זיין הויז געדרעהט, זיסע ריחות ארויסגעאַטהעמט און האָבען אין דער מילדער העלער נאַכט ארויסגעהויכט, ווי א נשמה. ער האָט געאַטהעמט טיעף און געזויגט די לופט, ווי דער שיכור דעם ווייִן. דאן איז ער אוועק ווייטער מיט שטילע טריט, גליקליך און בעגייסטערט, און האָט כמעט אין גאנצען אָן זיין פלימעניצע פער־געסען.

די הייליגע שריפט דערצעהלט. און אין זיין מוח האָבען געגומען קלינגען די פערזען פון שיר השירים, די רייצענדע פּאָעזיע פון דעם גליהענדען בוך פון דער ליעבע.

און ער האָט געזאגט צו זיך: „אפשר האָט גאָט אזוינע נעכט געשאפען, כדי די ליעבע פון די מענשען אין א כשוף־שלייער איינצו־וויקלען“.

ער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן צוריק, כדי אויסצומיידען דאָס פּאָארל, וואָס איז נאָך דארט געגאַנגען ארומגענומען. און דאָך איז עס געוועזען זיין פּלימעניצע. אָבער איצט האָט ער זיך די פראגע גע־שטעלט: צי האָט ער ניט געוואָלט האנדלען געגען גאָט׳ס רצון? ווארים קען מען דען ניט בעשיינפּערליך זעהן פון דער הערליכקייט, מיט וועלכע גאָט האָט די ליעבע ארומגערינגעלט, אז זי, די ליעבע, איז ניט קיין זינד?

און ער איז צושראקען אנטלאָפען פון דארט. ער האָט זיך כמעט געשעהמט. אזוי ווי ער וואָלט זיך אין א טעמפּעל ארייגגע׳גנב׳עט וואו ער האָט קיין רעכט ניט געהאט די שוועל איבערצוטרעטען.

ספריה

מילדען שיין אזוינע זאכען, וואס זיינען צו צארט און צו וואונדער־זאם פיר דאָס העלע ליכט פון׳ם טאָג, ווארום לייכטעט עס אזוי דורך׳ן נעבעל?

ווארום רוהט זיך ניט אויס דער קונסטפולסטער זינגער פון דער פייגעל־וועלט אזוי ווי די אנדערע? ווארום זינגט ער די גאנצע נאכט?

ווארום ליעגט דער דאָזיגער שלייער איבער דער ערד? ווארום מאַכט עס אויף איהם אזא איינדרוק? ווארום האָט עס אזוי אויפ־גערודערט זיין נשמה? ווארום פיהלט ער אזא מיעדקייט אין די ביינער?

צו־וואָס דאָס אלסדינג, די דאזיגע שעהנקייט און כשוף, ווען די מענשען זעהן עס ניט, ווייל זיי שלאָפען? פיר וועמען איז דאָס דאָזיגע וואונדער בילד געשאפען? פיר וועמען האָט דער הימעל די אלע דאזיגע שטראמען פון פאָעזיע און כשוף אויף דער ערד אויסגעגאסען?

דער פריסטער האָט עס ניט געקענט בענעהמען.

אָבער פלוצים האָבען זיך דאָרט בעוויזען אונטער דעם בלע־טער־דאך פון די ביימער, וואס האָט זיך דארט גע׳טובל׳ט אין ווייסען רויך, צוויי שאטענס, זייט ביי זייט.

דער מאַן איז געווען העכער און האָט געהאלטען די געליעבטע ארומגענומען. יעדע ווײַלע האָט ער זי געקושט אויף׳ן שטערן. און זיי האָבען מיט אמאָל בעלעבט די דאָזיגע אונבעוועגטע לאנד־שאפט, וועלכע האָט זיי ארומגערינגעלט ווי א געטליכע ראהם, וואָס וואָלט ווי לכתחילה פאר זיי געמאכט געווען. ביידע האָבען אויס־געוויזען איינס, איין נפש, פיר וועלכע די דאָזיגע שטילע, שטומע נאכט איז געשאפען געווען. און זיי זיינען צוגעקומען אלץ נעהענ־טער צום פריסטער, ווי א לעבעדיגער ענטפער, ווי אַן ענטפער, וואָס גאָט אליין האָט אויף זיין פראגע געגעבען.

דער פריסטער איז שטעהן געבליבען מיט א קלאפענדיגען האר־צען, גאנץ פערווירט. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער זעהט פיר זיך א ביבלישע בילד, ווי די ליעבע פון רות און בועז, די ערפי־לונג פון גאט׳ס רצון, איינעם פון די אלטע בילדער, פון וועלכע

זי איז נור דער שוים, דאס וואונדערפולע, צארטע, רונדע שטיק פלייש, וואו דער שמאך און שאנד האלטען זיך אויף....

די ערשטע צייט פון אונזער ליעבע איז פערלאפען זעלטען שעהן און רייצענד. איהרע ארעמס זיינען שטענדיג געווען פאר מיר אָפען און אין זיי בין איך אויסגעגאנגען פאר אונגעזעטיגטע פערלאַנגען. איך בין קיינמאָל ניט זאט געוואָרען, קיינמאָל. איהרע אויגען האָבען יעם דורשט אין מיר געוועקט. איך האָב דעם מויל געעפענט און דעם דורשט אויף איהרע ליפען געזוכט צו שטילען...

זיי, די אויגען איהרע, זיינען בייטאָג גרוי געווען, פארנאכט— גרין און אין דער־פריה, גאנץ פריה, בלוי. איך בין ניט משוגע, איך קאָן שווערען, אז זיי האָבען די דאָזיגע דריי פארבען געהאַט.

אין די שטונדען פון ליעבע זיינען זיי געווען בלוי, מיט גרויסע, גרויסע, נערוועזע שוואַרץ־אפעלס. פון איהרע ציטערנדיגע ליפען האָט צייטענווייז זיך ארויסגערוקט דער ראָזעווער פייכטער שפיץ פון איהר צונג, וואָס האָט זיך געצאַפעלט, ווי די צונג ביי א שלאַנג. לאנגזאַם האָבען זיך אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען־לעדלאך און איך האָב דאן געזעהען איהר גליהענדען און אין דער אייגענער צייט אונטערוואָרפענעם בליק, וואָס האָט מיך משוגע געמאַכט.

ווען איך האָב זי אין די ארעמס געדריקט, האָב איך איהר אין די אויגען געקוקט און געציטערט, פיהלענדיג אין זיך א ברענענדי־גען פערלאנג צו טויטען די דאָזיגע בעסטיע און נאָך א פיעל ברענענ־דיגערע בעדערפנים צו קושען זי, צו האלזען זי שטענדיג, נאכאנאנד, אָהן אויפהער...

ווען זי איז איבער'ן צימער געגאנגען, האָט דאָס גערויש פון איהרע טריט מיך אויפגערעגט. און ווען זי האָט זיך גענומען אויס־טהאָן, און זי האָט דאָס קלייד פון זיך ארונטערגעוואָרפען, די וועש, און איז שטעהן געבליבען פרעך און שטראהלענד, דאן האָט א מורא'־דיגע און שענדליכע שוואכקייט געלעהמט אלע מיינע גליעדער.

אין איין שעהנעם טאָג האָב איך בעמערקט, אז איך האָב איהר שוין דערעסען. איך האָב עס בעמערקט אין דער־פריה אָן איהרע אויגען. יעדען אין־דער־פריה האָב איך זיך איבערגעבויגט איבער איהר און געווארט, זי זאל די אויגען עפענען, כדי איך זאל איהר

משוגע?

זין איך משוגע? אָדער נור אייפערזיכטיג? איך ווייס עס ניט. איך ווייס נור, אַז איך האָב מורא'דיג געליטען. אמת, איך האָב געהאַנדעלט ווי אַ מישוגענער, ווי אַ ווילדער משוגענער, אָבער איז דען שטיקענדיגע אייפערזוכט, מישוגענע, איבערגעגעבענע, פערשפּאָטעטע און פערלאָרענע ליעבע, דער גאַנצער העלישער וועהטאָג, וואָס איך האָב דורך דעם אריבערגעטראָגען, — איז דען דאָס אַלסדינג ניט גענוג, צו טרייבען אַ מענשען צו פערברעכען און משוגעת געגען זיין אייגענעם ווילען?

אוי, ווי איך האָב געליטען, ווי ביטער געליטען, ווי מורא'דיג געליטען.... איך האָב די דאָזיגע פרוי מיט אַ פלאַם־פייערדיגער ליעבע געליעבט און דאָך — זאָל עס טאַקע זיין אמת? האָב איך זי ווירקליך געליעבט? ניין, ניין, ניין! זי האָט ביי מיר לייב און זעעלע צוגענומען, אין גאַנצען מיך ארייננגעכאַפּט און הענד און פיס מיר געשמידט... איך בין געוועזען און איך בין געבליבען איהר שקלאַוו, איהר שפּיעלצייג. איך בין צוגעשמידט צו איהר שמייכעל, צו איהרע ליפּען, צו איהר בליק, צו די ליניען פון איהר קערפּער, צו די שטריכען פון איהר פּנים. איך ווער דערשטיקט, ווי אַ שקלאַוו, אונטער דעם צוואַנג פון איהר שעהנעם קערפּער. אָבער זי אַליין, די פרוי, וואָס לעבט אין דעם דאָזיגען קערפּער, דעם נפש, וואָס לעבט דאָרט, האַס איך, פעראַכט איך, פערשילט איך, און אַלע, אַלע מאָל האָב איך זי געהאַסט, פעראַכטעט און פערשאָלטען. ווארים זי איז פאַלש, טהיריש, שמוציג, אונריין! זי איז די פרוי פון פערדערבען, אַ צוויאָזענע, פאַלשע בעסטיע אָהן אַ נשמה און אָהן איין זוויבערען געדאַנק. זי איז די בעסטיע אינ'ם מענשען. און נאָך ערגער פון דעם:

דאנקען, וואָס איך האָב געקאנט; אייפערזיכטיג צו אַלסדינג, וואָס עס איז מיר נור וועגען איהר אויף די געדאַנקען געקומען. און ווען אַמאָל אין דער־פריה האָב איך ביי איהר אין די אויגען ווידער בע־מערקט יענעם אַלטען פייכטען בליק, וואָס איך פלעג ביי איהר זעהן נאָך אונזערע נעכט פון ליעבע, בין איך אויסער זיך געוואָרען פאר כעס, האָב זיך געטרייסעלט פאר ברענענדיגען צאָרן און א בעגעהר, אַ מורא'דיגער בענעהר. האָט דאָן אין מיין הארצען ערוואכט, צו דערווערגען זי, צו דערו'שטיקען זי מיט מיינע קניע, אָנכאַפּען זי ביים גאָרגעל און זי צווינגען מודה צו זיין זיך פאר מיר אין אלע איהרע שענדליכע געהיימניסע, וואס זי האלט פערבארגען אין איהר הארצען.

בין איך משוגע? ניין.

איינמאָל א פארנאכט האָב איך דערפיהלט, אז זי איז גליק־לאַך. איך האָב דערפיהלט, אז ביי איהר אין הארצען ברענט אַ נייע ליידענשאפט. איך בין געווען זיכער אין דעם, זיכער, ווי אין דער ליכטיגקייט פון'ם טאָג. זי איז געווען אויפגערעגט, ווי נאָך מיינע לאַסקעס. איהרע אויגען האָבען געברענט. איהרע הענד זיינען גע־ווען ווארעם. זי אין גאנצען האָט געאטהעמט מיט יענעם ליעבעס־דופט, וועלכער האָט מיך משוגע געמאכט.

איך האָב זיך געמאכט, אזוי ווי איך בעמערק גאָר נישט, אָבער אין דער אייגענער צייט האָב איך פון איהר די אויגען ניט ארונטער־גענומען.

און דאָך האָב איך קיין שום זאך נישט אויסגעפונען.

איך האָב געווארט א וואָך, א מאָנאט, א האלב יאָהר. זי האָט אויפגעשטראהלט מיט אן אונפערשטענדליכער ליידענשאפט און זי האָט גערוהט אין גליקזעליגקייט, וואס א געהיימע ליעבע האָט איהר פערשאפט.

און פּלוצים — אַלסדינג איז מיר קלאָהר געוואָרען! איך בין נים משוגע, איך שווער אייך, אז איך בין ניט משוגע!

ווי זאָל איך עס זאָגען? ווי ערקלעהרט מען עס קלאָהר, מען זאָל מיך פארשטעהָן? ווי זאָל איך די דאָזיגע געמיינע אונגלויב־ליכע זאך אויסדריקען?

ערשטען בליק כאפען. אויף דעם דאזיגען בליק איהרען האָב איך גע־וואַרט אַ בייזער, מיט אַ האַרץ, פול צאָרן, האַס און פּעראַכטונג גע־גען דער דאזיגער בעסטיע, וועמענ'ס שקלאַוו איך בין געווען. דאָך ווען זי האָט די בלאַסע, וואַסער־העלע אויגען געעפענט, וואָס זיינען נאָך פערשלאָפען און מיעד געווען פון אונזערע לעצטע ביינאַכטיגע צערטליכקייטען, דאַן האָט ווי אַ פייערדיגער שטראָם דורך מיין בלוט זיך דורכגעטראָגען, אַנגעצונדען עס און אויפגעוועקט איבער אַ נייעם משוגענע פערלאַנגען.

אָבער אין יענעם אין דער־פריה, בעת זי האָט די אויגען גע־עפענט, האָב איך אין זיי דערזעהן אַ קאַלטען, גלייכגילטיגען, טויטען בליק.

אָה, איך האָב איהם געזעהן, בעגריפען, געפיהלט, פערשטאַנען גלייך אין דער איינציגער רגע. אויס, אַלעס איז אויס, געענדיגט אויף אייביג. און מיט יעדער שטונדע, און מיט יעדער סעקונדע איז דאָס מיר אַלץ קלאָרער געוואָרען. ווען איך האָב צו איהר מיינע אַרמס און ליפּען אויסגעשטרעקט, האָט זי זיך פון מיר אַבגעקעהרט מיט אַ לאַנג־ווייליגער מינע און געמורמעלט: „לאָזט מיך צורוה!“ אָדער: „איך קען אייך ניט אָנקוקען“ אָדער: „וועל איך שוין קיינמאָל קיין רוה ניט האָבען?“

דאַן בין איך געוואָרען אייפערזיכטיג, אייפערזיכטיג ווי אַ הונד. בין געוואָרען כיטרע, פאַלש, פערשטעלט. איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט זיך אין גיכען ווידער פערליעבען, אַז אַן אַנדערער וועט איהרע געפיהלען אָנצינדען.

איך בין געוואָרען משוגע אייפערזיכטיג, אָבער פון'ם זינען האָב איך זיך ניט גע־יהרט. ניין, משוגע בין איך ניט, זיכער ניט!

איך האָב געוואַרט, נאָכגעקוקט איהר. בעטראַגען האָט זי מיך ניט; זי איז אָבער געבליבען קאַלט, אַזוי ווי אַלע געפיהלען אין איהר וואָלטען געשלאָפען. מאַנכעסמאָל האָט זי מיר געזאָגט: „די מענער עקלען מיך!“ און דאָס איז געווען אמת.

איך בין געוואָרען אייפערזיכטיג צו איהר אַליין; אייפערזיכ־טיג צו איהר גלייכגילטיגקייט, אייפערזיכטיג צו איהר איינזאַמקייט אין די נעכט, אייפערזיכטיג צו איהרע בעוועגונגען, צו איהרע גע־

אויערען, בעת זי איז פערבייגפלויגען; צו די שטראה־לען פון דער זון, וואס זיינען אויף איהר שטערן געפאלען דורך די צווייגען פון די ביימער, פערביי וועלכע זי האט זיך געיאגט; צו דעם זאטעל, אויף וועלכען זי איז געזעסען, און וועלכען זי האט איהר קערפער אנגעשפארט.

דאס אלעס האט איהר גליק פערשאפט, אנגענעהם זי אויפגע־רעגט, זי בעפריעדיגט, זי אויסגעמאטערט און דערנאך זי צוריקגע־קעהרט צו מיר א גלייכגילטיגע, א צובראכענע, אהן כוחות.

איך האב ביי זיך אבגעמאכט, אפצורעכענען זיך. איך בין גע־ווארען ווייך צו איהר און זעהר פריינדליך. ווען זי צוריקקעהרענדיג זיך פון איהר ווילדען רייטען, האט פון זאטעל געוואלט ארונטער־שפרינגען, האב איך איהר די האנד דערלאנגט, געהאלפען איהר ארונטערשפרינגען. דאס ווילדע פערד האט זיך א ווארף געטהאן נאך מיר. זי האט איהם דאן א גלעט געטהאן איבער'ן רונדען האלז, א קוש געטהאן אויף די פייכטע ציטערנדיגע נאזלעכער און די לי־פען אפילו דערנאך ניט אבגעווישט. און דער דופט פון איהר ווארי־מען קערפער, ווארעם, ווי ער וואלט זיך פון א בעט געטראגען, האט זיך אויסגעמישט מיט דעם שארפען, ווילדען גערוך פון'ם פערד.

אבער מיין צייט איז געקומען; איך האב זיך אפגערעכענט...

יעדען אין דער־פריה איז זי געפאהרען איבער דעם אייגענעם וועג דורך א קליינעם בירקענ־וועלדעל, וואס האט זיך דארט ווייטער בעהעפט מיט א גרויסען וואלד.

פארטאג בין איך ארויסגעגאנגען מיט א שטריק אין דער האנד און מיט א פאר פיסטאלעטען אונטער'ן בוזים, אזוי ווי איך וואלט זיך אויף א דועל געקליבען.

איך האב זיך אוועקגעלאזט איבער איהר ליעבלינגס־וועג; פער־צויגען א שטריק צווישען צוויי ביימער; דאן האב איך זיך אליין פערשטעקט אין'ם גראז.

איך האב צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד; האב דערהערט זיין ווייטע טופעריי, דערנאך האב איך איהם אליין דערזעהן ווייט אונטער די צווייגען טראגענדיג זיך, ווי א שטורם, אין פולען גאלאפ. אה, איך האב ניט געהאט קיין טעות! עס איז געווען דאס, דאס! זי

איך האָב זיך עס דערוואוסט אויף אַזאַ'ן אופן:

איינמאָל א פארנאַכט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט זי זיך צוריקגעקעהרט פון א לאַנגען שפּאַציר־רייט. זי האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף אַ ניעדעריגען שטוהל געגען מיר מיט צופלאַמטע באַקען און א העפטיג אטהעמדיגער ברוסט, מיט ציטערנדיגע קניע און פערמאַכטע אויגען. אזוי האָב איך זי אָפט געזעהן פריהער, בעת זי האָט געליעבט. זי ליעבט! איך האָב ניט געהאַט קיין טעות!

דאָס איז שוין געווען איבער מיינע כוחות; איך האָב אָבגעקעהרט דעם קאפּ צום פענסטער, כדי ניט צו קוקען אויף איהר. דורך'ן פענסטער האָב איך דערזעהן, ווי דער רייט־קנעכט פיהרט איהר גרויסען פערד, וואס האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פאדערשטע פיס, אין שטאַהל אריין.

זי האָט אויך בעגלייט מיט די אויגען דעם פייערדיגען פערד, וואָס האָט געטאַנצט און געשפּרונגען און געריסען זיך ביי דעם רייט קנעכט פון די הענד. ווען דאָס פערד איז פערשוואונדען, איז זי פּלוצים אַנשלאָפען געוואָרען.

די גאַנצע נאַכט האָב איך נור געטראַכט וועגען דעם; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פאר מיר עפּענען זיך אויף סודות, וועגען וועלכע מיר איז ביז דער דאָזיגער נאַכט קיינמאָל אפילו ניט איינגעפאַלען א טראַכט צו טהאָן.

עס איז גאָר קיין גרונד ניטאָ צו דער אויסגעלאַסענקייט פון פרויען! ווער קאָן פערשטעהן זייערע אלע משונה'דיגע קאפּריזען, די מערקווירדיגסטע בעפרידיגונגען פון די אונגעוועהנליכע פאַנטאַזייען זייערע?

יעדען אין דער־פריה, גלייך מיט'ן טאָג, איז זי געפלויגען אויף איהר פערד איבער וואלד און טהאָל; יעדען טאָג האָט זי זיך צוריקגעקעהרט מיעד און צובראָכען, אזוי ווי נאָך שטונדען גאַנצע פון דער ווילדעסטער ליעבע.

איך האָב פערשטאַנען! איצט בין איך אייפערזיכטיג געווען צו דעם פייערדיגען פערד; אייפערזיכטיג געווען צו דעם ווינד, וואָס האָט איהרע באקען געלאַסצעט, בעת זי האָט זיך געטראָגען משוגע־נערווייז; אייפערזיכטיג צו די בלעטער, וואָס האָבען געקושט איהרע

א פאריזער פאסירונג.

איז דען דאָ אַ שטאַרקערעס געפיהל פאר אַ פרוי ווי נייגעריגקייט? וואָס־וואָס וואָלט זי ניט געטהאָן, אום צו בעקאָנען זיך מיט דעם, אום דורכצולעבען אַליין דאָס, וואָס זי האָט אין איהרע טרוימען געזעהן! ווען די אונגעדולדיגע נייגעריגקייט איז איינמאָל אין דער פרוי אויפגעוועקט, דאן איז זי אויף אלסדינג פעהיג, אויף יעדע נארישקייט, אויף יעדען אונזין. זי וועט אלסדינג טהאָן, פאר קיין זאך וועט זי זיך ניט אָפּשטעלען. איך רייד וועגען פרויען, וואָס זיינען ווירקליך פרויען, וועגען יענע, וואס זיינען, אזוי צו זאגען, מיט אַ דרייפאכען גייסט בעזעעלט. אויסערליך זעהען זיי אויס, דאכט זיך, קאַלט און פערנינפטיג, אין די געהיימע ווינקעלאך אָבער פון זייער נשמה פערבעהאלטען זיי דריי אייגענשאפטען: די ריין־ווייבערשע אונרוהיגקייט, די אייביגע אויפרעגונג, פאלשקייט אונטער א מאסקע פון אונשולד, — יענע געפעהרליכע אונשולד פון צבוע׳קעס — און צו לעצט די רייצענדע געמיינהייט, די שעהנע ניעדערטרעכטיגקייט, די וואונדערפולע טריילאזיגקייט, — קורץ, יענע אלע אייגענשאַפטען, וואס טרייבען איין ליעבהאבער, אויב ער איז נאריש און לייכטזיניג, צום זעלבסטמאָרד, וועהרענד אנאנדערען בעצויבערען זיי.

די פרוי, וועמענס געשיכטע איך וויל דא דערצעהלען, איז געווען א יונגע, נאאיווע און אנשטענדיגע פראווינציאלקע; איהר אויסערליך רוהיג לעבען איז זיך געפלאָסען אין דער־היים צווישען איהר פיעל־בעשעפטיגטען מאַן און זייערע צוויי קינדער, צו וועלכע זי איז געוועזן אן איבערגעגעבענע מוטער. אָבער איהר הארץ האָט געציטערט פאר אונבעפריעדיגטער נייגעריגקייט, פאר אונגעשטילטער

איז, דאכט זיך, געווען אויסער זיך פאר גליק און פרייד; איהרע באַ־קען האָבען געפלאַמט; אין איהרע אויגען האָט זיך אָבגעטונקט אַ ווילדע הנאה; דאָס ווילדע שנעלע רייטען האָט איהרע נערווען אויפ־געטרייסעלט, אַ ברענענדיגע, קאָכעדיגע לוסט אין איהר ערוועקט.

דאָס פערד האָט זיך אָנגעשטויסען מיט די פאָדערשטע פיס אָן מיין שטריק און איז געפאלען מיט צובראָכענע ביינער. און זי? זי האָב איך אונטערגעכאַפּט מיט די ארעמס. איך בין געווען אַזוי שטאַרק, דאָס איך האָב געקענט אפילו אַן אקס אויפהויבען. ווען איך האָב זי אויף דר'ערד ארונטערגעלאזט, בין איך צוגעגאַנגען צו איהם. ער האָט געקוקט אויף אונז און אין דעם מאָמענט, בעת ער האָט מיך געוואָלט אַ בּיס טהאָן, האָב איך איהם צוגעשטעלט דעם פּיסטאָלעט צום אויער.... און האָב איהם דערשאָסען... ווי אַ מענשען.

אָבער אין דער אייגענער מינוט בין איך אַליין אויך געפאַלען פון צוויי שאַרפע שמיץ פון אַ בייטש איבער'ן פנים. און ווען זי האָט זיך ווידער געוואָלט אַ ווארף טהאָן אויף מיר, האָב איך אויסגעשאָ־סען דעם צווייטען קוגעל איהר אין בויך אריין.

איצט זאָגט: בין איך משוגע?

פאריז. זי האָט אויסגעטראכט אן אויסרייד וועגן וואס צו פאהרען אהין, האָט אָנגעשטעלט איהרע קרובים אין פאריז, זיי זאָלען זי איינ־לאדען צו גאסט, און אזוי ווי דער מאן איהרער האָט זי ניט געקענט בעגלייטען, איז זי אוועק אין פאריז אליין.

קומענדיג אהין, האָט זי באלד אויסגעטראכט א תירוץ, אויף צו פערבלייבען דארט, ווען נויטיג, א פאאר טעג, אדער, ריכטיגער, א פאאר נעכט, און זי האָט געשריעבען אהיים צו איהר מאן, אז זי וויל אויפזוכען איהרע אנדערע פריינד, וואָס וואוינען ארום פאריז.

און זי איז אוועק זוכען. זי איז געגאנגען איבער די בולווארען און האָט מעהר גאָר נישט געזעהן, אויסער די געוועהנליכע אויס־געלאסענהייט פון דער גאס. זי האָט נייגעריג אריינגעקוקט אין די גרויסע קאפע־הייזער, האָט אויפמערקזאם געלעזען די קליינע נאטי־צען אין דער צייטונג „פיגארא״, וועלכע האָבען אבגעהילכט אין איהר נשמה יעדען אין דער־פריה, ווי די קלאנגען פון א שטורם־גלאק, ווי די פייערדיגע שטימע פון ליעבע.

אָבער גאָר נישט האָט זי געבראכט אויף דעם שפור פון יענע ארגיען, פון וועלכע זי האָט אין דער־היים געטרוימט; די טעמפלען פון אויסגעלאסענהייט זיינען געבליעבען פערשלאסען פאר איהר, יענע טעמפלען, וואָס האָבען זיך די גאנצע צייט אין איהר פאנטא־זיע געמאהלען, ווי די פער׳כשופ׳טע הייהלען אין טויזענד און איין נאכט, אדער ווי די רוימישע קאטאקאמבען, וואו מען האָט אין גע־היים געדיענט צו א פערפאלגטען, פערבאטענעם גאָט.

איהרע קרובים, קליינע סוחרים, האָבען זי ניט געקענט בעקא־נען מיט קיינעם פון די בעריהמטהייטען, וואס זייערע נעמען האָבען אין איהרע אויערען געקלונגען; א פערצווייפעלטע, האָט זי זיך שוין געהאַט געקליבען צוריק צו פאָהרען אהיים, ערשט פלוצים איז איהר צו הילף געקומען אַ צופאל.

איינמאָל, געהענדיג איבער דער גאס שאססע־ד׳אנטען, האָט זי זיך אפגעשטעלט ביי א שוי־פענסטער פון א מאגאזין, אין וועלכען עס זיינען ארויסגעשטעלט געווען פערשידענע יאפאנעזישע אנטיקלעך.

זי האָט זיך איינגעקוקט אין קאמישע פיגורען פון עלפאנט־

בענקעניש נאָך עפּעס אונבעקאנטעס, נייעס. זי האָט נאכאַנאַנד געטרוימט וועגען פאריז, און מיט א ציטערענדיגען הארצען האָט זי געלעזען אין די צייטונגען וועגען די פעסטען, טואַלעטען, פערגעניגענס אין פאריז. בעזאנדערס האָבען זי גערייצט די קליינע נאָטיצען, פול אנדייטונגען, האַלב־פערשלייערט מיט אויסגעקליגעלטע פראַזען, הינטער וועלכע עס האָבען זיך געפּיהלט פערגעניגענס, פול זינד און לאַסטער. פון ווייטענס האָט פאריז זיך איהר אויסגעוויזען, ווי א טרוים פון וואונדער־שעהנער, רייצענדער פּראַכט.

אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, אונטער דעם רעגעלמעסיגען כראָפּען פון איהר מאַן, וועלכער איז געלעגען נעבען איהר אויף׳ן רוקען, מיט א זיידענעם טיכעל ארום קאָפּ, — האָט זי געטרוימט וועגען די בעריהמטהייטען, וועמענס נעמען האָבען בעשיינט די שפּאַלטען פון די צייטונגען, ווי שטערן דעם דונקעלען הימעל. זי האָט זיך פארגעשטעלט, אז זייער לעבען איז פול מיט אויסגעלאַסענהייט, פול מיט ארגיען, ווי גאַר אין אמאָליגע צייטען, פול מיט אזא הולטאַיסטווא, וואָס עס איז גאַר שווער אויסצוטראַכטען.

די פאריזער בולוואַרען האָבען זיך פאַר איהר געמאָהלען ווי אפּגרונדען פון מענשליכע ליידענשאַפטען; און די הייזער אויף יענע בולוואַרען האָבען געוויס אין זיך פערבאָרגען מורא׳דיגע סודות פון ליעבע.

זי אליין אָבער האָט געפּיהלט, אז זי ווערט אַלט, אַלט, ניט פערזוכענדיג דעם טעם פון אמת׳ן לעבען. זי האָט דאָך ניט געקענט אָנרופען „לעבען“ יענע לאַנגווייליגע, נודנע, אַלטעגליכע פּפליכטען, וואָס מען איז געוואוינט צו רופען „פאמיליען־גליק“.

זי איז נאָך געווען שעהן. דאָס שטילע לעבען האָט זי פערהיט, ווי א ווינטער־פרוכט אין א פערשלאָסענעם שראַנק, — נור איהר נשמה האָבען געמוטשעט און געפּייניגט די געהיימע פערלאַנגען.

זי האָט זיך געפרעגט: שוין־זשע וועט זי שטאַרבען, ניט האָבענדיג פערזוכט דעם דאָזיגען פערפלוכטען גליק, ניט האָבענדיג זיך ארייננגעוואָרפען כאָטש איין מאָל, כאָטש אויף א קורצע ווײַלע, אין דעם שטרודעל פון פאריזער פערגעניגענס.

דאַן האָט זי זיך מיישב געווען, זי וועט א פאָהר טהאָן אין

צו ער איז שעהן, צו מיאוס, צו יונג, צו אלט. דאָס איז דאָך געווען זשאן ווארען אליין, זשאן ווארען!

נאָך א לאנגען ישוב הדעת און קווענקלען זיך האָט ער אוועק־געשטעלט די פיגור צוריק אויפ׳ן טיש און געזאָגט:

— ניין, צו טהייער.

דער פערקויפער האט נאָך מיט מעהר היץ גענומען ריהמען זיין אנטיקעל.

— וואס רעדט איהר, הערר זשאן ווארען! טהייער גאר? אפילו ווען איהר בעצאהלט פאר דעם צוויי טויזענד פראנק, האָט איהר אויך געהאנדעלט א ווילדע מציאה!

דער שרייבער, ניט אפרייסענדיג די אויגען פון דער פערזע־עניש, האָט טרויעריג געענטפערט.

— איך זאג ניט, אז עס איז ניט ווערטה דאס געלד, נור פאר מיר איז עס צו טהייער.

דאָ האָט זי אנגעכאפט א מין משונה׳דיגע עזות, איז צוגעגאנ־גען צום בעל הבית פון דעם מאגאזין און האָט געזאגט:

— פאר וויפיעל וועט איהר מיר אוועקגעבען אָט די דאזיגע פיגור?

דער בעל הבית האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— פונפצעהן הונדערט פראנק, מאדאם — האָט ער געענט־פערט.

— איך נעהם עס.

ביז אהער האָט דער שרייבער זי אפילו ניט בעמערקט. איצט האָט ער זיך האסטיג אומגעדרעהט און זי בעקוקט פון קאפ ביז די פיס מיט שארפע אויגען פון א מבין.

זי האָט אויסגעזעהן רייצענד. דאָס פייער, וואס האָט ביז אהער אין איהר געדרימעלט, האָט זי איצט בעלעבט און בעשטראהלט. און דערצו האָט א פרוי, וועלכע איז אימשטאנד געווען אויסצוגעבען פונפצעהן הונדערט פראנק, ניט געקענט זיין די ערשטע בעסטע.

דאן האָט זי זיך א קעהר געטהאָן צו איהם און ארויסגערעדט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

ביין, אין הויכע גרוי־פארביגע כינעזישע בלומען־טעפ, אין מאדנע בראָנזענע זאכען. ערשט פלוצים האָט זי בעמערקט, ווי דער בעל־הבית פון דעם מאגאזין ווייזט מיט דרך ארץ איינעם א דיקען, קורצען, פליכעוואטען מענשעל, א פארצעלייענע פיגור פון עפעס א פערזעהניש — א זעלטענער אנטיקעל — ווי דער בעל הבית פון דעם מאגאזין האָט עס גערופען.

ביים סוף פון יעדער פראזע, וואס דער בעל הבית האָט ארויסגערעדט, האָט אָפּגעהילכט, ווי דער קול פון א שופר דער נאָמען פון דעם מאַן, וואָס איז געווען א בעריהמטער שרייבער. די איבריגע קונדען, יונגע פרויען, עלעגאנטע הערען, האָבען זיך אומגעקוקט פער׳גנב׳עט און שנעל, אבער מיט קאנטיגער עהרפורכט, אויף דעם בעריהמטען שרייבער, וועלכער האָט נייגעריג בעטראכט די פארצעלייענע פיגור. אי דער שרייבער, אי די פיגור,ביידע זיינען געווען גלייכע פערזעהענישען, ווי איין מאמע וואלט זיי געבארען.

דער בעל הבית פון דעם מאגאזין האָט גערעדט:

— נור פאר אייך, הערר זשאן וואַרען, קאן איך מאכען אזא אויסנאהם און דאָס לאזען פאר טויזענד פראנק; פונקט אזוי פיעל קאסט עס מיך אליין. אן אנדערען וואלט עס געקאסט טויזענד פינף הונדערט; פאר קינסטלער און שרייבער האָב איך בעזונדערע פרייזען. אלע קויפען ביי מיר, הערר וואַרען. נעכטען האָט הערר ביונאַך ביי מיר געקויפט אן אלט־פרענקישען קריגעל. מיט א פּאָאר טעג צוריק האָב איך פערקויפט הערר אלעקסאנדער דיומא׳ן א פּאָאר לייכטער, עהנליך צו די דאזיגע. (ניט אמת, שעהנע לייכטער?) פארדאן, ווען דעם דאזיגען אנטיקעל וואלט געזעהן הערר זאלא, וואלט ער עס גלייך צוגענומען, הערר וואַרען.

דער שרייבער, א צומישטער, האָט זיך געקווענקעלט; פון איין זייט האָט ער א שטארקען חשק געהאט צו דער פיגור, פון דער צווייטער זייט אָבער איז דער פרייז געווען צו הויך. די בליקען פון די ארומיגע האָבען איהם גענאַרט, ווי די קאַץ. אקוראט, ווי עס וואָלט גאר ארום איהם קיינער ניט געווען.

זי איז אריין אין מאגאזין א פערצאפּעלטע, ניט ארונטערנעהמענדיג די אויגען פון איהם און ניט קימערענדיג זיך אפילו,

בשום אופן ניט געוואָלט עס נעהמען ביי איהר און געלאַכט פרעהלאַך פונ׳ם גאַנצען האַרצען.

דאַן האָט זי געזאָגט מיט עקשנות:

— גוט, אויב אַזוי ברענג איך עס אַליין צו אייך אַהיים, און טאַקע שוין! וואו וואוינט איהר?

ער האָט איהר ניט געוואָלט געבען זיין אַדרעס, אָבער זי האָט איהם געקראָגען ביי דעם בעל הבית פון דעם מאַגאַזין, האָט בע־צאָהלט פאַר די פיגור און איז אַרויסגעלאָפען, נעהמען אַ וואָגען. דער שרייבער נאָך איהר, האָט זי געוואָלט אָפּהאַלטען, ווייל ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו נעהמען אַ פּרעזענט פון אַן אונבע־קאַנטער. ער האָט זי אָנגעיאָגט פּונקט דעמאָלט, ווען זי איז אַין וואָ־גען אַריינגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך איהר און ביים פּלוצומדיגען ריהר פון דעם פערד איז ער שיעור ניט געפאַ־לען איבער איהר. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר מיט אַ מינע פון פערדרוס.

וויפיעל ער האָט זי ניט געבעטען, וויפיעל ער האָט צו איהר ניט גע׳טענה׳ט, אַז ער וויל ניט איהר פּרעזענט, עס האָט איהם ניט געהאָלפען. זי איז געבליבען פער׳עקשנ׳ט.

ווען דער וואָגען איז שטעהן געבליעבען פאַר זיין טיר, האָט זי דעם שרייבער פאַרגעלייגט די דאָזיגע בעדינגונגען:

— ווען איהר פערשפּרעכט מיר צו טהאָן היינט אַלסדינג, וואָס איך וויל, נעהם איך צו צוריק דעם פּרעזענט.

דאָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי קאָמיש, דאָס ער האָט איינגעוויליגט.

דאַן האָט זי געפרעגט:

וואָס טהוט איהר געוועהנליך אום דיעזע צייט?

ער האָט אַ ווייילע געטראַכט, דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— איך געה שפּאַצירען.

זי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צום קוטשער און געזאָגט מיט אַ בעפעהלענדיגער שטימע:

— אין בולאָנער וואַלד!

זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען.

— ענטשולדיגט, מיין הערר. איך האָב זיך צוגעאײלט. פיליכט האָט איהר נאָך ניט געזאגט אײער לעצטען פרייז?

ער האָט זיך פערבויגט:

— איך האָב מיין לעצטען פרייז געזאגט, גנעדיגע פרוי.

אָבער זי האָט זיך אנגערופען שטארק געריהרט:

— יעדענפאלס, מיין הערר, אויב איהר וועט עס וועלען האָבען, קאנט איהר עס צו יעדער צייט פון מיר קריגען. איך האָב עס נור געקויפט, ווייל עס איז אייך געפעלען.

ער האָט זיך געפיהלט, קאנטיג, געשמייכעלט.

— פון וואנען ווייסט איהר, ווער איך בין?

דאן האָט זי איהם דערצעהלט, ווי זי בעוואונדערט איהם, האָט ציטירט גאנצע שטעלען פון זיינע ווערק און גערעדט אזוי שעהן און אזוי פיעל.

ער האָט זיך אנגעשפארט אן א טישעל, צוגעהערט זיך צו איהרע רייד און, דורכנעהמענדיג זי מיט זיינע בליקען, האָט ער געוואָלט טרעפען, ווער און וואס זי איז.

דער בעל הבית פון דעם מאגאזין, א גליקליכער פון דער דאזיגער לעבעדיגער רעקלאמע, האָט יערע ווײלע, בעת נייע קונדען זיינען אריין, געשריען פון׳ם צווייטען עק מאגאזין:

— זעהט נור, הערר זשאן וואַרען, איז דאָס ניט שעהן?

דאן האָבען זיך אלע קעפּ אומגעדרעהט, און זי האָט זיך געפיהלט אזוי גליקליך, וואס מען זעהט זי אין אן אינטימען געשפּרעך מיט אזא בעריהמטען מאן.

דאָס האָט זי פשוט פער׳שיכור׳ט און זי האָט זיך ענטשלאסען אויף אן ענטשיעדענעם שריט, ווי א פעלדמארשאל, וואס ענטשליסט זיך אויף אן אטאקע.

— הערר וואַרען, איך וועל ביי אייך בעטען א געפאלען, א גרויס געפאלען. וועט איהר עס מיר וועלען טהאָן? ערלויבט מיר צו געבען אייך די דאזיגע זאַך אלס אנדענקונג פון א פרוי, וואס בעוואונדערט אייך ליידענשאפטליך און וועלכע האָט דאס גליק געהאט צו זעהן אייך צעהן מינוט.

ער האָט זיך אפּגעזאגט. זי איז בעשטאנען אויף דעם. ער האָט

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער גאַלאַנט די האַנד איהר א קוש געטהאָן.

— גנעדיגע פרוי — האָט ער געזאָגט — איך דאַנק אייך זעהר פאר דעם היינטיגען רייצענדען טאָג....

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— וואָס טהוט איהר געוועהנליך אום דיעזע צייט?

— אָבער... אָבער... איך געה אהיים...

זי האָט זיך צולאַכט מיט א ציטערענדיגען, נערוועזען געלעכ־טער:

-- גוט, מיין הערר, מיר פאָהרען צו אייך אהיים.

זי האָט מעהר קיין וואָרט ניט געזאגט. צייטענווייז האָט זי אויפ־געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס, ניט וויסענדיג, צי זי זאָל אַנטלויפען, אָדער בלייבען. אָבער ביי זיך אין דעם הארצען האָט זי פעסט גע־האַט אָפּגעמאַכט, אלסדינג צו פערזוכען.

אויף די טרעפּ האָט זי זיך אָנגעשפּארט אָן די פּארענצען, אזוי אויפגערעגט איז זי געווען, און ער איז געגאַנגען אין פּאָראויס, מיט א קליין ליכטעל אין דער האַנד.

ווי־נור זי איז אריין אין צימער, אזוי גלייך האָט זי זיך אויס־געטהאָן און זיך אין דאָס בעט געלעגט, ניט ארויסרייידענדיג קיין וואָרט. דאָרט האָט זי זיך אין די וואַנד ארייינגעדריקט און געוואָרט.

אָבער זי איז געווען נאַאיוו, אַזוי נאַאיוו ווי עס קאָן נור זיין אַ פרוי פון א פּראָווינציאַלען נאָטאריוס, און ער האָט געפאדערט מעהר פון אַ טערקישען פאַשאַ. זיי האָבען ניט פערשטאַנען איינער דעם אנדערן.

ער איז איינגעשלאָפען. די נאַכט איז אוועק, געשטערט נור פון דעם טיק־טאַק פון דעם וואַנד־זייגער. זי איז געלעגען אונבעוועגליך און זיך דערמאָנט אָן די נעכט אין דער היים; און ביי דעם גע־לען שיין פון דער כינעזישער לאַנטערנע האָט זי מיט האַרץ־וועהטאַג געקוקט אויף דעם דיקען מענשעל, וואָס איז געשלאָפען נעבען איהר אויפ׳ן רוקען, דעם רונדען בויך, ווי אַן אויפגעבלאָזענער פּענכער, אויסגעפּוטשעט אונטער דער דעקע. ער האָט געכראַפּעט, ווי א טרובע, און געפּאָרשקעט אזוי קאָמיש מיט די ליפען. א פּאאר

ער האָט געמוזט איהר אנרופען ביים נאָמען די אלע בע־וואוסטע דאמען, בעזאנדערס די דאמען פון דער האלב־וועלט, האט געמוזט איהר דערצעהלען מיט אלע איינצעלהייטען וועגען זייער לעבען, זייערע געוואוינהייטען, זייערע הייזער און זייער לאסטער.

די נאכט איז צוגעפאלען.

— און וואס טהוט איהר געוועהנליך אום דיעזער צייט? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך צולאכט און געענטפערט:

—איך טרינק מיין אבסינט.

זי האָט זיך אנגערופען מיט אן ערנסטער מינע:

גוט, מיין הערר, פאהרען מיר טרינקען אבסינט.

זיי זיינען אריין אין איינע פון די בעוואוסטע קאפע־הייזער אויף א בולוואר, וואו ער איז געווען אן אפטער בעזוכער און וואו ער פלעגט זיך טרעפען מיט איינינע ליטעראטען. ער האָט זיי אלע־מען פארגעשטעלט איהר. זי איז שיעור ניט משוגע געוואָרען פאר פרייד און אין איהר מוח האָט געהילכט און געקלונגען דאָס ווארט: „ענדליך! ענדליך!"

די צייט איז געלאפען. זי האָט געפרעגט:

— אום דיעזע צייט עסט איהר דאך וואהרשיינליך?

ער האָט געענטפערט:

— יאָ, גנעדיגע פרוי.

— דאן פאָהרען מיר עסען — האָט זי זיך אָנגערופען.

און שפעטער, ווען זיי זיינען ארויס פון בינמאַנ'ס רעסטאראן, האָט זי ווידער געפרעגט:

— און וואָס טהוט איהר אין די אבענדען?

ער האָט זי שארף אָנגעקוקט.

— ווי אמאָל — האָט ער געענטפערט — עס הענגט אין גאַנ־צען אָפּ פון די אומשטענדען. אמאָל געה איך אין טהעאטער.

זיי זיינען געקומען אין טהעאטער „וואדעוויל", וואו, אַ דאַנק איהם, האָט מען ביי זיי קיין געלד ניט גענומען פאר די בילעטען, און, אָה, ווי שטאָלץ זי האָט זיך געפיהלט, וואָס דער גאַנצער עולם האָט זי געזעהן, זיצענדיג מיט דעם בעוואוסטען שרייבער.

טער אויף'ן פעלד, האָבען זיי געשארט פאר זיך דעם שמוץ און די בלאָטע; און זי האָט זיי געזעהן אויף יעדער גאַס, בעוועגענדיג זיך ווי אָנגעשטעלטע מאשינען.

און איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון איהר נשמה האָט מען איצט אויך ארויסגעקעהרט עפּעס, ארויסגעקעהרט און אריינ־געקעהרט אין קאַנאַווע אריין, אין רינשטאָק אריין צוזאַמען מיט איהרע טרוימען.

זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, א פערסאָפּעטע און א דער־פראָהרענע, פיהלענדיג אויף איהר נשמה מעהר גאָר נישט, ווי דאָס רעגעלמעסיגע קעהרען פון די בארשטען, וואָס האָבען געראַמט דעם שמוץ פון די פאריזער גאַסען.

און ווי־נור זי איז צו זיך אין צימער אריין, האָט זי זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

דוצענד האָרעלאָך האָבען זיך בענוצט מיט זיין שלאָף, אום אויפצו־שטעלען זיך אויף א קאָמישען אופן אויף זיין הוילען שארבען, וועל־כען אין פערלויף פונ׳ם טאָג זיי האָבען זיך געמאַטערט צו פערדע־קען. א שנירעלע שפייעכץ האָט ארונטערגערונען פון דעם ווינקעל פון זיין האלב געעפענטען מויל....

צום סוף, האָט דער מאָרגענ־שטערן אריינגעקוקט דורך די ארונטערגעלאָזטע פארהאנגען. זי האָט זיך אויפגעהויבען, שטיל זיך אָנגעטהאָן און שוין האלב געעפענט די טיר, ערשט דער קלאַנג פון דעם שלאָס האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט זיך גענומען רייבען די אויגען.

עטליכע סעקונדען לאנג האָט ער ניט געקענט קומען צו זיך, דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער גאנצער פאסירונג און זיך אָנגערופען:

— איהר געהט אוועק?

זי איז געשטאנען א צומישטע. דאן האָט זי ארויסגעמורמעלט:

— יאָ, שוין גרויסער טאָג.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט.

— הערט אוים, איך האָב צו אייך א בקשה.

זי האָט געשוויגען.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— איהר האָט מיך נעכטען איבערראשט. זייט אָפענהערציג, זייט זיך מודה, צו־וואָס האָט איהר עס אלעס געטהאָן? איך קען ניט פערשטעהן.

זי איז צוגעגאנגען צו איהם מיט לאנגזאמע טריט און, רויט ווערענדיג ווי א יונגענקע מיידעלע, האָט זי ארויסגעמורמעלט:

— איך האָב... געוואָלט... בעקאנט ווערען מיט׳ן לאסטער... און עס איז גאָר ניט אינטערעסאנט, גאָר ניט...

און זי איז ארויסגעלאָפען פון דעם צימער, ארונטערגעלאָפען די טרעפ און זיך געלאָזט לויפען איבער דער גאַס.

א גאַנצע אַרמיע פון קעהרער האָבען געקעהרט די טראָטואַרס און דעם ברוק, ארונטערשאַרענדיג פון זיי דעם שמוץ אין די קאנאַ־וועס אריין. מיט בעוועגונגען, עהנליך צו די בעוועגונגען פון שני־

שטח פון צעהן טריט. די בייכער זיינען פערצווייגען געווען מיט נעֶ־בעל־שלייערס, זיינען געשטאַנען פערפּליעסנעטע פון פייכטקייט.

אָבער מענשען, וואָס האָבען ארונטערגעקוקט פון די דערביי־איגע בערג אויף׳ן ווייסען טהאָל, האָבען געקאָנט זעהן, ווי דורך׳ן נעבעל טרעטען ארויס צוויי הויכע קוימענס פון וואסער׳ס פאבריקען, וואָס האָבען נאָכאַנאַנד, טאָג און נאַכט צוויי שווארצע זיילען רויך צום הימעל ארויף געשפּיגען.

דאָס איז געווען דער איינציגער סימן, אַז אין דעם דאָזיגען גרוב, וואָס איז ווי מיט וואטע פערלייגט געווען, האָבען געלעבט לע־בעדיגע מענשען.

היי־יאָהר, ווען דער מאָנאַט אָקטאָבער איז אָנגעקומען, האָט דער דאָקטאָר גערעאטהען דער יונגער פרוי, זי זאָל דעם ווינטער פער־ברענגען ביי איהר מוטער אין פאריז, מחמת די לופט פון דעם טהאָל קאָן איהרע לונגען שאדען.

זי האָט איהם געפאָלגט און איז אַוועק צו איהר מוטער.

די ערשטע פּאָר מאָנאַטען האָט זי אָהן אויפהער געטראכט ווע־גען איהר פערלאָזענעם הויז. זי איז געוואָהנט געווען צו איהם, האָט געבענקט נאָך דעם אלטען און בעקוועהמען מעבעל פון איהר הויז. אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוואָהנט צו דעם נייעם לעבען און געפונען פערגעניגען אין די פעסטליכקייטען, אין דינערס און בעלער.

ביז אַהער האָט זי אין זיך איינגעהאַלטען די אונבעשטימטקייט, שלעפעריגקייט, דעם לאַנגזאַמען, שלעפעריגען גאַנג און דעם מיע־דען שמייכעל, קורץ, די אַלע אייגענשאַפטען פון איהרע מיידעלשע יאָהרען. איצט איז זי געוואָרען לעבהאַפטער, מונטער, שטענדיג דורשטיג נאָך פערגעניגען. מען האָט איהר גענומען נאָכלויפען, קאָמ־פּלימענטען איהר מאַכען. די שעהנע ווערטער פון די מענער האָבען איהר שפּאַס געמאַכט. זי האָט זיי ערלויבט נאָכלויפען איהר, ווייל זי איז זיכער געווען אין זיך, זיכער געווען, אַז געגען דער ליעבע, וועלכע האָט איהר שטארק געהאַט דערעסען אין איהר פאַמיליען־לעבען, וועט זי קאָנען ביישטעהן.

דער געדאַנק, זיך ווען עס איז איבערצוגעבען צו די ווילדע, גראָבע צערטליכקייטען פון די דאָזיגע בעשעפעני[ש]ען, האָט ביי איהר

דיא ערוואכונג.

זייט זי איז געווען פערהייראט — דריי יאָהר — האָט זי נאָך קיין איינציג מאָל ניט פערלאָזען דעם טהאָל סירע, וואו זי האָט געוואוינט און וואו איהר מאַן איז געווען דער אייגענטהימער פון צוויי שפינעריי־פאַבריקען.

זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער און רוהיג און גליקליך האָט זי זיך געלעבט אין איהר הויז, וואָס איז געשטאַנען צווישען לינדען־ביימער, און וועלכען די ארבייטער האָבען גערופען „דאָס שלאָס".

איהר מאַן, הערר וואסער, איז געווען אויף א שעהנע עטליכע יאָהר עלטער פון איהר און א דורכאויס גוטער מענש. זי האָט איהם געליעבט, און קיין איין זינדיגע מחשבה איז דורך דער גאַנצער צייט איהר אויף'ן זינען ניט געקומען.

איהר מוטער האָט רעגעלמעסיג פערבראכט די זומערן מיט איהר און ווען די בלעטער האָבען אָנגעהויבען פאַלען, האָט זי זיך צוריקגעקעהרט נאָך פאַריז.

אין הערבסט־צייט האָט זשעני אביסעל אונטערגעהוסט. דער ענגער טהאָל, איבער וועלכען א טייכעלע האָט זיך געשלענגעלט, איז פינף חדשים לאנג דאן פערצוויגען געווען מיט א געדיכטען נעבעל. צו־ערשט האָבען זיך דינע נעבעל־שלייערס צושפרייט איבער די לאָנקעס און געגעבען דעם טהאָל דאָס אויסזעהן פון א טייך, אויס וועלכען די דעכער פון די הייזער האָבען ארויסגעשוואומען; דערנאָך האָבען זיך די דאָזיגע ווייסע וואָלקענס צושפרייט, צוגאָסען, ווי דער ים אין א שטורם, איינגעהילט אלסדינג און פערוואנדעלט דעם טהאָל אין א געשפענסטערהאפטען לאַנד, אין וועלכען די מענשען האָבען זיך בע־וועגט ווי שאָטענס און ניט דערקענט איינער דעם צווייטען אויף א

זי האָט געקענט לאַכען מיט א טרוקען, קאלט געלעכטערל, פון וועלכען עס פלעגען פערגליווערט ווערען די גליהענדיגסטע ווערטער; האָט געקאָנט אונטערברעכען יענעמ'ס פייער־דיגע שבועות און ליעבעס־ערקלעהרונגען אזוי, דאָס יענער האָט זיך געפיהלט ווי מיט קאַלט וואסער אָפּגעגאָסען; אין איהר שטימע זיינען געווען אזוינע טענער, וואָס האָבען געקאָנט דער'הרג'ענען יעדען איינעם, וואָס האָט זי שטארק געליעבט.

צוויי יונגע לייט האָבען זיך מיט בעזונדערער עקשנות געיאָגט נאָך איהר. זייביידע זיינען געווען פערשיעדענע מענשען.

איינער פון זיי, א געוויסער פויל פעראנעל, איז געווען אן עלע־גאַנטער מענש, א ליעבענסווירדיגער און א דרייסטער; ער האָט פערשטאַנען צו ווארטען און אויסנוצען דעם ריכטיגען מאָמענט.

דער אַנדערער, הערר ד'אוואנעל, האָט געציטערט, בשעת איהם איז אויסגעקומען צו זיין נאָהענט נעבען איהר. ער האָט קוים געוואגט ערקלעהרען זיך איהר אין ליעבע, איז איהר נאָכגעגאנגען ווי א שאָ־טען און נור דורך זיינע פערצווייפעלטע בליקען און דורך זיין שטענ־דיגען נאָכגעהן האָט ער איהר זיין משוגענע ליעבע ארויסגעוויזען.

דעם ערשטען האָט זי א נאָמען געגעבען „הויפּטמאן פראקאס", דעם אַנדערען — „געטרייער שעפּס". סוף כל סוף האָט זי דעם לעצ־טען פאר איהר שקלאַוו געמאַכט, האָט זיך מיט איהם געשאפּט ווי מיט א דינער.

זי וואָלט זיך געוויס צולאַכט, ווען עמיצער וואָלט געזאָגט, אז זי האָט איהם ליעב.

און דאָך האָט זי איהם געליעבט. געליעבט אויף א מאָדנעם אופן.

זייענדיג שטענדיג צוזאמען מיט איהם, האָט זי זיך צוגעוואָהנט צו זיין קול, צו זיינע בעוועגונגען, צו זיין פיגור, ווי מען געוואָהנט זיך צו צו מענשען, מיט וועלכע מען וואָהנט צוזאמען.

זי האָט איהם אפט געזעהן אין חלום; האָט איהם געזעהן אזוי ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט: ווייך, דעליקאַט, צוריק־געהאַלטען אין זיין ליידענשאפט. און אז זי האָט ערוואכט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי הערט און פיהלט איהם נעבען זיך.

ארויסגערופען א רחמנות'דיגען שמייכעל און א שוידער. זי האט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי פערהייראטע פרויען קאנען ביי זיך פועל'ן, ארונטערצולאזען זיך צו אזעלכע ניעדריגע פערהעלטני־סען מיט פרעמדע מענער, ווען זיי האט גענוג געדארפט דערעסען אפילו די געצוואונגענע פערהעלטניסע מיט זייערע אייגענע מענער.

זי וואלט איהר מאן פיעל צערטליכער געליעבט, ווען זיי וואל־טען צוזאמען געלעבט ווי צוויי פריינד און זיך בענוגענט מיט אונ־שולדיגע קושען...

דאך האבען זי אמוזירט די קאמפלימענטען, די בעגעהרען, וואס האבען געברענט ביי די מענער אין די אויגען, די אפענע און פערשלייערטע ערקלעהרונגען אין ליעבע, וואס מען האט איהר ציי־טענווייז געשושקעט אין די אויערען אריין, — די דאזיגע שטילע ארויסגעשטאמעלטע ווערטער, וואס זי האט קוים זייער בעדייטונג פערשטאנען. זיי האבען, אמת, איהר בלוט ניט הייסער געמאכט, איהר הארץ שטארקער ניט געמאכט קלאפען, דאך טיעף אין איהר הארצען האבען זיי איהר קאקעטעריי געשמייכעלט, אנגעצונדען אין איהר נשמה פייערלאך פון פערגעניגען, איהרע ליפען געמאכט שמייכלען, איהרע אויגען גלאנצען און אנגעפילט איהר ווייבערשע נשמה מיט א צופריעדענקייט, אזוי ווי זי וואלט דא געקראגען דאס, וואס עס קומט איהר פון לאנג אן.

זי האט געליעבט צו שמועסען מיט א מאן אויג אויף אויג פאר־נאכט ביים פייער פון'ם קאמין אין דעם דונקעלען זאאל. דער פער־עהרער איז געווארען דרינגענדער, האט געשטאמעלט, געציטערט, האט זיך אויף די קניע געווארפען. א מאדנע הנאה האט זי דאן גע־פיהלט, בשעת זי האט געזעהן, ווי יענער ברענט פלאם־פייער פאר ליידענשאפט צו איהר; א מאדנעם פערגעניגען האט זי געפיהלט צו זאגען „ניין" מיט'ן קאפ און ליפען, ארויסרייסען די הענד, אויפ־הויבען זיך און מיט א גלייכגילטיגער מינע דריקען דאס גלעקעל און הייסען אריינטראגען א לאמפ, און זעהן, ווי יענער, וואס האט זיך געצאפעלט ביי איהרע פיס, הויבט זיך אויף א צומישטער און א בייזער, בשעת ער דערהערט די טריט פון דעם דינער, וואס טראגט דעם לאמפ.

צולעצט האָט ער עס בעמערקט. זי האָט איהם אַלסדינג ער־קלעהרט, אַלסדינג, אויך דאָס, אַז זי שרעקט זיך פאַר זיין ליעבע און האָט ביי איהם גענומען אַ וואָרט, אַז ער וועט זי שאָנעווען.

* * *

און ער האָט זי געשאָנעוועט. שטונדען לאַנג האָבען זיי פֿער־בראַכט, בעהערשט פון אַ שטאַרקען ליעבעס־געפיהל. זייערע נשמות בלויז האָבען זיך געקושט. דערנאָך, ווען זיי זיינען זיך פונאַנדער־געגאַנגען, איז יעדער פון זיי געווען מיעד, נערוועז, צובראָכען.

צייטענווייז האָבען זיך זייערע ליפען צוזאַמען געטראָפען, זיי האָ־בען פערמאַכט די אויגען און גענאָסען אַ לאַנגען, אונשולדיגען קוש.

זי האָט פערשטאַנען, אַז לאַנג וועט זי זיך ניט קענען אַזוי פעסט האַלטען און, אַזוי ווי זי האָט ניט געוואָלט בעטריעגען איהר מאַן, האָט זי איהם געשריעבען, אַז זי קלייבט זיך צו קומען אהיים, ווייל עס האָט זיך איהר פערבענקט נאָך דעם רוהיגען און איינזאַ־מען לעבען.

ער האָט איהר געענטפערט אַ וואַרימען, ליעבליכען בריעף, אין וועלכען ער האָט זי אָפּגערעדט פון קומען אהיים אין מיטען ווינטער און געהייסען איהר בלייבען אין פּאַריז ביז דער נעבעל פון דעם טהאָל וועט פערשווינדען.

זי איז געווען דערשלאָגען פון דעם בריעף, איז בייז געווען אויף איהר מאַן, וועלכער האָט ניט געוואוסט, וואָס אין איהר הארצען טהוט זיך.

דער פעברואר איז געווען מילד און שעהן, און כאָטש זי האָט איצט אויסגעמיידט צו פערבלייבען אליין מיט דעם „געטרייען שעפּס“, איז זי דאָך אַמאָל פאַרנאַכט מיט איהם ארויסגעפאָהרען אין אַ קויטש שפּאַציערען.

יענעם אָבענד האָט מען געקאָנט גלויבען, אַז אַלע זאַפטען פון דער ערד האָבען ערוואַכט, אַזוי לויליך איז געווען די לופט.

דער קליינער קויטש איז געפאָהרען פּאַמעליך, טריט־ביי־טריט. די נאַכט איז צוגעפאַלען. זיי זיינען געזעסען איינער נעבען צוויי־טען, אַ האַנד אין אַ האַנד, און זי האָט ביי זיך געטראַכט: „נו, איצט בין איך פערפאַלען!“ מחמת זי האָט געפיהלט, ווי עס ער־

איינמאָל ביינאַכט — מעגליך, אז זי האָט דאַן געהאַט אַביסעל פיעבער — האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי זיצט אליין מיט איהם אין אַ קליינעם וועלדעל אויף דעם גראָז.

ער האָט איהר דערצעהלט וואונדערשעהנע זאכען, געהאַלטען איהרע הענד אין זיינע און געקושט. זי האָט געפיהלט די וואַרימקייט פון זיין קערפּער, זיין ברענענדיגען אָטהעם און האָט איהם געגלעט די האָאר, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס נאַטירליכסטע, וואָס זי האָט דאַן געקענט טהאָן.

אין חלום זיינען מענשען גאַנץ אַנדערש, ווי אין דער ווירקליכ־קייט. זי האָט דערפּיהלט אַ צערטליכע, שטילע און טיעפע נייגונג צו איהם און זי איז געווען גליקליך, בשעת זי האָט בעריהרט זיין שטערן און זיך צוגעדריקט צו איהם.

ביסלעכווייז האָט ער זי אין די אָרעמס גענומען, געקושט איהר די באַקען, די אויגען. זי האָט זיך ניט געוועהרט: זייערע ליפּען האָ־בען זיך בעגעגענט. זי האָט זיך אין גאַנצען איהם איבערגעגעבען.

עס איז ביי איהר געווען אַן אויגענבליק — וואָס אין דעם לע־בען זיינען אַזוינע ניטאָ — אַן אויגענבליק פון העכסטען איבערמענ־שליכען גליק, אַן אידעאַלער און זינליכער אויגענבליק, פול פייערדי־גען גענוס, וואס האָט פערשיכור׳ט און וועלכען עס איז שווער צו פערגעסען.

זי האָט ערוואכט מיט אַ שוידער און ניט געקענט ווידער איינ־שלאָפען, אין גאַנצען בעהערשט פון דעם דאָזיגען חלום.

אַז זי האָט דערנאָך איהם דערזעהן, איהם, וועלכער האָט פון דער גאַנצער זאַך קיין אהנונג ניט געהאַט, האָט זי דערפּיהלט ווי זי ווערט רויט. און בשעת ער האָט צו איהר גענומען ריידען אין אַ ניט־דרייסטען קול וועגען זיין ליעבע, האָט זי די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען דעם גליק, וואס זי האָט גענאָסען אינ׳ם חלום, כאָטש זי האָט ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם.

זי האָט זיך פערליעבט אין איהם מיט אַ פערפּיינערטער און דאָך ליידענשאַפטליכער ליעבע, וואָס יענער חלום האָט אין איהר נשמה אויסגעוועבט, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי מורא געהאַט נאָכצוגעבען, בעפריעדיגען דעם ערוואַכטען פערלאַנג.

ער געוואלט זי נאָך אמאָל אננעהמען ביי דער טאליע; זי האָט זיך א ריעס געטהאָן פון איהם און ארויסגעשטאמעלט:

— איהר זייט א געמיינער מענש, איך האס אייך, איהר האָט מיך בערויבט! ארויס פון דאנען!

צומישט האָט ער זיך אויפגעהויבען, גענומען זיין הוט אין איז אוועק.

* * *

אויף מאָרגען איז זי אוועקגעפאָהרען צוריק צו איהר מאן. דער מאן איז איבערראשט געווען און האָט איהר אויפגעווארפען, וואָרום זי איז ניט פערבליבען אין פאריז, ווי ער האָט איהר געשריעבען. זי האָט געענטפערט:

— איך האָב ניט געקענט לענגער לעבען אהן דיר!..

ער האָט בעמערקט אין איהר אן ענדערונג, בעמערקט, אז זי איז טרויעריגער ווי פריהער און ער האָט געפרעגט:

— וואָס פעהלט דיר? דו זעהסט אוים אונגליקליך. פעהלט דיר עפּעס?

— גאָר נישט. — האָט זי געענטפערט — אין'ם לעבען זיינען נור שעהן די חלומות.

דער „געטרייער שעפּס" האָט זי בעזוכט אין עטליכע חדשים שפּעטער, אין זומער. זי האָט איהם אויפגענומען רוהיג און אהן בערויערען, ווארים עס איז איהר מיט אמאָל קלאָר געוואָרען, אז קיינ־מאָל האָט זי איהם באמת ניט ליעב געהאט, בלויז איין איינציגען אויגענבליק אין דעם חלום, פון וועלכען עס האָט אזוי גראָב זי אויפ־וועקט פּויל פּעראנעל.

דער יונגער מאן, וואס האָט זי אבער נאָך ליעב געהאט, האָט זיך געקלעהרט, בשעת ער איז געפאהרען צוריק אהיים:

— די פרויען זיינען באמת מאָדנע, אונבעגרייפליכע בעשעפע־נישען!

וואכט אין איהר יענער געוואלדיגער פערלאנג, יענע קאכעדיגע ליע־בעס־דורשט, פונקט ווי אין איהר אמאליגען חלום. זייערע ליפען האָ־בען זיך נאכאנאנד צוזאמען געטראָפען, צונויפגעגאָסען, זיך פונאנ־דערגעריסען און באלד זיך ווידער בעהעפט.

ער האָט ניט געוואגט זי צו בעגלייטען ארויף אין איהר וואהנונג אריין און האָט זיך מיט איהר געזעגענט ביי דער טיר, איבערלאָזענ־דיג זי א צומישטע, א האלב טויטע.

אין דעם קליינעם דונקעלען זאאל האָט זי געטראָפען פויל פעראנעל.

ווען ער האָט איהר דערלאנגט די האנד, האָט ער דערפיהלט, אז זי ברענט אין גאנצען. ער האָט גענומען ריידען צו איהר מיט א האלבער שטימע צערטליך און פריינדליך, איינגעוויעגט איהר אויס־געמאַטערטע נשמה דורך זיסע ליעבעס־ ווערטער.

זי האָט זיך צוגעהערט און ניט געענטפערט, האָט געטראכט בשעת דעם וועגען יענעם און זיך פארגעשטעלט, אז זי הערט יע־נעמ׳ס קול, פיהלט יענעם נעבען זיך. יא. אין איהרע האלוצינאציעס האָט זי גור יענעם געזעהן, און ווען די דריי ווערטער „איך ליעב דיך“ האָבען אָבגעהילכט אין איהרע אויערען, האָט זיי עס יענער ארויסגע־רעדט, יענער האָט איהר די האנד געקושט, יענער האָט זי צו דער ברוסט געדריקט, אזוי ווי ערשט ניט לאנג, בעת זי איז געפאהרען מיט יענעם אין קויטש; דאָס קושט יענער זי אויף די ליפען אזוי פייערדיג, דאס דריקט זי יענער אזוי אין די ארמס, און זי גיט זיך אפּ יענעם, ציהט זיך צו איהם אנטקעגען מיט אלע קרעפטען פון איהר נשמה, מיט דעם גאנצען פערצווייפעלטען גלוט פון איהר קערפּער....

ווען זי האָט ערוואכט פון איהר חלום, האָט זי ארויסגעלאזט א מורא׳דיגען געשריי.

דער „הויפּטמאן פראקאס“ האָט זיך ארונטערגעלאזט פאר איהר אויף די קניע, ליידענשאפטליך איהר בעדאנקט און בע־דעקט איהר צולאזטע האאָר מיט קושען. זי האָט גענומען שרייען:

— ארויס! ארויס! ארויס!

און אזוי ווי ער האָט ניט פערשטאנען, פארוואס זי שרייט, האָט

אויב אונטער דעם היגען הימעל עקזיסטירט דאס, וואס מען רופט זעלען־ליעבע, אידעאלע, קורץ, וואס מען רופט פלאטאנישע ליעבע. אָבער די אנדערע ליעבע, די זינדיגע, די קערפּערליכע ליעבע, וואס האָט אויך איהר גוטע זייט, — די דאָזיגע ליעבע, איז אין דעם היגען קלימאט אויף אן־אמת מורא׳דיג. די פערגליווערטע, אויפרעגענ־דיגע היץ אין דער לופט, די הייסע, שטיקענדיגע זיד־ווינטען, די דאָזיגע כוואליעס פון פייער, וואס שטראמען פון דעם נאהענטען גרויסען מדבר, דער שווערער סיראקקא, וועלכער ברענט און פרעסט מעהר ווי פלאמען, דער דאזיגער אייביגער פייערדיגער אטהעמען פון דער גוואלדיג־גרויסער אפריקאנישער זון, וואס ברענט און בראָט אלסדינג אויף יענעם טהייל פון דער ערד, אפילו די שטיינער, — דאָס אלעס מאכט דאָס בלוט קאָכען, צינדט אָן דאָס פלייש, וועקט די חיה.

אָבער איך קום צו מיין געשיכטע. איבער דער ערשטער צייט פון מיין אויפהאלטען זיך אין אלזשיר וויל איך ניט ריידען. נאָכדעם, ווי איך האָב בעזוכט באָנא, קאנסטאנטין, ביסקרא, און סעטיוו, בין איך אָנגעקומען קיין בוזשי איבער דעם שאבע־פּאס. איך בין געפאהר־רען איבער א וועג, וואס האָט זיין גלייכען ניט אין דער גאנצער וועלט — איבער די קאביליער וועלדער, וואס ציהען זיך אונטער בערג, צוויי הונדערט מעטער איבער דעם ים, ביז דעם וואונדער־שעהנעם ים־בוזים פון בוזשי. דער דאזיגער ים־בוזים פון בוזשי דערמאנט מיט זיין שעהנקייט אָן די ים־בוזימער פון נעאפּאל, איאצציאָ און פון דוארנענע — די שעהנסטע, וואס איך האָב אויף מיין לעבען געזעהן, אויסער פיליייכט דעם ים־בוזים פון פּארטא אין קארסיקא, וועלכער איז ארומגערינגעלט פון רויט־פעלזיגע בערג.

איידער דו ביזט ארומגעגאנגען דעם דאזיגען גרויסען ים־בוזים מיט זיין רוהיג־דרימלענדיגען וואסער, דערזעהסטו שוין פון דער וויי־טענס בוזשי. דאָס שטעדטיל שטעהט אויף א משופּע׳דיגען אראָבגאנג פון א הויכען בארג, וועלכער איז בעוואקסען מיט וואלד. דעם דאזיגען ווייסען פלעק אויף׳ן גרינעם משופע׳דיגען אראָבגאנג קאן מען אננעהמען פאר א ווייסען שוים פון א וואסער־פאל, וואָס פאלט אין ים אריין.

מאראקא.

מיין פריינד, דו האָסט מיך געבעטען, איך זאָל דיר בע־שרייבען אַלע מיינע איינדריקע, איבערלעבונגען, און, בעזונדערס, אַלע יענע ליעבעס־פּאַסירונגען, וואָס איך וועל האָבען דורכגעלעבט אין אפריקא, אין דעם לאַנד, וואָס האָט מיך אַזוי לאַנג געצויגען צו זיך. דו האָסט שוין אין פאראויס געלאַכט איבער מיינע צוקונפ־טיגע ערפאָלגען ביי די שווארצע פרויען און דו האָסט זיך שוין פאר־געשטעלט, ווי איך קום צוריק אַהיים, בעגלייט פון אַ גרויסער, געזונ־דער שווארצער פרוי, מיט אַ געלען טוך אויף'ן קאָפּ און אין אַ גרוי־פארביגען קלייד.

ווענען זיי וועל איך נאָך האָבען מסתמא וואס צו דערצעהלען שפּעטער ווען־עס־איז. דען איך האָב שוין עטליכע געטראָפען, וואָס האָבען ערוועקט אין מיר אַ חשק, אפצוטונקען זיך אין די ראזיגע שווארצע טינט; אבער דערווייַלע האָב איך עפּעס פיעל בעסערעס און מעקווירדיגערעס דערטאַפּט.

אין דיין לעצטען בריעף האסטו געשריעבען: „ווען איך וויים, ווי מען ליעבט אין אַ לאַנד, קען איך גענוי בעשרייבען דאס לאַנד, טראָץ דעם, וואס אַליין בין איך קיינמאָל דארט ניט געווען“. אַלזא הער: דאָ ליעבט מען משוגענערווייז, מיט פלאַם־פייערדיגער ליידענשאַפט. פון דעם ערשטען טאג אן פיהלט מען אַ מין גליהענדיגען ציטערען, אַ מין פייער, אַ פּלוצימדיגען ערוואכען פון דער תאוה, אַ שוואכ־קייט ביז אין די נעגעל פון די פינגער, וועלכע רייצט אויף אונזערע גאנצע ליעבעס־פעהיגקייט און אַלע אונזערע עמפּפינדונגען ביז צו פערצווייפלונג.

איך וויל, דו זאָלסט מיך ריכטיג פערשטעהן. איך וויים ניט,

גאסען, אין די טהאלען און אויף די בלענדענדיגע וועגען זעהט מען ניט אָן קיין לעבעדיגען נפש. דאן שלאפען אלע, אדער פרובען אמ־וועניגסטענס צו שלאָפען, און כמעט נאקעטערהייט.

אין מיין אראבישען זאאל האָב איך א גרויסען ווייכען דיוואן אוועקגעשטעלט, מיט א דיעביל־טעפּיך בעדעקט. דארט האָב איך מיר אויסגעצויגען — כמעט אין אדם'ס קאסטיום. אָבער שלאפען האָב איך ניט געקענט, ווייל... ווייל... אַך ליעבער פריינד, אויף דער וועלט זיינען פאראהאן צוויי שרעקליכע קוואלען, וועלכע איך ווינש קיינעם פון מיינע פריינד צו פיהלען: וואסער און ווייבער־מאנגעל. וועלכע פון דיביידע איז ערגער, וויים איך ניט. צוליעב א גלאז קלארע, פרישע וואסער וועט מען אין דעם מדבר בעגעהן יעדע גע־מיינהייט. און וואס־וואס וועט מען ניט טהאָן אין אזא שטעדטיל ביים ים צוליעב א שעהנער, פרישער, געזונדער מיידעל? מיידלאך פעהלען ניט אין אפריקא! פערקעהרט, זיי זיינען פאראהאן דארט איבער און איבער גענוג, אבער זיי זיינען דארט אזוי אונגעזונד און פערפוילט, ווי דאס פערש־מעלטע וואסער פון די זאהארער ברונענס.

און איינמאָל, מעהר מיעד ווי ווען־עס־איז, האָב איך געפּרובט איינשלאפען, אבער אומזיסט. מיינע קניע האָבען געציטערט, אזוי ווי מען וואלט זיי מיט נאדלען געשטאכען. איך האָב זיך אונרוהיג ארומגעווארפען איבער די טעפּיכער און זיך קיין ארט ניט געפונען. צום סוף האָב איך לענגער ניט אויסגעהאלטען, אויפגעהייבען זיך און בין ארוים.

דאָס איז געווען אין יולי, אין א גליהענדען נאכמיטאג. דאָס פלאסטער אויף די גאסען איז אזוי הייס געווען, דאָס מען האָט געקאנט אויף דערויף ברויט באקען. דאָס העמד אויף מיר איז באלד נאָס געוואָרען און האָט זיך צום לייב געקלעפּט; און דער גאנצער האָריזאנט איז פערצויגען געווען מיט א לייכטער ווייסער פּארע, מיט יענעם ברענענדיגען אטהעם פון סיראקקא, וואס זיין היטץ קאָן מען, דאכט זיך, אָנטאפּען.

איך האָב זיך געלאזט געהן צום ים און דערנאָך בין איך אוועק פּאזע ברעג פון א שעהנער בוכט, וואו עס זיינען אויפגעבויט געווען בעדער. משופּע'דיגע בערג, בעוואקסענע מיט בושעס און שטארק־

גלייך, ווי איך בין בין ארונטער אין דעם דאזיגען קליין שטעד־טיל, האָב איך געוואוסט, אז איך וועל דארט פערברענגען א היבשע צייט.

פון אלע זייטען ווארפט זיך אין די אויגען א ווייטער קרייז פון בערג־שפּיצען, קרומע און אויסגעדרעהטע, ווי הערנער, און אזוי ענג צוזאמענגעשלאָסענע, דאס מען זעהט קוים ארוים דעם אפענעם ים, און דער ים־בוזים זעהט אויס ווי א טייכעל. דאָס בלויע, מילך־בלויע וואסער איז רייצענד דורכזיכטיג און דער אזור־בלויער הימעל, וועל־כער איז אזוי בלוי, ווי מען וואלט אויף איהם ארויפגעלייגט א דאָ־פּעלטען שיכט פארב, ווערבט זיך איבער דעם אין פאנטאסטישער שעהנקייט. אזוי ווי הימעל און וואסער וואלטען זיך אפּגעשפּיעגעלט איינער אין דעם אנדערן און וואלטען איינער דעם צווייטענס בלויע שטראהלען אין זיך אפּגעשטראהלט.

בוזשי איז א שטאדט פון רואינען. באלד ווי מען געהט ארונ־טער אויף׳ן ברעג, דערזעהט מען אזוינע אלטע חורבות, דאס עס דאכט זיך, אז עס איז א טהעאטער־דעקאראציאָן. דאָס זיינען די אלטע סאראצינען־טויערען. און אומעטום ארום שטאדט אין די וועל־דער אויף דעם בארג־אראָבגאנג ליגען אנדערע חורבות, דאָס איבער־בלייבעכץ פון סאראצינער דענקמאלער, שטיקלאך פון רוימישע מויערען, רעשטען פון אראבישע געביידעס.

איך האָב געדונגען א קליין שטיבעלע אין דעם העכערען טהייל פון שטאדט ביי אַן אראבער. דער דאזיגער מין וואהנונגען זיינען דיר בעקאנט. זיי זיינען אפט בעשריעבען געוואָרען. צום דרויסען זיינען זיי אָהן פענסטער; זיי ווערען אין גאנצען בעלייכ־טעט פון דעם אינווענינגסטען הויף דורך אויבען. אויף׳ן ערשטען שטאק האָבען זיי איין גרויסען, קיהלען זאאל, וואו מען פערברענגט די טעג, און גאנץ אויבען — א טערראסע, וואו מען פערברענגט די נעכט.

גלייך האָב איך אָנגענומען די זיטען פון די הייסע לענדער, דאָס הייסט, באלד נאָך׳ן פריהשטיק האָב איך זיך צוגעוואינט צו מאכען מיין סיעסטא. דאָס ווערט געטהאָן אין די הייסעסטע צייט אין אפ־ריקא, בעת עס איז ניטא מיט וואס צו אטהעמען, ווען אויף די

ווינטען, האָט אויסגעזעהן ווי פון אלטען עלפאנט־ביין געטאקט.

זי האָט א געשריי געטהאָן צו מיר:

— געהט אוועק!

און אין איהר מעכטיגען און פולען, ווי זי אין גאנצען, קול האָבען זיך געהערט כארכלענדיגע טענער. איך האָב זיך פון'ם אָרט ניט גערירט. דאן האָט זי ווידער אויסגעשריען:

— עס איז ניט שעהן פון אייך, מיין העדר!

אין איהר מויל האָט זיך דאָס בוכשטאַב רייז געקייקעלט און גע־וואלדעוועט, ווי א שווערער משא־וואגען. איך האָב זיך נאָך אלץ ניט גערירט פון'ם אָרט. זי איז פערשוואונדען.

עס זיינען אוועק א צעהן מינוטען, דאן האָבען זיך ווידער בע־וויזען פאמעליך און פארזיכטיג האאר, דערנאָך א שטערן, דערנאָך אויגען, ווי ביי א קינד, וואס שפיעלט זיך אין „זשמורקעס", בעת עס קוקט ארויס פון זיין בעהעלטעניש.

דאָס מאל האָט זי אויסגעזעהן בייז. זי האָט אויסגעשריען:

— ווען איך וועל קראנק ווערען, וועט עס זיין אייער שולד.

איך וועל ניט ארויס, ביז וואנען איהר וועט ניט אוועקגעהן.

דאן האָב איך זיך אויפגעהויבען און בין אוועק.

ווען זי האָט אויסגעפונען, אז איך בין ווייט גענוג אוועק, איז זי ארויס פון'ם וואסער, איינגעבויגענערהייט, האלטענדיג זיך מיט א זייט צו מיר, און איז פערשוואונדען אין א פעלזען־הייהל. דארט, נעבען זיין אריינגאנג איז געלעגען א קלייד.

אויף מאָרגען בין איך ווידער געקומען. זי האָט זיך ווידער גע־באָדען, אָבער דאָס מאל אין א באדע־קאסטיום. זי האָט זיך צולאכט, ווייזענדיג מיר איהרע גלענצענדיגע צייהן.

אכט טעג שפּעטער זיינען מיר שוין געווען גוטע פריינד. און ווען עס זיינען אוועק נאָך אכט טעג, זיינען מיר געוואָרען גאָר־גאָר נאָהענטע פריינד.

זי האָט געהייסען מאראָקא — מסתמא איז עס געווען איהר צונעמעניש — און דאס ווארט האָט זי אויסגערעדט אזוי, אקוראט ווי עס וואלט אין זיך ענטהאלטען פופצעהן רייזען. זי האָט געשטאמט פון שפּאנישע קאלאָניסטען און האָט געהייראטעט א פראנצויז

דופטענדיגע פלאנצען, רינגלען ארום די בוכט. פון דעם וואסער טרעטען ארויס מעכטיגע, דונקעלע פעלזען.

ארום איז געווען לעדיג, שטיל. קיין איין לעבעדיגע זעעל, קיין געשריי פון קיין חיה, פון קיין פייגעל אין דער לופטען, קיין קלאנג, אפילו דאָס פּליעסקען פון׳ם וואסער האָט זיך ניט געהערט, אזוי אונבעוועגליך איז געלעגען דער ים, ווי ער וואלט אונטער דער זון געשלאָפען. אָבער אין דער קאכעדיגער לופט האָט זיך ווי געהערט א קנאקען פון פייער.

פלוצים האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אזוי ווי הינטער די דאזיגע פעלזען, וואס זיינען געשטאַנען אין׳ם שווייגענדיגען וואסער, וואלט זיך עפּעס א ריהר געטהאָן. איך האָב זיך אומגעדרעהט און דערזעהן א הויכע, נאקעטע מיידעל, וואס איז געשטאַנען ביז צו דער ברוסט אין׳ם וואסער. זי האָט זיך געבאָדען און איז מסתמא זיכער געווען, אז אין דער דאזיגער הייסער שטונדע איז זי דארט גאנץ אליין. זי איז געשטאנען מיט׳ן פנים צום אפענעם ים, האָט שטיל אונטערגע־טאנצט און מיך ניט בעמערקט.

קיין מעקרווירדיגערעס בילד האָב איך אויף מיין לעבען ניט געזעהן: א שעהנע פרויענצימער אין דעם וואסער, וואס איז דורכ־זיכטיג געווען ווי גלאז, אונטער די בלענדענדיגע שטראהלען פון דער זון. זי איז געווען אונגעוועהנליך שעהן, די דאזיגע הויכע פרויענצי־מער, שלאנק, ווי א סטאטוע.

פלוצים האָט זי זיך אומגעדרעהט, א געשריי געטהאָן און, האלב שווימענדיג און האלב געהענדיג, האָט זי זיך פערבעהאלטען הינטער א פעלז.

אזוי ווי סוף כל סוף האָט זי דאָך געמוזט ארויסגעהן פון איהר בעהעלטעניש, האָב איך זיך ארונטערגעלאזט אויף ד׳רערד און גענו־מען ווארטען אויף איהר. דאן האָט זי פארזיכטיג ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון אהינטער׳ן פעלז, א קאָפּ מיט א מאסע שווערע שווארצע האָאר, וואס זיינען צונויפגענומען געווען אין איין קנופּ. זי האָט גע־האט א ברייטען מויל מיט פולע אויסגעקעהרטע ליפּען און גרויסע, פרעכע אויגען. איהר גאנצער קערפּער, שטייף און צארט, פון דער ווייסער ראסע, אבער פערברוינט פון דער אפריקאנישער זון און

פען און ארומשפרונגען איבער מיין צימער אין אונבעוואוסטער, דרייסטער נאקעטקייט.

צולעצט, אז זי איז געוואָרען זאט פון ליעבע און מיעד פון שרייען און ארומלויפען, איז זי געשמאק איינגעשלאָפען נעבען מיר אויף׳ן דיוואן. פון דער רדיקענדיגער היץ זיינען אויף איהר דונקעלער הויט קליינציקע טראָפּענס שוויים ארויסגעטראטען, פון איהרע ארעמס, וואס זיינען אהינטער דעם נאקען פערוואָרפען געווען, און פון איהר גאנצען קערפער האָט אן אויפרעגענדער דופט ארויסגע־געשטראמט.

מאנכעסמאל איז זי געקומען צו מיר ביינאכט אויך, ווען איהר מאן איז אין דער היים ניט געווען, ווען ער איז פערנומען געווען די נאכט אין דער קאנצעלאריע. דאן האָבען מיר זיך געליינגט אויף דער טערראסע, אין לייכטע, ברייטע, אריענטאלישע לייליכער איינ־געהילט.

ווען די גרויסע, ליכטיגע לבנה פון די טראָפּישע לענדער האָט אויף׳ן הימעל געשטראהלט און שטאדט און וואסער, פון די בערג ארומגערינגעלט, בעלייכטעט, דאן האָבען מיר געזעהן ארום זיך אויף די אנדערע טערראסען א מחנה פון שווייגענדיגע געשטאלטען אויסגעליינגט, ווי שטומע געשפּענסטער, וועלכע האָבען זיך צייטענ־ווייז אויפגעהויבען, אומגעביטען די פּלעצער און זיך ווידער אויסגע־ליינגט אין דער עטוואס אפּגעפרישטער לופט פון דער נאכט.

טראָץ די העלקייט פון די אפריקאנישע נעכט, איז מארראקא געבליעבען פער׳עקשנט און האָט דוקא געוואלט ליגען א נאקעטע אונטער די שטראהלען פון דער לבנה. עס האָט זי גאר ניט געקי־מערט, וואס מען האָט אונז געקאנט בעמערקען, און אפּט האָט זי ארויסגעלאזט אין מיטען נאכט — צו להכעים מיין בעטען זי, זי זאל זיין פארזיכטיגער — אזוינע לאנגע, ווילדע, צאפּעלדיגע געשרייען, דאָס ווייט־ווייט האָבען זיך די הינט אויף זיי אפּגערופען מיט א וואויען.

איינמאָל ביינאכט, ווען איך האָב געדרימעלט אונטער דעם ווייטען הימעל, וועלכער איז בעזעעט געווען מיט שטערן, איז זי געקומען, האָט זיך ארונטערגעלאזט אויף׳ן טעפּיך נעבען מיר אויף

מיט'ן נאָמען פאנטאבעז. איהר מאן איז געווען א רעגיערונגס־בעאמטער. וואו ער איז בעשעפטיגט געווען, האָב איך קיינמאָל ריכ־טיג ניט געוואוסט. איך האָב נור געוואוסט, אז ער איז זעהר א פער־נומענער מענש און ווייטער האָט מיך ניט אינטערעסירט.

דאַן האָט זי איהר צייט פאר באָדען זיך געענדערט און אנגע־הויבען צו קומען צו מיר יעדען טאָג נאָך מיין פריהשטיק, אום אין מיין הויז — סיעסטא צו האלטען. און וואס נאָך פאר א סיעסטא! אויב מען קאַן עס נור אנרופען סיעסטא — אברוהה!

זי איז באמת געווען א רייצענדע פרויענצימער, הגם אביסעלע פון דעם ווילדען מין. איהרע אויגען האָבען, דאכט זיך, שטענדיג פאר ליידענשאפט געגלאנצט. איהר האלב־אָפענער מויל, איהרע שפיציגע צייהן, איהר שמייכעל אפילו, האָבען אויסגעדריקט עטוואס ווילד־תאוה'דיגעס, און איהרע זעלטענע בריסט, לענגליכע, גלייכע, שפיציגע, ווי בארנעס, און שטייפע, ווי שמאהלענע ספרוזשינעס, האָבען צוגעגעבען איהר קערפער עטוואס פון דער חיה, זי עהנליך געמאכט צו א ניעדריגע, פראכטפולע בעשעפעניש, וועלכע איז לכתחילה בעשאפען געוואָרען פאר ווילדער ליעבע. זי אין גאנצען האָט געוועקט אין מיר די פארשטעלונג וועגען יענע געטער אין אלטערטהום, וועלכע האָבען געליעבט פריי אָהן א גרענעץ צווישען גראָז און ביימער.

איך גלויב, אז קיין פרוי האָט אין איהר ברוסט נאָך ניט גע־טראָגען אזוינע אונערזעטליכע פערלאנגען, ווי זי. נאָך איהרע משוגענע לאסקעס און אומארמונגען, בעגלייט פון א קוויטשען, ביי־סען און צייהן־קריצען, איז דער שלאף באלד זי בעפאלען, א שלאף, טיעף, ווי דער טויט. אבער, אויפגעכאפט זיך דערנאָך פלוצים ווי־דער אין מיינע ארעמס, איז זי גרייט געווען צו נייע לאסקעס און האָט זיך אין גאנצען געצאפּעלט, געברענט מיך מיט איהר קושען.

איהר פערשטאנד איז געווען אזוי איינפאך, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, און איהר הילכענדיג געלעכטער האָט ביי איהר פערנומען דעם פלאץ פון געדאנקען.

אינסטינקטיוו שטאלץ אויף איהר שעהנקייט, האָט זי געהאסט דעם מינדסטען שלייער, און איז ארומגעגאַנגען, ארומגעלאָ־

לען, אז הינטער דעם איז פערבארגנען איהר טיעפער האס צו איהר מאן: אפשר איז עס איינע פון יענע געהיימע ראכען פון א פרוי, וועלכע בעטריגט איהר פערהאסטען מאן מיט פערגעניגען, וועלכע האָט חשק אויסצולאכען איהם אין זיין אייגענעם הויז, אויף זיין אייגענעם בעט.

— דיין מאן איז מסתמא זעהר שלעכט צו דיר? — האָב איך געפרעגט.

זי איז בייז געוואָרען:

— וואס פאלט דיר איין? אה ניין, ער איז זעהר גוט צו מיר.

— וואס דען? דו ליעבסט איהם ניט?

זי האָט אנגעשטעלט אויף מיר פערוואונדערט איהרע גרויסע אויגען.

— ניין, פערקעהרט, איך האָב איהם זעהרער ליעב, זעהרער, אבער ניט אזוי ווי דיך, מיין הארררץ!

די ררר'ן האָבען זיך געקייקעלט, ווי די צושאָטענע קלאנגען פון א פייקעל.

איצט האָב איך זי שוין אוודאי ניט פערשטאנען און ביז וואנען איך האָב געזוכט זי צו פערשטעהן, האָט זי צוגעדריקט איהרע ליפען צו מיינע און מיך א קוש געטהאָן, אזוי, ווי זי נור איינע האָט גע־קאנט, און ארויסגעפּליסטערט:

— ווערסטו קומען, מיין ליעבערררר? איאָ?

איך האָב איהר אלין ניט נאכגעגעבען. דאן האָט זי זיך גלייך אנגעטאָן און איז אוועק.

אַכט טעג לאנג האָט זי זיך דערנאך ניט געוויזען. אויף'ן ניינ־טען איז זי ווידער געקומען, שטעהן געבליבען מיט ווירדע אויף דער שוועל פון מיין צימער און האָט געפרעגט:

— קומסט היינט ביינאכט צו מיר? אניט געה איך אוועק ווידעררר!

אַכט טעג — דאָס איז צופיעל, מיין פריינד, און אין אפריקא ציהען זיי זיך ווי א גאנצער מאנאט. איך האָב אויסגעשריען:

— יאָ! און געעפענט די ארמס. זי האָט זיך א וואַרף געטהאָן צו מיר אויף דער ברוסט.

די קניע און צולייגענדיג איהרע דיקע אויסגעקעהרטע ליפען צו מיין אויער, האט זי געזאגט:

— דו מוזט קומען נעכטיגען צו מיר.

איך האב זי ניט פערשטאנען.

— וואס הייסט צו דיר?

— יא, ווען מיין מאן וועט אוועק, קום און פערנעהם זיין פלאץ.

איך האב זיך פאנאנדערגעלאכט.

— צו־וואס טויג עס דיר? דו קומסט דאך צו מיר.

זי האט מיר געענטפערט גלייך אין מויל אריין, אזוי דאס איך האב איהר ברענענדיגען אטהעם טיעף אין האלז דערשפירט, און מיט איהר הויך האט זי מיר די וואנצעס בענעצט:

— אום איך זאל פון דיר אן עררררראינערונג האבען!

און דאס רייז פון דעם ווארט „עראינערונג" האט געקלונגען לאנג און גוואלדיג, ווי דאס ברויזען פון א וואסער־פאל איבער פעלזען.

איך האב זי נאך אלץ ניט פערשטאנען. זי האט זיך א ווארף געטהאן מיט די ארעמס צו מיר אויף'ן האלז ארויף:

— ווען דו וועסט אוועקפאהררען, וועל איך דיך געדענקען, און ווען איך וועל מיין מאן קושען, וועל איך מיינען, אז איך קוש דיך, מיין טהייערררר!

און דאס רייז האט ווידער געוואלדעוועט, ווי א דונער.

גערירהט פון איהרע ווערטער, האב איך פונדעסטוועגען געענטפערט:

— ביזט משוגע? ניין, איך געה ניט צו דיר. בעסער דא.

און, באמת, האלט איך ניט דערפון, צו האבען ליעבעס ראנדעוואו'ען מיט פערהייראטעטע פרויען ביי זיי אין דער־היים. גאנץ אפט זיינען אזוינע ראנדע־וואו'ען א פאסטקע פאר נאראנים.

אבער זי איז ניט אפגעטראטען פון מיר, האט זיך געבעטען, געוויינט און גע'טענה'ט:

— דו וועסט זעהן, ווי איך וועל דיך ליעב האבען.

איהר ווונש איז מיר פארגעקומען אזוי זאנדערבאר, דאס איך האב איהם ניט געקענט זיך ערקלעהרען. דערנאך איז מיר איינגעפא־

פויזעט אונטער דאס בעט, אויף וועלכען איך בין אַט ערשט אזוי בעקוועם געלעגען. דאן איז זי ארייגעלאפען אין קיך.

איך האָב געהערט, ווי זי האָט דארט געפּעפענט און צוגעמאכט אַן אלמער, דערנאך האָט זי זיך צוריקגעקעהרט מיט עפּעס א זאך, וואָס איך האָב ניט געקענט זעהן און וועלכע זי האָט האסטיג ערגעץ־וואו אוועקגעלייגט. אזוי ווי איהר מאן אין דארט אונגעדולדיג גע־וואָרען, האָט זי איהם געענטפערט הויך און רוהיג:

— איך זוך א שוועבעלע.

דערנאך:

— איך האָב. גלייך עפען איך דיררר!

און זי האָט די טיר געעפענט.

דער מאן איז אריינגעקומען. איך האָב געזעהן נור זיינע פיס, גרויסע, מורא׳דיגע פיס. אויב ער איז אין גאנצען אזוי געוועזן, האָט ער געמוזט זיין א ריעז.

איך האָב דערהערט קושען, א פאטש איבער דעם הוילען קער־פער, א לאכען. דאן האָט ער געזאגט מיט א מארסעילער אקצענט:

— איך האָב מיין פּארטמאנע פערגעסען. דערפאר האָב איך זיך צוריקגעקעהרט. איך האָב געמיינט, אז דו שלאָפסט אזוי פעסט.

ער איז צוגעגאנגען צום קאמאד און האָט לאנג געזוכט וואס ער האָט געדארפט. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו מארראקא׳ן, וועל־כע איז שוין אויף׳ן בעט געלעגען, און האָט זי הפּנים געוואלט לאסצען, דען זי איז איהם בעפאלען מיט א גאנצען מבול פון רררר׳ען.

זיינע פיס זיינען געוועזן אזוי נאָהענט פון מיר, דאס אַן אונער־קלעהרליכער, משונה׳דיגער חשק האָט מיך אנגעכאפּט, שטיל זיי אנ־צוריהרען. אָבער איך האָב זיך איינגעהאלטען.

ווען ער האָט דערזעהן, אז ער האָט ביי איהר ניט קיין גליק, איז ער בייז געוואָרען און געזאגט:

— דו ביזט היינט א שלעכטע.

דאָך איז ער באלד ווייכער געוואָרען און האָט צוגעלייגט:

— אדיע, קליינע!

ווידער האָט זיך דערהערט א הילכענדיגער קוש. דערנאך האָ־

ווען עס איז נאכט געוואָרען, האָט זי מיך אפגעוואַרט אויף א דערבייאינגער גאס און מיך געבראכט צו זיך אהיים.

זיי האָבען געוואוינט ניט ווייט פון'ם האפען, אין א קליין, ניעדריג הייזעל. איך בין דורכגעגאנגען אפריהער די קיך און ארייַן אין אן אויסגעקאַלכטען, ציכטיגען צימער, מיט פאטאגראפישע ביל־דער פון קרובים אויף די ווענד און בוקעטען פאפירענע בלומען אונ־טער גלאז. מארראקא איז ווי פערריקט געווען פאר פרייד, האָט גע־טאנצט און געשפרונגען, און געשריען:

— ענדליך ביזטו ביי אונז, ביי אונז אין דער־היים!

און באמת האָב איך זיך דארט אויפגעפיהרט ווי אין דער־היים, כאטש, איך בין זיך מודה, אז אין גאנצען רוהיג האָב איך זיך דארט ניט געפיהלט.

זעהענדיג, אז איך שלאָג זיך שטארק מיט דער דעה, צי איך זאָל זיך צושיידען אין דעם פרעמדען הויז מיט א געוויסע טהייל פון מיין קליידונג, אהן וועלכער א מאן, ווען ער זאל געפאקט ווערען, זעהט אויס לעכערליך און גאנץ פערלארען, — האָט זי מיט גוואלד דאָס ארויסגעריסען פון מיינע הענד און עס אוועקגעלייגט מיט אלע מיינע אנדערע זאכען אין דעם צווייטען צימער.

צום סוף בין איך געוואָרען ביי זיך זיכער ווי געוועהנליך און מיט אלע מיינע קרעפטען האָב איך זיך געסטארעט צו בעווייזען עס מארראקא'ן, אזוי, דאָס אפילו אין צוויי שעה ארום האָבען מיר נאָך ניט געטראכט וועגען רוהען. פלוצים זיינען מיר אויפגעציטערט געוואָרען פון שטארקע קלעפּ אין די טיר און א מעכטיגע מענער־שטימע האָט גערופען:

— מארראקא, איך בין עס!

זי איז אויפגעשפרונגען:

— מיין מאן! שנעל, בעהאלט זיך אונטער'ן בעט!

א צומישטער האָב איך זיך א ווארף געטהאָן זוכען מיינע פאנ־טאלאנעס, אבער זי, א פערסאפּעטע, האָט מיך געשטופּט:

— נו,געה־זשע, געה שוין!

איך האָב זיך ארונטערגעלאזט אויף די קניע און אוועקגע־

וועלכע עס האָט זיך שוין אנגעצונדען א נייער פערלאנג:
— עררר וואלט זיך ניט איינגעבויגט.
איך האָב געָ'טענה'ט מיינס:
— ווען, צום ביישפּיעל, דער הוט וואלט איהם ארונטערגע־פאלען, וואלט ער איהם דאָך מוזען אויפהייבען, דאן... ווי דענקסטו, ווען ער וואלט מיך דערזעהן אין דעם דאזיגען קאסטיום?...
זי האָט מיר ארויפגעלייגט איהרע קרעפטיגע, רונדע ארעמס אויף די שולטערען און גאנץ שטיל, אזוי ווי זי וואלט מיר וועלען זאגען: „איך ליעב דיך זעהררר“, האָט זי ארויסגעמורמעלט:
— דאן וואלט עררר שוין מעהררר ניט אויפגעשטאנען!
איך האָב ניט פערשטאנען.
— וואס מיינסטו?
זי האָט א ווינק געטהאָן מיט די אויגען, אויסגעשטרעקט די האנד צום שטול, אויף וועלכען איך האָב זיך פריהער געהאט ארונ־טערגעלאזט, און איהר אויסגעשטרעקטער פינגער, דער קנייטש ארום איהר מויל, די האלב־געעפענטע ליפּען, די שפּיציגע, בליש־צענדיגע צייהן, — אלסדינג האָט אנגעוויזען אויף דעם קליינעם שאַרפען, בלישצענדיגען האק. זי האָט דורך א בעוועגונג געוויזען, ווי אזוי זי וואלט איהם אנגענומען, דערנאך האָט זי מיך א ציה געטהאָן צו זיך מיט דער לינקער האנד און אזוי ווי מיר זיינען גע־שטאנען א זייט צו א זייט, האָט זי מיט א בעוועגונג פון דער רעכ־טער האנד געוויזען, ווי זי וואלט דעם איינגעבויגטען מאן דעם קאָפּ ארונטערגעהאקט....
אָט אזוי, מיין פריינד, עהרט מען דא אין'ם לאנד די פאמיליען־פפליכטען, די ליעבע און די גאסט־פריינדשאפט.

בען זיך די גרויסע פיס אומגעדרעהט, האָבען א בלישצע געטהאָן מיט די טשוואקעס, זיינען פערשוואונדען אין דעם צווייטען צימער און די גאס־טיר האָט א קלאפּ געטהאָן.

איך בין געווען א געראטעוועטער!

איך בין פּאמעליך ארויסגעקראכען פון אונטער'ן בעט, א צו־שראָקענער און א פערשעהמטער, און, וועהרענד מארראקא האָט א נאקעטע מיט א הילכענדיגען געלעכטער און פּאטשענדיג אין די הענד, געטאנצט ארום מיר און געשפּרונגען, האָב איך זיך ארונטער־געלאָזט אויף א שטול. אָבער גלייך האָב איך זיך געטהאָן א כאפּ אויף צוריק: א קאלטע זאך איז געלעגען אונטער מיר און אזוי ווי איך האָב אויף זיך קליידער געהאט ניט מעהר, ווי מיין מיטשולדיגע, האָב איך די בעריהרונג פון דער קאלטער זאך געפיהלט. איך האָב זיך אומגעדרעהט.

איך האָב זיך אויף א קליינעם שארפען האק געזעצט, אויף א האק, מיט וועלכען מען שפּאלט האָלץ. ווי אזוי קומט ער אהין? פריהער האָב איך איהם ניט געזעהן.

אז מארראקא האָט דערזעהן, ווי איך בין אויפגעשפּרונגען, האָט זי זיך אזש פערגאנגען פאר געלעכטער, האָט געשריען, געהוסט און געהאלטען זיך ביי די זייטען. איהר פרייד אין דער דאזיגער מי־נוט האָט זיך מיר אויסגעוויזען איז אין גאנצען „אויסער ארדנונג". מיר האָבען אויף א נארישען אופן געהאט איינגעשטעלט אונזער לע־בען אין קאָן. נאָך איצט האָב איך נאָך ניט אויפגעהערט צו שוידע־רען, און איהר ווילדער געלעכטער האָט מיך אביסעל בעליידיגט.

איך האָב זיך אנגערופען:

— וואס וואלט געווען, ווען דיין מאן וואלט מיך דערזעהן?

זי האָט געענטפערט:

— נאררישקייטען!

— וואָס הייסט, נארישקייטען! דו ביזט זעהר גוט, ניטא וואָס צו ריידען. ער האָט נור געדארפט זיך איינבויגען, דאן וואלט ער מיך גלייך דערזעהן.

זי האָט אויפגעהערט צו לאכען, האָט נור געשמייכעלט און געקוקט אויף מיר מיט איהרע גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגען, אין

נומען. אָבער אזיינגער צעהן בין איך געוואָרען אונרוהיג. דער געדאַנק, אז אומעדום פערברענגט מען דיזע נאכט פרעהלאך, דער טומעל פון דרויסען, וואס האָט זיך געטראגען צו מיינע אויערען, די פּאָר־ברייטונגען פון מיינע שכנים הינטער דער דינער וואנד צו א יום טוב'דיגען מאָהלצייט, — דאס אלעס האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב שוין מעהר ניט געוואוסט, וואס איך טהו, וואס איך שרייב, און צום סוף האָב איך איינגעזעהן, אז קיין פערנינפטיגעס וועל איך שוין דיעזע נאכט ניט אנשרייבען.

א ווײלע האָב איך ארומגעשפּאנט איבער'ן צימער הין און צו־ריק, געזעצט זיך, אויפגעשטאנען. קאנטיג, אז די אנשטעקענדיגע פרעהליכקייט פון דער גאס האָט אויף מיר געווירקט. איך האָב איהר ניט געקענט ביישטעהן.

איך האָב א רוף געטהאָן מיין הויז מיידעל און געזאגט:

— אנזשעלא, גרייט אָן א סאפּער פאר צוויי פערזאנען: אויס־טערס, קאלטע הוהן, קרעבסען, שעפּסען־פלייש, קייקס; נעהמט אויך ארויף צוויי פלעשער שאמפּאניער; דעקט דעם טיש און געהט שלאָפען.

זי האָט געטהאָן, וואס מען האָט איהר געהייסען, אמת, מיט א פערוואונדערטער מינע אפילו.

ווען אלסדינג איז אויף'ן טיש געשטאנען, האָב איך אנגעטהאָן דעם אויבערציהער און בין ארויס.

איצט איז געווען א פראגע: מיט וועמען פייער איך דעם ווייהנאַכטס־אבענד? מיינע פריינדינען זיינען אלע שוין איינגע־לאדען. איך האָב געדארפט פריהער בעשטעלען איינע פון זיי. דאן איז מיר איינגעפאלען צו טהאָן אין דער אייגענער צייט א גוטע זאך אויך. איך האָב ביי זיך געטראכט: פּאריז איז פול מיט שעהנע ארעמע מיידלאך, וואס שטארבען פאר הונגער; זיי וואנדערען אי־בער די גאסען און זוכען א „נאָבעלען קאוואליער“. איך וועל גאָר איינלאדען איינע פון די דאָזיגע אונגליקליכע. זאל זי הנאה האָבען לכבוד יום טוב. איך וועל פּרובען אויפזוכען איינע עפּעס א רעכטס, נאָך מיין געשמאק.

און איך האָב זיך א לאָז געטהאָן איבער די גאסען.

דער ווייהנאכטס־אבענד.

דער ווייהנאכטס־אבענד! אַך געהט מיר צום גוטען יאָהר מיט דעם ווייהנאכטס־אבענד צוזאמען! איך פּייער איהם ניט, ניין! — האָט אויסגעשריען דער דיקער טאמפּלי מיט אזא כעס, אקוראט ווי מען וואָלט איהם פאָרגעלעגט צו טהאָן עפּעס א שענדליכע זאך.

די איבריגע האָבען מיט געלעכטער אויסגעשריען:

— וואס ביזטו אזוי בייז געוואָרען, משוגענער?

ער האָט געענטפערט:

— ווייל דער ווייהנאכטס־אבענד האָט מיר אזא מיאוס׳ען שפּיצעל אָפּגעטהאָן, אז איך קען זיך אָן איהם ניט דערמאנען אהן שרעק.

— וואס פאר א שפּיצעל? ווי אזוי?

— ווי אזוי? איהר ווילט וויסען? הערט אדרבה:

איהר געדענקט דאָך מסתמא, וואס פאר א קעלט מיר האָבען געהאט פאר צוויי יאָהרען א־דיעזע צייט? א שרעקליכע קעלט, ווי אזוי זיינען די ארעמע לייט דאן ניט צושטארבען אויף די גאסען! די טייך סיינע איז פערפראָרען געוואָרען; דער פראסט האָט געשמאליעט; ביי די פערבייגעהער האָבען די פיס געפראָרען, עס האָבען אפילו ניט געהאָלפען קיין פוטערנע שיך.

מעשה שטן, האָב איך גראד דאן געהאט אנגעהויבען א נייע גרויסע ארבייט, און איך האָב זיך אפּגעזאגט פון אלע איינלאדונגען אויף ווייהנאכטס־אבענד, ווייל איך האָב געוואלט בעסער די נאכט פערברענגען ביים שרייב־טיש.

איך האָב אבגעגעסען אליין און באלד זיך צו דער ארבייט גע־

— וואָס ביזטו אזוי פערזאָרגט?

זי האָט געענטפערט:

— אך, איך וויל וועגען דעם ניט טראַכטען!

און זי האָט גענומען טרינקען. מיט איין זופּ האָט זי אויסגע־טרונקען איהר באָקאַל שאַמפּאַניער, אנגעגאָסען איהם און ווידער אויסגעטרונקען; נאָך אמאָל איהם אנגעגאָסען און אויסגעטרונקען, אזוי נאָכאַנאַנד, אהן א מאָס.

באַלד האָבען זיך איהרע באַקען צופלאַמט און זי האָט גענומען לאַכען הויך אויפ׳ן קול.

איך בין שוין געווען פערליעבט אין איהר, האָב זי געקושט און געלאָסצעט. דערביי האָב איך זיך דערוואוסט, אז זי איז ניט קיין נאַר, ניט וואולגאַר, ניט גראָב, ווי די אנדערע שטראָסען־מייד־לעך. איך האָב זי גענומען אויספרעגען וועגען איהר לעבען. זי האָט געענטפערט:

— טהייערינקער מיינער, דאָס איז ניט דיין עסק!

און אין א שטונדע ארום.... וועה!...

מען האָט געדאַרפט געהן שלאָפען. ביז וואנען איך האָב אויפגע־ראַמט דעם טיש, האָט זי זיך שנעל אויסגעטהאָן און פערקראָכען אונ־טער דער קאָלדרע.

מיינע שכנים הינטער דער וואַנד האָבען מורא׳דיג געליאַרעמט, געלאַכט און געזונגען, ווי משוגעים. און איך האָב ביי זיך גע־טראַכט: „איך האָב א קלוגע זאַך געטהאָן, וואָס איך האָב איינגע־לאַדען די דאָזיגע שעהנע מיידעל, ווארום אַרבייטען וואָלט מען מיך היינט סיי־ווי־סיי ניט געלאָזט!“

א טיעפער קרעכץ האָט איבערגעשלאָגען מיינע געדאַנקען. איך האָב זיך אומגעדרעהט און געפרעגט:

— וואָס איז, קעצעלע מיינס?

זי האָט ניט געענטפערט, אבער האָט ווייטער געקרעכצט, אזוי ווי זי וואָלט געהאַט שטאַרקע שמערצען.

איך האָב ווידער געפרעגט:

— דו פיהלסט דען ניט גוט?

איך האָב געטראַפען א סך מיידלאַך, וואס האָבען געזוכט א „נאָבעלען קאַוואַליער“, אָבער זיי זיינען געווען אָדער העסליך, אדער אַזוי אויסגעדאַרט, דאָס עס איז גאָר א סכנה געווען זיי אפּצושטעלען, טאָמער ווערען זיי גלייך פּערפּראַרען.

איהר ווייסט דאָך מיין שוואַכקייט: איך האָב נור ליעב בעליבטע פרויען. וואס פעטער אלץ בעסער. פאַר א ריכטיג־בעליבטער פרוי ווער איך איינפאַך משוגע.

פּלוצים האָב איך דערזעהן געגען טהעאַטער וואַראיעטע א פּראָפיל, וואס איז מיר געפעלען געוואָרען. א קאָפּ, א בוזים, ווי צוויי בערגלאַך, און א בויך, רייצענד, ווי ביי א פעטער גאַנז.

איך בין א פערצאַפּפעלטער געוואָרען און אַרויסגעמורמעלט:

— טייפעל, אָט דאס הייסט א פּאַרשוין! מען דאַרף נור זעהן איהר פּנים. דער פּנים ביי א פרוי איז דאס דעססערט. דאָס איבריגע... איז דער בראַטען.

איך האָב גענומען געהן שנעלער, אנגעיאָגט זי נעבען א גאַזלאַנטערנע און ראַפּטום זיך א דרעה געטהאָן צו איהר.

זי איז געווען רייצענד, יונג, דונקעל, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען.

איך האָב זי איינגעלאַדען; זי האָט גלייך אנגענומען.

אין א פערטיל שעה ארום זיינען מיר שוין געווען ביי מיר אויף'ן קוואַרטיר.

ביים אַריינקומען האָט זי געזאָגט:

— אוי, ווי גוט דאָ איז!

און זי האָט זיך אומגעקוקט מיט א צופריעדענער מינע, וואס זי האָט אין אזא קאַלטער נאכט געפונען עסען און א געלעגער.

זי איז געווען הערליך, שעהן און אַזוי דיק, אז דאָס האַרץ אין מיר האָט פּשוט געטאַנצט פאַר פריידּ.

זי האָט אַרונטערגענומען הוט און מאַנטעל און זיך געזעצט עסען. אָבער עפּעס איז זי געווען פערזאָרגט, ניט אויפגעלעגט און איהר בלייכער פּנים האָט צייטענווייז א ציטער געטהאָן, אַזוי ווי זי וואָלט אין זיך געשטיקט עפּעס א געהיימען קימער.

איך האָב איהר געפרעגט:

איינער פון זיי, אין א מאַסקע פון א מאַנאַך, האָט ערקלעהרט, אז ער פערשטעהט אין די דאזיגע זאכען און האָט זיך אויסגערופען צו קומען דער נאַטור צו הילף.

זיי זיינען געווען שיכור; איך האָב מורא געהאַט, זיי וועלען זי נאָך דער׳הרג׳ענען, און איך בין אויף גיך, אהן א הוט, אוועקגע־לאָפען נאָך א דאָקטאָר, וואָס האָט געוואוינט אויף דער צווייטער גאַס.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקעהרט מיט׳ן דאָקטאָר, איז דאס גאַנצע הויז געווען אויף. אין׳ם קאָרידאָר האָט מען ווידער אנגע־צונדען די גאַז; די איינוואָינער פון דעם גאַנצען הויז זיינען זיך צונויפגעלאָפען אויף מיין קוואַרטיר; פיער מענער זיינען געזעסען ביים טיש און האָבען אָן ענד געמאַכט צו מיין שאַמפּאַניער און צו מיינע קרעבסען.

דער גאַנצער עולם האָט מיך אויפגענומען מיט א ווילדען ליאַרם, כלומרשט מיר „מזל טוב״ אָפּגעגעבען, און איין פרוי, א מילך־הענדלערין, האָט מיר אנטקעגען געטראָגען אויף א טישטוך א שטיקעל צוקאַרטשעט, צוקנויטשט פלייש, וואָס האָט געפּיסקעט און געמיאוקעט ווי א קאַץ, און האָט מיר אָנגעזאָגט:

— א מיידעלע!

דער דאָקטאָר האָט אונטערזוכט די קינדפּעטאָרין און ער־קלעהרט, אז איהר צושטאַנד איז ערנסט, ווייל דאס אונגליק האָט פּאַסירט באַלד נאָך סאַפּער. ער איז אוועק, זאָגענדיג, אז ער וועט גלייך שיקען א קראַנקען־וועכטערין און אן אַם.

אין א שטונדע אַרום זיינען געקומען די ביידע פרויען מיט א גאַנצען פּאַק רפואות.

די גאַנצע נאַכט האָב איך פערבראַכט אויף א פאָטעל. איך בין געווען אזוי צורודערט און צוטומעלט, דאָס איך האָב אפילו ניט א טראַכט געטהאָן וועגען דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין.

אין דער־פריה איז דער דאָקטאָר ווידער געקומען. ער האָט גע־טראָפען די קראַנקע אין א זעהר שלעכטען צושטאַנד, און ער האָט זיך אנגערופען צו מיר:

— אייער פרוי, מיין הערר....

פלוצים האָט זי א קוויטשע געטהאָן; איך האָב זיך א וואַרף געטהאָן צו איהר מיט א ליכט אין דער האנד.

איהר פּנים איז צוקרימט געווען פאַר וועהטאג. זי האָט גע־בראָכען די הענד, געאטהעמט שווער און פון איהר הארצען האָבען זיך געריסען פערשטיקטע קרעכצען, עהנליך צו א כאָרכלעריי, א מורא צו הערען.

איך בין צומישט געוואָרען און גענומען ריידען צו איהר:

— אָבער וואס איז דיר? זאג, וואס איז דיר?

זי האָט ניט געענטפערט און גענומען יאמערען.

מיט אמאָל זיינען די שכנים הינטער דער וואנד אנשווייגען געוואָרען און גענומען זיך צוהערען צו דעם טומעל ביי מיר.

איך האָב ווידער גענומען פרעגען:

— וואס טהוט דיר וועה, זאג, וואס טהוט דיר וועה?

זי האָט ארויסגעקרעכצט:

— אוי, מיין בויך, מיין בויך!...

איך האָב ארונטערגעכאפּט די קאלדרע, און דערזעהן... זי איז געגאנגען צו־קינד, פריינדע, גוטע ברידער מיינע!...

דאן האָב איך פערלארען דעם קאפּ. איך בין צוגעלאפען צו דער וואנד, גענומען קלאפען אין איהר מיט ביידע פויסטען און אויפגעהויבען א גוואלד:

— ראטעוועט! ראטעוועט!

די טיר האָט זיך געעפענט; א גרויסער עולם מענשען זיינען אריינגעלאפען, העררן אין פראקען, דעקאלטירטע דאמען, טערקען, מושקעטיערען און אנדערע מאסקען. דער דאזיגער אנגעלאף האָט מיך אזוי צומישט, אז איך בין געבליעבען שטעהן, ווי א גולם, אהן לשון.

זיי האָבען געמיינט, אז עפּעס אן אונגליק האָט פּאסירט און פּילייכט גאר א פערברעכען, און זיי אלע האָבען געקוקט מיט אויס־געגלאצטע אויגען.

צום סוף האָב איך ארויסגעשטאמעלט:

— ד־ד־דיעזע פרוי... געהט צו קינד...

דאן האָבען אלע זי גענומען בעטראכטען און עצות געבען,

דער וואַגאַבונד.

ער האָט געוואַנדערט און געזוכט ארבייט, אומעדום גע־זוכט, שוין זייט פערציג טעג. זיין דאָרף אין דעם דע־פּאַרטמענט לאַמאנש האָט ער פערלאָזען, ווייל דאָרט איז קיין ארבייט ניט געווען. אַ בראַווער, ארבייטסזאַ־מער מענש, זיעבען און צוואַנציג יאָהר אַלט, איז ער צוויי חדשים נאָכאַנאַנד געזעסען ביי זיין טאַטע־מאַמע און געגעסען זייער ברויט, ווייל ביי דער אַלגעמיינער אַרבייטסלאָזיגקייט האָבען זיינע קרעפטיגע ארמס געמוזט רוהען. די נויט אין׳ם הויז איז געוואָ־רען גרעסער. זיינעביידע שוועסטער זיינען געגאַנגען ארבייטען, האָ־בען אָבער פערדיענט זעהר קנאַפּ, און ער, יאַקאָוו ראַנדעל, דער עלטסטער זוהן, דער קרעפטיגסטער פון אַלעמען, האָט גאָר נישט גע־טהאָן, ווייל עס איז ניט געווען וואָס צו טהאָן, און ער האָט נאָך גע־מוזט ארויסרייסען דעם לעצטען ביסען ברויט ביי די איבריגע פון׳ם הויז.

דאַן האָט ער זיך דערוואוסט, אז מען קאַן קריגען ארבייט אין מיטעל־פראַנקרייך.

איז ער אוועק. ער האָט גענומען זיינע פּאַפּירען און צייג־ניסען, אַ פּאָאר שטיוועל, אַ פּאָאר הויזען און אַ העמד, האָט עס אַלעס פּערפּאַקט אין אַ בלויען טוך, האָט בעהאַלטען זיעבען פראַנק אין דער קעשענע, און איז אוועק מיט אַ שטאָק איבער׳ן אַקסעל.

און ער האָט געוואַנדערט איבער די לאַנגע און ברייטע שליאַ־כען בייטאָג און ביינאַכט, ביי זונען־שיין און רעגען, אָבער דאַס וואונדער־לאַנד, וואו דער ארבייטער קאַן ארבייט קריגען, האָט ער ניט ענטדעקט.

צוערשט האָט ער געזוכט זיין אייגענע ארבייט — ער איז גע־

איך האָב זיך א כאפּ געטהאָן:

— זי איז ניט מיין פרוי.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— אלזא, אייער געליעבטע, דאָס איז מיר גאנץ גלייך...

און ער האָט אויסגערעכענט די אלע זאכען, וואס זיינען נויטיג צו טהאָן פאר איהר, אום זי זאל געזונד ווערען.

וואָס האָב איך געזאלט טהאָן? שיקען די אונגליקליכע אין א שפּיטאל אריין? מען וואלט מיך געהאלטען פאר אן אונמענש אין דעם גאנצען הויז, אין דעם גאנצען קווארטאל.

איך האָב זי איבערגעלאזט ביי זיך. זעקס וואכען איז זי געלעגען אויף מיין בעט.

דעם קינד האָב איך אוועקגעשיקט האָדעוווען צו פּויערים אין פּואססי. פופציג פראנק א מאָנאט צאהל איך פאר איהם. נאָך היינט אויך. איינמאָל בעצאהלט פאר איהם, וועל איך מוזען צאָהלען ווייטער, ווייטער, אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען...

און שפּעטער וועט עס מיך פאר זיין פאטער האלטען.

און אום די מאָס פון צרות זאל זיין פארפול, איז די דאָזיגע מיידעל ווידער געזונט געוואָרען... האָט זיך פערליעבט אין מיר... ליעבט מיך משוגע, ווילד.

— נו, און וואס?...

— זי איז אויסגעדארט געוואָרען, ווי א קאץ, האָב איך זי ארויסגעשמיסען פון'ם הויז, די טויטע בעשעפעניש. און איצט היט זי מיך אפּ אויף דער גאס, פערשטעקט זיך, אום צו זעהן, ווי איך געה פארביי. און ביינאכט, בעת איך געה ארויס, האלט זי מיך אָפּ, אום די האנד מיר צו קושען. זי האָט מיר אזוי דערעסען, דאָס איך וועל שיעור ניט משוגע.

פערשטעהט איהר שוין, מיינע פריינד, ווארום איך וויל מעהר ניט פייערען דעם ווייהנאכטס־אבענד?...

און ער האָט ווילד א כאפּ געטהאָן זיין שטאק און אן אונבעשטימטע לוסט האָט זיך אין איהם ערוועקט, א לוסט צו דער׳הרג׳ענען דעם ערשטען בעסטען פערבייגעהער, וואס וועט זיך צוריקקעהרען אהיים, אום צו עסען וועטשערע.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די פעלדער און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער זעהט דארט ארויסגעגראבענע קארטאָפעל אויף דר׳ערד. ווען דאָס איז נור קארטאָפעל, דאן וועט ער צונויפשארען טרוקענע האלץ, וועט א פייער מאכען און וועט זיך זאט אָנעסען. די רונדע, ווארימע קארטאפעל וואלטען איהם איצט פשוט מחיה געווען. אָבער די צייט פון קארטאָפעל איז געווען פאראיבער און אַלעס, וואָס ער האָט אויף׳ן פעלד פיר זיך געקראגען איז געווען א רויטע ריב, אזוי ווי נעכטען.

זייט צוויי טעג האָט ער גערעדט הויך אויף׳ן קול צו זיך אליין, בעת ער האָט געוואנדערט, אזוי שווער האָבען איהם געמוטשעט זיינע געדאנקען. ביז דעמאלט האָט ער מיט זיין איינפאכען פער־שטאַנד געטראכט נור וועגען זיין ארבייט. אָבער די מיעדקייט, די נאכאנאנדיגע יאָגענים נאָך דער ארבייט, וועלכע ער האָט ניט געקענט געפינען, די גראָבע ענטפערס, וואס ער האָט בעקומען פון די, ביי וועלכע ער האָט אויף ארבייט געפרעגט, די נעכט אונטער׳ן פרייען הימעל, דער הונגער, די פעראכטונג פון די מענשען צו איהם, דעם וואגאבונד, דעם ארומשלעפער, און די פראגע, וואס ער האָט יעדען טאָג געהערט: „פארוואס זייט איהר ניט געבליבען אין דער היים“? דער פערדרוס וואס ער קאָן גאָר נישט טהאָן מיט זיינע שטארקע הענד, די בענקעניש נאָך זיינע ארימע עלטערען, נאָך זיין היים, וואו דער דלות האָט געפייפט, — דאָס אַלסדינג האָט מיט ביטער־קייט זיין הארץ אנגעפילט, מיט צאָרן איהם געברענט, מיט א צאָרן, וואָס האָט געוואקסען פון טאָג צו טאָג, פון שטונדע צו שטונדע און פון מינוט צו מינוט. און דער דאזיגער צאָרן האָט זיך ביי איהם געריסען גאנץ פון זיך אליין אין קורצע בייזע פראזען.

— הינטיש לעבען.... חזרים.... מען לאזט א מאן פאר הונגער קראפּירען.... א סטאָליער... חזרים... ניט א גראָשען... ניט א גראָשען... אָט עס רעגענט שוין אויך.... חזרים....

ווען א סטאָליער— אָבער, אז ער האָט זיין ארבייט ניט געפונען, האָט ער בעשלאָסען יעדע ארבייט אָנצונעהמען, וועלכע עס וועט זיך איהם נור מאכען.

און ער האָט געארבייט אויפ׳ן פעלד, אין שטאלען, געהאקט שטיינער, געזעגט האלץ, בוימער, געגראבען ברונימער, געהיט ציעגען אויף א בארג, אלסדינג פיר א פּאָאר גראָשען, פיר הונגער־שכירות. אָבער אפילו די דאזיגע אלערליי ארבייטען פיר הונגער־שכירות האָט ער אויך ניט געהאט אלע מאָל: אפּגעארבייט א פּאָאר טעג ביי איין ארבייט, האָט מען איהם ערקלעהרט, אז מען דארף איהם מעהר ניט און ער האָט זיך געמוזט זוכען אנאנדער פלאץ, נייע ארבייט. אזוי האָט ער זיך ארומגעפלאגט די טעג און די נעכט און איז קיינמאָל ניט געווען זיכער מיט דעם מארגענדיגען טאָג.

און איצט האָט ער זייט א וואך קיין ארבייט ניט געפונען. ער האָט ארומגעוואנדערט פון איין פלאץ אין דעם אנדערען, א מיעדער, א הונגעריגער, און ווען ניט מאנכע פרויען, וואס האָבען איהם פאר רחמנות אמאָל א שטיקעל ברויט געשענקט, בעת ער איז געשטאנען נעבען דער טיר פון זייער הויז, וואלט ער פאר הונגער אויסגעגאנגען.

עס איז געווען פארנאכט. יאקאָוו ראנדעל איז געווען מיעד, צובראָכען, הונגעריג און פערביטערט. ער איז געגאַנגען אַ בארפוסער אויפ׳ן גראז ביים זייט פון׳ם שליאַך, ווייל ער האָט געזשאלעוועט זיינע לעצטע פּאָאר שטיוועל. די אנדערע שטיוועל האָט ער שוין לאנג געהאט אויסגעטראגען.

דאָס איז געווען אין א שבת שפּעט אין הערבסט. דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט שווערע, גרויע וואלקענס. צווישען די בוימער האָט א שטארקער ווינד געוואיעט. מען האָט געפיהלט, אז באלד וועט א רעגען ארויס. דאס פעלד איז געלעגען פערכמורעט און פערלאזען.

ראנדעל איז געווען הונגעריג, הונגעריג ווי א וואלף, ווען דער נאָגענדיגער הונגער צווינגט צו ווארפען זיך אויף מענשען. דער קאָפּ איז איהם געווען שווער, אין די שלייפען האָט איהם גע־האמערט. זיינע אויגען זיינען געווען רויט, זיין מויל פערטריקענט

זיך, ווי א פערלארען בעשעפעניש, וואס ווייסט ניט, וואוהין צו אנט־לויפען, וואו זיך צו בעהאלטען, ווייל אויף דער ערד האָט עס מעהר קיין פלאץ.

די נאכט איז צוגעפאלען, א פינסטערניש האָט זיך צושפרייט איבער די פעלדער. פון ווייטען האָט ער דערזעהן אויף א לאנקע א שווארצען פונקט, א בהמה. ער האָט זיך א לאז געטהאָן אהין, ניט וויסענדיג אליין, וואס ער טהוט.

און ווען ער איז צוגעגאנגען צו דער בהמה, האָט זי א דרעה געטהאָן צו איהם איהר דיקען קאפ און ער האָט געטראכט:

— ווען איך וואלט געהאט א כלי, וואלט איך געקאנט אביסעל מילך טרינקען.

ער האָט געקוקט אויף איהר און זי אויף איהם. דאן האָט ער פלוצים איהר א שטויס געגעבען מיט'ן פוס אין בויך און א גע־שריי געטהאָן:

—שטעה אויף! שטעה אויף!

זי האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און איהרע שווערע אייטער זיינען ביי איהר ארונטערגעהאנגען. דאן האָט זיך דער מאן אויס־געצויגען אויף'ן רוקען צווישען די פיס פון דער בהמה און האָט געטרונקען לאנג, לאנג. בעת דעם האָט ער מיט ביידע הענד צו־נויפגעדריקט די דיקע, ווארימע אייטער, וועלכע האָבען געשמעקט מיט שטאל, און ער האָט אזוי לאנג געזויגט, ביז אין דעם לעבעדיגען קוואל איז ניט פערבליבען קיין טראָפען מילך.

דער אייז־קאלטער רעגען איז איצט געפאלען שטארקער און געדיכטער און אויף'ן גאנצען פעלד איז ניט געווען קיין אָרט, וואו צו בעהאלטען זיך. עס איז געווען קאלט. גאנץ ווייט איז געשטאנען א הויז און פון דארט האָט געווינקט א פייערל דורך די ביימער.

די בהמה האָט זיך ווידער שווער אנידערגעלעגט אויף דר'ערד. ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר, א גלעט געטהאָן איהר דעם קאפ מיט דאנקבארקייט. זי האָט ארויסגעלאזט דורך די נאָזלעכער א שווערע און ווארימע פארע און דער ארבייטער האָט געזאגט:

— איך דענק, אז נעבען איהר איז ניט קאלט.

דערנאך האָט ער אוועקגעלייגט זיינע הענד אויף דער ברוסט

און ווען ער האָט איצט געזעהן דעם דינעם, גרויען רויך, וואָס האָט זיך געצויגען פון די קוימענס, איצט, ווען די מענשען האָבען געגעסען וועטשערע, האָט א ווילדער פערלאַנג אין איהם ערוואַכט, אריינצורייסען זיך אין איינע פון די דאָזיגע הייזער, דער׳הרג׳ענען די מענשען און פערנעהמען זייער פלאַץ ביים טיש. אז ביי מענשען וואָלט עס געהייסען „גנבה“, „רציחה“ — וועגען דעם האָט ער איצט ניט געטראַכט.

ער האָט געריעדט צו זיך:

— גאָר נישט, אפילו לעבען האָב איך קיין רעכט ניט... מען לאָזט מיך קראַפּירען פאַר הונגער.... חזרים!.... איך וויל דאָך ארבייטען.... חזרים!...

און, דערפיהלט א וועהטאג אין אלע זיינע גליעדער און קרעמפּפען אין׳ם מאָגען, האָט ער ווייטער געריעדט צו זיך:

— אויב איך אטהעם, דאַרף איך האָבען א רעכט צו לעבען... די לופט געהערט אלעמען... מען דאַרף מיך ניט לאָזען קראַפּירען פאַר הונגער.

א דינער, אייז־קאַלטער רעגען איז געפאַלען. ער האָט זיך אפּגעשטעלט און ארויסגעברומט:

— צום טייפעל, פיער וואכען מוז איך זיך נאָך שלעפּען, ביז איך וועל אהיים קומען.

ער איז געוועזען אויף׳ן וועג אהיים, ווייל ער האָט איינגעזעהן, אז דאָרט, וואו מען קאָן איהם, וועט ער גיכער קאָנען קריגען אר־בייט ווי דאָ, אויף דעם גרויסען־גרויסען שליאַך, וואו אלע קוקען אויף איהם מיט פערדאַכט.

אויב ער וועט דאָרט, אין דער־היים, זיין ארבייט ניט קריגען, וועט ער טהאָן, וואס עס וועט זיך מאכען, ער וועט בדאי ארבייטען פיר צוואַנציג סו א טאָג, אבי ער זאָל האָבען כאָטש א שטיקעל טרוקען ברויט.

ער האָט די האלז ארומגעבונדען מיט זיין צוריסען טיכעל, אום דער קאַלטער רעגען זאָל ניט צוקומען צו זיין רוקען און ברוסט. אָבער באַלד האָט ער דערפיהלט, אז דער רעגען נעהמט איהם דורך אין גאַנצען און ער האָט געוואָרפען א פערצווייפעלטען בליק ארום

יאַקאָוו האָט זיך אויפגעהויבען, האָט איהם בעגריסט און געזאָגט:

— האָט איהר ניט אפשר ארבייט פאר א מענשען, וואָס געהט אויס פאר הונגער?

דער פּויער האָט געוואָרפען אויף איהם א בייזען בליק און געענטפערט:

— איך האָב קיין ארבייט ניט פיר ארומשלעפּערס.

און דער סטאָליער האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף׳ן גראָז.

ער האָט געווארט א לאנגע צייט. איבער׳ן שליאך זיינען געגאַנגען און געפאהרען דארפסלייט. ער האָט געקוקט אויף זיי און געזוכט צווישען זיי א גוט פּנים, צו ווענדען זיך צו ווענדען מיט זיין קלאָג, א פּנים וואס זאָל צוטרויען אין איהם ערוועקען.

צום סוף האָט זיך בעוויזען איינער אזא מאַן אין א שווארצען ראָק מיט א גאָלדענער קייט אויף׳ן בויך. דעם האָט ער זיך אויסגעוועהלט און צו דעם האָט ער זיך געווענדעט:

— זייט צוויי מאָנאטען זוך איך ארבייט און איך קען ניט געפינען. איך פערמאג נור צוויי סו אין דער קעשענע.

דער מאַן האָט געענטפערט:

— האָט איהר געלעזען די בעקאנטמאכונג, וואס איז אומעדום אָנגעשלאָגען? בעטלען און פּעדלען איז אין אונזער געמיינדע פערבאָטען. איך מוז אייך זאגען, אז איך בין דער געמיינדע־פארשטעהער און ווען איהר וועט זיך גלייך ניט אפּטראגען, הייס איך אייך ארעסטירען.

יאַקאָוו האָט זיך אנגעצונדען און ער האָט ארויסגעברומט:

— פונמיינטוועגען מעגט איהר מיך ארעסטירען, מיר וואָלט עס געוועזען פיעל ליעבער, ווי פאר הונגער צו קראפּירען.

און ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אויף׳ן גראָז.

אין א פערטעל שטונדע ארום האָבען זיך בעוויזען צוויי זשאַנדארען. זיי זיינען געגאַנגען איבער׳ן ברייטען שליאך לאנגזאם איינער נעבען אנדערען און זייער יוניפאָרם מיט די מעטאלענע קנעפּלאך האָבען געגען דער זון געגלאנצט, אזוי ווי די דאָזיגע

פון דער בהמה און זי א שלעפ געטהאָן צווישען זיינע פיס, אום זיך אָנצואווארעמען. און מיט אמאָל איז איהם אריינגעפאלען א גע־דאנק: ער וועט זיך צודריקען צו דעם דאָזיגען ווארעמען גוף און וועט אזוי די נאכט איבערנעכטיגען. ער האָט געוואלט וואס בעסער, וואס בעקוועמער ליגען, האָט ער צוגעדריקט זיין שטערען צו די מעכטיגע אייטער, וועלכע ער האָט נור־וואס אויסגעלעדיגט. און אזוי ווי ער איז טויט־מיעד געווען, איז ער באלד אנשלאָפען גע־וואָרען.

עטליכע מאָל דורך די נאַכט האָט איהם די קעלט אויפגעוועקט, דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט מיט דער קאלטער זייט צו דעם וואַ־רעמען קערפער פון דער בהמה און איז באלד ווידער געשלאָפען.

א קרעה פון א האָהן האָט איהם אויפגעוועקט. עס האָט גע־נומען טאגען. עס האָט מעהר ניט גערעגענט. דער הימעל איז גע־ווען קלאָר.

די בהמה האָט דעם קאָפּ אויף דר׳ערד אוועקגעלעגט און זיך אויסגערוהט. ער האָט זיך איינגעבויגט צו דער בהמה, אנגעשפּארט אָןביידע עלענבויגענס, האָט איהר א קוש געטהאָן אויף די ברייטע, נאסע נאזלעכער און געזאגט:

— נו, זיי געזונד, ליעבע קיהעלע! דו ביזט א גוטע קיהעלע. אדיע!

דערנאָך האָט ער אָנגעטהאָן זיינע שטיוועל און זיך אוועקגעלאָזט ווייטער. ער איז געגאנגען און געגאנגען צוויי שטונדען נאכ־אנאנד איבער דעם זעלביגען ברייטען שליאך. דערנאך איז ער גע־וואָרען אזוי מיעד, דאָס ער האָט זיך געמוזט צוזעצען אויף׳ן גראָז.

עס איז געוואָרען גרויסער טאָג. אין די דערפער האָבען גלע־קער געקלונגען. מענער אין בלויע בלוזעס, ווייבער אין ווייסע הייבלאך, צו פוס אדער אויף פוהרען, האָבען אָנגעהויבען דעם שליאך צו בעלעבען. זיי זיינען געגאנגען אין די נאָהענטע דערפער צו פריינד און קרובים דעם זונטאג צו פערברענגען.

א דיקער פויער האָט זיך בעוויזען. ער האָט געטריעבען א צוואנציג צושראָקענע שעפּסען, וואס האָבען געמעעקעט.

— האָט איהר פּאַפּירען?

— יאָ.

— ווייזט אהער.

— יאקאָוו האָט ארויסגענומען פון קעשענע זיינע פּאפּירען און צייגניסען. זיי זיינען געווען אָפּגעריבען, צוקנייטשט און שמוציג, כמעט צופאַלען.

דער וואכטמייסטער האָט זיי דורכגעקוקט, ניט געפונען אין זיי קיין פעלשונג און מיט א זויערער מינע פון א מענשען, וועלכער איז ארויסגעכיטרעוועט געווען פון א צווייטען א כיטרערען פון איהם, האָט ער איהם צוריקגעקעהרט די פּאפּירען.

דערנאָך האָט ער א ווײַלע נאָכגעדאכט און געפרעגט פון דאָס ניי:

— געלד האָט איהר ביי זיך?

— ניין.

— גאָר גישט?

— ניין.

— ניט איין סו?

— ניט איין סו.

— היינט פון וואס לעבט איהר?

— פון דעם, וואס איך קריג.

— הייסט עס, איהר בעטעלט?

— ווען איך קאָן, יאָ.

דער וואכטמייסטער האָט דאן ערקלעהרט:

— אויב אזוי, האָב איך אייך געכאפּט, בעת איהר האָט זיך ארומגעשלעפּט און געבעטעלט. אהן געלד זייט איהר, אהן מיטלען צום לעבען, אהן ארבייט. איך האָב אייך געטראָפען דאָ, אויף׳ן שליאך, איך ארעסטיר אייך, קומט.

יאקאָוו איז אויפגעשטאנען און געזאגט:

— איך געה מיט אייך, וואוהין איהר ווילט אליין.

און ניט ווארטענדיג אויף׳ן בעפעהל, האָט ער זיך געשטעלט צווישען די צוויי זשאנדארען און איז אוועק מיט זיי.

אָרדנונגס־היטער וואלטען נאָך פון ווייטען די פערברעכער גע־סטראשעט.

יאַקאָוו האָט פערשטאנען, אז זיי געהען צו איהם, אבער ער האָט זיך ניט א ריהר געטהאָן. זאָלען זיי איהם ארעסטירען, ער וויל עס טאקי — האָט ער מיט האס געטראכט — שפּעטער אמאָל וועט ער זיך שוין מיט זיי אפּרעכענען.

זיי זיינען געגאנגען צו איהם מיט פעסטע, מיליטערישע טריט און האָבען זיך געמאכט, כלומרשט ווי זיי זעהען איהם גאָר ניט. דערנאָך, ווען זיי זיינען געווען גאנץ נאָהענט, האָבען זיי זיך פּלוצים א כאפּ געטהאָן, אקוראט ווי זיי וואלטען איהם ערשט דער־זעהן, האָבען זיך אפּגעשטעלט און איהם אנגעקוקט מיט בייזע און סטראשענדיגע אויגען.

דער וואכטמייסטער איז צוגעגאנגען צו איהם און האָט א פרעג געטהאָן:

— וואס טהוט איהר דאָ?

יאַקאָוו האָט געענטפערט גלייכגילטיג:

— איך רוה זיך אפּ.

— פון וואנען קומט איהר?

— ווען איך זאָל אייך אויסרעכענען אָלע געגענדען, וואו איך בין געווען, וואלט איך גענדאַרפט א שטונדע רעדען.

— וואוהין געהט איהר?

— נאָך לא מאנש.

— איז דארט אייער היים?

— מיין היים.

— פארוואָס זייט איהר פון דארט אוועק?

— איך האָב ארבייט געזוכט.

דער וואכטמייסטער האָט זיך א קעהר געטהאָן צום זשאנדאר און געזאגט מיט א טאָן פון א מאן, ביי וועלכען די גאָל פּלאצט שוין פון דעם אייביגען בעטרוג פון מענשען:

— דאָס זאגען זיי אלע, די פוילע לודערס. איך קאן זיי שוין.

דערנאָך האָט ער זיך שוין א קעהר געטהאָן צו יאַקאָוו׳ן:

— ווייזט מיר אייערע פאפירען — האָט דער געמיינדע־פאר־שטעהער זיך אָנגערופען.

ער האָט זיי גענומען, איבערגעלעזען איינמאָל, א צווייטען מאָל, האָט זיי אפּגעגעבען צוריק און געזאגט:

— זוכט איהם ארום.

מען האָט איהם ארומגעזוכט און גאָר נישט געפונען.

דער געמיינדע־פארשטעהער האָט אויסגעזעהן שטארק פער־וואונדערט און ער האָט זיך געווענדעט צום ארבייטער:

— וואָס האָט איהר היינט אין דער־פריה געטהאָן דארט, וואו איך האָב אייך געטראָפּען?

— איך האָב געזוכט ארבייט.

— ארבייט — דאָרט אויף׳ן שליאך?

— וואו דען?

זיי האָבען געקוקט איינער אויף׳ן אנדערען מיט אויגען פול האַס, ווי חיות, וועלכע געהערען צו בעזונדערע פיינדליכע ראַסען.

דער געמיינדע־פארשטעהער האָט ווידער זיך אנגערופען:

— איך וועל אייך בעפרייען, אבער זעהט, איהר זאלט נאך אמאָל ניט ארייגפאלען.

דער ארבייטער האָט געענטפערט:

— הלואי וואלט איהר מיך בעסער פערשיקט אין געפענגעניס, וואלט איך זיך געקאנט אויסרוהען.

דער געמיינדע־פארשטעהער האט אויף איהם אָנגעשריען:

— שווייגט!

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די זשאנדארען:

— איהר זאלט איהם בעגלייטען ביז צוויי הונדערט מעטער פון דאנען און דערנאך זאלט איהר איהם אפּלאזען.

דער ארבייטער האָט זיך אנגערופען:

— גיט מיר כאטש עפּעס עסען.

דער געמיינדע־פארשטעהער האָט געענטפערט מיט כעס:

— נאָך עסען אייך געבען, אפשר זאל מען אייך נאָך עפּעס געבען? אָט דאָס איז א חוצפּה.

דאָן האָט יאקאָוו געזאגט מיט זיכערהייט אין׳ם קול:

— ארעסטירט מיך — האָט ער געזאגט — וועל איך כאטש האָבען א דאך איבער'ן קאָפּ, ווען עס וועט רעגענען.

און זיי זיינען אוועק צום דארף צו. פון ווייטען האָבען זיך געזעהן די דארפישע הייזער דורך די נאקעטע ביימער.

גראד איז עס געווען אין דער צייט, ווען אין דער דארפישער קירכע איז די גאטעס־דיענסט אנגעגאנגען. און גלייך האָבען זיך פערקליבען מענשען ארום דעם פערברעכער און א מחנה קינדער זיינען איהם נאָכגעלאָפען מיט א ווילדען ליארם. פּויערים און פויערטעס האָבען נאכגעקוקט דעם ארעסטירטען, וועלכער איז געגאנגען צווישען די צוויי זשאנדארען, האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט אויגען פון האס און אויף זייערע פּנים'ער האָט מען געקאָנט לייענען, אז זיי וואלטען איהם מיט שטיינער פערווארפען, די אויגען מיט די נעגעל איהם אויסגעקראצט, אונטער די פיס איהם צו־טראָטען. מען האָט זיך געפרעגט איינער ביים אנדערען, אויב ער האָט עפּעס גע'גנב'עט אדער עמיצען ערמארדעט. דער קצב, אן אויסגעדיענטער סאלדאט, האָט פערזיכערט:

— עס איז אן אנטלאָפענער סאָלדאט.

דער טאבאק־פערקויפער האָט דערצעהלט, אז ער דערקענט דעם מאן. אז דער אייגענער מאן האָט איהם אין דער־פריה גע־וואלט אריינשפּארען א פאלשע מטבעה און נאָך איינער האָט פער־זיכערט, אז דאס איז ניט אנדערש ווי דער מערדער פון דער אלמנה מאלע, וועלכען די פּאליציי זוכט שוין העכער א האלב יאָהר.

מען האָט איהם געבראכט צום געמיינדע־פאָרשטעהער. יע־נער איז געזעסען ביים טיש.

— אהא! — האָט ער געשריען — איהר זייט דאָ? האָב איך אייך ניט געזאגט, אז איך וועל אייך פערשפּארען? וואכט־מייסטער, וואס איז מיט דעם מאן?

דער וואכטמייסטער האָט געענטפערט:

— הערר געמיינדע־פאָרשטעהער, דאָס איז אן ארומשלעפּער אָהן מיטלען און געלד, ווי ער זאגט אליין. איך האָב איהם ארעס־טירט פאר בעטלען און ארומשלעפּען זיך איבער'ן שליאך. זיינע פּאפּירען זיינען אין ארדנונג.

—העי, עפענט! עפענט!

קיינער האָט זיך ניט אפגערופען. דאן איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און עס מיט דער האנד אין גאנצען ארויפגערוקט, און די לופט פון דער קיך, די ווארימע לופט, וועלכע איז געווען אנגעזאפּט מיט דעם גערוך פון ווארימער סופּ, געקאכטען פלייש און פון קוי־לען, האָט זיך א ריעס געטהאָן איהם אנטקעגען אין די קעלט ארויס.

איין שפּרונג, און ער איז געשטאַנען אינווענינ. דער טיש איז דארט געווען געגרייט פיר צוויי פּערזאנען. די בעלי בתים זיינען הפנים אין קירכע אוועק און האָבען איבערגעלאזט זייער זונטאַג־ריגען עסען אויף'ן פייער, דאָס געשמאַקע רינד־פלייש מיט די גע־דיכטע גרינס־סופּ.

אויף'ן קאמין איז געלעגען א פריש לעבעל ברויט צווישען צוויי פולע פלעשער.

יאקאָוו האָט זיך צוערשט א ווארף געטהאָן אויף'ן ברויט און איהם צובראָכען מיט אזא קראַפט, אזוי ווי ער וואלט עמיצען געוואלט דער׳הרג׳ענען. דערנאָך האָט ער איהם אין דער־גיך ארונ־טערגעשלונגען, גרויסע שטיקערווייז. באלד האָט איהם צוגעצויגען צו זיך דער גערוך פון דעם געקאכטען פלייש אויף'ן אייווען. ער איז צוגעגאנגען, האָט ארונטערגענומען דעם דעקעל פון'ם טאָפּ און ארויסגעשלעפּט פון דארט מיט א גאָפּעל א גרויסען שטיק רינד־פלייש, וואס איז ארומגעבונדען געווען מיט א פּאָדים. דער־נאָך האָט ער זיך נאָך אנגעלעגט א פולע טעלער מיט ציבעלעס און אנדערע גרינסען, אוועקגעשטעלט אויף'ן טיש, אוועקגע־זעצט זיך, צושניטען דאָס פלייש אין פיער שטיקער און אָנגעפאנ־גען צו עסען, אקוראט ווי ביי זיך אין דער־היים. אז ער איז פאר־טיג געוואָרען מיט דעם פלייש און מיט די גרינסען, האָט זיך איהם פערגלוסט טרינקען. און ער האָט גענומען איינע פון די פלעשער פון'ם קאמין. ער האָט באלד דערזעהן, אז דאָס איז שנאפּס.

אך, ווי דער שנאפּס האָט איהם דערווארעמט, אן אמת׳ע קוויקונג נאָך אזוי פיעל צייט פרירען... און ער האָט געטרונקען.

דער שנאפּס איז געווען געשמאַק. און ער האָט אויסגעטרונקען

— איהר טרייבט מיך צו א פערברעכען, ווען איהר לאזט מיך אזוי קראפירען פאר הונגער. עס וועט זיין ערגער פיר אייך, איהר דיקער, אפגעפרעסענער חזיר.

דער געמיינדע־פארשטעהער איז אויפגעשפרונגען אויסער זיך פאר כעס:

— פיהרט איהם ארויס שנעל, שנעל!...

דיביידע זשאנדארען האבען א כאפ געטהאן דעם ארבייטער אונטער די ארמס און איהם ארויסגעשלעפט. ער האט זיך ניט געוועהרט, איז געגאנגען מיט די זשאנדארען דורך'ן דארף צוריק, ביז מען האט איהם ווידער געבראכט צום שליאך. דאן האט דער וואכטמייסטער אפגעמאסטען צוויי הונדערט מעטער פון דעם ער־שטען קילאמעטער־שטיין אויפ'ן שליאך און ער האט געזאגט:

— אזוי. און איצט טראגט זיך אפ פון דאנען און מען זאל אייך מעהר ניט זעהן אין אונזער געגענד, אניט וועט איהר האבען צו טהאן מיט מיר, איהר הערט?

און יאקאוו איז אוועק איבער'ן שליאך, ניט ענטפערענדיג קיין ווארט און ניט וויסענדיג, וואוהין ער געהט. אזוי איז ער געגאנגען א פערטעל שטונדע צי א צוואנציג מינוט, שטומפזיניג, אהן א בעשטימטען געדאנק אין'ם מוח.

אבער פלוצים, ווען ער איז פערבייגעגאנגען א קליין הייזעל מיט א האלב־אפענעם פענסטער, פון וועלכען א גערוך פון גע־קעכץ האט איהם צו דער נאז א זעץ געטהאן, איז ער שטעהן גע־בליבען.

און מיט איינמאל האט איהם אנגעכאפט א משוגענער, וויל־דער הונגער און ער האט זיך מיט אזא אימפעט א לאז געטהאן אהין, דאס ער האט זיך כמעט אנגעקלאפט אן דער וואנד פון'ם הייזעל.

ער האט אויסגעשריען הויך און צורייצט:

זאל מיך דער טייפעל נעהמען! דאס מאל מוז איך קריגען וואס צו עסען.

און ער האט גענומען האקען מיט'ן שטאק אין די טיר. קיי־נער האט ניט געענטפערט. ער האט געקלאפט שטארקער און געשריען:

אין א טאָג, א הייסען!
אין א טאָג, א הייסען....

ער איז איצט געגאנגען אויף דיקען, נאסען מאָך. און דער־
פיהלט אונטער זיינע פיס דעם דאזיגען ווייכען טעפּיך, איז איהם
א משוגענער געדאנק ארויפגעקומען אויף׳ן זינען: ער וועט שפּיעלען
אין שפּרינגעניש, ווי א קינד.

ער האָט א שפּרונג געטהאָן און איז געפאלען, האָט זיך
אויפגעהויבען און ווידער געשפּרונגען. און צווישען יעדען שפּרונג
האָט ער געזונגען:

אָך, דאָס יאגערעס־רייסען,
אָך, דאָס יאגערעס־רייסען
אין א טאָג, א הייסען!
אין א טאָג, א הייסען....

פּלוצים איז ער שטעהן געבליעבען: אונטען, נעבען א הייהל,
פון וועלכען עס האָט זיך געצויגען א וועג צום דארף, איז געגאנגען
א הויכע געזונדע מויד. אויף׳ן אקסעל האָט זי געטראגען א קארא־
מיסליק (א האָלץ־טרעגער) מיט צוויי עמער מילך.

ער האָט געקוקט אויף איהר מיט גיריגע אויגען, ווי א וואלף
אויף א שעפּס.

זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי פערריסען דעם קאפּ, אנגע־
הויבען צו לאכען און ארויפגעשריען צו איהם:

— איהר האָט עס אזוי שעהן געזונגען?

ער האָט ניט געענטפערט, ארונטערגעשפּרונגען אין הייהל,
אודאי א זעקס פּוס טיעף.

זי האָט זיך אנגעהופען, בעת זי האָט איהם פּלוצים דערזעהן
נעבען זיך:

— אוי, האָב איך זיך דערשראקען!

אָבער ער האָט זי ניט געהערט. ער איז געווען שיכור, ער איז
געווען מישוגע. נאָך אנאנדערע בעדירפנים האָט אין איהם ערוואכט,
שטארקער ווי דער הונגער, א בעדירפניס, דורך דעם אלקאהאל
אויפגעקאכט, דורך דעם אונווידערשטעהליכען טריעב פון א יונגען,

נאָך א גלאז און נאָך א גלאָז אין איין אטהעם. ער האָט זיך גע־נומען פיהלען פרעהלאָך, צופריעדען. דער אלקאהאל האָט געווירקט. ער האָט געשפירט, ווי איבער׳ן גאנצען קערפּער צוגיעסט זיך איהם אזא חיות, אזא חיות....

ער האָט געגעסען ווייטער, ניט אזוי גיך ווי פריהער, האָט געקייט לאנגזאמער און געבראַקט דאָס ברויט אין די סוף. עס איז איהם געוואָרען הייס און א שוויס האָט איהם בעגאסען, זיין פּולס האָט שטארק געקלאפּט.

אָבער פּלוצים האָט זיך דערהערט פון ווייטען א קלינגען פון א גלאָק. עס איז שוין געווען נאָך דער גאטעס־דיענסט. און מעהר אויס אינסטינקט ווי אויס מורא, אויס דעם אינסטינקט פון פאר־זיכטיגקייט, וואס ערוועקט זיך ביי אלע בעשעפּעניש'ען אין דער צייט פון געפאהר, איז ער אויפגעשפּרונגען, האָט אריינגערוקט דעם רעסט פון דעם ברויט אין איין קעשענע, די פלאש שנאפּס אין דער אנדערער, איז צוגעלאָפען צום פענסטער, א שפּרונג גע־טהאָן איבער דאָס פענסטער־ברעט און איז אין דרויסען ארויס.

אויף׳ן שליאָך האָט מען נאָך קיינעם ניט געזעהן. ער האָט זיך געלאזט לויפען, אבער אנשטאט גלייך מיט׳ן שליאָך איז ער געלאָפען דורך די פעלדער, צו א וועלדעל, וואס ער האָט פון ווייטען געזעהן.

ער האָט זיך געפיהלט קרעפטיג, פלינק, גליקלאָך, צופריעדען און אזוי איבערפילט מיט לעבענס־קראפט, דאָס ער וואלט, דאכט זיך, טאנצען זיך אוועקגעלאזט.

אזוי גיך ווי ער האָט זיך דערזעהן צווישען די ביימער, האָט ער ארויסגעשלעפּט די פלאש פון דער קעשענע און ווידער גענומען טרינקען אין גרויסע זופּען. ער האָט געזופט און געגאנגען, געגאנ־גען און געזופט, ביז אין׳ם קאָפּ האָט איהם גענומען מישען. ער האָט מעהר קלאר ניט געזעהן און האָט אנגעהויבען זיך צו שאקלען אויף די פיס.

ער האָט זיך צוזונגען:

אַך, דאָס יאגערעס־רייסען,
אַך, דאָס יאגערעס־רייסען

אויגען און דערזעהן איבער זיך בלאנקענדיגע קנעפלאך און לא־
קירטען לעדער. ער האט זיך א כאפ געטהאן — די צוויי זשאנדארען,
מיט וועלכע ער האט זיך אין דער־פריה געטראפען, האבען איהם גע־
האלטען ביי די ארמס און איהם געשמיעדט.

— איך האב געוואוסט, אז איך וועל דיך ווידער אריינקריגען
— האט דער וואכטמייסטער גערעדט און געשמייכעלט גיפטיג.

יאקאוו האט זיך אויפגעהויבען. ער האט קיין ווארט ניט
גרויסגערעדט. די זשאנדארען האבען איהם געטרייסעלט און זיי
ואלטען איהם צו'נהרג'עט, ווען ער וואלט נור געוואגט א פיפס
צו טהאן, ווייל איצט איז ער געווען ביי זיי אין די הענד, איצט איז
ער געווען א פערברעכער, איצט וועט ער שוין די פרייע וועלט אזוי
זיך ניט אנזעהן....

— מארש! — האט דער וואכטמייסטער א קאמאנדעווע גע־
טהאן.

זיי זיינען אוועק. דער אבענד איז געקומען און האט איינגע־
ויקעלט די ערד אין א שווערע, טרויעריגע, יעסינדיגע דעמערונג.

אין א האלבע שעה ארום האבען זיי עררייכט דאס דארף.
לע טירען זיינען געווען אפען, ווארים די גאנצע געגענד איז שוין
ול געווען מיט דער גרויסער פאסירונג.

די פויערים און פויערטעס האבען זיך געקאכט, אקוראט ווי
עדער איינער פון זיי וואלט געווען בע'גנב'עט און יעדע איינע
ערגוואלטיגט, און זיי האבען געווארט אויף דעם פערברעכער, אום
יהם צו אטאקירען.

און ווען מען האט איהם אין דאס דארף אריינגעפיהרט, האט
יך א ליארם ארום איהם אויפגעהויבען, א ליארם און א געפילדער,
אס האט איהם בעגלייט ביז דעם הויז פון דעם געמיינדע־פאר־
טעהער. דארט האט שוין דער געמיינדע־פארשטעהער אויף איהם
ווארט. דערזעהן דעם פערברעכער פון דער ווייטענס, האט דער
נאמטער אויסגעשריען:

— נו, האב איך ניט געזאגט, אז דו וועסט אריינפאלען?

און ער האט זיך געריבען די הענד פאר פערגעניגען און גע־
דט:

שטאַרקען, פייערדיגען מאן, וועמען זייט צוויי חדשים האָט אלסדינג געפעהלט און וועלכער איז געווען שיכור.

דאָס מיידעל האָט זיך אפגערוקט פון איהם. א פחד האָט זי אנגעכאפּט, בעת זי האָט דערזעהן זיין פּנים, זיינע אויגען, זיין האלב־אָפענעם מויל און זיינע אויסגעשטרעקטע הענד.

ער האָט זי א כאפּ געטהאָן ביי די שולטערן און, ניט אויס־ריידענדיג קיין ווארט, האָט ער זי א שליידער געטהאָן אויף דר׳ערד.

די עמער זיינען ארונטערגעפאלען מיט גרויס געפּילדער און האָבען אויסגעקעהרט די מילך. זי האָט גענומען שרייען. דערנאָך אבער איז איהר קלאָר געוואָרען, אז איהרע געשרייען וועט סיי־ווי־סיי קיינער ניט דערהערען אין דעם דאזיגען אפּגעלעגענעם ווינקעל און, סתם, אז עס גערהט איהר ניט אין לעבען, האָט זי זיך שטארק ניט געוועהרט, איז אפילו אויף איהם ניט בייז געוואָרען, דען ער איז געווען א געזונדער חברה־מאן, אפילו אביסעלע צו ווילד.

נור ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען און דערזעהן די אויסגע־גאָסענע מילך, ערשט דעמאלט איז זי געוואָרען אויסער זיך פאר כעס. זי האָט ארונטערגעשלעפּט א שוך פון איהר פוס, א שליידער געטהאָן איהם אויף׳ן מאן און געשריען, אז זי וועט איהם דעם קאָפּ צופּלעטען, אויב ער וועט ניט בעצאהלען פאר די מילך.

ער האָט זיך אביסעל אויסגעניכטערט. דאן איז איהם קלאָר גע־וואָרען, וואס ער האָט געטהאָן, און ער האָט זיך דערשראָקען. ער האָט אנגעהויבען צו לויפען, אזוי גיך, ווי די פיס נור האָבען איהם געקאנט טראגען. עטליכע שטיינער פון דער מיידעל האָבען איהם אין רוקען געטראָפען.

ער איז געלאָפען א לאנגע, לאנגע צייט. דערנאָך האָט ער זיך דערפיהלט אזוי מיעד, ווי ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. די קניע האָבען זיך איהם געבויגען, ער האָט קוים די פיס געשלעפּט. פאר זיינע אויגען האָט אלסדינג זיך געדרעהט און געטאנצט און ער האָט ניט געוואוסט, אויף וואס פיר א וועלט ער איז.

ער האָט זיך א ווארף געטהאָן אונטער א בוים און באלד האָט ער איינגעשלאָפען.

א שטויס האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט אויפגעעפענט די

מוטער סאַוואַזש.

מיט פופצעהן יאָהר, אַז איך בין אין בירעלאַגנע ניט געווען. איין מאָל אין אַן אבענד בין איך ווידער אַהין געקומען אויף יאגד צו מיין פריינד סערוואל, וועלכער האָט ענדליך ווידער אמאָל אויפגעבויט זיין שלאָס, וועלכען די פריי־סען האָבען געהאט צושטערט.

איך האָב זעהר ליעב יענע געגענד. עס זיינען דאָ ווינקעלאַך אויף דער ערד, וועלכע האָבען פאר אונזער אויג א גאנץ בעזונדערען רייץ. מען האָט זיי כמעט קערפערליך ליעב. אין יעדען מענשען, וואָס האָט נור עפּעס אַ געפיהל פאר דער נאַטור, וועקט דער אָדער יענער קוואל, א וואלד, א טייך, א רייהע בערגלאַך, וועלכע מען האָט אפט געזעהן, די עראינערונג אָן אמאָליגען גליק, אָן פערגאנגענער ליעבע. אָפט שטעלט זיך אייך אַוועק פאר די אויגען פלוצים אַ שטילער וואלד־ווינקעל, אַ ברעג טייך, אַ בליהענדיגער גאָרטען, וועלכען מען האָט אפשר איין אייכציגס מאָל געזעהן אין א ליכטיגען, זוניגען טאָג. דאָס איז אין׳ם גערעכעניש איינגעקריצט געוואָרען, ווי דאָס בילד פון אַ פרוי, וואָס מען האָט זי אין אַ פריה־לינגס פריהמארגען בעגעגענט אין א דורכזיכטיג־העלען קלייד, און וועלכע האָט אין דער נשמה און אין די נערווען א אונרוה ערוועקט, פערלאנגען איבערגעלאזט, ניט אויסצולעשען, ווי דאָס גליק וואלט איינעם א גלעט געטהאָן.

איך האָב זעהר ליעב געהאט די לאנדשאפט אין בירעלאַגנע, וואו אומעדום זיינען געשטאַנען גרופּעס בוימער און טייכלעך האָבען געמורמעלט, וועלכע האָבען אַזוי ווי אָדערן דורך דער ערד זיך גע־צויגען, ווי זיי וואלטען די ערד מיט בלוט געשפייזט. דאָרט האט מען

— איך האָב עס געזאגט, איך האָב עס געזאגט, ווען איך האָב איהם אויפ'ן שליאף געזעהן.

דערנאך האָט ער צוגעלעגט מיט נייער פרייד אין'ם קול:

— וואַרט נור, לומפּ, דיינע צוואנציג יאָהר וועסטו שוין איצט זיכער האָבען.

מען האָט די אַלטע ניט שטאַרק בעדויערט, ווייל מען האָט געוואוסט, אז זי האָט געלד.

און אזוי איז זי איבערגעבליעבען אליין אין דעם איינזאמען הייזעל, וועלכעס איז געשטאַנען ווייט אוועק פון'ם דאָרף, ביים ראנד פון'ם וואלד. זי האָט אגב קיין מורא ניט געהאט, ווייל זי איז געווען פון דעם אייגענעם שניט ווי די מענער: א הארטע, גרויסע מאָגערע אַלטע פרוי, וועלכע מען האָט קיין מאָל ניט געזעהן לאַכענדיג און מיט וועלכער עס איז א סכנה געווען צו טרייבען קאַטאָוועס. די פויערשע ווייבער לאַכען איבערהויפּט זעלטען. דאָס לאַזען זיי איבער פאר די מענער. זיי, די ווייבער, זיינען ערנסט און בעשרענקט, זייער לעבען איז נעבאָך גאָר א טרויעריגער. קיין איין ליכטיגער שטראהל בעשיינט ניט זייער לעבען. דער פּויער געהט אין שענק און ליארעמט דאָרט און פרעהט זיך, אָבער זיין פרוי בלייבט ערנסט, די מוסקעלן פון איהר פּנים האָבען, ווי עס שיינט, ניט געלערנט זיך לאַכען.

מוטער סאוואזש האָט זיך ווייטער געלעבט מיט איהר געוועהנליך לעבען אין'ם הייזעל, וואס דער שנעע האָט אין גיכען פערשאַטען. איין מאָל אין וואָך איז זי געגאַנגען אין דאָרף אריין נאָך ברויט און נאָך א שטיקעל פלייש. דערנאָך האָט זי זיך צוריק אין איהר הייזעל אומגעקעהרט. אזוי ווי אין דער געגענד זאָלען זיך האָבען בעוויזען וועלף, איז זי אימער געגאַנגען מיט א ביקס איבער'ן רוקען. עס איז געווען מאָדנע צו זעהן, ווי די לאַנגע מוטער סאוואזש האָט מיט לאַנגע טריט איבער'ן שנעע געשפּרייזט, עטוואָס אָנגעבויגט אין פאָראויס מיט דעם שווארצען הייבעל אויף'ן קאָפּ, וועלכער האָט איהרע ווייסע האָאר פערדעקט. איהרע האָאר האָט נאָך קיין מענש אין דער וועלט ניט געזעהן.

אין א געוויסען טאָג זיינען געקומען די פּרייסען. יעדען נאָך זיין שטאַנד און פערמעגען האָט מען סאָלדאטען אויף קוואַרטיר אריינגעשיקט. צו דער אלטער, וועלכע האָט געגאלטען פאר רייך, האָט מען אריינגעשיקט פיער מאַן.

דאָס זיינען געווען פיער געזונטע יונגען, מיט ליכטיגע בלאָנדע האָאר און בלויע אויגען. טראָץ דעם שווערען מאַרשרוט, וואָס זיי

געקאנט כאפּען ראקעס, פארעלען און אנדערע פישען. אַך איז דאָרט גוט געווען! דאָ און דאָרט האָט מען זיך געקענט באדען און אין דאָס הויכע גראָז, וועלכע האָט ארומגערינגעלט דאָס וואסער, האָט מען זיך אָפט אָנגעשטויסען אויף ענטלאַך.

לייכט ווי א הירש בין איך ארומגעשפּרונגען און נאכגעקוקט מיינע ביידע הינד, וועלכע זיינען געלאָפען פאר מיר און געשמעקט. סערוואל האָט געזוכט ביי א הונדערט טריט רעכטס פון מיר אין א פעלד. ווען איך האָב זיך פארקירעוועט ביים ראנד פון׳ם וואלד האָב איך זיך אנגעשטויסען אן א צושטערטע הייזעל.

פּלוצים האָב איך זיך דערמאנט, ווי איך האָב דאָס דאָזיגע הייזעל געזעהן צום לעצטען מאָל אין יאָהר 1869, גוט־געהאַלטען, מיט א וויינשטאָק און א מאסע קוואקטשענדיגע היהנער פאר דער טיר. אזא מין פעהלאזענע הויז מיט צושטערטע ווענט זעהט אויס זעהר טרויעריג. איך דערמאָן זיך, ווי איין מאָל בין איך געקומען אהין טויט מיעד און א בראַווע פרוי האָט מיך געשטארקט מיט א גלאָז וויין. דאן האָט מיר סערוואל דערצעהלט פון די לייטע, צו וועמען דאָס הייזעל האָט געהערט. דער פאטער, אן אלטער גנב פון וואלד חיות, איז פון די וואלד היטער דערשאסען געוואָרען. דעם זוהן האָב איך שוין פריהער אַמאָל געזעהן. דאָס איז געווען א מאָגערער מענש, וועלכער האָט געהאט א נאָמען ווי זיין פאטער מען האָט די פאמיליע גערופען „סאוואזש" — די ווילדע.

צו האָבען זיי טאקע אזוי געהייסען, אדער דאָס איז געווען א צונעמעניש?

איך האָב א רוף געטהאָן סערוואל׳ן. ער איז צוגעקומען מיט זיינע לאַנגע טריט ווי אויף שטאלצען און איך האָב געפרעגט:

— וואָס איז איינענטליך פון די לייט געוואָרען?

און ער האָט מיר דערצעהלט אזא געשיכטע:

2.

ווען דער קריעג איז ערקלעהרט געוואָרען, איז דער זוהן, וועלכער איז דעמאלט דריי און דרייסיג יאָהר אלט געווען, אויף׳ן שלאכטפעלד אוועק און האָט די מוטער איבערגעלאזען איינע אליין

בעגריף פון בעליידיגטער עהרע, פאר יענע פאליטישע שטאַנדפונק־טען, וועלכע פערמאַטערען און צוברעכען אין פערלויף פון אַ האַלב יאָהר צוויי פעלקער, ווי די זיעגער אַזוי די בעזיעגטע.

ווען מען האָט אין דער געגענד גערעדט פון די איינגעקוואר־טירטע סאָלדאַטען ביי מוטער סאוואזש, האָט מען צוגעלייגט:

— נו, די פיער זיינען אין גוטע הענד אריינגעפאלען, זיי איז גוט.

ביז איין מאָל, ווען די אַלטע איז געווען אַליין אין'ם הויז, האָט זי אין אַ געוויסען אַבענד בעמערקט פון ווייטען אַ מאַן איבער'ן פעלד, וועלכער איז געגאַנגען צו איהר הויז צו. באַלד האָט זי איהם דערקאַנט. דאָס איז געווען דער דארפישער בריעף־טרעגער, וועל־כער האָט צוטראָגען די פאַסט. ער האָט איהר איבערגעגעבען אַ צוזאַמענגעלייגטע שטיק פאַפיר און זי האָט ארויסגענומען פון אַ שאַכטעל איהרע ברילען, וועלכע זי געברויכט ביים נייהען, און איבערגעלעזען:

„פרוי סאוואזש, איך מוז אייך איצט אַ טרויעריגע נאַכריכט שרייבען. אייער זוהן וויקטאָר איז נעכטען פון אַ קויל געטויטעט געוואָרען, וועלכע האָט איהם, אַזוי צוזאָגען, אין צוויי טהיילען צו־ריסען. איך בין געווען נאָהענט דערביי. מיר זיינען געשטאַנען אין'ם רעגימענט איינער נעבען אַנדערען און ער האָט מיר אָפט פון אייך דערצעהלט און געבעטען, איך זאָל אייך לאָזען וויסען, ווען אַן אונגליק זאָל מיט איהם טרעפען.

איך גריס אייך בעסטענס,

צעזאַר ריוואַט,

סאָלדאַט פון דריי־און־צוואַנציגסטען רעגימענט.

דער בריעף איז שוין אַלט געווען דריי וואָכען.

זי האָט ניט געוויינט. זי איז געבליעבען שטאַר, אונבעוועגליך, ווי זי וואָלט אַ שטאַרקען האַק איבער'ן קאָפּ געקריגען, אַזוי, דאָס זי האָט אפילו ניט געליטען. זי האָט געטראַכט: הייסט עס, אַז וויקטאָר איז שוין טויט. ביסלעכווייז זיינען איהר טרעהרען אין די אויגען געקומען און דער שמערץ האָט איהר האַרץ איבערוועלטיגט.

האָבען דורכגעמאַכט זיינען זיי געווען קרעפּטיג, גוט גענעהרט און האָבען זיך געהאַלטען ליעבענסווירדיג און בעשיידען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיי זיינען געווען די זיענער. אַזוי ווי זיי זיינען געווען אַליין מיט דער אַלטער פרוי, האָבען זיי זיך געוויזען אַנטקעגען איהר זעהר פריינדליך און געטהאָן אַלסדינג, אום איהר צו פערשפּאָרען ארבייט און הוצאות. אין דער פריה האָבען זיי זיך אַלע זאַלבעפערט אין איינע העמדער געוואַשען ביי׳ם ברונען און אין מיטען שנעע שטראמען וואַסער אויף דער וואַסער הויט זיך געגאָסען. מוטער סאוואזש האָט ארומגעפּאדעט אהער און אַהין און געקאָכט זופּ. דאַן האָבען אַלע פיער גערייניגט די קיך, געשייערט, געהאַקט האָלץ, געשיילט קאַרטאָפעל, געוואַשען וועש, קורין, האָבען געטהאָן אַלע הויז־ארבייטען, ווי פיער גוטע זיהן פאר א מוטער.

אָבער די אַלטע האָט געטראַכט פון איהר זוהן, דעם לאַנגען מאָגערען מאַן מיט דער איינגעבויגטער נאָז און דיקע שווארצע וואַנצעס, וועלכע זיינען איהם ווי א גערדיכטער קוסט אויף דער ליפּ געוואַקסען. טעגליך האָט זי געפרעגט יעדען פון די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען ביי איהר אויף קוואַרטיר געשטאַנען:

— ווייסט איהר ניט, וואוהין דאָס דריי־און־צוואַנציגסטע פראַנצויזישע רעגימענט האָט אַוועקגעמאַרשירט? מיין אינגעל געפינט זיך דאָרט.

זיי האָבען געענטפערט:

— ניין, מיר ווייסען ניט!

און זיי, וועלכע האָבען אין דערהיים אויך א מוטערס געהאָ[ט], האָבען געפיהלט איהר צער און זאָרג און האָבען איהר טויזענדער אויפמערקזאַמקייטען בעוויזען. אגב האָט זי איהרע פיער פיינד גאַנץ ליעב געקראָגען, דען די פויערים ווייסען ניט פון קיין פעלקער־האַס. דאָס בלייבט אין גאַנצען פאר די העכערע קלאַסען. די נידערי־ריגערע שיכטען, וואָס בעצאָהלען אַם מייסטען, ווייל זיי זיינען אָרעם און יעדע נייע לאַסט צודריקט זיי, און פאַלען אין מאַסען אלס דאָס ריכטיגע קאַנאָנען־שפּייז, — זיי, וואָס מען רופט מאַסע, וועלכע ליידען אַם מייסטען אונטער דעם שרעקליכען עלענד פון א מלחמה, — זיי האָבען קיין געפיהל פאר קריעגס־צאָרן, פאר דעם

איהר גרויסען זוהן, אין צוויי שטיקער צוריסען מיט א צובלוטיג־טען קאָפּ, ווי דאָס דאָזיגע חיה'לע.

זי האָט זיך מיט די פּרייסען צום טיש געזעצט, האָט אָבער גאָרנישט געקענט עסען, ניט אַפילו איין ביסען האָט זי געקענט ארונטערשלינגען. זיי האָבען זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט און דעם קראָליק אויפגעגעסען.

זי האָט זיי שטום פון דער זייט אָנגעקוקט און א געדאנק איז אין איהר געוואקסען, אָבער איהר אויסדרוק איז געבליבען אונבע־ווענליך און זיי האָבען גאָרנישט בעמערקט.

פּלוצים האָט זי געזאָגט:

— מיר זיינען שוין א גאנצען מאָנאט צוזאמען און איך ווייס אפילו ניט ווי איהר הייסט.

זיי האָבען מיט מיה פערשטאַנען, וואס זי וויל, און האָבען איהר אָנגערופען זייערע נעמען. אָבער איהר איז עס ניט געווען גע־נוג, זיי האָבען עס געמוזט אָנשרייבען אויף א שטיק פּאַפּיער צו־זאמען מיט די אדרעסען פון זייערע פאמיליעס. דאַן האָט זי אָנגע־טהאָן די ברילען אויף איהר גרויסער נאָז און בעטראכט די פרעמ־דע שריפט. דערנאָך האָט זי צוזאַמענגעלייגט דאָס שטיק פּאַפּיער און עס אריינגעלייגט נעבען דעם בריעף, וועלכער האָט דעם טויט פון איהר זוהן אָנגעצייגט.

נאָך'ן עסען האָט זי געזאגט צו די סאָלדאטען:

—איך וועל פאר אייך ארבייטען. איהר דארפט זיך מעהר ניט בעמיהען.

און זי איז אוועק ארויפשלעפּען היי אויף'ן בוידעם, וואו זיי זיינען געשלאָפען.

זיי האָבען זיך געוואונדערט, וואס זי גיט זיך אזויפיעל מיה, אָבער זי האָט זיי ערקלעהרט, אז אויף אזא אופן וועט זיי זיין וואַ־רעמער צו שלאָפען. זיי האָבען איהר געהאָלפען, האָבען אָנגעלייגט איין בינטעל היי אויף דעם אנדערען ביז צום שטרויענעם דאך ארויף און האָבען זיך געמאכט אזא מין גרויסען צימער מיט פיער ווענט פון היי, וואו עס איז געווען ווארעם און עס האָט געשמעקט א מחיה. דאָרט צו שלאָפען וועט זיין אן אנטיק.

מורא׳דיגע, פיינליכע געדאנקען זיינען איינער נאכ׳ן אנדערען איהר אין קאפ אריין. קיין מאל, קיין מאל וועט זי שוין איהר קינד, איהר גרויסען זוהן ניט קענען ארומנעהמען! די וואלד וועכטער האבען דעם פאטער דערשאסען און די פרייסען דעם זוהן. ער איז פון א קויל אויף צווייען צוריסען געווארען. עס האט איהר אויסגע־וויזען, אז זי זעהט דאס שרעקליכע בילד פאר די אויגען, זעהט איהם, איהר קינד מיט אן אראבגעזונקענעם קאפ און אפענע אויגען, ביי־סענדיג די שפיצען פון זיינע וואנצעס, ווי ער פלעגט טהאן, בעת ער איז שטארק אויפגעבראכט געווען.

וואס איז פון זיין טויטען גוף געווארען? ווען מען וואלט איהר כאטש איהר קינד צוריקגעבראכט, ווי מען האט איהר דעם מאן איה־רען אהיים געבראכט מיט דער קויל אין׳ם שטערן.

זי האט דערהערט שטימען, דאס זיינען די פרייסען צוריקגע־קומען פון׳ם דארף. זי האט שנעל דעם בריעף אין קעשענע בעהאלטען און האט זיי צוגענומען רוהיג מיט דעם געוועהנליכען אויסדרוק אויף׳ן פנים.

זיי אלע זאלבעפערט האבען געלאכט און זיינען געווען זעהר גוט אויפגעלייגט, ווייל זיי האבען מיטגעבראכט א שעהן קראליק׳ל, וועלכען זיי האבען מסתמא ערגעץ־וואו גע׳גנב׳עט, און האבען דער אלטער מיט צייכענס צו פערשטעהן געגעבען, ווי גוט עס וועט זיי שמעקען.

זי האט זיך גענומען צו דער ארבייט, אום דעם מאהלצייט צו מאכען. אבער ווען זי האט געדארפט שלאכטען דעם קראליק׳ל, האט זי דערצו קיין הארץ ניט געהאט. און דאך האט זי עס אזוי אפט גע־טהאן! איינער פון די סאלדאטען האט דער חיה׳לע א זעץ געטהאן אונטער דער לעפעלע.

ווען דער קראליק׳ל איז שוין געווען טויט, האט זי פון איהם אראבגעצויגען די הויט. אבער דער אנבליק פון דעם בלוט, וואס איז איהר איבער די הענד גערונען, פון דעם ווארעמען בלוט, וועלכעס איז אויף איהרע הענד פערקיהלט געווארען, האט זי געמאכט ציטערן פון דעם קאפ ביז די פיס. זי האט אהן אויפהער געזעהן פאר זיך

וואלקענס רויך א רעגען פון פונקען צום הימעל אויפגעהויבען. די פערשנעעטע לאנדשאפט האט געלויכטען פון פייער ערהעלט, ווי א זילבערנער טישטוך מיט רויטע פלעקען.

פון דער ווייטענס האט א גלאק אנגעהויבען צו קלינגען.

די אלטע סאוואזש איז געבליעבען שטעהן פאר איהר צושטערטען הויז מיט דאס געוועהר אין דער האנד, מיט איהר זוהן'ס געוועהר, מורא האבענדיג, אז איינער פון די מענער, דארט אינעוויניג, זאל זיך ווי עס איז ניט ראטעווען און פון זיין שיקזאל אנטלויפען.

ווען זי האט געזעהן, אז פון אלסדינג איז געווארען א תל, האט זי א שליידער געטהאן איהר וואפע אין'ם פייער אריין. עס האט זיך דערהערט א קנאל.

מענשען זיינען זיך צוזאמענגעלאפען, פויערים און פרייסען.

מען האט געפונען די פרוי זיצענדיג אויף א שטאם פון א בוים, גאנץ רוהיג און בעפריעדיגט.

א דייטשער אפיציער, וועלכער האט גערעדט פראנצויזיש, ווי א געבוירענער פראנצויז, האט געפרעגט:

— וואו זיינען אייערע סאלדאטען?

זי האט אויסגעשטרעקט דעם אויסגעדארטען ארעם אנטקעגען דעם רויטען פייער, וואס האט זיך ביסלעכווייז געלאשען, און געענטפערט הויך אויף'ן קול:

— דארט אינוויינינג.

מען האט זי ארומגערינגעלט און דער פרייס האט געפרעגט:

— פון וואס האט זיך דער פייער אנגעהויבען?

— איך האב איהם געמאכט.

מען האט איהר ניט געוואלט גלויבען און געדענקט, אז דאס אונגליק האט זי פלוצים משוגע געמאכט. און אזוי ווי אלע זיינען ארום געשטאנען און זי ארומגערינגעלט, האט זי דערצעהלט די געשיכטע פון אנהויב ביז'ן סוף, פון דעם אנקומען פון'ם בריעף ביז צו דעם לעצטען געשריי פון די מענער, וועלכע זיינען צוזאמען מיט איהר הויז פערברענט געווארען. ניט דאס מינדסטע קלייניג־

ביים טיש האָט זיך איינער פון די סאָלדאַטען געוואונדערט, וואָס מוטער סאוואזש עסט גאָרנישט. זי האָט געזאגט, אז זי האָט קרעמפּפען. דאַן האָט זי געמאַכט פייער אין דער אויוועז, כדי זיך אָנצואוואַרעמען, און די פיער דייטשען האָבען פּונקט ווי יעדען אָבענד אַרויפגעקלעטערט אויף׳ן לייטער און אין זייער שלאָף־צימער אוועק.

אזוי שנעל ווי די בוידים־טיר האָט זיך נאָך זיי צוגעמאַכט, האָט די אַלטע צוגענומען דעם לייטער, האָט שטיל אָהן גערויש געעפענט די הויז־טיר און געבראַכט בינטלאָך שטרוי, מיט וועלכע זי האָט די קיך אָנגעפּאַקט. זי איז אומגעגאַנגען באָרפיס איבער׳ן שנעע, אַזוי, דאָס מען האָט גאָרנישט געהערט. פון צייט צו צייט האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם הויכען אונרעגעלמעסיגען כראָפּען פון די פיער שלאָפענדיגע סאָלדאַטען.

ווען זי האָט גערעכענט, אז אַלעס איז שוין ווי זי האָט גע־דאַרפט, האָט זי אַריינגעוואָרפען נאָך אַ בינטעל אין אייוועז אריין, עס אָנגעצונדען און די ברענענדיגע שטרוי איבער דער גאַנצער קיך פערשפּרייט. דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען און גענומען וואַרטען.

אין אַ פּאָר סעקונדען אַרום האָט אינוועניג אין׳ם הויז גענומען העל פּלאַקערען. עס איז געוואָרען אַ מורא׳דיגע היץ און אַ מעכ־טיגער פייערדיגער זייל האָט אַ זעץ געטהאָן אַרויף, זיך דורך דאָס קליינע פענסטער דורכגעריסען און אין דרויסען אויף׳ן שנעע אַ העלען אַבשיין געוואָרפען.

דאַן האָט זיך פון׳ם בוידעם דערהערט אַ הויכער געשריי. דער־נאָך אַ מורא׳דיגער יאַמער פון מענשליכע שטימען, הערצרייסענדע, פול מורא און אנגסט קולות. ווען די בוידים־טיר איז דאַן פון אינוויי־ניג איינגעבראָכען געוואָרען, האָט אַ פלאַם פייער אַ זעץ געטהאָן צום הימעל אַרויף, ווי אַ ריעזיגער פאַקעל. דאָס גאַנצע הויז איז געווען איינגעוויקעלט אין פלאַמען.

אינוויינינג האָט מען שוין מעהר גאָרניט געהערט, אויסער דעם הוזשען און קנאַקען פון׳ם פייער, דאָס קראַכען פון די ווענט, דאָס צוזאַמענשטירצען פון דעם באַלקען. פּלוצים איז דער דאַך איינגע־פאַלען און אויס די גליהענדע חורבות פון׳ם הויז האָט זיך צווישען

מיין פריינד סערוואל האָט צוגעלייגט:

— אויס נקמה האָבען די פרייסען מיין שלאָס, וואס געפינט זיך אין דער נאַכבארשאפט, צושטערט!

איך אָבער האָב געטראכט וועגען די מוטערס פון די פיער אויף קויל פערברענטע סאָלדאַטען און וועגען דעם מורא'דיגען העלדען־מוט פון יענער אנדערער מוטער, וועלכע איז דארט ביי דער וואנט דערשאסען געוואָרען.

און איך האָב ביי זיך בעהאלטען א קליינעם שטיין, וועלכער איז נאָך געווען שווארץ פון פייער.

קייט האָט זי פערגעסען פון אַלסדינג, וואָס זי האָט געפיהלט און גע־טהאָן.

ווען זי איז פערטיג געוואָרען, האָט זי פון דער קעשענע צוויי פאַפּירען ארויסגענומען און, אום זיי צו קאָנען אונטערשיידען ביי דעם לעצטען שיין פון די פלאַמען, האָט זי ווידער אַמאָל איהרע ברילען אַנגעטהאָן און דאַן, אָנווייזענדיג אויף איינעם פון די פּאַ־פּירען האָט זי געזאָגט:

— אָט דאָס איז די נאַכריכט פון וויקטאָר'ס טויט.

דערנאָך האָט זי אָנגעוויזען אויף דאָס אַנדערע און צוגעלעגט, אַ מאָך טהאָענדיג מיט'ן קאָפּ אויף די גליהענדע חורבות:

— אָט דאָ זיינען זייערע נעמען, אום מען זאָל אַהיים צו זייערע מאַמעס קאָנען שרייבען.

רוהיג האָט זי דערלאַנגט דאָס ווייסע בלאַט פּאַפּיר דעם אָפיציער, וועלכער האָט זי פאַר'ן אַקסעל אַ כאַפּ געטהאָן, און זי האָט נאָך צוגעלייגט:

—שרייבט זיי, ווי דאָס האָט פּאַסירט און זאָגט זייערע קרובים, דאָס איך האָב דאָס געטהאָן.

דער אָפיציער האָט אויף דייטש אַ בעפעהל געגעבען. מען האָט אַ כאַפּ געטהאָן מוטער סאוואזש און זי אַ שטויס געטהאָן אַנטקעגען דער וואַרימער וואַנט פון איהר הויז. דאַן האָבען זיך אַוועקגע־שטעלט צוועלף מאַן איהר אַנטקעגען צוואַנציג מעטער פון דעם אָרט, וואו מען האָט זי אַוועקגעשטעלט. זי האָט זיך ניט געריהרט. זי האָט געוואוסט, וואָס מען געהט דאָ טהאָן און זי האָט ערוואַרטעט איהר שיקזאַל.

אַ בעפעהל איז אָבגעגעבען געוואָרען און באַלד דערנאָך האָט איין איינציגער שאָס אַ קנאַל געטהאָן.

די אַלטע איז ניט געפאַלען, זי איז נור צוזאַמענגעזונקען, ווי מען וואָלט איהר די פיס אונטערגעהאַקט.

דער פּרייסישער אָפיציער איז צו איהר צוגעגאַנגען. זי איז געווען כמעט אויף צווייען צוריסען און אין איהר צוזאַמענגעדריקטע האַנד האָט זי נאָך געהאַלטען דעם בריעף, וואָס איז אין גאַנצען איינגעטונקט געווען אין בלוט.

פרוי קערגאראן איז א יאָהר פערציג אלט געווען. זי איז געווען דיק און געזונד, זעהר געזונד, האָט גערעדט מיט א שטרענגען טאָן פון א קאפּיטאַן, ענטשיידען אלע פראגען אליין און האָט ניט גערולדעט, מען זאָל איהר אנטקעגען ריידען. איהר וואוינונג איז געווען גאַנץ שמאָל. יעדער שטאק האָט געהאט נור איין פענסטער צו דער גאַס.

די בעל הבית'טע מיט איהרע דיענסט-מיידלאך האָבען געוואָהנט אויף'ן ערשטען שטאק. אויף'ן צווייטען האָט מען געקאכט און געגעסען. אויף דעם דריטען און פערטען האָבען געוואָהנט פיער קוואַרטיראנטען פון ברעטאָן. איך האָב געהאט צוויי צימערען אויף'ן פינפטען שטאק.

שמאָלע פינסטערע טרעפּ, וואס האָבען זיך גערדרעהט ווי א קאָרקען-ציהער, האָבען געפיהרט צו מיינע צוויי צימערען. דעם גאַנצען טאג איז פרוי קערגאראן ארומגעלאָפען פערהאוועט ארויף און ארונטער די טרעפּ, ווי א קאפּיטאַן אויף זיין שיף. צעהן מאָל נאָכאנאנד האָט זי אריינגעקוקט צו יעדען אין צימער, אום צו זעהן, אויב די בעטען זיינען גוט פערבעט, אויב די קליידער זיינען אויסגערייניגט, אויב אלעדינג איז אין אָרדנונג, און דערביי האָט איהר מויל געארבייט ווי א מיהל. קורץ, זי האָט אכטונג גענעבען אויף איהרע קעסטניקעס, ווי א לייבליכע מוטער און נאָך מעהר ווי א מוטער.

באלד האָב איך זיך בעקאַנט מיט מיינע פיער לאנדסלייט. צוויי פון זיי האָבען געשטודירט מעדיצין, די אנדערע צוויי — יוריספּרודענץ. אָבער זיי אלע האָבען גלייך געטראגען דעם דעםפּאָטישען יאָך פון דער בעל הבית'טע. זיי האָבען מורא געהאט פאר איהר, ווי דער גנב פאר דעם וועכטער.

איך אָבער האָב גלייך דערפיהלט א פערלאנג צו אונאבהענגיגקייט, ווארום בטבע בין איך א ווידערשפּענסטיגער. די ערשטע זאך האָב איך איהר ערקלעהרט, אַז איך וועל קומען אהיים, ווען איך וועל ווע׳לען, דען ביי איהר איז איינגעפיהרט געווען, אז שפּעטער פון האלבער נאכט טאָר מען ניט קומען. ווען איך האָב

דיא בעל־הבית'טע.

דעמאָלט — האָט געזאָגט זשארזש קערוועלען — האָב איך געוואָהנט אין מעבעלירטע צימערען, אויף דער גאם סען־פער.

ווען מיינע עלטערען האָבען בעשלאָסען, איך זאָל שטודירען יוריספרודענץ אין פּאַריז, האָבען זיי זיך אַ לאַנגע צייט אַלץ מיישב געווען, וויפיעל געלד איך זאָל פון זיי קריגען. צו ערשט האָב איך געזאָלט קריגען צוויי טויזענד פינף הונ־דערט פראנק פאר הוצאות, אָבער די מוטער מיינע האָט זיך מיט שרעק אָנגערופען צו מיין פאָטער:

— ווען ער פערהולטעוועט זיין געלד און גיט אוים ווייניג אויף עסען, קאָן ער נאָך קראנק ווערען. פון די יונגע לייט קאָן מען אלסדינג ערווארטען.

דאן איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעשטעלען פאר מיר קעסט און קווארטיר ערגעץ אין א בעשיידענעם, אבער אנשטענדיגען פענסיאָן, און מיין פאמיליע אליין זאָל צאהלען מאָנאטליך פאר מיין קעסט דער בעל הבית'טע.

איך בין נאָך קיינמאָל ניט געהאט ארויסגעפאהרען פון קעמ־פער. איך בין געווען להוט (לאָמט) נאָך'ן לעבען, אזוי להוט, ווי נור א יונגערמאן אין מיין עלטער קאָן זיין. איך האָב זיך געקליבען צו לעבען א גוטען טאג, קיין איין פערגעניגען ניט דורכצולאָזען.

די שכנים, ביי וועלכע מיינע עלטערען האָבען זיך נאָכגע־פרעגט, האָבען רעקאמענדירט א געוויסע פרוי קערגאראן, א לאנדס־פרוי, וועלכע האָט אין פאריז געהאלטען קעסטניקעס.

מיין פאָטער האָט אָנגעשריעבען צו דער דאָזיגער בכבוד'ער דאמע און אין איין שעהנעם אבענד בין איך געקומען צו איהר מיט מיין קופערט.

—ווארט, ווארט, קאנאליע, איך וועל זיך שוין מיט אייך אפּרעכענען!

מיר זיינען גוטע פריינד געוואָרען.

דאָ האָט זיך איינמאָל געדארפט מאכען, אז איך האָב זיך בעקאנט אויף דער גאס מיט א יונגער קאנפעקטען־פערקויפערין.

איהר קאָנט דאָך די דאזיגע קליינע פאריזער ליעבעס־גע־שיכטען.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען איהר געהט צו דער אוני־ווערסיטעט, טרעפט איהר זיך אָן מיט אַ יונג מיידעלע, וואָס שפּאַ־צירט דארט מיט איהרער א חבר׳טע איבער׳ן בולוואר. איהר קוקט זי אָן, זי אייך, און איהר דערפיהלט א צופּ ביי דער נשמה. דער דאָזיגער פלוצומדיגער זיסער ציטער פון דער נשמה, וואס די בע־געגעניש האָט ארויסגערופען, דער דאזיגער לייכטער, שטילער רייץ, וואָס האָט אויף אייך א הויך געטהאָן פון דעם ווען, וועל־כעס איז געשאפען, אום צו געפעלען און געליעבט צו ווערען — דאָס איז עטוואס אזוינס, וואס איז זעהר אנגענעהם אין׳ם לעבען! אויב די דאָזיגע ליעבע געדויערט א לאנגע צייט אדער װעניג צייט — דאָס מאכט נישט. יענעם ווען איז עס געגעבען, אונזער ליעבעס־בעדירפניש צו וועקען. דערזעהט איהר נאָר דעם דאזיגען געזיכט, דעם דאָזיגען מויל, די דאָזיגע האָאר, דעם דאָזיגען שמייכעל, אזוי גלייך דערפיהלט איהר זיך אין דעם גוואלד פון זיין רייץ, שפירט איהר א זיעס געפיהל פון גליקזעליגקייט און אן אונקלארע צונוי־גונג צו דעם דאָזיגען ווייבליכען שעהנעם ווען ערוואכט אין אייך. עפּעס ציהט אייך צו איהם, עפּעס טרייבט אייך צו איהם. אייך ווייזט זיך אוים, אז דאָס דאָזיגע מיידעל קאנט איהר שוין לאַנג־לאנג, איהר האָט זי געזעהן, גערעדט מיט איהר און איהר ווייסט, וואָס זי דענקט.

אויף מאָרגען בעגעגענט איהר זי ווידער אויף דעם אייגענעם פּלאַץ אין דער אייגענער צייט. דאן זוכט איהר זי צו טרעפען אויף׳ן דריטען טאג און אויף׳ן פערטען. איהר פערפיהרט מיט איהר א שמועס. און די ליעבע האָט זיך אנגעפאנגען, געהט זיך איהר וועג ווי א קראנקהייט.

עס איהר ערקלעהרט, האָט זי מיך א ווײלע אנגעקוקט מיט איהרע העלע אויגען און דאן געזאגט:

דאָס איז אונמעגליך. איך וועל ניט דערלאזען, מען זאל אננא׳ן א גאנצע נאכט וועקען. נאך האלבער נאכט האָט איהר ניט וואָס צו טהאָן אין דרויסען.

איך האָב געענטפערט פעסט:

— מאַדאַם, לויט דעם געזעץ זייט איהר מחויב צו עפענען די טיר ווי שפעט איך זאל ניט קומען. ווען איהר טהוט עס ניט, קאָן איך זיך ווענדען צו דער פּאָליציי און קאָן אויף אייער חשבון איבערנעכטיגען אין א האָטעל. איך האָב א רעכט דערצו. קורץ, איהר מוזט מיר אדער עפענען, אָדער הייסען מיר זוכען אנדערע צימערען. איינס פון די ביידע: אָדער די טיר, אדער זייט געזונד! וועהלט אויס.

ווען איך האָב איהר די דאזיגע בעדינגונגען געשטעלט, האָב איך געלאכט איהר אין פּנים אריין. צוערשט איז זי געווען, ווי מבולבל, דערנאך האָט זי געוואלט אונטערהאנדלען, אבער איך האָב זיך געהאלטען פעסט ביי מיין פאדערונג און זי האָט נאכגע־געבען. מיר האָבען אפּגעמאכט, איך זאל א טיר־שליסעל קריגען, אבער די איבריגע קווארטיראנטען טאָרען פון דעם ניט וויסען.

מיין האלטונג האָט אויף איהר זעהר א גוטע ווירקונג געמאכט, און פון דעמאָלט אָן האָט זי מיך בעהאנדעלט בעזונדערס ליעבענס־ווירדיג. זי האָט זיך פערהאלטען צו מיר מיט אויפמערקזאמקייט און אפילו ארויסגעוויזען מיר א געוויסע גראָבע צערטליכקייט, וועלכע איז מיר, אגב, גאנץ גוט געפעהלען געווען. מאנכעסמאל, ווען איך בין געווען גוט אויפגעלעגט, האָב איך זי אנגעכאפּט ביי דער טאליע, בלויז צוליעב דעם קרעפּטיגען „פּלעם" אין פּנים, וואס איך האָב פון איהר גלייך געקראגען אריינגעפאהרען. ווען מיר האָט זיך איינגעגעבען, שנעל איינצובויגען דעם קאָפּ, איז איהר האנד, מיט וועלכע זי האָט זיך געהאט פערמאסטען אויף מיר, פערבייגעפלויגען ווי א באָמבע, און איך בין אנטלאָפען פון איהר, לאכענדיג, ווי א ווילדער, און זי האָט מיר נאכגעשריען:

— איהר האָט הפנים מורא, מען זאָל ניט דערהערען?

— ניין, דאָס גראד ניט. אָבער איך וואלט ניט וועלען אויפּוועקען מיין שכן. פערשטעהסט מיך, ער איז זעהר קראנק.

מיר זיינען צוגעגאנגען צום הויז. מיר איז געווען אזוי צו־מוטה, אקוראט ווי איך וואלט צו א דענטיסט געגאנגען צייהן רייסען. אלע פענסטער זיינען דונקעל. קאנטיג, מען שלאפט. אין ציה אפּ פרייער דעם אטהעם. פארזיכטיג, ווי א גנב, עפען איך די טיר און לאָז זיך געהן אויף די טרעפּ מיט א איינגעהאלטענעם אטהעם אויף די שפּיץ־פינגער, בעלייכטענדיג דעם וועג פאר דאס יונגע מיידעל מיט א גראָשען ליכטעל.

ווען איך געה פערביי דער בעל הבית׳טעס צימער, פיהל איך, ווי מיין הארץ הייבט אן צו קלאפּען שנעלער און שטארקער. צום סוף זיינען מיר אויפ׳ן צווייטען, אויפ׳ן דריטען, אויפ׳ן פינפטען שטאָק, דאן אין מיין צימער! הוררא! אבער איך האָב מורא הויך צו ריידען, שלעפּ פון זיך די שטיוועל ארונטער און היט זיך צו מאכען דעם קלענסטען גערויש. מיר טרינקען אויס דעם טהעע, וועלכען איך האָב אויפגעקאָכט אויף דער ספּיריט־מאשינקע, וואָס שטעהט אויף מיין קאמאָדע. דערנאך שטעה איך צו צו איהר.... שטעה צו... און אזוי, ווי בלומרשט אויף שפּאס, נעהם איך ארונטער פון מיין פריינדין די קליידער איין שטיק נאָך׳ן אנדערען. זי וועהרט זיך אביסעלע, און איהר פּנים איז צופלאמט, איהרע אויגען צומישט, און זי זוכט זיך ארויסצודרעהען.

צום סוף שטעהט זי שוין אין איין קורצען ווייסען אונטער־ראָק.. עס געהט א גאנג... ערשט פּלוצים טהוט זיך די טיר אן עפען, און מיין בעל הבית׳טע טרעט אריין מיט א ליכט אין דער האנד אין איין אונטערראָק, פּונקט ווי עממא.

איך טהו זיך א כאפּ, ווי אן אפּגעקאכטער, און בלייב שטעהן א צוטומעלטער. דיביידע פרויען קוקען זיך אָן מיט אויסגעגלאצטע אויגען. וואס וועט איצט זיין?

צום סוף האָט די בעל הבית׳טע זיך אָנגערופען זעהר שטאָלץ:

— איך דולדע קיינע אויסגעלאסענע ביי זיך אין׳ם הויז, מיין הערר!

קורץ, אין דריי וואכען ארום האָב איך זיך מיט עממא'ן אזוי נאָהענט בעפריינדעט, דאָס זי האָט געזאָלט ווערען מיינע. דאָס וואלט נאָך פריהער געהאט פאסירט, ווען איך וואלט געוואוסט, וואוהין צו געהן מיט איהר. מיין פריינדין האָט געוואהנט ביי איהרע עלטערען און אין א האָטעל האָט זי בשום אופן ניט געוואלט געהן מיט מיר. איך האָב מיר דעם קאפ צובראָכען, טראכטענדיג וועגען אַ פלאץ, וואוהין זי זאל וועלען געהן. צום סוף האָב איך בעשלאָסען זי ארויפצונעהמען צו זיך אין צימער אזייגער עלף, ווען אלע ביי אונז אין'ם הויז שלאָפען. די בעל הבית'טע אליין פלעגט תמיד פונקט צעהן שוין זיין אין'ם בעט. א נאכט־שליסעל האָב איך גע־האט, קאן איך שטילענקערהייט זיך ארייג'גנב'ענען מיט איהר אין מיין צימער, פערברענגען מיט איהר א פאָאר שטונדען און דערנאָך אזוי שטילענקערהייט זיך ארויס'גנב'ענען פון'ם צימער.

איך האָב אזוי געטהאָן. איך האָב איינגעלאדען עממא'ן, זי זאל ארויפגעהן צו מיר, טרינקען א גלאָז טהעע. זי האָט זיך אפריהער געלאזט בעטען, דערנאָך האָט זי מיין איינלאדונג אנגענומען. דעם גאנצען טאָג בין איך געווען נערוועז, אונרוהיג. איך האָב זיך גע־שראָקען פאר א סקאנדאל. די נאכט איז צוגעפאלען. איך בין אוועק. אין א רעסטאראן האָב איך אויסגעטרונקען צוויי טאססען קאפע און, אום צו מאכען זיך קוראזש, א פיער־פינף שנעפסלך. דאן בין איך אוועק אויף דעם בולוואר סענט־מישעל. איך האָב זיך דארט ארומגעדרעהט ביז איך האָב דערהערט דעם זייגער שלאָ־גען האלב עלף. דעמאלט בין איך אוועק צו דעם פלאץ, וואו איך האָב זי געזאלט טרעפען. זי האָט שוין דארט געווארט אויף מיר. צערטליך האָט זי מיך גענומען אונטער'ן אָרעם און מיר זיינען מיט שטילע טריט אוועק אין דער ריכטונג צו מיין וואהנונג. וואס נעהענטער איך בין צוגעקומען, אלץ מעהר האָב איך זיך געשראָקען. איך האָב געטראכט: „מעהר וועט מיר ניט פעהלען, ווען די בעל הבית'טע שלאפט נאָך ניט!"

צוויי אדער דריי מאָל האָב איך עממא'ן דערמאָנט:

— געדענק, אויף די טרעפ שטיל, אויף די שפיץ־פינגער!

זי האָט זיך צולאכט:

איך האָב זיך אומגעדרעהט. מיין דיקע בעל־הבית'טע איז גע־שטאַנען אויבען אויף דעם ערשטען שטאַק און איך האָב לאַנגזאַם גענומען געהן אויף די טרעפּ, ריכטענדיג זיך אויף א שווארצען סוף.

דאָס צימער פון דער בעל הבית'טע איז געשטאַנען אָפען. זי האָט מיך אריינגערופען צו זיך מיט א שטרענגען טאָן:

— יונגערמאַן, זייט אזוי גוט, איך וויל אייך עטוואס זאָגען.

מיט אן ארונטערגעלאָזטען קאָפּ בין איך אריבערגעטראַטען די שוועל פון איהר צימער. זי האָט אוועקגעשטעלט איהר ליכט אויף'ן קאַמין, דאַן האָט זי פערלייגט די ארעמס איבער איהר מעכ־טיגען בוזים, וועלכען א פיינער ווייסער נאַכט־יאַק האָט ניט גאָר אין גאַנצען פערשטעלט:

— אזוי, יונגערמאַן, איהר מיינט אלזא, אז מיין הויז איז אן עפענטליך הויז, הא?

איך בין געווען גוט אויף צרות, און האָב געמורמעלט:

— דורכאויס ניט, מאַדאַם. איהר דאַרפט ניט בייז זיין, איהר קאָנט דאָך די יונגע לייט.

זי האָט געענטפערט:

— אזעלכע בעשעפענישען דולד איך ביי זיך ניט, איהר פערשטעהט? מיין הויז וועל איך ריין האַלטען. איך וויל ניט, אז מיין הויז זאָל א שלעכטען נאָמען קריגען, איהר פערשטעהט?... איך...

ווענינגסטענס צוואַנציג מינוט האָט זי אזוי גערעדט, האָט מיר ערקלעהרט, ווארום זי מוז זיין אויפגערעגט פון אזא שרעקליכען סקאַנדאַל, זי, וועלכע איז אזוי אנשטענדיג, וועלכע האָט אזא ריי־נעם נאָמען און וועלכע איז די ווירטין פון אזא בכבוד'ען הויז. קורץ: זי האָט מיך ניט געשאַנעוועט.

איך אָבער (מיר מענער זיינען מאָדנע ברואים) האָב געקוקט אויף איהר אנשטאַדט צוצוהערען זיך צו איהר. קיין ווארט האָב איך מעהר געהערט, קיין איין ווארט. זי האָט געהאַט א מערקוויר־דיגען בוזים. הויך, ווייס און פעט, אפשר אביסעלע צו הויך, אָבער קיין סכנות ניט. קיינמאָל איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען, אז אונ־

איך האָב ארויסגעשטאמעלט:

— אָבער מאדאם קעראגאן, דאס פריילין איז נור מיין פריינ־דין. זי איז ביי מיר צוגאסט.

די דיקע דאמע האָט געענטפערט:

— געסט זיצען ניט אין איין העמד. שיקט זי גלייך ארונטער פון דאנען.

די צושראקענע עממא האָט זיך צו־וויינט און פערבאָרגען איהר פנים אין איהר קלייד. איך האָב אין גאנצען דעם קאפּ פער־לאָרען און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, וואָס צו זאָגען.

די בעל הבית'טע האָט נאך אַמאָל געזאגט מיט א שארפען טאָן:

— העלפט איהר זיך אָנטהאָן און גלייך זאָל זי ארויס.

איך האָב זיך ניט געקענט העלפען, האָב אויפגעהויבען דאָס קלייד פון דר'ערד און עס ארויפגעטהאָן דער כיידעל איבער'ן קאָפּ. דאן האָב איך עס גענומען העקלען און שפּילען. זי, צושראקען צום טויט, האָט מיר געהאלפען מיט ציטערענדיגע הענד. דערביי האָט זי געוויינט. די בעל הבית'טע איז געשטאנען דערביי אונבעוועגליך מיט דעם ליכט אין דער האנד און האָט אונז צוגעלייכט מיט א מינע פון א שטרענגען ריכטער.

עממא האָט זיך אָנגעטהאָן אין א מישונה'דיגען אימפּעט, האָט געקנעפּעלט, געהעקעלט, געשנורעוועט, געבונדען, ווי א פערדריקטע. זי האָט אפילו ניט פערשפּילעט איהרע שיך; זי איז נור פערבייגע־לאָפען די בעל הבית'טע און זיך גענומען יאגען פון די טרעפּ ארונ־טער. איך בין איהר נאָכגעלאָפען אין פאנטאפעל, אליין האלב אָן אויסגעטאָנענער, און איהר נאכגעשריען:

— פריילין,ווארט. פריילין, ווארט!...

איך האָב גאנץ גוט געפיהלט, אז איך האָב איהר עפּעס גע־דארפט זאגען, אבער איך האָב ניט געוואוסט וואס. אונטען נעבען דער גאס־טיר האָב איך זי אנגעיאגט. איך האָב געוואלט זי ביים ארעם אָננעהמען, אָבער זי האָט מיך א שטויס געטהאָן פון זיך און ארויסגעשטאמעלט מיט א שטילער, ציטערענדיגער שטימע:

— אוועק.... אוועק... איהר זאלט מיך ניט אנריהרען!..

אין איהר בעט איז טאקע געווען זעהר ווייך און ווארעם.

אין אַ שטונדע ארום איז דאָס ליכט אויסגעגאנגען, און די בעל הבית׳טע איז אויפגעשטאַנען, אום אנאַנדערע אָנצוצינדען. ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט און זיך אוועקגעלעגט נעבען מיר, און ווען זי האָט א רוק געטהאָן איהר דיקען רונדען פוס, האָט זי זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען, צופריעדען און דאנקבאַר:

— אזא סקאנדאל! אזא סקאנדאל!

טער דעם וואלענעם קלייד פון מיין בעל־הבית׳טע זיינען פארבאָרגען אזוינע שעהנע זאכען. האלב אויסגעטאָן האָט זי אויסגעזעהן אינגער אויף א יאָהר צעהן. און איך האָב דערפיהלט... ווי זאל איך עס אויסדריקען... איך בין געוואָרען שטארק געריהרט. איך האָב זיך פלוצים דערפיהלט נעבען איהר צוריק אין דער אייגענער ראלע, און ווערכער איך האָב זיך געפיהלט מיט א פערטעל שעה צוריק אין מיין צימער נעבען יענער....

און הינטער איהר האָב איך דערזעהן איהר בעט. עס איז געווען אויפגעדעקט, צוקנייטשט און דער איינגעדריקטער פלאץ אין דעם מאַטראץ האָט אָנגעוויזען אויף דער שווערער משא, וואָס האָט דאָרט גערוהט. און איך האָב געטראכט, אז דאָרט מוז זיין ווייך און ווארעם, ווארעמער ווי אין אן אנדער בעט, מחמת דעם מעכטיגען קערפער, וואָס איז דאָרט געלעגען.

דאָס בעט האָט מיך גערייצט און געצויגען צו זיך.

און דערווייל האָט זי גערעדט, איצט שטילער, ווי א שטרענגע, אָבער גוט־מיינענדיגע פריינדין, וואס איז נור אויסען אויסצומוסר׳ן אביסעל.

איך האָב געשטאמעלט:

— אָבער מאדאם קערגאראן... הערט אויס, הערט אויס...

און ווען זי איז אנשווייגען געוואָרען, אום צו הערען, וואס איך וויל זאגען, האָב איך זי א כאפ געטהאָן אין מיינע ארעמס און זי גענומען קושען, ווי אן אויסגעהונגערטער, ווי איינער, וואס האָט אויף דערויף געווארט א לאנגע, לאנגע צייט.

זי האָט זיך געוועהרט, אוועקגעדרעהט דעם קאפ פון מיר, איז אבער ניט בייז געוואָרען, האָט נור גערעדט:

— אזא סקאנדאל.... אזא סקאנדאל... אזא סקאנדאל...

ווייטער האָט זי ניט געקענט ריידען, ווייל איך האָב זי א הויב געטהאָן אין דער־הויך און זי אוועקגעשלעפט, וועהרענד זי האָט זיך צוגעדריקט צו מיר. אין געוויסע מאָמענטען האָט מען כוח פאר צעהן.

איך בין צוגעקומען מיט איהר צום בעט און מירביידע זיינען אויף איהם געפאלען, איך האלטענדיג זי פעסט אין מיינע ארעמס....

אַלעם אַרום פּערטרונקען, אַ רעגען, וואָס קען נור גיסען אין רוען, אין דעם נאַכט־טאָפּ פון פראַנקרײַך.

דער אָפיציער האָט לאַנג אַרויסגעקוקט אויף די איבערפּלײַצטע טהאָלען און אַביסעלע ווייטער אויף דעם אַנגעשוואָלענעם טײַכעל אַנדרעל, וועלכער איז פון די ברעגעס אַרויס; ער האָט אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער איבער די שויבען אַ רהײַנישען וואַלס. פּלוצים האָט ער דערהערט עפּעס אַ טומעל. ער האָט זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען זײַן אַדיוטאַנט, דער קאַפּיטאַן באַראָן פאָן קעלווינגשטײַן.

דער מאַיאָר איז געווען גרויס געוואַקסען, מיט ברייטע פּלײַצעס, מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכע איז געלעגען, ווי אַ פּעכער אויף זײַן מעכטיגער ברוסט צושפּרייט. זײַן גאַנצע פיגור, אַ הויכע און אַ שטאָלצע, האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ שטרענגען מיליטע־ריסט. ער האָט געהאַט רוהיגע, מילדע, בלויע אויגען, איין באַק איז בײַ איהם געווען צושפּאַלטען פון אַ קלאַפּ מיט אַ שווערד, וועלכען ער האָט געקראָגען אין דער צייט פון עסטרײַכישען קריעג; מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ בראַווען מאַן און אַ מוטהיגען אָפיציער.

דער קאַפּיטאַן ווידער איז געווען אַ קלײנער, מיט רויטע בעק־לאַך, מיט אַ גרויסען בויך און אײַנגעצויגענער טאַליע. זײַנע פײַער־דיג־רויטע האָאר זײַנען געווען אָבגעשאָרען קורץ. ער האָט אַמאָל אין אַ פרעהליכער נאַכט, אויף אַ הוליאַנקע, איין גאָט ווייסט ווי אַזוי, צוויי צייהן פערלאָרען. זייט דאַן איז שווער געווען צו פערשטעהן זײַן אויסשפּראַך. ער האָט אַ פּליך אויף דער פּאַטעלניצע גע־האַט, אַ קײַליכדיגען, ווי אַ לבנה, וועלכער איז פון אַלע זייטען אַרומ־גערינגעלט געווען מיט קלײנע, רויטע, גלאַנציגע האָארעלעך.

דער קאָמאַנדיר האָט איהם דערלאַנגט די האַנד און מיט איין ציה אויסגעטרונקען די טאַסע קאַפע (די זעקסטע היינטיגען פריה־מאָרגען), אויסהערענדיג אין דער זעלבער צייט דעם בעריכט פון זײַן אונטערגעבענעם איבער די געשעהעניסען אין דיענסט. דער־נאָך זײַנען זיי בײדע צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָבען ער־קלעהרט, אַז דאָ איז ניט איבעריג פרעהלאַך. דער מאַיאָר, אַ מענש אַ רוהיגער, וועלכער האָט געלאָזען אין דער־היים אַ פרוי, האָט זיך מיט אַלעם צופריעדענגעשטעלט; אָבער דער קאַפּיטאַן, אַ גרויסער

פרייליין פיפי.

מאיאָר גראף פאָן פארלסבערג, דער קאמאנדיר פון א פרייסישען רעגימענט, האָט דורכגעקוקט די אנגעקומענע פאָסט. ער איז געלעגען איינגעגראבען אין א גרויסען אויסגענייטען פאטעל, אויסציהענדיג די פיס אויף דעם עלעגאנטען מאַרמאָרנעם קאמין, אויף וועלכע זיינע שפּאָרעס האָבען פאר די לעצטע דריי מאָנאטען, וועלכע ער האָט פערבראכט אין'ם שלאָס אורוויל, צוויי טיעפע לעכער אויסגעבויערט. פון טאָג צו טאָג זיינען זיי אלץ טיעפער געוואָרען.

א טאסע קאפע איז געשטאנען אויף א קליינעם טהייערען טישעלע, וועלכער איז געוועזן פון ליקער פערשמוצט, פון סיגארען צוברענט און פון דעם זיעגרישען מאיאָר'ם פון־מעסער צושניטען. יעדעס מאָל פערשניידענדיג זיין בליי־פעדער, פלעגט ער פלוצים בלייבען שטעהן און נעהמען קריצען בוכשטאַבען אדער פיגורען אויף די טהייערע מעבעל.

נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלעזען זיינע בריעף און איבערגעקוקט די דייטשע צייטונגען, וואס דער וואכטמייסטער האָט איהם געבראכט, איז ער אויפגעשטאַנען. ער האָט אריינגעווארפען דריי־פיער גרויסע, גראָבע שטיקער האלץ אין פייער אריין, דען די דאָזיגע העררן האָבען צוהאקט כמעט דעם גאנצען פּאַרק, אבי נור זיך אנצוווארעמען — און איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

א גוס רעגען האָט געגאָסען, אַן עכטער נאָרמאנדישער רעגען, ווי פון א בייזער האנד ארונטערגעכליאָפּעט, א קרומער און א געדיכטער, ווי א פארהאנג, ווי א קרום געשטרייפטע וואנד. א רעגען, וועלכער האָט געשמיסען אין פנים, פערשפּריצט אייך מיט בלאָטע,

שווערד, האָבען שטום דערצעהלט פון פריילין פיפי'ס בעשעפטי־גונג אין זיינע פרייע שטונדען.

אויף דער וואַנד זיינען געהאַנגען דריי פאַמיליען־בילדער, אַ קריעגער אין אַן אייזערנעם פאַנצער, אַ קאַרדינאַל און אַ שטאַאטס־מאַן. זיי האָבען גערויכערט לאַנגע, פאַרצעלייענע ליולקעס, וועהרענד־אַן אַדעליגע דאַמע אין אַ קלייד, וואָס האָט פעסט ארומגעכאַפט איהר שמאָלע טאַליע, מיט אַ פּאָאַר גרויסע, מיט קויל געצייכענטע וואָנסעס, האָט שטאַלץ ארויסגעקוקט פון הינטער אַ דונקעל־געוואָ־רענעם, גאָלדענעם ראַהם.

די אָפיציערען האָבען כמעט שווייגענדיג גענעסען זייער פריהשטיק אין דעם דאָזיגען פערוויסטען און פון רעגען האַלב־פינסטערען צימער, וועלכער האָט ארויפגעוואָרפען אַן אומעט מיט זיין טרויעריגען אויסזעהן און מיט דעם אַלטען פּאַרקעט, אַ שמור־ציגען, ווי די פּאָדלאָגע אין אַ שענק.

נאָך'ן עסען האָבען זיי גערויכערט, געטרונקען און, ווי אַלע טאָג, גערעדט פון זייער לאַנגוויילינקייט. פלאַשען קאָניאַק און שנאַפּס זיינען געגאַנגען פון האַנד צו האַנד נאָך דער רייהע נאָך; צולייגט אויף די שטוהלען, האָבען זיי געזופּט זייער געטראַנק, ניט ארויסלאָזענדיג פון מויל די לאַנגע, אויסגעבויגענע ליולקעס מיט פאַרצעלייענע קעפּ, אויף וועלכע עס זיינען צושמירט געווען בילדער, הפּנים צו ענטציקען האָטענטאָטען.

אַזוי שנעל ווי די גלעזער זיינען לעדיג געוואָרען, האָבען די אָפיציערען זיי גלייך ווידער אָנגעפילט. אָבער פריילין פּיפי האָט יעדעס מאָל זיינע צובראָכען, און גלייך אויף'ן שטעל האָט איהם אַ סאָלדאַט דערלאַנגט אַ נייע גלאָז.

אַ שוואַרצער רויך פון טאַבאַק האָט זיי איינגעוויקעלט, ווי אין אַ וואָלקען, און זיי זיינען אַלץ טיעפער און טיעפער אריינגע־פאַלען אין אַ פערשלעפערטען און טרויעריגען צושטאַנד פון שיכרות, אין יענעם טעמפען, שיכור'ען צושטאַנד פון מענשען, וואָס האָבען גאָרנישט וואָס צו טהאָן.

פּלוצים איז דער באַראָן אויפגעשפרונגען און אַ צוקאָכטער האָט ער אַ געשריי געטהאָן:

שאַרלאַטאַן, וועלכער פּלעגט זיך נאָכיאָגען נאָך יעדער מיידעל, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, פאַרוואָס מען האָט איהם פאַרשיקט אין דיעזען איינזאַמען פּלאַץ, וואו ער איז פאַר די לעצטע דריי מאָנאַטען געצוואונגען געווען צו פיהרען אַ ריינעם, איינגעהאַלטענעם לעבען.

דערהערענדיג אַ לייכטען געריוש הינטער דער טיר, האָט דער מאַיאָר אַ געשריי געטהאָן: „אַריין". און אויף'ן שוועל האָט זיך בעוויזען אַ סאָלדאַט, איינער פון די מיליטערישע אויטאָמאַטען, וועלכער האָט מיט זיין שטומער געגענוואַרט געמעלדעט, אַז דער פריהשטיק איז סערווירט.

אין דעם עס־צימער האָבען זיי געפונען דריי אַנדערע אָפי־ציערען: דעם פּרעמיער לייטענאַנט אָטאָ פאָן גראַכלינג, און די לייטענאַנטען פריטץ שאָנאַבורג און מאַרקיז ווילהעלם פאָן עהריק, אַ קליינער, בלאָנדער מענשעל, וועלכער איז געווען שטאָלץ און האַרט אַנטקעגען זיינע מענשען, גראָב און שלעכט אַנטקעגען די בעזיעגטע, בייז און העפטיג ווי אַ געוועהר, וואָס האַלט אין איין שיסען.

זייט זיי האָבען זיך געפונען אין פראַנקרייך האָבען איהם די קאַמעראַדען גערופען ניט אַנדערש, ווי „פרייליין פיפי". דעם דאָ־זיגען צונעמעניש האָט ער געקראָגען אַ דאַנק זיין קאָקעטען אויס־זעהן, זיין איינגעשנורעוועטער טאַליע, וועלכע האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראָגען אַ קאָרסעט, און זיין בלייכען פּנים, אויף וועלכען עס האָבען ערשט גענומען אַרויסשפּראָצען וואָנסעס. און בעזאָנדערס דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ געוואוהנהייט, וועלענדיג אויסדריקען זיין פאַראַכטונג צו מענשען און זאַכען, צו געברויכען דעם פראַנצויזישען אויסדרוק: „פי דאָן". דעם „פי" פלעגט ער שטענדיג שטיל אויספייפען.

דער עס־זאַאַל אין'ם שלאָס אורוויל איז געווען אַ גרויסער, פּרעכטיג מעבלירטער צימער. די אַלטע, קריסטאַלענע שפּיעגלען, וואָס זיינען פון קוילען צולעכערט געווען, די טהייערע פלאַנדרישע טעפּיכער אויף די ווענד, וועלכע זיינען צופּאַסעוועט געווען מיט אַ

טרענע, ווי משונה׳דיג זיי זאָלען ניט זיין, האָט ער שטענדיג געהאַט נור איין ענטפער: „צו בעפעהל“.

אונבעוועגליך האָט ער אויסגעהערט דעם קאַפּיטאַנ׳ס ער־קלעהרונג און איז אוועק; אין פינף מינוטען ארום האָט א רע־גימענטס־וואגען, מיט פיער פערד געשפאַנט, זיך געיאָגט אונטער דעם גוס רעגען אין א שנעלען גאַלאָפּ.

אין דער זעלבער צייט איז ווי א ציטער אריבער איבער די פערשלאָפענע מוחות, האָט זיי אלעמען אויפגעוועקט, אויפגערו־דערט; די מיעדע, שמאכטענדע פיגורען האָבען זיך אויסגעגלייכט, די פנים׳ער זיינען בעלעבט געוואָרען, און אלע האָבען זיך גענומען פלוידערען.

טראָץ דעם, וואס עס האָט נאָך אלץ געגאָסען, ווי פון א צאַפּען, האָט זיך דעם מאיאָר אויסגעדוכט, אז עס איז שוין ליכטיגער גע־וואָרען. פּרעמיער לייטענאנט פאָן גראַסלינג האָט בעשטימט פער־זיכערט, אז דער הימעל וועט זיך גלייך אויסלייטערן. אפילו פרייליין פיפי האָט אויך אויסגעזעהן אויפגערעגט, איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך ווידער געזעצט און ניט געקענט איינזיצען אויף אן אָרט. זיין קלאָהרער, קאַלטער בליק האָט געזוכט עפּעס צו צושטערען, צו פערניכטען. זיינע אויגען זיינען פּלוצים געפאַלען אויף דער דאַמע מיט די וואנצעס, ער האָט זי שארף אנגעקוקט, ארויסגעצויגען זיין רעוואָלווער און געזאַגט:

— דו וועסט עס נישט זעהן!

און ניט אויפשטעהענדיג פון דעם אָרט, האָט ער זיך אנגע־ציעלט. צוויי קוילען, איינע נאָך דער אנדערער, האָבען דורכגע־שאָסען דעם בילדביידע אויגען. דאן האָט ער אויסגערופען:

— איצט לאָמיר מאכען אן עקספּלאָזיאָן.

גלייך זיינען אלע אנשווייגען געוואָרען, אזוי ווי א נייער און מעכטיגער אינטערעס וואָלט זיי אלעמען בעהערשט.

„די עקספּלאָזיאָן“ איז געווען זיין ערפינדונג, זיין מעטאָדע אלעם צו פערניכטען, זיין גרעסטעס פערגעניגען.

פאַרלאָזענדיג דעם שלאָס, האָט דער בעזיצער, גראַף פערדי־נאַנד דע־אַמאָים דע אורוויל, ניט געהאַט קיין צייט וואס עס איז

— מעג מיך דער טייפעל נעהמען, אזוי קען דאָס ווייטער ניט געהן! מיר מוזען וואס עס איז אויסטראכטען!

דער פרעמיער־לייטענאנט פאָן גראָסלינג און לייטענאנט שאנאבורג,ביידע מיט טיפּישע, אונבעוועגליכע דייטשע פּנים'ער, האָבען אין איין קול געפרעגט:

— אָבער וואס אזוינס, קאפיטאן?

ער האָט א ווײלע געטראכט און דערנאָך געענטפערט:

— וואָס? אויב דער העדר מאיאָר וועט ערלויבען, וועלען מיר מאכען עפּעס א יום טוב!

דער מאיאָר האָט ארויסגענומען די ליולקע פון'ם מויל.

— וואָס פאר א יום טוב מיינט איהר, קאפּיטאן?

דער קאפיטאן האָט גענומען ערקלעהרען:

— העדר מאיאָר, איך נעהם זיך אונטער אלעס צו בעזאָרגען. איך שיק דעם „בעפעהל" נאָך רוען. ער וועט אונז ברענגען ווייבער. איך וויים שוין, וואו ער וועט זיי קריעגען. מיר מאכען א קליינעם נאכטס־מאָלצייט. מיר האָבען דאָ אלעס, וואס מיר ברויכען. אויף יעדען פאל וועלען מיר פערברענגען א פרעהליכען אבענד.

גראף פארלסבערג האָט מיט א שמייכעל א דריק געטהאָן די אקסלען:

— איהר זייט משוגע, ליעבער פריינד!

אָבער אלע אפיציערען זיינען אויפגעשפּרונגען, האָבען ארומגערינגעלט דעם מאיאָר פון אלע זייטען און גענומען בעטען:

— העדר מאיאָר, דאס מוזט איהר דעם קאפּיטאן ערלויבען! דאָ איז צו לאנגווייליג!

צום סוף האָט דער מאיאָר איינגעווילינט:

— פון מיינעטוועגען, טהוט, ווי איהר ווילט. — האָט ער געזאגט.

דער באראָן האָט דאן גלייך געשיקט נאָך דעם „בעפעהל". דאָס איז געווען אן אלטער אונטעראָפיציער, וועלכער האָט קיין מאָל ניט געשמייכעלט, נור האָט פאנאטיש אויסגעפיהרט אלעס, וואס זיינע פארגעזעצטע האָבען איהם געהייסען און אויף אלע זייערע אויפ־

האָט אויפגעהויבען שטיקלאך פארצעלייי און בעוואונדערט, ווי מאָרנע זיי זיינען צעפּיצעלט געוואָרען, בעטראכט דעם חורבן, וואס די עקספּלאָזיאָן האָט נור וואס אנגעמאכט און די פּערוויסטונגען פון פריהער; און דער מאיאָר האָט געווארפען א פּאַטערליכען בליק אויף דעם גרויסען זאאל, וועלכען דער ראזיגער אפּיציערסקער שפּיצעל האָט צובראָכען און צושטאָכען און וועלכער איז געווען בע־זייהט מיט חורבות פון טהייערע קונסט ווערק. ער איז ארויס דער ערשטער און גוטמוטהיג ערקלעהרט:

— היינטיגעס מאָל האָט די געשיכטע גוט געקלאפּט!

אָבער אין עס־צימער האָט זיך אריינגעריסען אזא געדיכטער וואָלקען רויך און אויסגעמישט זיך מיט דעם נעבעל פון טאבאק, אז מען האָט דארט קוים געקענט אטהעמען. דער מאיאָר האָט אויפ־געריסען א פענסטער און די אפּיציערען, וועלכע זיינען אריינגע־קומען כאפּען נאך א טרונק קאָניאק, האָבען זיך דארט אוועקגע־שטעלט.

די פּייכטע לופט האָט אריינגעשטראמט אין צימער און ווי א וואסער שטויב זיך אויף די בערד אויסגעשפּרייט. די אפּיציערען האָבען געזעהן פאר זיך גרויסע בוימער, וועלכע האָבען זיך גע־בויגען צו ד׳רערד פון שטארקען גוס־רעגען, דעם ברייטען טהאָל אונטער א נעבעל פון שווארצע נידעריג הייגענדע וואלקענס, און פון ווייטענס דעם קירכען־טהורם, וועלכער האָט זיך געהויבען אִונטער דעם שטראָמענדען רעגען.

זייט זיי, די פרייסען, זיינען דאָ אין׳ם לאנד, האָבען די גלאָקען פון דעם דאָזיגען טהורם געשוויגען. דאָס איז געווען דער איינציגער ווידערשטאנד, וואס די זיעגער האָבען געפונען אין דער גאנצער אומגעגענד. דער גלח האָט זיך ניט ענטזאגט אריינצונעה־מען צו זיך פּרייסישע סאלדאטען און זיי געבען קעסט. ער האָט זאָגאר א פּאָאר מאָל מיט דעם פיינדליכען מאיאָר א גלאָז ביער אָדער פּארטוויין געטרונקען. אָבער אומזיסט וואָלט געווען צו פערלאנגען פון איהם כאטש איין טאָן פון זיין גלאָק. ער וואלט זיך בעסער געלאזט דערשיסען אויף טויט.

מיטצונעהמען אדער צו בעהאלטען, אויסער דאס זילבער, וואס ער האָט אין דער וואנד, אין א לאך פערשטעקט. אזוי ווי דער גראף איז געווען זעהר רייך און האָט פראכטפול געלעבט, האָט זיין גרויסער גאסט־צימער נעבען דעם עס־זאאל פאר זיין אנטלויפען, אויסגעזעהן, ווי א גאלערעע אין א מוזעאום.

אויף די וואנד זיינען געהאנגען טהייערע אויל־בילדער, האנד־צייכנונגען און אקווארעלען. אויף די מעבעל, עטאזשערקעס, אין די עלעגאנטע גלעזערנע שאפעס זיינען געשטאנען טויזענדער קליינינג־קייטען — וואזען, סטאטועז, פיגורלאך פון אלטען זאקסישען פּאָר־צעליי, כינעזישע פארזעהעגישען, אלטע עלפאַנט־ביין שניצערייען און וועניציאנישע גלעזער, טהייערע און וואונדערשעהנע.

פון דעם אלעמען איז שוין איצט וועניג וואס פערבליעבען. מען קען ניט זאגען, אז דאָס איז אלעס צו׳גנב׳עט, צושלעפּט געוואָרען — דאָס וואָלט דער מאיאָר, גראף פארלסבערג, קיין מאָל ניט דערלאָזט — אָבער פריילײַן פּיפּי האָט פון צייט צו צייט געמאכט אן עקספּלאָ־זיאָן. און אין יענע טעג האָבען זיך אלע אפּיציערען ווירקליך אמו־זירט אין פערלויף פון גאנצע פינף מינוטען.

דער קליינער מארקיז איז אוועק אין גאסט־צימער זוכען, וואס ער האָט נעדארפט: ער האָט פון דארט געבראכט א רייצענדע, קליינע כינעזישע טהעע־קאן, זי אָנגעפילט מיט שיס־פּולווער, האָט פארזיכטיג דורכגעצויגען דורך׳ן נעזעל א קנייטעל, עס אונטערגע־צונדען און שנעל אוועקגעטראגען די דאָזיגע טייפעלשע מאשינקע אין צווייטען צימער.

איילענדיג האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און פערשפּארט די טיר. די דייטשען זיינען געבליעבען שטעהן, און ווארטען מיט שמייכלענדע פּנים׳ער, נייגעריג, ווי קינדער. אזוי שנעל ווי די עקספּלאָזיאָן האָט אויפגעטרייסעלט אלע וואנד פון דעם שלאָס, האָבען זיך אלע אווארף געטהאָן אינוועניג, אין גאסט־צימער אריין.

פריילײַן פּיפּי איז אריין דער ערשטער און גענומען אזש פּאטשען מיט די הענד פאר פרייד, דערזעהענדיג די וועגוס מיט א צושמעטערטען קאָפּ אויף ד׳ערד. יעדערער פון זיי

און פרייליין פיפי האָט זיך נעבאך געמוזט טרייסטען מיט די עקספלאָזיאָנען אין׳ם שלאָס אורוויל.

איייניגע מינוטען זיינען אלע פינף מענער געשטאנען ביים פענסטער און געאטהעמט די פייכטע לופט. צום סוף, האָט דער לייטענאנט שאנאבורג געזאגט מיט א שמייכעל:

— נו, מען קען ניט זאָגען, א שעהן וועטער וועלען די דאמען האָבען אויף זייער שפאציער־פאָהרען!

דערנאך האָבען זיי זיך צושיידט. יעדערער האָט געמוזט נעהן צו זיין דיענסט און דער קאפיטאן האָט געמוזט בעזארגען דעם מי־טאג.

ווען זיי זיינען פארנאכט אלע ווידער צוזאמענגעקומען און זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען, האָט אויסגעבראָכען א פרעהליכער געלעכטער. זיי אלע זיינען געוועזן אויסגעפוצט, מיט פאָמאדע בע־שמירט, מיט פארפיום בעגאָסען, פריש, לעבעדיג, שטראהלענדיג, ווי צו א גרויסען פאראד. דעם מאיאָר׳ס האָאר האָבען אויסגעזעהן וועניגער גרוי, ווי אין דער פריה, און דער קאפיטאן האָט זיך אָפּגע־ראזירט. נור די רויטע וואָנסעם זיינען געבליעבען, ווי א פלאָם אונ־טער דער נאָז.

טראָץ דעם רעגען, איז דאָס פענסטער געבליעבען שטעהן אָפען און איינער פון די הערען האָט זיך אלע ווייל צוגעהערט. ארום צעהן מינוט נאָך זעקס האָט דער קאפיטאן געלאזט וויסען, אז ער הערט א ווייטען גערויש. אלע זיינען צוגעלאפען און באלד נאכדעם האָט זיך בעוויזען דער גרויסער וואגען, געטראגען אין גאלאפּ פון פערשוויצטע, פערסאפּעטע פערד, וועלכע זיינען ביז צום רוקען פערשפריצט געוועזן אין בלאָטע.

פינף פרויען זיינען ארונטער פון דעם וואגען און ארויף אויף דעם גאנעק. פינף שעהנע פרויען, וועלכע דעם קאפיטאנ׳ס א חבר, צו וועלכען דער „בעפעהל“ האָט זיך געווענדעט מיט א וויזיט־קארטע פון זיין קאמאנדיר, האָט זארגפעלטיג אויסגעקליעבען.

זיי האָבען זיך ניט געלאזט לאנג בעטען, וויסענדיג, אז מען וועט זיי גוט בעצאהלען. פאר די לעצטע דריי מאנאטען, וואס זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט די פרייסען, האָבען זיי זיך

אויף דעם דאָזיגען שטייגער האָט ער פרידליך און שטיל פּראָטעסטירט אנטקעגען דעם איינברוך פון די פּרייסען. דאָס איז נאָך זיינע רייד נאָך געווען דער איינציגער פּראָטעסט, וועלכער פּאסט זיך פאר א פּריסטער אלס א מאן פון פריעדען און ניט פון קריעג. און יעדער מענש צעהן מייל ארום און ארום האָט געריהמט די פעסטקייט און מוטה פון דעם אבבע שאַנטאַבואַן, וועלכער האָט מיט דעם איינגעשפּארטען שווייגען פון זיין קירכע דעם עפענטליכען טרויער פון פאלק אויסגעדריקט.

דאָס גאנצע דארף האָט זיך געפיהלט שטאלץ מיט דעם דאזי־גען ווידערשטאנד. זיי זיינען געווען בערייט צו טהאָן אלץ אין דער וועלט, אום צו שטיצען זייער פּריסטער און האָבען בעטראכט דעם דאָזיגען שטילען פּראָטעסט אלס א רעטונג פון דער נאציאָנאלער עהרע. די פּויערים האָבען גערענקט, אז אויף אזא אופן האָבען זיי געדיענט זייער פאטערלאנד ניט וועניגער, ווי בעלאָפאָרט און סטראסבורג, האָבען געגלויבט, אז זיי האָבען פּונקט אזא גרויסען ביישפּיעל פון פּאטריאָטיזמוס געצייגט און, אז דער נאָמען פון זייער דארף וועט ווערען אונשטערבליך. אזוי אבער, אין אנדערע זאכען, האָבען זיי די פּרייסישע זיעגער אלסדינג נאכגעגעבען.

דער מאיאָר און זיינע אָפיציערען האָבען זיך אויסגעלאכט פון דעם דאזיגען קינדערשען מוטה. אזוי ווי א חוץ דעם איז די גאנצע געגענד געווען געהארכזאם און נאכגעביג צו זיי, האָבען זיי גערול־דעט דעם דאָזיגען שטומען פּאטריאָטיזמוס.

נור דעם קליינעם קאפּיטאן האָט זיך שטארק געוואלט צווינגען דעם גלאק צו קלינגען. ער האָט זיך שטארק געבייזערט פארוואס דער מאיאָר איז אזוי נאכגעביג אנטקעגען דעם פּריסטער. טאָג איין טאָג אוים האָט ער זיך געבעטען ביי זיין קאָמאנדיר, ער זאל איהם כאָטש איין מאָל ערלויבען צו מאכען „בים־באָם“, איין מאָל נור, איין איינציגען מאָל, אום עס זאל זיין פון וואס צו לאכען. ער האָט עס געבעטען, לאסטשענדיג זיך, ווי א קעצעלע און שמייכלענ־דיג זיס, ווי א פרוי, מיט א ווייכער שטימע פון א געליעבטער, וועל־כע פערלאנגט פון איהר ליעבהאבער ער זאָל ערפילען איהרען זעהר הייסען וואונש. אָבער דער מאיאָר האָט ניט געוואלט נאָכגעבען ✓

גען דעם לײטענאַנט פאָן גראַסלינג די דיקע אַמאַנדאַ; עװאַ'ן מיט דעם צונעמעניש „טאָמײטאָ“, האָט ער אָבגעגעבן דעם לײטענאַנט שאָנאַבורג און די גאָר יונגינקע און קלײנינקע ראַשעל, אַן אידיש מײדעל מיט פעך־שװאַרצע האָר און אַ פּעררױסען נעזעל — װעלכע האָט ניט בעשטעטיגט די רעגעל, אַז אַלע אידען האָבען קרומע נעזער — האָט דער קאַפּיטאַן פאַרגעשלאָגען דעם אינגסטען פון די אָפּי־ציערען, דעם שװאַכען מאַרקיז װילהעלם פאָן עהריק.

אגב, זײנען אַלע מײדלאַך געװען שעהנע, פולע, אָהן אַ בעזונ־דערען אױסדרוק, עהנליך אײנע צו דער אַנדערער מיט דער פיגור, מיט דער געזיכטספאַרב, װאָס עס איז געקומען פון דעם גלײכען, געמײנזאַמען לעבען זײערען אין עפענטליכע הײזער.

די דרײ יונגע לײט האָבען געװאָלט גלײך אװעקפיהרען די מײדלאַך צו זיך אױבען, אונטער'ן אױסרײד, אַז זײ װעלען זײ דאָרט געבען זײף און בערשטלאַך אױף אָבצורײניגען זיך. אָבער דער כיט־רער קאַפּיטאַן איז געװען דאַגעגען. ער האָט פערזיכערט, אַז זײ זײנען גענוג רײן, אום צו געהן צום טיש און, אַז די װאָס װעלען איצט אַרױפגעהן אױבען, װעלען דערנאָך זיך װעלען בײטען מיט זײערע דאַמען און װעלען אױף דיעזען אופן צושטערען די איבעריגע פּאָרלאַך. זײן ערפאַהרענקײט האָט געזיעגט. מען האָט זיך דער־װײל בענוגענט מיט קושען. געקושט און געװאַרט.

פלוצים האָט זיך ראַשעל צוהוסט ביז טרערען, אַרױסלאָזענדיג רױך דורך די נאָזלעכער. דער מאַרקיז, כלומרשט קושענדיג זי, האָט איהר אַרײנגעלאָזט אין מויל אַ שטראָם טאַבאַק־רױך. זי איז ניט בײז געװאָרען, האָט ניט געזאָגט קײן װאָרט, זי האָט בלױז שאַרף אַ קוק געטהאָן אױף איהר קאַװאַליער און אין דער טיפעניש פון איהרע שװאַרצע אױגען האָט אַ בליץ געטהאָן דער האַס.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש, אפילו דער מאַיאָר איז אױך, קאַנטיג, געװען ענטציקט. צו זײן רעכטער זײט האָט ער אַװעקגע־זעצט פּאַמעלאַ'ן, צו דער לינקער די בלאָנדינקע און, פאַרנאַנדער־נעהמענדיג די סערװעטקע, האָט ער געזאָגט:

— אַ גרױסאַרטיגע אידעע איז אײך אײנגעפאַלען, קאַפּי־טאַן!

מיט די לעצטע גאנץ גוט בעקאנט. אָבער זיי האָבען אבגעשאצט די מענער, ווי זאכען, פון דעם שטאַנדפּונקט פון געשעפט, פון פער־דיענסט. — אונזער געשעפט ברענגט שיין אזוי מיט! — האָבען זיי פערזיכערט איינע די אנדערע אויף'ן וועג, אום צו פערטרייבען אין זיך די לעצטע געוויסענסביסע.

גלייך איז מען אריבער אין עס־צימער.

העל בעלויכטען האָט דאָס צימער אויסגעזעהן נאָך טרויעריגער, נאָך קלעגליכער. דער שווערער טיש מיט שפּייזען, גערעקט מיט רייכער געשיר און זילבער, מיט יענעם זילבער, וואס איז ארויסגע־שלעפּט געוואָרען פון דער וואנד, וואו דער בעזיצער פון'ם שלאָס האט עס בעהאלטען, האָט צוגעגעבען דעם פּלאַץ אן אויסזעהן פון א שענק, וואו נאָך א פּאָגראם האָבען זיך צוזאמענגעקליבען רויבער א לעב צו טהאָן. דער קאפּיטאן, א שטראהלענדיגער, האָט זיך גלייך א נעהם געטהאָן צו די מיידלאך, ווי צו זיין אייגענטהום, האָט זיי בעקוקט, אומארעמט, ארומגעשמעקט און דערביי גלייך טאכסירט, וויפיעל זיי זיינען ווערטה אלס פּראַכטיטוטקעס. די אנדערע דריי יונגע לייט האָבען אויך געוואלט אויסקלייבען א דאמע. אָבער דאָ האָט ער זיך ענערגיש אנטקעגען געשטעלט און גענומען אויף זיך די פערטהיילונג נאָך דעם אמט און רעבט פון יעדען אפיציער, אום ניט צו צושטערען די מיליטערישע דיסציפּלין.

אום אויסצומיידען א שטרייט און א פערדאכט אין פּארטיי־ליכקייט, האָט ער די מיידלאך אויסגעשטעלט אין איין רייהע, נאָך זייער וואוקס נאָך, און, זיך ווענדענדיג צו דער סאמע העכסטער, האָט ער אין א בעפעהלענדען טאָן געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— זי האָט געענטפערט מיט א גראָבען קול:

— פאמעלא.

דאן האָט ער אויסגערופען:

— נומער איינס, מיט'ן נאָמען פאמעלא, ווערט בעשטימט צו דיענען דעם מאיאָר.

נאָכדעם האָט ער ארויסגענומען די צווייטע, די בלאָנדע, און א קוש טהאָענדיג זי אלס צייכען, אז זי איז זיינע, האָט ער פּארגעשלאָ־

און זיך אומזיסט צורייצט דערמיט, וואָס ער האָט דאָ, ווי א פערריקטער געקושט די פעך־שווארצע הערעלאך, וואס האָבען זיך געקרויזט ארום איהר האלז, און דאָ דורך דעם שפּאלט פון איהר בלוזע איינגעזויגען די זיסע ווארימקייט און אראָמאט פון איהר לייב; און דאָ בעהערשט פון דעם בייזען גייסט אלעם צו צושטערען, האָט ער זי געקנייפּט, געריסען פון איהר שטיקער פלייש, ביז זי האָט געשריען פאר וועהטאג. דאן האָט ער זי ווידער גענומען אין זיינע ארעמס געדריקט זי צו זיך פעסט, פעסט, ווי ער וואלט וועלען זיך מיט איהר צונויפגיסען, איינס ווערען, האָט זיך איינגעגעסען מיט זיין מויל אין דער אידישער מיידעל׳ס פרישע ליפּען און זיי געזויגען, געזויגען, געקושט אזוי, דאָס זי האָט ניט געקענט דעם אטהעם אבכאפּען.. פּלוצים האָט ער זי א ביס געטהאָן אזוי שטארק, דאס א שטראם בלוט האָט זיך א גאָס געטהאָן פון איהר מאָרדע און אראָבגעקאפּעט אויף׳ן קלייד.

ווידער האָט זי א קוק געטהאָן דעם אָפיציער שארף אין די אויגען אריין און, אבוויישענדיג דאָס בלוט, האָט זי ארויסגעשיפּעט:

— דאָס וועט דיר טהייער קאָסטען!

ער האָט זיך ווילד צולאכט.

— גוט, איך׳ל בעצאהלען — האָט ער געזאגט.

מען האָט דערלאנגט דעזערט; אנגעגאסען שאמפּאניער. דער מאיאָר האָט זיך אויפגעהויבען און מיט דעם אייגענעם טאָן, ווי ער וואלט אויסגערופען א טאָסט פאר דער קעניגין אויגוסטא, האָט ער געזאגט:

— פאר דעם געזונד פון אונזערע דאמען!

דערנאך האָבען זיך גענומען שיטען טאָסטען, פון וועלכע עס האָט געשמעקט מיט שענק און קאזארמע, טאָסטען פול מיט שמוציגע וויצען, וועלכע האָבען געקלונגען נאָך גרעבער צוליעב דעם ,יט קענען די פראנצויזישע שפּראך.

די אפיציערען האָבען זיך אויפגעהויבען איינער נאך דעם אנדערען און געסטארעט זיך צו זיין קאָמיש און שארפזיניג. די מיידלאך זיינען געווען אזוי שיכור, דאָס זיי האָבען קוים געקענט

די לײטענאַנטען פֿאָן גראַסלינג און שאַנאַבורג האָבען זיך מיט זײערע באַשערטע געהאַלטען העפליך, ווי מיט אמת'ע דאַמען, פון וואָס די מײדלאַך האָבען זיך געפיהלט עטוואָס פערלעגען. דערפאַר האָט זיך דער קאַפּיטאַן געפיהלט ווי אין דער הײם. ער האָט אין גאַנצען געשײנט, געשאָטען מיט צווײדײטיגע וויצען. ער האָט זיך גע'חכמה'ט אין א געבראָכענעם רהײנישען פראַנצויזיש און זײנע גראָבע, ציניש קאָמפּלימענטען צוזאַמען מיט א גאַנצען מבול שפּײעכץ האָבען זיך ארויסגעריסען דורך די לעכער פון זײנע אויס־געשלאָגענע צײהן.

אָבער די מײדלאַך האָבען גאָר נישט פערשטאַנען; זײ האָבען אָנגעהויבען צו בעגרײפען ערשט דאַן, ווען דער באַראָן האָט גענומען רײדען שמוציגע רײד, ווען ער האָט גענומען געברויכען גראָבע אויסדריקע, וועלכע ער האָט דורך זײן אויסשפּראַך נאָך מעהר פער־גרעבט. דאַן האָבען זײ אלע מיט א מאָל גענומען לאַכען, ווי משוגענע, האָבען זיך געוואָרפען צו זײערע קאַוואַלערען אויף די קניע און איבערגעזאָגט די אויסדריקע, וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט דערנאָך אויף שפּאַס נאָך מעהר פערדרעהט, אום צו הערען, ווי זײ רײדען איבער די שווײנערײען. די מײדלאַך זײנען געוואָרען פרעה־לאַך גלײך נאָך דער ערשטער פלאַש וויין און איצט האבען זײ ארויסגעוויזען זײער אמת'ע נאַטור, זײ האָבען זיך צולאָזען, האָבען געקושט רעכטס און לינקס די מענער אויף די וואַנסעס, געקנײפּט זײ אין די אָרעמס, געשריען מיט בענומענע קולות, געטרונקען פון אלע־מענס גלעזער, געזונגען פראַנצויזישע קופּלעטען און אבגעריסענע שטיקלאַך פון דײטשע ליעדער, וועלכע זײ האָבען אויסגעלעהרענט אין דעם טעגליכען פערקעהר מיט דעם שונא.

באַלד האָבען זיך אויך די מענער אנגעצונדען פון די ראָזיגע ווײבערשע קערפּערס, און, ווי פעררוקטע, האָבען זײ גענומען שרײען, רעווען, ברעכען טעלער און גלעזער פאַר די אויגען פון די סאָלדאַטען, וועלכע זײנען געשטאַנען הינטער די ווענטלאַך פון זײערע שטולען, בעררײט צו בעדיענען זײערע קאָמאַנדירען.

נור דער מאַיאָר האָט זיך בעהערשט.

פריילײן פּיפּי האָט גענומען ראַשעל'ן צו זיך אויף דעם שויס

— מיר זײַנען די בעל הבתים! פראַנקרײַך איז אונזערע!
מיט אײן רוק האָט זי זיך אַרונטערגעגליטשט פון זײַן שוים אויף אַ שטול אַרונטער. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבען זײַן גלאָז איבער׳ן טיש און איבערגעזאָגט:

— אונז געהערט פראַנקרײַך און די פראַנצויזען, די פראַנצויזישע װעלדער, פעלדער, הײַזער, אַלעס, אַלעס, אַלעס איז אונזערס!

די איבעריגע, זײַענדיג טויט־שיכור, האָט פּלוצים אָנגעכאַפּט אַ אומזיניגע מיליטערישע בעגײַסטערונג. זײ האָבען אויפגעהויבען זײַערע גלעזער מיט אַ געשרײ:

— עס לעבע פרײַסען!

און מיט אײן ציה זײַ אַרײַנגעגאָסען. די מײדלאַך האָבען ניט פּראָטעסטירט. צושראָקענע, פול אַנגסט, זײַנען זײ געצוואונגען געװען צו שװײַגען, אויך ראשעל האָט געשװיגען, ניט זײַענדיג אימשטאַנד צו ענטפערען.

דאַן האָט דער מאַרקיז װידער אָנגעפילט זײַן באָקאַל מיט שאַמפּאַניער און, עס אױעקשטעלענדיג ראשעל׳ן אויף דעם קאָפּ, האָט ער אַ געשרײ געטהאָן:

— אונז געהערען אויך אַלע פרויען פון פראַנקרײַך!

זי איז אויפגעשפּרונגען אַזוי שנעל, אַז דער באָקאַל האָט זיך אַ הויב געטהאָן אין דער לופט, אויסגעגאָסען דעם גאָלדענעם װײַן אויף איהרע שװאַרצע האָר, װי טױפענדיג זי, און איז, פאַלענדיג, צושמעטערט געװאָרען אָן ד׳ערד. מיט ציטערענדיגע ליפען האָט זי אויסגעהאַלטען דעם אָפיציער׳ס שמײכלענדיגען בליק און שטיקענדיג זיך פאַר כעס, האָט זי געשטאַמעלט:

— דאָס... דאָס... דאָס איז ניט אמת! הערסטו? די פראַנצויזישע פרויען װעלען קײן מאָל ניט זײַן אײַערע.

ער האָט זיך געזעצט, קײַכענדיג פאַר געלעכטער, און, נאָכמאַכענדיג די פּאַריזער אויסשפּראַך, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז גוט, װירקליך גוט, אָבער אויב אַזוי, טאַ װאָס טהוסטו דאָ, קעצעלע מײַנס?

דאָס האָט זי צוטומעלט. אין איהר אויפרעגונג האָט זי אין אָנ־

שטעהן אויף זײערע פיס. מיט גלעזערנע אויגען און אראבהײנגענ־דיגע ליפּען האבען זײ יעדעס מאל װילד אפּלאדירט.

דער קאפּיטאן, װעלענדיג צוגעבען דער הוליאנקע א יום טוב־דיגען און גאלאנטען כאראקטער, האט נאך אמאל אויפגעהויבען זײן גלאז און אויסגערופען:

— פאר אונזערע זיעגען איבער די פּרויען־הערצער!

בײ די װערטער האט לײטענאנט פאן גראסלינג, א מין שװארצ־װאלד־בער, זיך אויפגעהויבען, א צוהיצטער פון'ם װײן און, אין אן אויסברוך פון שיכור'ען פּאטריאטיזמוס, האט ער א געשרײ גע־טהאן:

— פאר אונזערע זיעגען איבער פראנקרײך!

װי שיכור די מײדלאך זײנען ניט געװען, דאך זײנען זײ אלע מיט אײן מאל אנשװײגען געװארען, נור ראשעל, א ציטערענדיגע, האט זיך א קעהר געטהאן צום לײטענאנט:

— דו, הער אויס, איך קאן פראנצױזען, אין װעמענס געגענ־װארט דו װאלסט ניט געװאגט אזוינס צו זאגען!

דער קלײנער מארקיז, װעלכער האט נאך אלץ געהאלטען ראשעל'ן אויף די קניע, האט אנגעהויבען צו לאכען. דער װײן האט איהם פרעהלאך געמאכט:

— אהא! אהא! איך האב נאך אזעלכע ניט געזעהן. אזױ ניך װי זײ דערזעהען אונז, שטעלען זײ פיס!

דאס צורײצטע מײדעל האט א געשרײ געטהאן גלײך איהם אין פּנים ארײן:

— דו ליײגסט, לומפּ דו אײנער!

בײ א מינוט האט ער שארף געקוקט אויף איהר מיט זײנע העלע, קאלטע אויגען, װי ער האט געקוקט אויף דאס בילד, װען ער האט אויף איהם געשאסען מיט זײן רעװאלװער. דאן האט ער זיך צולאכט:

— נו, װעגען דעם װאלט איהר בעסער געשװיגען, מײן שעהנ־הײט! װאלטען מיר דען געװען דא, װען זײ זאלען זײן אביסעל מוטהיגער?

און ער איז געװארען אביסעל לעבעדיגער.

אבטהיילונגען און ארויסגעשיקט מיט א בעפעהל נאָכצויאָגען די אנטלאָפענע. ער איז געווען זיכער, אז זיי וועלען זי כאַפּען.

פּופּציג מאַן זיינען מיט די שטרענגסטע בעפעהלען ארויסגע־שיקט געוואָרען אין פּארק. נאָך צווייהונדערט האָבען געמוזט דורכ־זוכען דעם וואלד און יעדע הייזעל אין׳ם טהאָל.

דער שנעל אויפגעראמטער טיש האָט איצט געדיענט אלס טויטען בעט. די פיער אפיציערען זיינען, אונבעוועגליך, אויסגעניכטערט, מיט שטרענגע מיליטעריסטען־פּנים׳ער, געשטאַנען ביי די פענסטער און ארויסגעקוקט אין דער נאכט אריין.

דער רעגען האָט נאָך אלץ געגאָסען. אן אונאויפהערליכער גע־רויש האָט אנגעפילט דעם ארומיגען נעבעל, ווי א אונבעשטימטער מורמלען פון וואסער, וואס שטראָמט, וואסער, וואס פליסט, וואסער וואָס קאַפּעט, וואסער וואָס פּליוכעט.

פּלוצים האָט זיך דערהערט א שאָס, דאן ווייט, ווייט א צוויי־טער, און אזוי אין פערלויף פון גאנצע פיער שטונדע האָבען זיך געהערט שיסערייען דאָ נעהענטער און דאָ ווייטער, אויסרופען, אז מען זאָל זיך צוזאמענקלייבען, און עפּעס מאָדנע קולות פון הייזעריגע שטימען.

אין דער־פריה האָבען זיך אלע צוריקגעקעהרט. אין דעם טומעל און אויפרעגונג פון ביינאכטיגען געיעג זיינען צוויי סאלדאטען דערהרג׳עט און דריי פערוואונדעט געוואָרען פון זייערע אייגענע חברים.

ראשעל׳ן האָט מען ניט געפונען.

דאן האָבען די פּרייסען גענומען סטראשען די איינוואהנער, אלע הייזער מיט׳ן קאפּ אראָפּ איבערגעקעהרט, איבעראל אין דער־גאנצער געגענד געזוכט און געאקערט. דאָס אידיש מיידעל האָט, קאָנטיג, נאָך זיך קיין שפּור ניט געלאָזט.

דער גענעראל, ווען מען האָט די דאזיגע זאך געמעלדעט, האָט געהייסען אלעס פערשטיקען, אום ניט צו געבען דער ארמעע א שלעכטען ביישפּיעל. דער מאיאָר איז בעשטראָפט געוואָרען פאר איבערטרעטען די דיסציפּלין און ער פון זיין זייט האָט בעשטראָפט זיינע אונטערגעגעבענע. דער גענעראל האָט געזאגט: „מיר פיהרען

הויב ניט פערשטאַנען זיינע ווערטער און האָט געשוויגען. ווען זי האָט אָבער דערנאָך בעגריפען, וואס ער האָט געזאגט, האָט זי מיט גאַל איהם א געשריי געטהאָן אין פנים אריין:

— איך... איך... איך בין ניט קיין פרוי, איך בין א פראסטי־טוטקע, א פארקויפטע נשמה! בלויז אזוינע פאסען זיך פאר די פרייסען!

ווי נור זי האָט עס אויסגערעדט, האָט ער איהר מיט זיין גאַנ־צער קראפט דערלאנגט א זעץ אין באק. אבער ווען ער, ווילד פאר כעס, האָט צום צווייטען מאָל אויפגעהויבען די האנד, האָט זי א כאַפּ געטהאָן פון טיש א פרוכט־מעסער מיט א זילבערנעם קלינגעל, און אזוי שנעל, אז קיינער האָט נאָך ניט צייט געהאט צו כאַפּען, וואָס דאָ געהט פאר, האָט זי עס אריינגעשטאכען דעם אפיציער טיעף אין האלז אריין.

דאָס ווארט האָט זיך איהם איבערגעהאקט אין גארגעל און מיט אן אויפגעהויבענער האנד, א מורא'דיגען בליק און אן אפענעם מויל איז ער שטעהן געבליעבען.

עס איז געווארען א ליארם, א טומעל, אלע זיינען אויפגע־שפרונגען פון זייערע ערטער. אבער דא האָט ראשעל א שליידער געטהאן איהר שטול דעם לייטענאנט גראסלינג אונטער די פיס, אזוי, דאָס יענער האָט זיך אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג, איז צוגעלאפען צום פענסטער, איהם אויפגעריסען און, נאָך איידער עמיצער האָט צייט געהאט צו קומען צו זיך, איז זי ארויסגעשפרונגען אין דער טיעפער פינסטערניש, אונטער דעם גוס־רעגען.

אין צוויי מינוט ארום איז פרייליין פיפי געווען טויט. דאַן האָבען ביידע לייטענאנטען ארויסגעכאַפּט זייערע בלויזע שווערדען, אום די מיידלאך, וועלכע זיינען געלעגען צו זייערע פיס, אויף שטיקער צוריסען. מיט מיה איז דעם מאיאָר אנגעקומען, איידער ער האָט אבגעהאלטען די דאָזיגע שחיטה. ער האָט געהייסען פער־שפארען די פיער וויינענדיגע צושראָקענע מיידלאך אין א בעזונדער צימער און צוויי סאלדאטען זאלען זיי בעוואכען. דאן האָט ער זיינע לייט אויסגעשטעלט, ווי צו א שלאכט, זיי פערטהיילט אין

פון וואגען און אוועק צופוס צוריק אין דאס עפענטליכע הויז, די בעל־הבית׳טע פון וועלכען האָט זי שוין לאנג געהאלטען פאר טויט.

אין א געוויסער צייט ארום האָט זי פון דאָרט ארויסגענומען א פאראורטהיילס־פרייער פאטריאָט, וועלכער האָט אפריהער צוליעב איהר העלדישער האנדלונג און דערנאָך צוליעב איהר אליין זי ליעב געקראָגען. ער האָט מיט איהר געהייראט און זי איז געוואָרען א פרוי, ניט ערגער פון פיעל אנדערע.

ניט קיין מלחמה פון פרעהליכקייט וועגען און ניט אום צו האָבען עסקים מיט עפענטליכע פרויען". דער מאַיאָר איז געוואָרען פערביטערט און בעשלאָסען זיך אבצורעכענען מיט דער גאנצער געגענד.

זוכענדיג א פריטשעפקע פאר זיין בלוטיגע ראכע, האָט ער געהייסען רופען דעם גלח און איהם בעפוילען, אז ער זאל לאזען קלינגען דעם גלאק צו דער לויה פון דעם מארקיז פאָן עהריק.

גאנץ אונערווארטעט האָט דער גלח דיעזען מאָל איינגעוויליגט, איז געווען אונטערווירפיג און צו אלסדינג בערייט, און ווען דער קערפער פון פרייליין פיפי, געטראגען אין פון אלע זייטען ארומגערינגעלט פון סאלדאטען מיט געלאָדענעם געוועהר, האָט פערלאזען דעם שלאס פון אורוויל, אום געבראכט צו ווערען אויף דעם בית עולם, האָט זיך פון גלאָקען־טהורם צום ערשטען מאָל דערהערט א טויטען־קלאנג. דער גלאק האָט געקלונגען כמעט פרעהלאך, ווי פון א פריינדליכער האנד געלאסטשעט.

דער גלאק האָט געקלונגען אויך אין אבענד, אויף מארגען און יעדען טאָג. האָט געקלונגען אזוי אפט ווי מען האָט פערלאנגט. מאנכעס מאָל האָט ער אפילו אין מיטען נאכט פלוצים, פון העלער הויט גענומען בעוועגען זיך, ארויסגעלאזט צוויי־דריי קלאנגען אין דער נאכט ארייו, ווי עפּעס א זעלטזאמע פרעהליכקייט וואלט איהם אנגעכאפּט און וואך געמאכט. דאן האָבען אלע איינוואהנער בעשלאָסען ביי זיך, אז ניט אנדערש, דאָ שטעקט עפּעס א כישוף און אויסער דעם גלח און דעם וועכטער האָט מעהר קיינער ניט געוואגט צוגעהן נאהענט צום טהורם.

און ארעמע, אונגליקליכע מיידעל האָט דערוויל אין אנגסט און איינזאמקייט דארט אויבען געלעבט און איז אין געהיים פון די ביידע מענער מיט שפּייז פערזארגט געוואָרען.

אין דעם דאזיגען גלאָקען־טהורם איז זי פערבליעבען ביז די פּרייסישע סאלדאטען האָבען אין גאנצען פערלאזען יענע געגענד. דאן האָט דער גלח, אין א וואגען, וואס ער האָט געליהען ביים בעקער, אליין אבגעפיהרט די געפאנגענע ביז צו די טויערען פון רועז. דאָרט האָט ער זי ארומגענומען און א קוש געטהאָן. זי איז אראָב

ער איז געווען א יאָהר זיבעבן־אכט אלט, עטוואס בלייך, זעהר ריין געקליידעט און האָט אויסגעזעהן אביסעל נאריש, כמעט תם׳עאווטע.

ער האָט געוואלט געהן אהיים צו דער מוטער. דאן זיינען צו איהם צוגעקומען די שוהל אינגלאך, וועלכע האָבען זיך נאָך אלץ געשושקעט, און אנקוקענדיג איהם מיט יענעם כיטרען, גרוויזאמען בליק פון קינדער, וועלכע קלייבען זיך אָבצוטהאָן עפּעס א בייזען שפּיצעל, האָבען זיי איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און איהם אין גאנצען ווי א קייט, איינגעשלאָסען. ער איז געבליבען שטעהן צווישען זיי ערשטוינט, צומישט און ניט געוואוסט, וואס אייגענטליך זיי מיינען דערמיט. דאן האָט זיך ארויסגערוקט דער אינגעל, וועל־כער האָט פריהער דערצעהלט די שטיקעל נייעס וועגען סימאָנ׳ען, און געפרעגט:

— דו, ווי רופט מען דיך?

ער האָט געענטפערט:

— סימאָן.

— וואָס, סימאָן? — האָט יענער געפרעגט.

דאָס קינד האָט געענטפערט פערלעגען:

—סימאָן.

דאָ האָט דער יונג אויף איהם א געשריי געטהאָן:

— סימאָן? דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז קיין נאָמען ניט. סימאָן!

דער אינגעל האָט זיך שיער צואוויינט און צום דריטען מאל געענטפערט:

— איך הייס סימאָן.

די אינגלאך האָבען גענומען לאכען און דער גרויסער יונג האָט געזאגט מיט נצחון:

— זעהט איהר, אז ער האָט קיין טאטען ניט?

עס איז געוואָרען שטיל, גאנץ שטיל. די קינדער זיינען געווען שטארק צושראָקען פון אזא אונגעוועהנליכען, אזא אונמעגליכען צופאל, דאָס אן אינגעל זאָל נישט האָבען קיין טאטען. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט ווי עפּעס א זעלטענע חיה, ווי אן איבערנאטיר־

סימאַנ'ס פּאַטער

ס האָט נאָר וואָס געשלאָגען מיטאַג־שטונדע. די טיר פון דער שוהלע האָט זיך געעפענט מיט אַ געפּילדער, און די איינגלאך האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין גאַס ארויס, שטויסענדיג און שטופּענדיג איינער דעם אַנ־דערען. אָבער אַנשטאַט געהן אהיים עסען מיטאַג, ווי געוועהנליך, זיינען זיי געבליבען שטעהן קופּקעס־ווייז און זיך גע־שושקעט איינער מיט'ן אנדערען.

אין דעם דאָזיגען אין דער־פריה איז סימאַן, דער זוהן פון בלאַנשע, צום ערשטען מאָל אין שוהל געקומען. זיי אַלע האָבען אין דער היים געהערט ריידענדיג פון בלאַנשע, און הגם מען האָט זי ניט פיינט געהאַט, דאָך האָבען זיך די מוטערס פערהאַלטען צו איהר מיט עפּעס אַ מין פערעכטליכען מיטלייד. און אזוי האָבען אויך די קינדער געקוקט אויף איהר פון אויבען אראָב, הגם זיי האָבען ניט קלאָהר געוואוסט, פאַרוואָס.

סימאַנ'ען האָבען זיי אָבער ניט געקאַנט. ער איז קיינמאָל ניט ארויסגעקומען אין דרויסען, האָט זיך קיינמאָל ניט ארומגעטריעבען מיט זיי אויף דער גאַס און ניט ביים טייך. דערפאַר האָבען זיי איהם ניט שטאַרק ליעב געהאַט. און איינמאָל, ווען אַ פיערצעהן אָדער פופצעהן־יאָהריגער איינגעל, וועלכער האָט געוואוסט מעהר ווי ער האָט געדאַרפט, האָט אַ וואונק געטהאָן מיט אַ אויג און געזאָגט: „איהר קאָנט דאָך סימאָנ'ען... איז ער... האָט קיין טאַטען ניט..." האָבען זיך אַלע אי דערפרעהט אי פערוואונדערט און די דאָזיגע שטיקעל נייעס איז אוועק פון איינעם צום אנדערען.

איצט האָט זיך אויך בלאַנשע'ס זוהן בעוויזען אויפ'ן שוועל פון דער שוהלע.

איינער פון די אינגלאך, וואס איז געשטאַנען נעבען סימאָן'ען, האָט איהם פּלוצים מיט א געלעכטער ארויסגעשטעלט די צונג און א געשריי געטהאָן:

— האָסט נישט קיין טאטען! האסט נישט קיין טאטען!

סימאָן איז איהם אריינגעפאהרען ימיטביידע הענד אין די האאר, איהם געגעבען אַ פּאָר בריק מיט די פיס און, אויסער זיך פאר כעס, איהם אַ ביס געטהאָן אין באק. עס האָט זיך גלייך צו־ברענט צווישען זיי אַ פערצווייפעלטער געשלעג. מען האָט פו־נאנדערגעריסען ביידע אינגלאך, א שליידער געטהאָן דעם ארימען אינגעל צו ד'רערד און גענומען איהם שלאָגען אהן רחמנות. פּעטש, קלעפּ, בוכצעס האָבען זיך געשאָטען אויף איהם פון אלע זייטען פאר די אויגען פון דעם גאנצען עולם גאסען־יונגען, וועלכע האָבען געקוויטשעט פאר שמחה. ווען סימאָן איז אויפגעשטאנען און האָט גענומען מעכאניש אבשטויבען דעם איינגעשמוצטען רעקעל מיט דער האנד, האָט זיך עמיצער צו איהם אנגערופען:

— געה, פער'מסר אונז פאר דיין טאטען!

דאָ האָט זיך אין דעם הארצען פונ'ם קליינעם סימאָן'ען אויפ־געהויבען א שרעקליכע ביטערקייט. זיי זיינען שטארקער פון איהם, זיי האָבען איהם געשלאָגען און ער האָט גארנישט געקענט טהאָן, זיי האָבען איהם אויסגעלאכט, פון איהם שפּאַט געמאכט און ער האָט זיי ניט געקענט ענטפערען, ווייל ער האָט געפיהלט, אז עס איז מסתמא אן אמת, אז ער האָט קיין טאטען ניט. ער האָט צוזאמענגע־נומען זיין גאנצען שטאָלץ און זיך געמאטערט איינצוהאלטען די טרערען, וועלכע זיינען איהם אין די אויגען געלאפען. ער האָט גע־פיהלט, אז ער ווערט דערשטיקט. און דאָ פּלוצים האָט ער גענומען וויינען און שלוכצען הויך אויפ'ן קול אזוי, דאָס זיין גאנצער קער־פּער האָט זיך געטרייסעלט.

און ווען זיינע שונאים האָבען זיינע טרערען דערזעהן, זיינען זיי געווארען מלא שמחה, האָבען זיך אנגענומען פאר די הענד, ווי ווילדע, בעת זייערע מורא'דיגע פעסטען, און אנגעהויבען צו טאנצען ארום איהם אין קרייז, קוויטשענדיג אין כאָר:

— האָסט נישט קיין טאטען! האָסט נישט קיין טאטען!

ליבע בעשעפעניש און אין זיי האָט ערוואכט די אייגענע פעראכ־טונג צו איהם, ווי זייערע מוטערס האָבען ארויסגעוויזען צו בלאַנשע.

סימאן האָט זיך אנגעשפארט אָן א בוים און קוים זיך אויף די פיס געהאלטען. א דערשלאגענער, ווי פון א שרעקליכען אונגליק געטראפען, איז ער דארט געשטאנען, געוואלט עפּעס ענטפערען און קיין ענטפער ניט געפונען אויף דער דאָזיגער מורא׳דיגער בע־שולדיגונג, אז ער האָט קיין טאטען ניט. צום סוף האָט ער ארויסגע־רעדט מיט א בלייך פּנים אין אן אונזיכערען טאן:

— איך האָב יא א טאטען.

— וואו איז ער? — האָט געפרעגט דער יונג.

סימאן האָט געשוויגען. ער האָט עס ניט געוואוסט. עס האָט ארויסגעבראכען א געלעכטער. די פויערשע אינגלאך, וועלכע זיינען געווען מעהר חיות, ווי מענשען, האָבען דערפיהלט דעם זעלביגען פערלאנג צו אכזריות, צו גרויזאמקייט, ווי, למשל, די היהנער אויף׳ן היהנער־הויף, ווען זיי אלע ווארפען זיך ארויף אויף א קראנקער הוהן. פּלוצים האָט זיך סימאָן א קעהר געטהאָן צום צווייטען אינגעל, דעם זוהן פון זייערער א שכנה, אן אלמנה, וועמען ער האט אויך שטענדיג געזעהן אליין מיט זיין מוטער, און האָט געפרעגט:

— דו, דו האסט אויך ניט קיין טאטען?

— גאָר נו! — איך האָב יאָ.

—טאָ וואו איז ער? — האָט סימאן געפרעגט.

און דער אנדערער האָט זיך אנגערופען מיט גרויס שטאָלץ:

— ער איז טויט. מיין טאַטע איז אויף׳ן בית־עולם.

א געמורמעל פון אלגעמיינער צומישונג איז דורכגעלאפען דורך די רייהען. און די אינגלאך, וואס זייערע פאטערס זיינען מייסטענס געווען פערדארבענע מענשען, שיכורים, גנבים, מענשען, וועלכע האָבען זייערע ווייבער שלעכט בעהאנדעלט, האָבען זיך איצט א נעהם געטהאָן צום קליינעם סימאנ׳ען, איהם געשטופּט און גע־שטויסען, א שטייגער ווי זיי, די געזעצליכע קינד־ער, וואלטען גע־וואלט דערשטיקען יענעם, וועלכער איז אהן דער ברכה פון קירכע אויף דער וועלט געקומען.

צו צייט, פונקט ווי אמאָל נאָך א שטורם. לויפט אָן דער ווינד מיט אזא רוגזה, דאָס די בוימער אָכצען און קרעכצען, אזוי איז צו איהם ווידער מיט מורא'דיגער ביטערקייט געקומען דער געדאנק:

— איך וועל זיך דערטרינקען, ווייל איך האָב קיין טאטען נישט!

עס איז געוועזן ווארעם און מילד. די זונן האָט פרעהלאך אב־געשיינט אויף דעם גרינעם גראָז, דאָס וואסער האָט געגלאנצט, ווי א שפיעגעל. און א פּאָאר מינוטען נאכאנאנד האָט זיך סימאן געפיהלט גליקליך. א מין סארט שוואכקייט איז איהם בעפאלען נאָך די טרעהרען און עס האָט זיך איהם געוואָלט אויסציהען אויף'ן גראָז און שלאָפען.

א קליינע, גרינע זשאבע האָט גענומען שפּרינגען ארום זיינע פיס. ער האָט זי געפּרובט כאפּען, אבער די זשאבע איז אוועקגע־שפּרונגען. דריי מאָל נאכאנאנד האָט ער זיך נאָך איהר א לאָז גע־טהאָן און זי אלץ ניט געקענט כאפּען. צום סוף האָט ער זי געכאפּט פאר די הינטערשטע פיסלאך און זיך צולאכט, ווען ער האָט דער־זעהן, ווי די קליינע חיה'לע שטרענגט אָן אלע איהרע קרעפטען, ארויסצורייסען זיך. זי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און דאן פלוצים זיך ווידער אויפגעבלאזען, די פיסלאך אויסגעצויגען, די רונדע מיט אַ גאָלדענעם ראנד ארומגערינגעלטע אויגען ווייט געעפענט און בע־וועגט מיט די פאדערשטע פיסלאך, ווי מיט א פּאָאר הענד. דאָס האָט איהם דערמאָנט אן א שפּיעלצייג, אזא מין הילצערנער שער, אויף וועלכער עס זיינען פון פארענט געשטאנען צוויי קליינע סאל־דאטלעך, וואס זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען אזוי גיך ווי מען האָט די שער צוגעמאכט. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט אן דעם דאָזיגען שפּיעלצייג, האָט ער זיך אויך דערמאנט אן זיין היים, אן זיין מו־טער, און ער איז געוואָרען אומעדיג און האָט ווידער גענומען ווויי־נען. א שוידער איז איהם איבער'ן לייב אריבער. ער האָט זיך א ווארף געטהאָן אויף די קניע און גענומען זאגען זיין אבענד־געבעט, ווי פאר'ן שלאָפען געהן. אבער פאר געוויין האָט ער זיין געבעט ניט געקענט ענדיגען. ער האָט איצט שוין פון גאָרנישט געטראכט, האָט מעהר גארנישט געזעהן ארום זיך, ער האָט נור געוויינט.

אָבער סימאן האָט פּלוצים אויפגעהערט צו שלוכצען. א ווילדער צאָרן האָט איהם אָנגעכאפּט. אויף ד׳רערד זיינען געלעגען שטיינער, האָט ער זיי אויפגעהויבען און מיט דער גאַנצער קראַפט גענומען זיי שליידערן אויף זיינע בעליידיגער. צוויי־דריי פון די אינגלאך האָט ער געטראָפען, און פאר ישרעק האָבען זיי גענומען אנטלויפען, שרייענדיג מיט בענומענע קולות. דאס האָט געמאכט אזא מורא׳דיגען איינדרוק, דאָס אויף די איבעריגע איז אויך אָנגעפאלען אן אימה, און פּייג, ווי דער המון איז תמיד, האָבען זיי זיך געלאזט לויפען און זיך צולאָפען אין אלע זייטען.

דער קליינער אינגעל, וועלכער האָט ניט געהאט קיין טאטען, איז געבליעבען אליין. און פּלוצים האָט ער גענומען לויפען איבער די פעלדער מיט א פעסטען בעשלוס: ער וועט זיך אין טייך אריינ־ווארפען, ער וועט זיך דערטרינקען.

ער האָט זיך דערמאנט, אז פאר אכט־טאָגען האָט אן ארימער בעטלער זיך אין וואסער אריינגעווארפען, ווייל ער האָט מעהר קיין געלד ניט געהאט. סימאָן איז געווען דערביי, ווען מען האָט איהם ארויסגעצויגען. דער אנבליק פון יענעם אונגליקליכען, וועלכער האָט אויסגעזעהן זעהר רחמנות׳דיג, שמוציג און העסליך מיט זיין רוהיג פּנים, מיט די בלייכע באקען, מיט דער לאנגער נאסער באָארד און די אָפענע שטארע אויגען, האָט איהם טיעף געריהרט. אלע ארום האָבען געזאגט: „ער איז טויט“.

עמיצער האָט צוגעלייגט: „איצט איז ער גליקלאך“.

און ווייל ער, סימאָן, האָט קיין פאטער ניט געהאט, האָט ער זיך געוואלט דערטרינקען, ווי יענער אונגליקליכער, וועלכער האָט קיין געלד ניט געהאט.

ער איז צוגעקומען צום וואסער און גענומען בעטראכטען, ווי עס פליסט. עטליכע פיש האָבען זיך דארט געשפּיעלט, טראגענדיג זיך אין דעם קלאהרען שטראם אהין און צוריק. מאנכעס מאָל האָבען זיי זיך אהייב געטהאָן איבער׳ן וואסער נאָך א פּאָאר פליעגען, וועל־כע האָבען פון אויבען איבער׳ן וואסער־שפּיעגעל געשזומעט. דער קליינער סימאן האָט אויפגעהערט צו וויינען, אום זיי נאכצוקוקען, ווייל דאס האָט איהם גרויס פערגעניגען פערשאפט. אבער פון צייט

דאָזיגע בלייכע, הויכע מיידעל, וועלכע איז מיט אן ערנסטער מינע געבליעבען שטעהן אויף׳ן שוועל, פערשטעהט ניט קיין שפּאס. איינמאָל פון א מאן בעטראגען און פערראטען געווען, איז זי געווען פעסט ענטשלאָסען קיין מאַן צו זיך אויף די שוועל ניט ארויפצולאָזען. ער איז עטוואס צומישט געוואָרען און האָט געזאגט מיט דעם היטעל אין דער האנד.

— איך ברענג אייך צוריק אייער קליין אינגעל. ער האָט אונ־טען נעבען טייך פערבלאנדזשעט.

אָבער סימאן איז ארויפגעפאלען זיין מוטער אויפ׳ן האלז, האָט זיך ווידער צו־וויינט און אויסגעשריען:

— ניין, מאמא, איך האָב זיך געוואלט דערטרינקען, ווייל די אינגלאך האָבען מיך געשלאָגען... ווייל זיי האָבען מיך גע׳הרג׳ט... ווייל איך האָב קיין טאטען ניט.

די יונגע מוטער איז געוואָרען רויט ווי פייער. איהר קינד׳ס ווערטער האָבען זי ווי מיט שארפע נאדלען געשטאָכען. זי האָט גענומען קושען איהר אינגעל מיט היץ און טרעהרען האָבען זיך איבער איהרע באקען געקייקעלט. דער מאן איז געבליעבען שטעהן שטארק געריהרט. ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זיך פון דאנען אבצוטראגען.

פלוצים איז סימאן צו איהם צוגעלאפען און געפרעגט:

— ווילסטו זיין מיין טאטע?

א ווייל׳ע איז געווען גאנץ שטיל. בלאנשע האָט זיך א כאפּ גע־טהאָן מיטביידע הענד פאר׳ן הארצען, האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואנד און איז געבליבען שטעהן אָהן לשון פארשעהמט און ערניע־דעריגט. דאס קינד, זעהענדיג, אז מען ענטפערט איהם ניט, האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי:

— אויב דו ווילסט נישט, געה איך צוריק צום וואסער און וועל זיך דערטרינקען.

דער ארבייטער האָט עס אנגענומען פאר א שפּאס און גע־ענטפערט מיט א געלעכטער:

— נו, געוויס, אודאי וויל איך.

דאן האָט דאס קינד געפרעגט:

פלוצים האָט זיך א שווערע האנד אוועקגעלייגט אויף זיינע שולטערן און א קרעפטיגע שטימע האָט געפרעגט:

— וואס איז, קליינער, וואס האָט מיר דיר פאסירט?

סימאן האָט זיך א קעהר געטהאָן. א הויכער ארבייטער מיט א שווארצער באָארד און געקרויזטע האאר האָט גוטמוטיג געקוקט אויף איהם. ער האָט געענטפערט מיט טרערען אין די אויגען:

— זיי האָבען מיך געשלאָגען, ווייל איך, איך... האָב נישט.... קיין טאטען.

— וואס? — האָט געפרעגט דער מאן מיט א שמייכעל — יעדערער האָט דאָך א טאטען.

אונטער א נייעם שטראם פון טרערען און שלוכצען האָט דאָס קינד געענטפערט:

— איך.... איך האָב נישט.

דער מאַן איז געוואָרען ערנסט. ער האָט דערקאנט בלאנשע'ס זוהן. און הגם ער איז אין דער געגענד געווען נאָך גאָר ניט לאַנג, דאָך האָט ער אונגעפעהר געוואוסט איהר געשיכטע, און ער האָט זיך אנ־גערופען:

— נו, נו, בערוהיג זיך, מיין אינגעל! קום, לאָמיר געהן צו דיין מאמא'ן, דו וועסט שוין קריגען א טאטען.

זיי האָבען זיך געלאזט געהן, דער הויכער מאן האָט געהאל־טען דאָס קינד פאר א האנד און א שמייכעל האָט זיך ווידער אויף זיינע ליפּען בעוויזען. ער איז געווען זעהר צופריעדען צו געהן צו בלאנשע'ן, וועלכע, ווי מען האָט געזאגט, איז געווען איינע פון די שעהנסטע מיידלאך אין יענער געגענד. און אפשר האָט ער טיעף ביי זיך אינ'ם הארצען געטראכט: פארוואס זאל אזא, וואס איז איינמאָל בעגאנגען א נארישקייט, עס ניט בעגעהן א צווייטען מאָל?

זיי זיינען צוגעקומען צו א קליין ווייס, ציכטיג הייזעל. דאָס קינד האָט געזאגט:

— דאָ איז דאָס — און האָט א געשריי געטהאָן:

— מאמא!

א פרוי האָט זיך בעוויזען. און דער ארבייטער האָט פלוצים אויפגעהערט צו שמייכלען, וואוּיים ער האָט גלייך דערזעהן, אז די

האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ריידענדיג מיט איהם, ווערט זי אָפּט רויטער ווי געוועהנליך.

אָבער אַ פּערלאָרענעם נאָמען איז שווער ווידער גוט צו מאַכען. עס בלייבט אויף אייביג, ווי אַ צובראכענע כלי. אזוי איז אויך גע־ווען מיט בלאַנשע׳ן. ניט קוקענדיג אויף איהר איינפאכען, עהרליכען לעבען, האָט מען אין דארף שוין גענומען ווידער זי בערײדען און בעשמוצען.

סימאָן אָבער האָט זיך צוגעבונדען צו זיין נייעם טאַטען מיט׳ן גאַנצען הארצען און יעדען אבענד נאָך דער ארבייט איז ער מיט איהם שפּאַציערען געגאַנגען. ער איז רעגעלמעסיג אין שוהלע גע־גאַנגען און זיך געהאלטען זעהר שטאלץ מיט די איבריגע שוהל־אינגלאך, ווען ער האָט ניט געענטפערט אַ ווארט אויף אלע זייערע בעליידיגונגען.

אָבער איין טאָג האָט דער אינגעל, וועלכער האָט איהם דער ערשטער אָנגעגריפען, זיך צו איהם אנגערופען:

— דו האסט געליגט, דו האסט ניט קיין טאַטען מיט׳ן נאָמען פיליפּ.

— פאַרוואס? — האָט געפרעגט סימאָן, אַן אויפגערעגטער.

דער יונג האָט זיך גענומען רייבען די הענד:

— ווייל.... ווען דו וואלסט געהאט אַ טאַטען, וואלט ער געוועזען דיין מאַמאַ׳ס מאַן.

סימאָן איז צומישט געוואָרען פון דער ריכטיגקייט פון דעם דאָ־זיגען בעווייז, אבער דאָך האָט ער געענטפערט:

— ער איז דאָך מיין טאַטע!

דער יונג האָט זיך צולאַכט:

— דאָס קאָן שוין מעגליך זיין, אבער ער איז דאָך ניט אין גאַנצען דיין טאַטע.

דער קליינער סימאָן האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אנטלאָפען אַ פערטראַכטער צו דער קוזניע פון דעם אלטען לואזען, וואו פיליפּ האָט געארבייט.

די קוזניע איז געווען ווי בעגראבען צווישען די בוימער. עס איז דאָרט געווען גאַנץ דונקעל, נור דאָס פלאַקערענדיג פייער פון דעם

— און ווי רופט מען דיך, איך דארף עס וויסען, אום צו זאגען די אינגלאך, ווען זיי וועלען מיך פרעגען אויף דיין נאָמען.

— פיליפ — האָט געענטפערט דער מאַן.

סימאָן האָט א ווײַלע געשוויגען, אום דעם דאזיגען נאָמען גוט אין קאפּ אריינצונעהמען. דערנאך האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע הענטלאך צו דעם ארבייטער און, אין גאַנצען בערוהיגט, האָט ער געזאגט:

— גוט פיליפּ, דו ביזט מיין טאטע.

פיליפּ האָט איהם א הייב געטהאָן אין דער לופטען, א קוש געטהאָן אויף ביידע באקען און איז שנעל אוועק מיט גרויסע טריט.

ווען דאָס קינד איז אויפ׳ן צווייטען טאג אין שוהלע געקומען, האָט מען איהם אויפגענומען מיט א בייזען געלעכטער. און ווען די לעהר־שטונדען האָבען זיך געענדיגט און דער גרויסער יונג האָט ווידער געוואָלט פארפיהרען מיט איהם אַן עסק, האָט סימאָן א שליידער געטהאָן איהם אין פנים אריין די דאזיגע ווערטער:

— מיין טאטע הייסט פיליפּ.

פון אלע זייטען האָט אויסגעבראכען א שפּאָטישער געלעכטער.

— פיליפּ! וואס פאר א פיליפּ? וועלכער פיליפּ! וואס איז דארט פאר א פיליפּ? וואו האסטו גענומען א פיליפּ?

סימאָן האָט גאָרנישט געענטפערט. זיין גלויבען איז געווען שטארק און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט אויגען פול פעראכטונג, בערייט זיך צו לאָזען אנטהאָן די גרעסטע יסורים, אבי ניט צו אנטלויפען פון זיי. דער שוהל־לעהרער האָט איהם בעפרייט פון זיינע פייניגער און ער איז אנטלאפען צו זיין מוטער.

דריי מאנאטען נאכאנאנד איז דער הויכער ארבייטער פיליפּ אָפט פערבייגעגאנגען פארביי בלאנשע׳ס הייזעל, און מאנכעס מאָל, ווען ער האָט זי געטראָפען נייהענדיג ביים פענסטער, האָט ער זיך געמאכט הארץ און מיט איהר גערעדט א ווײַלע. זי האָט איהם העפליך געענטפערט, איז געבליבען ערנסט, האָט ניט געלאכט און ניט געשפּאסט און איהם קיין מאָל ניט אריינגעלאָזט אינווייניג, ער אָבער, זייענדיג א מענש מיט אייגענליעבע, ווי אלע מענער,

— ריכטיג! — האָבען זיך אנגערופען אלע דריי מענער אין כאָר.

ער האָט געדערט ווייטער:

— און וויפיעל די ארימע נעבאך האָט אויסגעליטען, וויפיעל זי האָט געהאָרעוועט, אום דעם אינגעל איינע אליין אויסצוהאָדעווען, וויפיעל טרערען זי האָט פערגאסען, ווייס איין גאָט! זי ווייזט זיך דאָך פון יענער צייט אָן אויף דער ווייסער וועלט ניט, סיידען ווען זי געהט אין קירכע.

— דאָס איז אויך אמת — האָבען געזאגט די איבעריגע.

דאַן איז ווידער שטיל געוואָרען. עס האָט זיך נור געהערט דאָס סקריפּען פון׳ם בלאָז־זאק. פּלוצים האָט זיך פיליפּ צוגעבויגען צו סימאן׳ען און געזאגט:

— געה, זאג דיין מאמע׳ן, אז איך וויל היינט ביי־נאכט מיט איהר רעדען.

דאַן האָט ער דעם אינגעל ארויסגעשטופּט פאר די אקסלען פון קוזניע.

ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער ארבייט און די פינף האמערס האָבען ווידער אמאָל גענומען קלאַפּען און שמיעדען דאָס אייזען. אזוי האָבען זיי געשמיעדט ביז פינסטערער נאכט. קרעפטיג, שטאַרק און פרעהלאך האָבען זייערע האמערס געקלונגען, אבער ווי דער גלאָק פון א גרויסען קלויסטער, קלינגט אריבער אין די יום־טוב׳דיגע טעג אלע איבעריגע גלעקלאך, אזוי האָט פיליפּ׳ס האמער זיך אראָבלאזענדיג יעדע מינוט, פארטויבט מיט זיין טומעל דאָס קלאַפּען פון די איבעריגע האמערס. מיט גליהענדיגע אויגען, פון פייערדיגע פונקען ארומגערינגעלט, איז דער שמיעד ביי זיין ארבייט געשטאַנען.

ווען ער האָט אנגעקלאַפּט אין בלאנשע׳ס טיר, האָבען די שטע־רען געפינקעלט. ער האָט געטראָגען זיינע זונטאג׳דיגע מלבושים, א ריינע העמד, און איז געוועזען ארומגעראזירט. דאָס מיידעל האָט זיך בעוויזען אויף דער שוועל און געזאָגט צו איהם מיט אן אומעדיגען קול:

בלאָז־זאַק האָט געוואָרפען זיינע רויטע שטראהלען אויף פינף שמיעדען מיט נאַקעטע ארמס, וועלכע האָבען מיט גרויס געפילדער זייערע אייזענס געשמיעדט.

סימאָן איז אריין אונבעמערקט און האָט שטיל א ציה געטהאָן זיין פריינד פאר אן ארבעל.

יענער האָט זיך א קעהר געטהאָן. גלייך האָט די ארבייט זיך אפגעשטעלט. די מענער האָבען אויפמערקזאם בעטראכט דעם איינגעל און צווישען דער אונגעוועהנליכער שטילקייט האָט זיך דער־הערט סימאָן׳ס דין קול׳כעל:

— הער אויס, פיליפּ, מישורינ׳ס איינגעל האָט מיר נור וואס געזאגט, אז דו ביזט מיין טאטע... אָבער ניט ווי עס בעדארף צו זיין מיין טאטע.

— פארוואס דען? — האָט געפרעגט דער ארבייטער.

נאאיוו האָט דאָס קינד געענטפערט:

— ווייל דו ביזט ניט דער מאַמאַ׳ס מאַן.

קיינער האָט ניט געלאכט. פיליפּ האָט אנגעשפּארט דעם שטערן אויף זיינע מעכטיגע הענד און האָט זיך פערטראכט. זיינע פיער חברים האָבען איהם שווייגענדיג אנגעקוקט. סימאָן, אזא קליינינקער צווישען די ראזיגע ריעזען, האָט מיט אנגסט געווארט. פלוצים האָט איינער פון די שמיעדען, ווי אויסדריקענדיג די מיינונג פון אלע איבעריגע, זיך אנגערופען צו פיליפּ׳ן:

די בלאַנשע איז דאך א וואוילע, א מוטיגע, אן עהרליכע מייד־דעל ניט קוקענדיג אויף איהר אונגליק. זי פאסט זיך צו זיין די פרוי פון יעדען עהרליכען מענשען.

— אמת. — האָבען צוגעשטימט די איבעריגע ארבייטער.

דער ערשטער האָט ווייטער גערעדט:

— איז דען דאס מיידעל שולדיג אין דעם וואס מיט איהר האָט געטראָפען? ער האָט דאָך דאן פערשפּראָכען מיט איהר חתונה צו האָבען. און איך קאָן א סך מיידלאך, וועגען וועלכע קיין מענש וועט א שלעכט ווארט ניט זאגען, און דאך האָט מיט זיי פּאסירט דאָס אייגענע וואס מיט איהר.

דיא ירושה.

1.

הגם דער זייגער האָט נאָך קיין צעהן ניט געשלאָגען, דאָך האָבען שוין די בעאמטע פון אלע זייטען געשטראמט צום טויער פון פלאַט־מיניסטעריום. פון אלע, אלע עקען און זייטען פון דעם געוואלדיג גרויסען פאריז זיינען זיי אין ביורא געלאָפען. דער ניי־יאָהרס־טאג איז געשטאנען פאר דער טיר, א צייט, ווען ער־ווארטענדיג צו קריעגען גרעסערען געהאלט, פערשיעדענע אויסצייכ־נונגען און העכערע שטעלען, האָט יעדער פון די בעאמטע געזוכט ארויסצו־ווייזען זיין פלייסיגקייט. אין דער גרויסער געביידע, אין דעם לאבירינט פון דורכגאנגען און טירען אהן א צאהל, האָט זיך געהערט דער גערויש פון איילענדיגע טריט.

יעדערער איז געקומען אין זיין ארבייטס־צימער, האָט געדריקט די האנד דעם קאלעגע, וועלכער איז געקומען פאר איהם, אויסגע־טהאָן דעם אויבערראק, ארויפגעווארפען דעם אלטען ארבייטס־ראק און געזעצט זיך ביים טיש, וואו א גאנצער בארג אקטען און פאַ־פיערען האָבען שוין אויף איהם געווארט. שפּעטער איז מען אריין צו א שכן אין אבטהיילונג, אום זיך נאכצופרעגען אויף אלערליי נייעס. די ערשטע פראגע איז געווען, אויב דער שעף איז שוין גע־קומען און ווי איז ער אויפגעלעגט, און דאן אויב עס איז היינט דא א סך ארבייט.

הערר קאַבעלין, דער הויפּט רעגיסטראטאָר, אן אמאָליגער אונ־טעראָפיציער פון מארינע־אינפאַנטעריע, וועלכער האָט זיך דער־דיענט צו אַ בוכהאלטער־שטעלע, האָט אריינגעטראגען אין אַ גרוי־סען בוך פערשיעדענע אַקטען, וועלכע א שליח האָט איהם געבראכט. אנטקעגען איהם איז געזעסען דער אַלטער סאוואָן, אַ בעיאָהרענטער,

— עס איז ניט שעהן פון אייך, העדר פיליפ, צו קומען אהער ביי־נאכט.

ער האט געוואלט ענטפערען, אבער איז צומישט געווארען און געבליעבען שטעהן פאר איהר צוטומעלט.

זי האט ווייטער גערעדט:

— איהר ווייסט דאך, אז אפילו אזוי רעדען מענשען וועגען מיר אויך גענוג.

דאן האט ער פלוצים געזאגט:

— וואס מאכט עס אייס, ווען איהר זאלט נור איינוויליגען צו ווערען מיין פרוי!

קיינער האט איהם נישט געענטפערט, אבער איהם האט זיך איינגעדאכט, אז אין'ס פינסטערען צימער האט זיך עמיצער א וואהל געטהאן צו ד'ערד. ער איז שנעל אריין אינעווייניג, און סימאן, וועלכער איז געלעגען אין זיין בעטעל, האט דערהערט א קוש און א פאאר שטילע ווערטער פון זיין מוטער. דאן האט ער פלוצים דערפיהלט ווי זיין פריינד האט איהם אויפגעהויבען און דער הויך מיט זיינע מעכטיגע ארמס און געזאגט:

— דו קאנסט דיינע חברים זאגען, אז פיליפ רעמי, דער שמידער איז דיין טאטע און אז ער וועט אנרייסען די אויערען יעדען, וואס וועט זיך דערוועגען דיך אנצוריהרען.

איינ'ן צווייטען טאג, ווען אלע שילער זיינען געווען פערזאמעלט אין שוהלע און די לעקציאן האט זיך געוואלט גלייך אנהייבען, איז דער קליינער סימאן פלוצים אויפגעשטאנען און א בלייכער מיט ציטערענדיגע ליפען, אבער מיט א הויך קול, האט ער געזאגט:

— מיין טאטע הייסט פיליפ רעמי, דער שמידער, און ער האט געשוואוירען, אז ער וועט אנרייסען פאר די אויערען יעדען, וואס וועט וואגען מיך צו בעליידיגען.

דאס מאל האט קיינער ניט געלאכט, וואדום פיליפ רעמי, דעם שמידער, האבען אלע געקאנט, און דאס איז געווען אזא טאטע, מיט וועלכען יעדער פון זיי וואלט שטאלץ געווען.

— איז היינט דאָ אַ סך צו טהאָן?

הערר קאַכעלין האָט געענטפערט:

— טולאָן גיט גענוג ארבייט. עס פיהלט זיך, אַז ניי־יאָהר איז פאר דער טיר, און יענע ארבייטען דארט אויף אַלע כלים.

אָבער אַן אנדער בעאמטער, הערר פּיטאַלעט, דער וויצלינג און פרעהליכער יונג פון **ביורא**, איז אריין און מיט אַ שמייכעל גע־פרעגט:

— זיינען מיר אפשר ניט פלייסיג?

דאַן האָט ער ארויסגענומען זיין זייגער און געזאָגט:

— צוואנציג מינוט צו צעהן און אַלע זיינען שוין דאָ. מאַזע'לע וואָס זאָגט איהר נישט דערצו? און איך'ל זיך וועטען, אַז זיין האָכ־**ווירדען**, הערר לעסאבלע איז שוין אַ זייגער ניין, **גלייך** מיט אונ־זער שעה, אין ביוראָ געקומען.

דער בוכהאַלטער האָט אויפגעהערט צו שרייבען, פערלייגט די פעדער הינטער'ן אויער און זיך אנגעשפּארט אָן זיין שרייב־טיש:

— אָך דער! ווייסט איהר, ווען איהם זאָל ניט גליקען, איז ער קאַפּוט! מיה געגעבען האָט ער זיך גענוג.

הערר פּיטאַלעט האָט זיך געזעצט אויף אַ ברעג טיש, אַ דרעה געטהאָן מיט די פיס און געענטפערט:

— נו, פּאָטער קאַכעלין, ער וועט שוין צו עפּעס קומען. האָט נור קיין מורא ניט. איך וועט צוואנציג פראנק געגען איין סו, אַז אין צעהן יאָהר ארום איז ער שוין לאַנג שעף.

הערר מאַזע, וועלכער האָט זיך געוואַרעמט ביי'ם אויווען און דערביי געדרעהט אַ פּאַפּיראָס, האָט געזאָגט:

— אָך, וואָס מאַכט עס אויס, איך וואָלט בעסער וועלען מיין גאַנץ לעבען לאַנג קריגען ניט מעהר ווי פיער־און־צוואנציג־הונדערט פראנק, איידער זיך צו לאָזען אַזוי שינדען, ווי ער.

פּיטאַלעט האָט זיך אַ דרעה געטהאָן אויף'ן קאַרעק און געענט־פערט מיט שפּאט:

— אָבער דאָס, מיין טהייערינקער, שטערט אייך פון דעסטווע־גען ניט היינט, דעם צוואַנציגסטען דעצעמבער, צו זיין אין ביורא נאָך פאר צעהן.

תם׳עוואטער מאַן, וועלכער איז אין גאַנצען מיניסטעריום בעקאַנט געווען צוליעב זיין שלים־מזל׳דיגען פאַמיליען־לעבען. ער האָט לאַנג־זאַם איבערזעצט א דעפּעשע פון׳ם שעף און שווער דערביי געאַרבייט, דעם קערפּער אויסגעבויגט אויף א זייט, ערנסט אריינגעטהאָן אין זיין זאַך, מיט דער מינע פון א פּראָפעסיאָנעלען שרייבער.

הערר קאַכעלין, א דיקער מאַן, מיט קורצע ווייסע האָאר, וואָס האָבען ביי איהם אויפ׳ן קאָפּ, ווי א באַרשט, געשטאַרט׳שעט, האָט געזאָגט, בעת ער האָט איבערגעקוקט זיין טעגליכע אַרבייט: „צוויי־און־דרייסיג טעלעגראַמען פון טולאָן. דער דאָזיגער האפען פער־וואַרפט אונז מיט מעהר אַרבייט, ווי די אַנדערע אַלע דריי צוזאַ־מענגענומען“. דאַן האָט ער געפרעגט ביי סאַוואָן, ווי ער פלעגט עס, אַגב, טהאָן יעדען טאָג:

— נו, פּאַטער סאַוואָן, ווי געהט עס אייער פרוי?

דער אַלטער האָט געענטפערט, ניט אָברייסענדיג זיך פון דער אַרבייט:

— איהר ווייסט גאַנץ גוט, הערר קאַכעלין, אַז איך האָב פיינד דערפון צו ריידען.

דער רעגיסטראַטאָר האָט אָנגעהויבען צו לאַכען, פּונקט אַזוי ווי ער האָט געלאַכט יעדען טאָג, ווען ער האָט דעם אייגענעם ענט־פער געקראָגען.

די טיר האָט זיך געעפענט און הערר מאַזע איז אריין. ער איז געווען א שעהנער יונג מיט א דונקעלען פּנים, עטוואָס צו עלעגאַנט געקליידעט. צוליעב זיין שעהנעם אויסזעהן און זיינע אריסטאָקראַ־טישע מאַניערען האָט ער זיך געהאַלטען צו הויך פאַר דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט פערנומען, און געגלויבט, אַז ער איז איבערהויפּט ניט אויף דעם ריכטיגען אָרט. ער האָט געטראָגען גרויסע רינגען, א דיקע קייט צום זייגער, א פּענסנע, וועלכע ער האָט געטראָגען בלויז פון מאָדע וועגען, און וועלכע ער האָט אויסגעטהאָן ביי דער אַרבייט. און ער האָט געהאַט א בעזונדערען אופן צו דרעהען מיט די עלענבויגענס, אַזוי, דאס זיינע מאַנזשעטען מיט די גרויסע, גאָלדענע, בלישצענדי־גע קנעפּ זאָלען זיך גוט אַרויסזעהן.

אויף דער שוועל נאָך האָט ער געפרעגט.

געוועהנליכע פּאַסירונג, און יעדען אין־דער־פריה האָט ער דערצעהלט זיין פריינד פּיטאלעט גאַנ׳ץ בעזונדערע צופאַלען, וואָס האָבען מיט איהם נעכטען געטראָפען. דאָס זיינען אַלץ געוועזען שוידערליכע געשיכטען, וועלכע זיינען, ווי ער האָט זיך איינגערעדט, פאָרגעקומען ביי איהם אין הויז. דאָ, צום ביישפּיעל, האָט איהם א מורא׳דיגער געשריי אין מיטען דער נאַכט אויפגעריסען פון בעט. טאג־טעגליך האָט ער פאנאַנדערגעריסען מענשען, וואָס האָבען זיך געשלאָגען, איינגעהאַלטען פערד, וועלכע האָבען זיך צוטראָגען, דאמען פון עפּעס אַ געפאַהר געראַטעוועט און הגם ער איז אַליין געוועזען קריינקליך און שוואַך, האָט ער ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען אין א געצוויגענעם, אָבער איבערצייגטען טאָן, וועגען די **העלדען**־טהאַטען, וואָס ער האָט בעוויזען.

אזוי גיך ווי ער האָט פערשטאַנען, אַז מען רעדט דאָ פון לעסאבלע, האָט ער געזאָגט:

— אין אַ פּאָאר טעג ארום וועל איך דעם חברה־מאַן זאָגען, וואָס איך דענק פון איהם. ווען דער קערל שטעלט זיך מיר אין וועג, דאַן נעהם איך איהם אָן ביים גארגעל אזוי, דאָס איהם וועט פערגעהן דער חשק, זיך אַמאָל מיט מיר אָנצוהויבען.

מאַזע האָט בעמערקט, לאַכענדיג:

— אויב אזוי, וואַלט געוועזען אמבעסטען, אַז איהר זאָלט עס נאָך היינט טהאָן, ווייל איך וויים אויף זיכער, אַז איהר וועט היינטיגס יאָהר איבערגעהיפּט ווערען, אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר לעסאַבלע׳ן.

באַיססעל האָט אויפגעהויבען די האַנד:

— איך שווער אייך, אַז אויב...

די טיר האָט זיך געעפענט, און א יונגער מאַן אין אַריין האַסטיג, און מיט אַ פערהאַוועטער מינע. ער איז געוועזען פון קליינעם וואוקס מיט א באַקען־באַרד, ווי א מאַרינע־אָפיציער אָדער אַ אדוואָקאַט, האָט געטראָגען אַ הויכען, שטייפען קראַגען און האָט גערעדט אויף אַזאַ׳ן אַרט, ווי ער וואָלט ניט געהאַט גענוג צייט צו זאָגען, וואָס ער וויל. ער האָט אויף גיך אַ דריק געטהאָן די האַנד דעם און יענעם, ווי א מענש, וועלכער איילט זיך, און זיך געווענדעט צום רעגיסטראַטאָר:

דער אנדערער האָט גלייכגילטיג אַ דריק געטהאָן מיט די אַקס־לען:

— ביי גאט, גאָר פון הינטען וויל איך דאָך אויך ניט בלייבען און לאָזען יעדען איינעם מיך אריבערשטייגען. אז יענע קומען! אהער צו זעהן, ווי די זונן געהט אויף, מוז איך נאָכטהאָן, הגם זייער פליי־סיגקייט איז מיר זעהר ניט צום הארצען. אָבער דאָס קאָן מען נאָך לאַנג ניט פערגלייכען מיט דער אויפפיהרונג פון לעסאבלע, וועלכער רופט דעם שעף „אייער גנאַדען", געהט פון דאַנען אַוועק האַלב זיע־בען אַ זייגער און נעהמט נאָך מיט ארבייט מיט זיך אַהיים! איברי־גענס, איך געה פיעל אין געזעלשאַפט און האָב אַ סך אנדערע זאכען, אויף וואָס מיין צייט אַוועקצוגעבען.

הערר קאַבעלין האָט אויפגעהערט צו שרייבען און גענומען קור־קען פער'חלום'ט פאר זיך. צום סוף, האָט ער געפרעגט:

— רענקט איהר, אז מען וועט איהם היינטיגס יאָהר נאָך הע־כערען?

פיטאָלעט האָט אַ געשריי געטהאָן:

— מען וועט איהם זיכער העכערען, ער איז נישט אומזיסט אזוי... פיפיג.

און מען האָט גענומען רעדען וועגען די אייביגע פראגען פון העכערונג, פון בעסערע, גרעסערע שטעלען, די פראגען, וועלכע האָ־בען זייט אַ מאָנאַט אזוי בעאונרוהיגט אַלע בעאַמטע פון מיניסטע־ריום. מען האָט געוואויגען און געמאָסטען יעדע מעגליכקייט, גע־מאַכט פערשיעדענע סברות און שוין אפריהער זיך געקאָכט איבער די אונגערעכטיגקייטען, וועלכע וועלען אָהן צווייפעל פארקומען. און עס איז אַוועק אַ ריידעריי אָהן אַ סוף, אַ ריידעריי, וואָס איז שוין נעכטען געפיהרט געוואָרען און וועט מאָרגען ווידער מיט די אייגענע גרינדע, מיט דיזעלבע שליסע און כמעט מיט די אייגענע ווערטער ווידער געפיהרט ווערען.

אַ נייער בעאַמטער איז אריין, אַ קליינער, אַ בלייכער, מיט אַ קרענקליכען פּנים — הערר באַיססעל, וועלכער האָט געלעבט אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט, וואו עס איז צוגעגאַנגען ווי אין אַ ראמאן פון דיומאַ־פּאָטער. יעדע זאך איז איהם אויסגעקומען, ווי אַן אונ־

וואָס איז געלעגן אין אַ טעצעל, און עס איז איהם בשום אופן ניט געלונגען אָנצושרייבען אַפילו איין בוכשטאַב. דאָס שווארצע טינטל האָט אראָבגעקאַפּעט פון דעם מעטאַלענעם שפּיץ און איז אין רונ־דע, דיקע טראָפּענס אויף דאָס פּאַפּיר געפאַלען. דער גוטער אַלטינ־קער האָט טרויעריג אָנגעקוקט דעם בויגען פּאַפּיר, וועלכען ער האָט איצט געמוזט נאָך אַמאָל אָנהויבען פון דאָס ניי, וואָס עס האָט מיט איהם פאר די לעצטע צייט גאַנץ אָפט געטראָפען. אומעדיג און שטיל האָט ער ארויסגערעדט:

— דאָס איז שוין ווידער געפאַלשעוועטע טינט.

פון אַלע זייטען האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער. קאַכעלין האָט זיך פאר געלעכטער אזש אָנגעשטויסען מיט'ן בויך אָן טיש. מאַ־זע האָט זיך אזוי געדרעהט, דאָס מען האָט געמיינט, ער וועט הינטער־ווײַלעכץ אין קאַמין ארײַנפאַלען. פּיטאַלעט האָט געטופּעט מיט'ן פוס, געהוסט און אַזש גענאָסען, און אפילו באַיססעל האָט זיך אויף געשטיקט פאר געלעכטער, הגם, געוועהנליך, האָט ער די זאכען גע־נומען מעהר פון דער טראגישער, ווי פון דער קאָמישער זייט.

אָבער פּאָטער סאַוואַן האָט צולעצט אָבגעווישט די פּעדער אָן די פּאָלעס פון זיין ראָק און געמאַכט צו זיי:

— דאָס איז גאָרנישט קיין געלעכטער, איך מוז מיין גאַנצע ארבייט צוויי אָדער דריי מאָל איבערשרייבען.

ער האָט ארויסגענומען אַן אנדער בויגען פּאַפּיר פון טאַש, און האָט ווידער אָנגעהויבען צו שרייבען דאָס קעפּעל:

„הערר מיניסטער און ליעבער קאָלעגע....."

איצט איז די טינט געבליעבען אין דער פּעדער און ער האָט רוהיג געקאָנט ארבייטען. און דער אַלטער האָט ווידער אָנגענומען זיין געוועהנליכע, איינגעהויקערטע האַלטונג און ווייטער געקריי־צעלט.

די אַנדערע האָבען נאָך אַלץ געקייכט פאר געלעכטער. שוין באַלד אַ האַלב יאָהר, ווי מען האָט דעם גוטען אַלטינקען אָבגעטהאָן אימער דעם איינענעם שפּיצעל: אויף דעם שוואַם, וואָס האָט געדיענט צום רייניגען די פּעדער, האָט מען איהם אַ טראָפּען אויל ארויפגע־גאָסען. די שטאָהלענע פּעדער, איינגעזאַפּט אין אויל, האָט ניט אָנ־

— מיין ליעבער קאכעלין, זייט אזוי גוט און גיט מיר די אק־טען איבער דער טעלעגראם פון טולאָן נומער 1857.

דער בעאמטער איז אויפגעשטאַנען, האָט פון א שאַכטעל אי־בער זיין קאָפּ ארויסגענומען א פּעקעל אַקטען אין א בלויען אומ־שלאַג און עס דערלאַנגט מיט די ווערטער:

— אָט דא זיינען זיי, הערר לעסאבלע, איהר ווייסט דאָך, אז דער שעף האָט נעכטען פון די אַקטען ארויסגענומען דריי טעלעגרא־מען.

— יא, איך ווייס, א דאנק.

און דער יונגערמאַן איז שנעל ארויסגעגאַנגען.

ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די טהיר, האָט מאַזע געזאָגט:

— אביסעל א בענעהמען זיך! אזוי ווי ער וואָלט שוין געווען דער שעף.

און פּיטאַלעט האָט געענטפערט:

— נור גערולד, גערולד, ער וועט נאָך ווערען שעף פריהער פון אונז אַלעמען.

הערר קאַכעלין האָט זיך ניט גענומען צוריק צום שרייבען, עס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּעס א געוויסע אידעע וואָלט איהם איינגע־פאַלען. ער האָט נאָך אמאָל געפרעגט:

— דער יונגערמאַן האָט פאַר זיך א שעהנע צוקונפט?

מאַזע האָט ארויסגעברומט מיט פעראַכטונג:

— פאַר די, וואָס האַלטען דעם דיענסט אין מיניסטעריום פאַר א קאַריערע, יא, פאַר אנדערע ניט.

פּיטאַלעט האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד:

— איהר קלייבט זיך הפנים צו ווערען געזאַנדעטער?

מאַזע האָט געמאַכט אַן אונגערולדיגע בעוועגונג:

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען מיר, מיר געהט די גאַנצע גע־שיכטע ניט אָן. אָבער דערפאַר הייסט עס נאָך ניט, אז די שטעלע פון א שעף איז גאָט ווייסט וואָס.

דער אַלטער סאַוואַן האָט די גאַנצע צייט ווייטער געארבייט, אָבער זייט א פּאָאר מינוטען האָט ער אלע ווײַלע געטונקט זיין פע־דער אין טינטער און עס גערולדיג געווישט אָן דעם פייכטען שוואם,

אז ער האָט געהערט, ווי מען זאָגט וועגען איינעם: „דאָס איז א קלו־גער חברה־מאַן, ער וועט זיך שוין דורכברעכען א וועג!“ האָט ער אזא מין בעאַמטען בעטראַכט, ווי א מענשען פון אן אנדער ראַסע, א מענשען צו וועלכען ער קען זיך גאָר נישט צוגלייכען. און דערפאַר טאַקע האָט ער פאַר זיין קאָלעגע לעסאַבלע געהאַט גרויס דרך־ארץ און טיעף אין הארצען האָט ביי איהם געטליעט א האָפנונג, אז ער וועט ברענגען דעם יונגען־מאַן דערצו, ער זאָל הייראַטען זיין טאָכ־טער.

ווען עס איז וועט זי ווערען רייך, זעהר רייך, דאָס האָט גע־וואוסט יעדער איינער אין מיניסטעריום. זיין שוועסטער, פריילין קאַבעלין, האָט געהאַט איהר איינגענם א קייליכדיגען מיליאָן, וועל־כען, ווי מען זאָגט, זי האָט זיך אָנגעלעבט פון דער „ליעבע“... איצט אָבער איז זי געווען גוט און פרום און געפיהרט א לעבען פון א בעל תשובה.

דאָס אַלטע מיידעל, וועלכע איז אמאָל אין קרומע וועגען גע־גאַנגען, האָט זיך מיט 500,000 פראַנק צוריקגעצויגען. לעבענדיג זעהר איינפאַך און שפּאַרזאַם, איז איהר אין פערלויף פון אכטצעהן יאָהר געלונגען איהר פערמעגען צו פערדאָפּלען. שוין א צייט לאַנג, ווי זי האָט געוואוינט ביי איהר ברודער, וועלכער איז געווען אַן אלמן און האָט געהאַט איין איינציגע טאָכטער מיט׳ן נאָמען קאַראַ־ליע. אויף דער ווירטהשאַפט האָט זי זעהר וויינינ צושטייער געגע־בען, האָט בעהאַלטען איהר געלד, געקליעבען א סו צו א סו און גע־האַלטען אין איין טענה׳ן צו קאַבעלין׳ען:

— וואָס אַרט דיך, עס איז דאָך פאַר דיין טאָכטער. אָבער מאַך איהר חתונה וואָס גיכער, דען איך וויל זעהן איהרע קינדער. דורך איהר וועל איך דערלעבען דעם נחת צו האַלטען אין מיינע אַרעמס א קינד פון אונזער פלייש און בלוט.

דאָס האָט געוואוסט דאָס גאַנצע מיניסטעריום און קיין חתנים האָבען איהר שוין ניט געפעהלט. מען האָט גערעדט, אז אפילו מאזע, דער שעהנער מאזע, דער לייב פון׳ם ביוראָ, האָט ניט אומזיסט זיך צו קאַבעלין׳ען געשאַרט. אָבער דער אַמאָליגער אונטער־אָפיציער איז געווען א דורכגעטריעבענער יונג, וועלכער האָט שוין אָנגעזעהן א

גענומען קיין טינט, און דער אָרימער שרייבער האָט שטונדען לאַנג זיך געקלאָגט, פערברויכט פולע קעסטלאַך מיט פעדער'ן, פולע פלאַ־שען מיט טינט און צום סוף איז ער געקומען צום שלוס, אַז זייט א געוויסער צייט ווערט אַלסדינג, וואָס ווערט צוגעשטעלט אין ביורא, שטאַרק געפאַלשעוועט.

וואָס איז פריהער געווען ניט מעהר ווי א שפּאַס, האָט זיך איצט אויסגעאַרבייט כמעט אין א שטענדיגער פערפאָלגונג און מאַטער־ניש. מען האָט אריינגעשאָטען שוספּולווער אין דעם טאַבאַק פון'ם אַלטען, אַלערליי מעדיצינען האָט מען אין זיין וואַסער־פלאַש אריינ־געגאָסען און דערביי האָט מען איהם איינגערעדט, אַז זייט דער קאָ־מונע זיינען אַלע מאַטעריאַלען געפאַלשעוועט געוואָרען פון די סאָ־ציאַליסטען, אום צו שאַדען דער רעגיערונג און ארויסרופען א רע־וואָלוציאָן.

אויף די אַנאַרכיסטען האָט ער געטראָגען א מורא'דיגען האַסס און ער האָט געמיינט, אַז זיי ליעגען פערשטעקט אין אַלע ווינקעלאַך, אין אַלע שפּאַרונעס אַזוי, דאָס אויף איהם האָט שטענדיג געציטערט די הויט. פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס שטאַרקע קלינגען פון גלאָק אין'ם קאָרידאָר. אַלע האָבען גוט געקאַנט דאָס דאָזיגע שאַרפע קלינגען פונ'ם שעף, הערר טאַרשעבועף, און אַלע האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו דער טיר, אום צו זיין אויפ'ן פּלאַץ ביי דער אַרבייט.

קאַבעלין האָט ווידער אָנגעהויבען אריינטראַגען די אַקטען אין זיין בוך אריין. באַלד האָט ער אָבער אויף דאָס ניי אָוועקגעלייגט די פעדער און, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד, האָט ער זיך פערטראַכט. א געדאַנק, וועלכער האָט איהם געפּלאָגט שוין זייט א צייט, איז איהם פּלוצים קלאָהר געוואָרען. אַלס אמאָליגער אונטער־אָפיציער, וועלכער איז מיט פינף וואונדען ארויסגעשטופּט געוואָרען פון דער אַרמעע, און נור מיט גרויס מיה אין מיניסטעריום אנגעקו־מען, האָט ער אַלס קליינער בעאַמטער שוין ניט איין אונאַנגענעהמ־ליכקייט און ניט איין ענטוישונג דורכגעמאַכט. דערצו האָט ער גע־האַלטען די העכערע בעאַמטע פאַר די שעהנסטע מענשען אויף דער וועלט. א שעף פון א מיניסטעריום איז ביי איהם געווען אַן אויסער־געוועהנליכער מענש, וואָס האָט געלעבט אין העכערע ספערען, און

— ניט ווענינ. און דאַן וואָלט וועלען מיט אייך עפּעס רעדען.

— זעצט זיך, איך בעט אייך, ליעבער פריינד, און איך וועל אייך הערען מיטביידע אויערען.

קאַכעלין האָט זיך געזעצט, א הוסט געטהאָן, אָנגענומען א מינע פון פערלעגענהייט און געזאָגט מיט א אונזיכערער שטימע:

— ווייסט איהר, הערר לעסאַבלע, איך וועל אייך זאָגען, וואָס מיך פיהרט צו אייך: איך וועל געהן גלייך צום פּסוק, איך וויל זיין גופען, ווי אן אַלטער סאָלדאַט. איך וואָלט וועלען ביי אייך בעטען א טובה.

— וואָס פאַר א טובה?

— אַלזאָ אין צוויי ווערטער: איך מוז היינטיגס יאָהר קריעגען געהעכערט און איך האָב קיינעם ניט, ווער עס זאָל פאַר מיר א גוט וואָרט זאָגען און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אָן אייך.

לעסאַבלע איז אביסעלע רויט געוואָרען. ער איז געוועזען ערשטוינט, צופריעדען, געשמייכעלט און אין א געוויסען זין פערשעהמט. דאָך האָט ער געענטפערט:

— מיין ליעבער פריינד, איך האָב דאָ גאָרנישט צו זאָגען. איך בין דאָך נאָך ווענינער, ווי איהר, וועלכער וועט אין גיכען פאַרנעהמען נאָך א גרעסערע שטעלע. איך קען גאָרנישט טהאָן. איך...

קאַכעלין האָט איהם שנעל איבערגעהאַקט די רייד:

— אַך, רעדט ניט אזוי! דער שעף האַלט פון אייך אזוי פיעל, דאָס ווען איהר וועט נור זאגען איין וואָרט פאַר מיר, דאַן בין איך מיט מיין העכערונג זיכער. איהר מוזט בערעכענען, אז אין אנדערהאַלבען יאָהר ארום ווער איך בערעכטיגט צו קריגען א פּענסיע און ווען איך קריג נישט געהעכערט דעם ערשטען יאַנואַר, דאַן ערהאַלט איך פינף הונדערט פראַנק ווענינער פּענסיע. איך ווייס גאַנץ גוט, אז מען זאָגט: קאַכעלין, יענער דאַרף גאָרנישט האָבען, זיין שוועסטער איז א מיליאָנערשע. יאָ, עס איז טאַקע אמת, אז מיין שוועסטער פערמאַגט א מיליאָן, אָבער איהר געלד ליעגט אויף פּראַצענט און איך קריעג דערפון גאָרנישט. עס איז אויך אמת, אז דאָס געלד וועט אָנקומען צו מיין טאָכטער. אָבער מיין טאָכטער און איך זייי־

וועלט און ער האָט פאר זיין טאָכטער געזוכט א מאַן מיט א צו־קונפט, א מאַן, וועלכער זאָל אמאָל ווערען אליין א שעף, אזוי דאָס דער אָבגלאַנץ פון זיין גרויסקייט זאָל אויך פאלען אויף איהם, צע־זאר קאַכעלין, דעם אמאָליגען אונטער־אָפיציער.

פלוצים האָט ער זיך אויפגעהויבען און גענומען רייבען די הענד. ער האָט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט.

ער האָט געקאָנט יעדען איינציגענס שוואכקייט. צו לעסאבלען איז געווען נור איין וועג צו צו קומען: מען האָט געדארפט א קיצעל טהאָן זיין אייטעלקייט, די אייטעלקייט פון א בעאַמטען, וועלכער גלויבט אין זיך. ער וועט גאַנץ איינפאך איין שעהנעם טאָג קומען צו איהם בעטען, יענער זאָל פאר איהם זאָגען א גוט וואָרט, ווי מען געהט, למשל, צו א סענאַטאָר, אָדער צו אן אבגעאָרדענטען, אָדער צו עפּעס אן אנדער גרויסען מענשען.

אזוי ווי ער האָט שוין זייט פינף יאָהר פערנומען אַלץ דעם זעלבען פּלאַץ, איז ער געווען כמעט זיכער, אז היינטיגס יאָהר, וועט מען איהם געבען א העכערע שטעלע. ער וועט מאַכען אן אָנשטעל, אז ער האָט עס צו פערדאַנקען לעסאבלע'ן און וועט איהם דאַן איינ־לאַדען צו א מאָהלצייט, אום זיין דאַנקבארקייט ארויסצואווייזען.

אזוי גיך, ווי ער האָט עס אַלעס ארומגעטראַכט, האָט ער זיך א נעהם געטהאָן אויספיהרען זיין פּלאַן. ער האָט ארויסגענומען זיין ראַק פון שאפע, אויסגעטהאָן דעם אַלטען, גענומען אַלע איינגעטראָ־גענע אַקטען, וועלכע האָבען געהערט צו זיין קאָלעגעס אבטהיילונג, און איז אוועק אין יענעם'ס צימער. לעסאבלע האָט געהאַט א צי־מער פאר זיך אליין, א גאַנץ בעזונדערע אויסצייכנונג, פאר וועלכע ער האָט געהאַט צו פערדאַנקען זיין פלייסיגקייט און דער וויכטיג־קייט פון זיין ארבייט.

דער יונגערמאַן האָט געשריעבען ביי א גרויסען טיש, וואָס איז געווען פערוואַרפען מיט אַקטען און בלעטער, וועלכע זיי־נען מיט בלויען אָדער רויטען טינט נומערירט געווען.

דערזעהן דעם בוכהאַלטער, האָט ער מיט א פריינדליכען טאָן, אין וועלכען עס האָט געקלונגען א געוויסע אַכטונג, געפרעגט:

— נו, מיין ליעבער, ברענגט איהר מיר א סך ארבייט?

וועט איהר קריעגען די אָפּיציעלע מיטטהיילונג. ביז דאַן בלייבט די זאַך צווישען אונז, ניט אמת?

אייער פריינד

לעסאבלע."

קאַבעלין איז גלייך אַוועקגעלאָפּען צו זיין יונגען קאָלעגע, האָט איהם געדאַנקט, זיך ענטשולדיגט, פערזיכערט איהם אין זיין איי־בערגעבענהייט און דאַנקבארקייט.

און אויף מאָרגען האָט מען זיך טאַקע דערוואוסט, אַז די הערן לעסאבלע און קאַבעלין האָבען געקראָגען העכערע שטעלען. אַלע אי־בעריגע בעאַמטע האָבען געמוזט אָבווארטען אויף אַ בעסערען יאָהר און דערווייל זיך בעגנוגענען מיט אַ העכערונג פון דריי ביז פינף הונדערט פראַנק.

הערר באָיססעל האָט ערקלעהרט, אַז ער וועט גאָר אין קורצען אָבהיטען לעסאבלע'ן ערגעץ אין אַ ווינקעל אויף דער גאַס אין מיטען דער נאַכט און וועט איהם אַזוי צו־הרג'ענען, דאָס ער וועט שוין ניט דערלעבען אויפצושטעהן. די אַנדערע בעאַמטע האָבען געשוויגען.

אויף'ן צווייטען טאָג, ווי נור קאַבעלין איז געקומען אין מיניס־טעריום, איז ער פייערליך אריין אין צימער פון זיין בעשיצער און האָט געזאָגט פול מיט ווירדע:

— איך האָף, אַז איהר וועט ביי אונז אין דער־היים פייערען רעם נייעם יאָהר און וועט דעם שעהנעם קעניגס־קוכען עסען מיט אונז. איך בעט אייך, ווען עס איז פאַר אייך פּאַסענד.

דער יונגערמאַן האָט זיך אביסעל פערוואונדערט, האָט אריינגע־קוקט זיין קאָלעגע אין די אויגען, אום צו טרעפען וואָס יענער מיינט, און געענטפערט:

— עס טהוט מיר לייד, מיין ליעבער, אָבער פאַר דער נעכ־סטער וואָך זיינען אַלע מיינע אבענדען פערנומען.

אָבער קאַבעלין האָט איהם ניט אָבגעלאָזען:

— אַך, איך בעט אייך, מאַכט אונז דעם פערגעניגען. נאָך דער גרויסער טובה, וואָס איהר האָט מיר געטהאָן, דאַרפט איהר זיך דער־פון ניט אָבזאָגען. איך בעט אייך אין מיין נאָמען און אין דעם נאָ־מען פון מיין פאַמיליע.

נען צוויי בעזונדערע זאכען און וואָס וועט מיר ארויסקומען, ווען מיין טאָכטער און מיין איידעם וועלען ארומפאָהרען אין טהייערע קאַרעטען מיט גומענע רעדער און איך וועל ניט האָבען וואָס צו קייען. איהר פערשטעהט דאָך מיין לאַגע, ניט אמת?

לעסאבלע האָט צוגעשטימט:

— יא, דאָס איז זעהר ריכטיג, זעהר ריכטיג, איהר זייט גאַנץ גערעכט, אייער איידעם, קען זיין, וועט ניט אימער זיין פריינדליך צו אייך און עס איז שטענדיג גוט, ווען מען איז ניט אבהענגיג פון אנדערע מענשען: קורץ, איך פערשפּרעך אייך צו טהאָן אלץ, וואָס איך וועל קאָנען. איך וועל ריידען מיט'ן שעף, וועל איהם אלסדינג ערקלעהרען און איהם שוין ניט אָבלאָזען. איהר קאָנט זיך אויף מיר פערלאָזען.

קאַבעלין איז אויפגעשטאנען, האָט אָנגענומעןביידע הענד פון זיין קאָלעגע, אַ שאָקעל געטהאָן זיי אויף אַ מיליטערישען אופן, און האָט דאן ארויסגערעדט:

— א דאנק! אַ דאנק! איהר קאָנט זיכער זיין, אז איך זאָל ווען עס איז האָבען די געלעגענהייט... ווען איך זאָל ווען קאנען....

ער איז אנשוויגען געוואָרען, ווייל ער האָט פאר זיין זאץ קיין ענדע ניט געפונען, און איז אוועק מיט זיינע גלייכמעסיגע טריט פון אַ סאָלדאט, וועלכע האָבען הילכיג אָבגעקלונגען אין'ם קאָרידאָר.

אָבער פון ווייטען האָט ער דערהערט דאָס האַסטיגע קלינגען פון'ם גלאָק און ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען, דען ער האָט גע־וואוסט, וואָס דאס בעדייט. דאס איז געווען דאס קלינגען פון דעם שעף, הער טארשעבועף, וועלכער האָט אויף אזא גוטען אופן זיין סעקרעטער גערופען.

אין אכט טאָג ארום האָט קאַבעלין אין אַ געוויסען פריהמאָרגען געפונען אַ פער'חתמה'טען בריעף ביי זיך אויף'ן שרייב־טיש מיט אזא אינהאלט:

„מיין ליעבער קאָלעגע! עס פרעהט מיך אייך צו קאָנען מיט־טהיילען, אַז אויף דעם פארלאַנג פון אונזער דירעקטאר און אונזער שעף, האָט דער מיניסטער נעכטען אונטערגעשריעבען אַ פּאַפּיער, וואָס הייבט אייך אויף צו דער שטעלע פון אַ סעקרעטער. מאָרגען

אויב אלעס איז פערטיג. דאס מיידעל, וועלכע האָט איהם די טיר געעפענט, איז געווען רויט ווי א טאָמייטא. אוים מורא, אז זי וועט ניט פערטיג ווערען, האָט זי נאָך מיטאג־צייט דעם אויווען געמאַכט און דאָס שטאַרקע פייער האָט איהר א גאַנצען טאָג דעם פּנים גע־בראטען. דערצו איז נאָך צוגעקומען די אויפרעגונג.

ער איז אריין אין עס־צימער, אום נאָך אמאָל אלסדינג צו בע־טראַכטען. אין מיטען פון קליינעם צימער האָט איהם א לייכט גע־טהאָן אנטקעגען דער רונדער טיש, בעגאָסען מיט דעם העלען ליכט פון לאָמפּ אונטער א גרינעם שירעם, ווי א ווייסער פלעק.

נעבען די פּיער טעלער, אויף וועלכע די טאַנטע, פריילין קאַכע־לין האָט די סערוועטקעס, ווי בישאָף־מיצלאך, אויפגעשטעלט, זיי־נען געלעגען בעזילבערטע מעסער און גאָפּעל און פאר יעדען בעזונ־דער זיינען געשטאַנען צו צוויי גלעזער, איין גרויסע און איין קליינע.

צעזאר האָט זיך דערמיט ניט בעגנוגענט און א רוף געטהאָן:

— שארלאָטע!

די טיר לינקס האָט זיך געעפענט און עס האָט זיך בעוויזען אַן אלטע דאַמע. זי איז געווען מיט צעהן יאָהר עלטער פון איהר ברודער און האָט געהאַט א שמאָלען פּנים, וואָס איז ארומגערינגעלט געווען פון קינסטליכע, ווייסע לאָקעלאָך. איהר דין קול׳כעלע האָט אויסגעוויזען צו שוואך פאר איהר קליינעם, קרומען קערפּער. זי האָט געהאַט א שלעפּענדיגען גאַנג און עטוואָס פערשלאָפענע בעוועגונ־גען.

אין איהר יוגענד האָט מען זי וואהרשיינליך גערופען: „דאָס רייצענדע, קליינע וועזען“.

איצט איז זי געווען א מאָגערע, אלטע פרוי, וועלכע האָט אוים אלטער געוואָהנהייט שטארק געהאַלטען פון ריינליכקייט. זי איז געווען א פרוי אַן עקשן׳טע, אַן אייגענזיניגע, אביסעל א בעשרענקטע און אביסעל א שרעקעדיגע און האָט זיך לייכט אויפגערעגט. זי איז זעהר פרום געווען, און האָט, קענטיג, איהר פערגאַנגענהייט אין גאַנ־צען פערגעסען.

זי האָט געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

לעסאבלע איז געווען ערשטוינט און האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבען. ער האָט פערשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, ווייל ער האָט ניט גע־האַט קיין צייט אַלעס גענוי ארומצוטראכטען. צום סוף, האָט ער אַ טראכט געטהאָן: „ווען איך זאָל דאָרט אָבעסען, וועט עס מיך דאָך צו קיין זאַך ניט פערפליכטען“. און ער האָט אָנגענומען די איינלאַ־דונג מיט אַ צופריעדענער מינע און צוגעזאגט צו קומען דעם נעכסטען שבת, דערביי האָט ער צוגעלייגט מיט אַ שמייכעל:

— ווייל דאַן מוז איך ניט אויפשטעהן אויף מאָרגען אזוי פריה.

.2

הערר קאַכעלין מיט זיין פאמיליע האָבען פערנומען אַ קליינע וואָהנונג, אויף אַ פינפטען שטאָק מיט אַ באַלקאָן, פון וואַנען מען האָט געקענט זעהן גאַנץ פאריז. זיי האָבען געהאַט דריי שלאָפצי־מערען: איינס פאר דער שוועסטער, איינס פאר דער טאָכטער און איינס פאר איהם. דאָס עס־צימער האָט צו גלייכער צייט געדיענט אויך אַלס זאַאל.

אַ גאַנצע וואָך איז קאַכעלין געווען אויפגערעגט צוליעב דעם קומענדיגען מאָהלצייט. איבער די שפּייזען האָט מען זיך אַ לאַנגע צייט געיִישוב׳ט, ווייל אַלעס האָט געדאַרפט זיין שעהן, בעל־הבית׳יש און דאָך עפּעס אייגענאַרטיג. צום סוף, האָבען זיי זיך אָב־געשטעלט אויף דעם פאָלגענדען צעטעל: בוליאָן מיט איי, אַ פאָר־שפּייז; קרעבס און וואורשט, קאַלב־פלייש, הוהן, ארבעס, געהאַק־טע געגזענע לעבער, סאַלאַט, אייז, נאָכשפּייז.

דאָס געהאַקטע לעבער האָט מען געקויפט דערביי אין אַ דעלי־קאַטעסען סטאָר מיט דעם אָנזאָג, אַז עס זאָל זיין פון דאָס בעסטע. נאָך וויין איז קאַכעלין אַוועק צום וויינ־הענדלער אויף׳ן ראג גאַס, וועלכער פלעגט איהם אַלע מאָל בעזאָרגען דעם רויטען געטראַנק. אין אַ גרויסען געשעפט האָט ער ניט געוואָלט געהן צוליעב דעם דאָ־זיגען טעם: די קליינע הענדלער האָבען ווייניג געלעגענהייט צו פער־קויפען זייערע גוטע וויינען און דערפאר מוזען זיי שטעהן זעהר לאַנג אינ׳ם קעלער, אויף אַזאַ אופן ווערען די וויינען גוט.

שבת איז קאַכעלין געקומען פריהער אהיים, אום נאָכצוזעהן

זי האָט זיך הויך אויף'ן קול צולאכט, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „דאָס ווייס איך".

דאָ האָט דער טיר־גלאָק א קלונג געטהאָן. טירען האָבען זיך געעפענט און צוגעמאַכט. לעסאבלע איז אריין. ער האָט געטראָגען אַ פראק, אַ ווייסען שניפּס און ווייסע האַנדשוה. ער האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. קאַבעלין אַ גליקליכער און עטוואָס פערלעגען איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען.

— אָבער, ליעבער פריינד, מיר זיינען דאָך צווישען אייגענע מענשען. איך בין אין אן איינפאַכען ראק, — האָט ער געזאָגט.

דער יונגערמאַן האָט געענטפערט:

— דאָס ווייס איך, איהר האָט עס מיר דאָך געזאָגט. אָבער איך בין איינגעוואָהנט אין אבענד שטענדיג ארויסצוגעהן אין פראק.

און מיט דעם הוט אונטערן ארעם, אַ בלום אין קנאַפּלעכעל האָט ער איצט בעגריסט די דאַמען, וועלכע צעזאר האָט פאר איהם פאָרגעשטעלט.

— מיין שוועסטער, פריילין שארלאָטע, מיין טאָכטער קאָראַ־ליע, וועלכע מיר רופען צווישען זיך קאָרא.

אַלע האָבען זיך פערנויגט, און קאַבעלין האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבען ניט קיין זאַאַל, דאָס איז אביסעל אונבעקוועם, אָבער מען קאָן זיך צו אַלעס צוגעוואוהנען.

לעסאבלע האָט געענטפערט:

— עס איז רייצענד ביי אייך.

דאַן האָט מען ביי איהם צוגענומען דעם הוט, וועלכען ער האָט רורכאויס געוואָלט אַליין האַלטען. ער האָט גענומען ארונטערציהען די האַנדשוה.

מען האָט זיך געזעצט און פון ווייטענס איבערן טיש איינער דעם אנדערן אָנגעקוקט. קיינער האָט ניט גערעדט אַ וואָרט. דאָ האָט קאַבעלין געפרעגט:

— איז דער שעף נאָך לאַנג געבליעבען אין ביורא? איך בין היינט פריהער אוועקגעגאַנגען, אום מיינע דאַמען צו העלפען.

לעסאבלע האָט געענטפערט אין אַ לייכטען טאָן:

— ניין, מיר זיינען צוזאַמען אוועקגעגאַנגען, ווייל מיר האָבען

ער האָט געענטפערט:

— איך דענק, אַז צוויי גלעזער מאַכען ניט קיין גרויסען עפעקט. טאָמער וואָלטען מיר געשטעלט שאַמפּאַניער? דאָס וואָלט העכס־טענס געקאָסט דריי־פיער פראַנק מעהר און דאַן וואָלט מען געקאָנט אַוועקשטעלען די געשליפענע גלעזער. דאָס וועט גלייך מאַכען גאָר אַן אַנדער איינדרוק.

פריילין שאַרלאָטע האָט געענטפערט:

— איך זעה נישט איין די נויטיגקייט פאַר אַזאַ אויסגאַבע; אָבער דו בעצאָהלסט דאָך דערפאַר, מיר געהט עס נישט אָן.

ער האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען און געסטאַרעט זיך אַליין צו איבערצייגען:

— דו קאָנסט זיכער זיין, אַז עס וועט אויסזעהן בעסער. און צום קעניגס־קוכען פאַסט טאַקי שאַמפּאַניער אויך.

דער דאָזיגער גרונד איז געווען גענוג. ער האָט גענומען זיין הוט, איז אַרונטערגעלאָפען פון די טרעפּ און איז אין פינף מינוט אַרום צוריקגעקומען מיט אַ פלאַש, אויף וועלכער עס איז אָנגעקלעפּט געווען אַ גרויסער ווייסער פּלעטעל. קאַכעלין האָט בעמערקט:

— ער קאָסט בלויז דריי פראַנק און שיינט צו זיין אויסגעצייכענט.

ער האָט אַליין ארויסגענומען די געשליפענע גלעזער פון דער שאַפע און זיי אַוועקגעשטעלט אויף'ן טיש.

די טיר רעכטס האָט זיך אויפגעעפענט. זיין טאָכטער איז אַריינגעקומען. זי איז געווען גרויס, רונד, רויט, אַ שעהנע, געזונדע מיידעל מיט ברוינע האָאר און בלויע אויגען. אונטער אַן איינפאַכען קלייד האָט זיך אָנגעזעהן איהר רונדע, שעהנע פיגור. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע, כמעט מענערשע שטימע. זי האָט אויסגערופען:

— גאָט אין הימעל, שאַמפּניער! אָט דאָס רוף איך שעהן! דערביי האָט זי אויף אַ קינדערשען אופן אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד.

דער פאָטער האָט צו איהר געזאָגט:

— פריהער פאַר אַלעם מוזטו אַנטקעגען דעם הערר, וועלכער האָט מיר אַ גרויסע טובה געטהאָן, זעהר ליעבענסווירדיג זיין!

זכטער, פאר דעם קאוויר איך. מיר האָבען דעם דאזיגען וויין גע־קראגען צוגעשיקט פון א פריינד אין יענער געגענד.

דאָס יונגע מיידעל האָט גאָרנישט געזאָגט, זי איז געווען עט־וואָס רויט, פערשעהמט, ווייל די אנוועזענהייט פון דעם יונגען מאַן, איבערהויפט פון זיינע פער׳גנב׳עטע בליקען, אין וועלכע זי האָט זיינע געדאנקען געלעזען, האָבען זי זשענירט.

ווען מען האָט דערלאנגט דעם ים־קרעבס צום טיש, האָט צע־זאר זיך אנגערופען:

— דאָס איז א חברה־מאַן, מיט וועמען איך וואָלט גערן וועלען נעהנטער בעקאנט ווערען.

לעסאבלע האָט מיט א שמייכעל דערצעהלט, אז א געוויסער שריפטשטעלער האָט אמאָל אָנגערופען דעם ים־קרעבס „דער קאַר־דינאַל פון די ימים", ווייל ער האָט ניט געוואוסט, אז די דאָזיגע חיה איז שווארץ, איידער מען קאָכט זי אָב.

צעזאר האָט זיך שטארק צולאכט און אלע ווילע אויסגערו־פען:

— אך, אך, ווי קאָמיש דאָס איז.

אָבער פריילין שארלאטע איז געוואָרען ערנסט און בייז:

— דער דאזיגער וויץ פאסט זיך דאָ זעהר שלעכט, איך זעה נישט איין וואָס פאר א צוזאמענהאנג ער האָט. איך פערשטעה אלע שפּאַ־סען, אלע, אָבער איך וויל ניט, אז מען זאָל אין מיין געגענווארט די פריסטער לעכערליך מאכען.

דער יונגער מאַן, וועלכער האָט געוואלט געפעלען דער אלטער מיידעל, האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און איהר ער־קלעהרט, אז ער איז א פרומער קאטאָליק, און אַז ער האלט עס פאר א צייכען פון שלעכטען געשמאק, ווען אימיצער רעדט אָהן רעס־פעקט וועגען די גרויסע ווארהייטען. ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער:

—איך רעספעקטיר און אכטע די רעליגיאָן פון מיינע עלטערן. איך בין אין איהר אויפגעצויגען געוואָרען און וועל איהר ביז צו מיין טויט טריי בלייבען.

זיך געוואָלט דורכרערען וועגען דעם לייוועגט, וואָס איז טהייערער געוואָרען אין ברעסט. די דאָזיגע געשיכטע וועט אונז נאָך פערשאַפען א סך מיה.

קאַכעלין האָט זיך געווענדעט צו דער שוועסטער און איהר ערקלעהרט:

— אַלע שווערע זאַכען, וועלכע קומען ביי אונז פּאָר, געהען דורך הערר לעסאבלע'ס הענד. מען קאָן זאָגען, אז ער איז ביי אונז א מין סאָרט צווייטער שעף.

דאָס אַלטע מיידעל האָט זיך העפליך פערנייגט און געזאָגט:

— איך ווייס שוין פון לאַנג, אז הערר לעסאבלע בעזיצט גרויסע פעהיגקייטען.

די דיענסט-מיידעל איז אריין, א שטוים-טהאָענדיג די טיר מיט די קניע, ווייל אין ביידע הענד האָט זי געטראַגען א גרויסע שיסעל מיט זופּ.

דער בעל-הבית האָט אויסגערופען:

— צום טיש! צום טיש! זעצט זיך דאָרט, הערר לעסאבלע, צווישען מיין שוועסטער און מיין טאָכטער. איהר האָט דאָך מסתמא קיין מורא ניט פאר דאמען.

און דער מאָהלצייט האָט זיך אָנגעהויבען.

לעסאבלע האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א ווירדיגע פּערזענליכקייט, האָט געקוקט מיט אן עטוואָס זעלבסטצופריעדענער מינע פון אויבען אראָב און געוואָרפען פער'גנב'עט די אויגען אויף דאָס יונגע מיידעל. איהר פרישער, געזונדער אויסזעהן איז איהם געווען שטאַרק געפעלען. פריילין שאַרלאָטע האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געסטאַרעט צו זיין ליעבענסווירדיג, ווייל זי האָט געוואוסט צו וואָס איהר ברודער צילעוועט זיך. זי האָט אָנגעהאַלטען א לעבעדיגע אונטערהאַלטונג. קאַכעלין האָט געשטראַהלט, האָט גערעדט זעהר הויך, געמאַכט שפּאַס און אָנגעגאָסען דעם וויין, וועלכען ער האָט מיט א שטונדע צוריק געקויפט ביים וויין-הענדלער אויף'ן ראָג גאַס, מיט די ווערטער:

— הערר לעסאבלע, א גלעזעלע בורגונדער? איך וויל ניט זאָגען, אז ער איז פון דעם בעסטען סאָרט, אבער גוט איז ער, אַלט און

פריילין שאַרלאָטע האָט געפרעגט:

— און הערר באיססעל?

לעסאבלע האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען:

— יענער איז אַ טרויעריגער נפש! אַ טרויעריגער נפש! ער זאָגט ניט איין זאך אַזוי ווי דאָס איז: געשיכטעס טראכט ער אויס, אז מען קאָן אנשלאָפּען ווערען שטעהענדיגערהייד. פאַר אונז איז דער מאַן אַ נול און ניט מעהר.

קאַבעלין האָט גענומען לאכען און געזאָגט:

— דער בעסטער איז דער אַלטער סאוואן.

אַלע האָבען זיך צולאכט. דערנאָך האָט מען גערעדט וועגען טהעאַטער און וועגען די נייע שטיקער. לעסאַבלע האָט מיט זיכער־קייט קריטיקירט די דראמאַטישע ליטעראַטור, אָנגעוויזען די שריי־בער, וואָס און ווי זיי דאַרפען שרייבען, האָט אויפגעדעקט די שטאַרקייט און שוואַכקייט פון יעדען איינציגען און דאָס אַלעס מיט דער ברייטקייט פון א מאַן, וועלכער האַלט שטאַרק פון זיך אליין.

דערווייל איז מען פערטיג געוואָרען מיט'ן בראַטען. קאַבעלין האָט זעהר פאַרזיכטיג אראָבגענומען דעם צודעק פון דער שיסעל מיט'ן גענזענעם לעבער און געזאָגט:

— איך ווייס ניט, אויב היינטיגס מאָל וועט עס זיין אַזוי גוט, אָבער מייסטען טהייל איז עס אויסגעצייכענט. מיר קריעגען די לע־בער פון א פעטער אין שטראַסבורג.

און אַלע האָבען לאַנגזאַם און מיט גרויס רעספּעקט געגעסען דאָס טהייערע געריכט, וואָס איז געלעגען אין דער געלער שיסעל.

ווען מען האָט דערלאַנגט דעם אייז, האָט מען זיך געכאַפּט, אז אַן אונגליק האָט געטראָפען. ער איז צוגאַנגען און פון איהם איז געוואָרען אַ מין סופּ, אַ יויך, וואָס איז אַרומגעשוואומען אין אַ שי־סעל קאָמפּאָט.

קאַבעלין איז געווען אויסער זיך. ער האָט געוואָלט אַוועקשיקען צוריק דאָס אייז אין קאָנדיטעריי, אָבער ביי'ם געדאַנק וועגען קע־ניגס־קוכען, האָט ער זיך בערוהיגט און מיט גרויס פייערליכקייט צוטהיילט דעם קוכען. אַלע האָבען זיך איינגעגעסען מיט זייערע אויגען אין דאָס סימבאָלישע געבעקס, און מען האָט עס דערלאַנגט

קאַכעלין האָט אויפגעהערט צו לאַכען. ער האָט געקנאַטען קייקעלאך פון ברויט און געמורמעלט:

— דאָס איז גאַנץ רעכט! גאַנץ רעכט!

דאַן האָט ער אומגעביטען דעם געשפּרעך, וועלכער איז איהם געוואָרען אונאנגענעהם און געפרעגט:

— דער שעהנער מאָזע האָט זיך מסתמא געצאַפּעלט, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער האָט ניט געקראָגען געהעכערט?

לעסאבלע האָט א שמייכעל געטהאָן:

— גאָר, נו, יעדערער ווערט בעלוינט נאָך זיין פערדיענסט נאָך.

און מען האָט גענומען רעדען וועגען מיניסטעריום, וואָס האָט אַלעמען אינטערעסירט, ווייל ביידע פרויען האָבען די מייסטע בעאַמטע געקאָנט פונקט אַזוי גוט, ווי קאַכעלין אליין. דען זיי האָבען יעדען אבענד געהערט וועגען זיי רעדען. פריילין שאַרלאָטע האָט זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט באַיסטעל צוליעב די העלדען־טהאַטען, פון וועלכע ער האָט שטענדיג דערצעהלט, און פריילין קאַרא האָט זיך אין געהיים אינטערעסירט מיט דעם שעהנעם מאָזע. הגם זיי ביידע האָבען יענע העררן קיינמאָל ניט געזעהן.

לעסאבלע האָט וועגען זיי גערעדט עטוואָס שטאָלץ, פון אויבען אַראָפּ, ווי אַ מיניסטער, למשל, וועלכער רעדט וועגען זיינע אונ־טערגעבענע בעאַמטע.

ער האָט געזאָגט:

— מאָזע האָט זיכער געוויסע מעלות, אָבער ווען מען וויל צו עפּעס קומען, מוז מען מעהר ארבייטען, ווי ער. ער האָט צופיעל ליעב צו לעבען אַ גוטען טאָג און דערפאַר וועט ער קיינמאָל ניט אַוועק ווייט. אפשר וועט ער אַמאָל צוליעב זיינע גוטע פערבינ־דונגען ווערען שעף, אָבער מעהר אודאי ניט. און וואָס אנבעלאַנגט פּיטאַלעט, איז ער אַ גאַנץ גוטער ארבייטער, דאָס מוז מען איהם צוגעבען, ער האָט אויך געוויסע אנדערע אייגענשאַפטען, מען קען עס ניט לייקענען. אָבער אין אַלגעמיין, איז ער צו אויבערפלעכליך, אַ וויכטיגע זאַך קען מען איהם ניט אנפערטרויען. ער וואָלט אפשר געקאָנט זיין אַ גאַנץ גוטער שעף, ווען מען זאָל איהם זיין טעגליכע ארבייט גוט פארבערייטען.

און איז איבערגעלאפען אויפ׳ן טישטוך. דאן האט מען אנגעגאסען די גלעזער און דער בעל־הבית האט ערקלעהרט:

— דער וויין איז גוט, דאס זעהט מען גלייך.

אבער ווען לעסאבלע האט געוואלט שנעל אויסטרינקען, אום זיין גלאז זאל ניט אריבער, האט קאבעלין אויסגערופען:

— דער קעניג טרינקט! דער קעניג טרינקט!

פריילין שארלאטע איז געווארען גאר א לעבעדיגע און האט ארויסגעקוויטשעט מיט איהר דין קול׳כעלע:

— דער קעניג טרינקט! דער קעניג טרינקט!

לעסאבלע האט מיט איין ציה אויסגעליידיגט זיין גלאז און בעת ער האט עס צוריק אויף׳ן טיש געשטעלט, האט ער געזאגט:

— זעהט איהר, ווי מען טרינקט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו פריילין קארא:

— גנעדיגעס פריילין, איצט זייט איהר אן די רייהע!

זי האט געוואלט טרינקען, אבער אזוי ווי אלע האבען אויסגערופען: — די קעניגין טרינקט! די קעניגין טרינקט! — איז זי רויט געווארען, האט אנגעהויבען לאכען און געמוזט אוועקשטעלען איהר גלאז.

צום שלום פון׳ם מאלצייט איז גאר פרעהלאך געווארען. דער קעניג איז געוועזן זעהר אויפמערקזאם צו דער קעניגין. ווען מען האט נאך געמאכט א שנאפס, האט קאבעלין געזאגט:

— איצט ווערט צוגענומען פון׳ם טיש. ווען עס רעגענט ניט, קאנען מיר א ווײלע פערברייננגען אויף׳ן באלקאן!

הגם עס איז געוועזן דונקעל, האט ער פון דעסטוועגען געוואלט צייגען די אויסזיכט.

מען האט אלזא געעפענט די גלעזערנע טיר און עס האט א ווייהע געטהאן א פייכטער ווינטעל. אין דרויסען איז געוועזן ווארעם ווי אין אפריל. און אלע זיינען ארויף אויף די טרעפלאך, וואס האבען געפיהרט פון עס־צימער צו דעם ברייטען באלקאן ארויס.

פון דאנען האט זיך געזעהן אן אונבעשטימטער שיין, וועלכער איז געלעגען איבער דער גרויסער שטאדט, וואס האט אויסגעזעהן ווי דער שיין פון די לעמפעלאך, וועלכע מען שטעלט ביי די הייליגע

פון איינעם צום אנדערן און שטארק אכטונג געגעבן, אז יעדער זאָל צומאכען די אויגען, בעת ער נעהמט זיך זיין שטיק קוכען.

ווער וועט קריגען דעם באָב? א קאָמישער שמייכעל האָט גע־שוועבט אויף אלע ליפּען. פלוצים האָט לעבאבלע ארויסגעלאזען אן ערשטוינטען „אך!“ און האָט צווישען זיינע פינגער אויפגעהויבען א גרויסען, ווייסען באָב, אויף וועלכען עס האָט נאָך געקלעבט א שטיק טייג.

קאבעלין האָט א פּאטש געטהאָן מיט די הענד און אויסגערו־פען:

— איהר מוזט זיך אויסקלייבען א קעניגין. קלייבט זיך אויס א קעניגין!

לעסאבלע, וועלכער איז געוואָרען קעניג דערפאר, ווייל ער האָט געפונען דעם באָב, האָט זיך ניט געקענט בעשליסען און א ווייל־ע נאָכגעטראכט. וואָלט אפשר גאָר געווען פּאָליטיש, ער זאָל אויס־קלייבען די אלטע פריילין שארלאָטע? זי וואָלט זיך דאן געפיהלט זעהר געשמייכעלט און אויף אזא אופן וואָלט ער זי אויף אימער גע־וואונען. דאן האָט ער אָבער איבערלעגט, אז מען האָט איהם דאָך אייגענטליך גערופען אהער פאר פריילין קאָרא און ער וועט זיך מא־כען לעכערליך, ווען ער וועט וועהלען די טאנטע. ער האָט זיך אומ־געקעהרט צו דער יונגער מיידעל און איהר דערלאנגט דעם באָב, וועלכער האָט איהם די קעניגליכע מאכט פערשאפט.

— פריילין, ערלויבט מיר עס אייך פארצושלאגען.

און צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך אנגעקוקט אויג אין אויג. זי האָט געענטפערט:

— א דאנק, מיין הערר! — און האָט בעקומען דעם צייכען פון איהר ווירדע.

ער האָט א טראכט געטהאָן: דאָס מיידעל איז אמת שעהן. זי האָט וואונדערבארע אויגען און איז אין אלגעמיין אן אנטיקעל.

עס האָט זיך דערהערט א קנאל, און די פרויען זיינען אויפגע־שפּרונגען. קאבעלין האָט נור וואס געעפענט די פלאש שאמפּאניער, און דער שוימענדער וויין האָט זיך געריסען פון דער פלאש ארויס,

— יא, זעהר א שעהנער, עס זעהט אויס ווי א בילד פון דאָרע געמאָהלען. אך, ווי אנגענעהם מוז דאָס זיין לאַנג, לאַנג אויף די דעכער צו שפּאַציערען.

דאָ האָט ער זיך גענומען ביי איהר נאָכפרעגען אויף איהר געשמאַק, איהרע פערלאַנגען, איהרע פערגעניגענס. און זי האָט געענטפערט אָהן פערלעגענהייט, ווי א קלוגע, פערשטענדיגע מיידעל, וועלכע איז ניט מעהר טרוימעריש, ווי עס איז נויטיג. און ער האָט געזאָגט צו זיך אליין, ווי גוט עס וואָלט געווען ארומצונעהמען דעם דאָזיגען שטייפען, יונגען לייב און די דאָזיגע פרישע באַקען מיט קליינע לאַנגזאַמע קושען בעדעקען, ווי, למשל, מען זופּט א גלאָז טהייערען ליקער. ער האָט געפיהלט, ווי עס ציהט איהם צו איהר, ווייל זי איז געשטאַנען אזוי נאָהנט צו איהם. איהר רייפע יונגפרויליכקייט האָט איהם גערייצט און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער וואָלט אזוי געקענט שטונדען לאַנג, נעכט לאַנג, וואָכען לאַנג נעבען איהר בלייבען, אום זי נעבען זיך צו פיהלען און דאָס פערגעניגען פון איהר נאָהנטקייט צו שפּירען. און עפּעס א מין פּאָעטישע שטימונג איז אויף איהם אָנגעפאַלען, קוקענדיג אויף דעם גרויסען פּאַריז, וועלכער איז א בעלויכטענער געלעגען פאר איהם אין זיין ביינאַכטיגען פרעהליכען און טומעלדיגען לעבען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער שוועבט איבער דער דאָזיגער ריעזען־שטאָדט און ער האָט געפיהלט, ווי אנגענעהם עס וואָלט געווען אָט דאָ, אויף דעם דאָזיגען באַלקאָן, זיך צו צודריקען יעדען אבענד צו א פרוי, זי צו ליעבען, איהרע ליפּען צו קושען, זי אין די ארעמס צו שליסען, איבער דעם גרויסען ים פון הייזער, איבער אלעמענס ליעבע דאָרט, אונטען, איבער אלע געוועהנליכע טריעבען, איבער אלע געמיינע ליידענשאַפטען, — דאָ אויבען, נאָהנט צו די שטערן.

עס זיינען פאַרהאַן שטונדען, ווען די קאַלטסטע, די טרוקענסטע נישמות הויבען אָן צו טרוימען, ווי זיי וואָלטען פלוצים פליגעל בעקומען. פיליכט האָט ער געכאַפּט אן איבעריגע גלעזעלע.

קאַבעלין איז אַוועק נעהמען זיין ליולקע, ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט, בעת ער האָט זי פעררויכערט:

— איך ווייס, אז איהר רויכערט נישט, דערפאַר באָט איך אייך

בילדער איבער די שטערענס. דאָ און דאָרט האָט דער שיין געלייכ־טעט שטאַרקער, און קאַבעלין האָט זיך אָנגערופען:

— זעהט איהר, אָן דאָרט, דאָס איז דער עדען, וואָס לייכט אַזוי, און דאָ איז די ליניע פון די בורוואַרען. קוקט זיך צו, ווי אַזוי מען קאָן זיי אונטערשיידען. ביי טאָג איז די אויסזיכט פון דאַנען וואונדערשעהן. איהר קאָנט לאַנג רייזען ביז איהר וועט זעהן עט־וואָס אַזוינס.

לעסאבלע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער אייזערנער פּאַרענץ, קארא איז געשטאַנען נעבען איהם. זי האָט אראָבגעקוקט צושטרייט און שטום, אַ מעלאַנכאָלישע בּיטערקייט האָט זי פּלוצים אָנגעבאַפּט, יענע מיעדקייט, וועלכע פילט מאַנכעסמאָל אָן די נשמה אין ציפּט און ציהט אין דער ווייטער ווייטקייט אהיין. פריילין שאַרלאָטע איז אריין צוריק אין זאאַל. זי האָט מורא געהאַט זיך צו פערקיה־לען. קאַבעלין האָט ווייטער גערעדט. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד האָט ער אָנגעוויזען די ריכטונג, וואו עס געפינען זיך דער אינוואַלידען־קלויסטער און דער טריאומף־אַרק.

לעסאבלע האָט געפרעגט קאַרא'ן אין דער שטיל:

— פריילין קאַרא, קוקט איהר גערן פון דאַנען אַרונטער אויף פּאַריז?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, ווי ער וואָלט זי פון'ם שלאָף אויפ־געוועקט, און געענטפערט:

— איך? יאָ. איבערהויפּט פאַרנאַכט. דאַן טראַכט זיך מיר וועגען די אַלע פערשידענע זאַכען, וועלכע געשעהען דאָרט אונטען פאַר אונזערע אויגען. וויפיעל גליקליכע און אונגליקליכע מענשען עס זיינען דאָס פאַראַן אין די דאָזיגע אַלע הייזער! וואָס פאַר אַ וואונדערליכע זאַכען וואָלט מען ערפאַהרען, ווען מען וואָלט אַלעס געקאָנט זעהן!

ער איז צוגעגאַנגען נאָהנט צו איהר און זייערע עלענבויגענס און שולטערן האָבען זיך בעריהרט:

— פאַר דעם שיין פון דער לבנה מוז דאָס זיין אַ צויבערהאַפּ־טער אנבליק!

זי האָט זיך אָנגערופען:

ארום האלבער נאכט איז ער אוועק און צוגעזאגט ווידער צו קומען.

אין א מאָנאט ארום האָט מען אין גאנצען מיניסטעריום פון קיין אנדער זאך נישט גערעדט, ווי נור פון דער חתונה פון דזשאקס־לעאָפאלד לעסאבלע מיט פריילין צעלעסטע־קאָראליע קאכעלין.

.3

דאָס יונגע פּאָאר האָט זיך בעזעצט אויף דעם אייגענעם שטאק מיט קאכעלין און פריילין שארלאטע אין א וואהנונג, פון וואנען מען האָט דעם פריהערדיגען קווארטיראנט געהייסען ארויסציהען.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך לעסאבלע ניט געקאנט בע־פרייען פון א געוויסער זארג. די טאנטע האָט איהר ניכטע ניט גע־וואָלט געבען קיין שום שריפטליכע פערזיכערונג, אז די ירושה וועט געהערען צו איהר. זי האָט זיך נור געשווארען, אז איהר צוואה איז געמאכט און ביים נאטאריום, הערר בעלהאממע, איינגעלעגט. אויסערדעם האָט זי פערזיכערט, אז איהר גאנצער פערמעגען וועט איבערגעהן צו איהר ניכטע נור אונטער איין געוויסער בעדינגונג. ווען מען איז צו איהר צוגעשטאָנען, זי זאל די ראזיגע בעדינגונג אָנרופען, האָט זי זיך ענטזאגט צו ענטפערען, אָבער מיט א גוטמוטי־גען שמייכעל האָט זי פערזיכערט, אז די בעדינגונג איז לייכט צו ערפילען. נאָך דער ראזיגער ערקלעהרונג פון דער איינגעשפארטער אלטער, האָט לעסאבלע געגלויבט, אז מען מעג איינשטעלען, און אזוי ווי דאס מיידעל איז איהם געפעלען געווען, האָט ער זיין אונענט־שלאָסענהייט בעזיעגט. ער האָט קאכעלינס וואונש, איהם ארייגצו־כאפּען, ענדליך בעפריעדיגט.

איצט איז ער געווען גליקליך, הגם א צווייפעל איז אימער איהם אין הארצען גענעגען און ווי א שטיין געדריקט. ער האָט געליעבט זיין פרוי, וועלכע האָט איהם אין קיין הינזיכט ניט ענ־טוישט. זיין לעבען איז געפלאסען רוהיג און איינטאָניג. אין א קור־צער צייט האָט ער זיך צוגעוואהנט צו זיין לעבען אלס פערהיי־ראטער מאן און איז געבליעבען דער אייגענער פלייסיגער בעאמטער, ווי אימער.

א יאָהר איז אוועקגעלאפען. דער ניי־יאָהר איז ווידער אנגע־

נישט אָן קיין פּאַפּיראָס; און דאָך איז נישטאָ קיין שעהנערע זאַך, ווי צו זיצען דאָ און רויכערן. ווען איך זאָל וואָהנען דאָ אונטען, וואָלט איך ניט געקאָנט לעבען. מיר האָבען גאַנץ לייכט געקאָנט אויס־פיהרען צו וואָהנען ניעדעריגער, דען דאָס הויז געהערט צו מיין שוועסטער גראדע אַזוי ווי דיביידע שכנה׳שע, דאָס דאָזיגע דאָ לינקס און די אנדערע רעכטס. דאָס ברייננגט איהר אריין אַ שעהנע אַפּויתיקע. ווען זי האָט די הייזער געקויפט, האָט זי ניט טהייער בעצאָהלט פאר זיי.

דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט צום זאַאַל און אויסגערופען:

— זאָג, אָקארשט, שארלאָטע, וויפיעל האָסטו בעצאהלט פאר די הייזער?

דאָ האָט זיך דערהערט דאָס קול׳כעל פון דער אַלטער מיידעל. לעסאבלע האָט געקאנט הערען בלויז אבגעריסענע ווערטער:

1863... 35 פראַנק... שפּעטער געבויט... די דריי הייזער.... איין באנקיער ווידער פערקויפט, אם וויינינגסטענס אַ האלבער מיליאָן.

זי האָט דערצעהלט פון איהר גליק אזוי גערן, ווי אַן אלטער סאָלדאט פון זיינע מארשרוטען. זי האָט גערעדט וועגען איהרע מציאות, וואס זי האָט געקויפט, וועגען די פערדיענסטען, וואס מען האָט איהר זייט דעם אָנגעבאָטען, וועגען איהרע פערגרעסערטע איינקינפטען און אזוי ווייטער.

לעסאבלע האָט אנגעשטעלט די אויערען, זיך אומגעדרעהט און אָנגעשפּארט זיך איצט מיט׳ן רוקען אַן דער אייזערנער פּארענץ פונ׳ם באלקאָן. אָבער אזוי ווי ער האָט נאָך אלץ ניט געקאנט כאַפּען מעהר ווי ברעקלאָך פון איהרע גאנצע רייד, האָט ער פלוצים געלאָזען זיין יונגע נאכבארין שטעהן אליין און איז אריין אין זאַאַל, אום אלעס צו הערען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פריילין שאַרלאָטע און אַ לאנגע צייט זיך מיט איהר אונטערהאלטען איבער דאָס שטייגען פון רענט, איבער אייגענטהום, וואס ברענגט אריין גוטע פּראָצענטען, איבער ווערטה־פּאַפּירען און גרונד־שטיקער.

— גוט מאָרגען, אייער גנאַדען. זעהר גוט. און ווי געהט עס אייך?

דער שעף האָט אויפגעהערט צו שרייבען און זיך אומגעדרעהט מיט זיין שטול; זיין צאַרטער, צובראָכענער, מאַגערער קערפּער איז געווען איינגעוויקעלט אין א לאַנגען, שוואַרצען, ערנסטען ראָק און איז כמעט אין גאַנצען אריינגעפאַלען אין לעדערנעם פאַטעל. א גרויסע באַנד מיט אַן אָרדען פון עהרען־לעגיאָן האָט, ווי א גליהענדער קויל, אויף זיין שמאָלער ברוסט געלויכטען.

ער האָט געהאַט שפּיציגע ציינער, איינגעפאַלענע באַקען, אויס־געפּוטשעטע אויגען און ניט קיין פּראָפּאָרציאָנעלען שטערן, אויף וועלכען דאָס ארויפגעקאַמטע ווייסע האָאָר איז געוואַקסען.

הערר טאַרשעבועף האָט זיך אָנגערופען:

— זעצט זיך, ליעבער פריינד, און זאָגט מיר, וואָס האָט אייך אהער געבראַכט?

געגען אַלע אַנדערע בעאַמטע איז ער געווען מיליטעריש־שטרענג און האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף א קאַפּיטאַן פון א שיף, ווייל דאָס מיניסטעריום איז אין זיינע אויגען געווען ניט אַנ־דערש ווי א גרויסע קריעגס־שיף, דאָס אַדמיראַל־שיף פון אַלע פראַנ־צויזישע פלאָטען.

לעסאַבלע האָט ארויסגעשטאַמעלט עטוואָס אונזיכער און בלייך:

— אייער גנאַדען, איך וואָלט וועלען פרעגען, צי האָב איך אפשר בעגאַנגען עפּעס א פעהלער.

— ניין, ליעבער פריינד, פאַרוואָס פאַלט אייך עפּעס איין צו שטעלען אַזאַ פראַגע?

— ווייל... ווייל איך בין געווען אביסעל ערשטוינט, וואָס איך בין היינטיגס יאָהר ניט געהעכערט געוואָרען גראַדע אַזוי ווי אַלע פריהערדיגע יאָהרען. ערלויבט מיר, אייער גנאַדען, צו זאָגען נאָך אַ פּאָאָר ווערטער. איך בעט אין פאַראויס פערצייהונג פאַר מיין דרייסטקייט. איך ווייס, אַז איהר זייט צו מיר געווען אויסער־געוועהנליך גוט און גנעדיג. און האָט פאַר מיר געמאַכט אויסנאַה־מען, אויף וועלכע איך האָב אַליין נישט געהאָפט. איך ווייס אויך,

קומען, אבער צו זיין גרעסטער פערוואונדערונג האָט ער די העכערע שטעלע, אויף וועלכע ער האָט געהאפט, ניט געקראגען. בלויז מאָז און פּיטאלעט האָבען געקראגען געהעכערט. און באָיסעל האָט פערטרויט הערר קאכעלין א סוד, אז ער וועט אין א געוויסען אבענד אפּהיטען זיינע ביידע קאָלעגען און זיי גוט אנברעכען די ביינער פאַר אלעמען אין די אויגען, ווען זיי וועלען ארויסגעהן פון'ם גרויסען טויער. ער האָט עס אבער ניט געטהאָן.

אכט טאָג אנכאנאנד האָט לעסאבלע ניט געקאָנט שלאָפען, אזוי האָט איהם געמאַטערט דער געדאנק, וואס טראָץ זיין שווערע ארבייט, זיין פלייסיגקייט און איבערגעבענהייט, האָט מען איהם דאָך ניט געהעכערט. ער האָט זיך דאָך געפּלאָגט, ווי א הונד. דעם אונטערשעף, הערר ראבאָט, וועלכער איז ניין מאָנאט אין יאָהר געלעגען קראנק אין שפּיטאל, האָט ער שטענדיג פערטראטען. יעדען אין־דער־פריה איז ער געקומען אום האלב ניין און יעדען אבענד איז ער אוועק אום האלב זיעבען. וואס נאָך האָט מען פון איהם פערלאנגט? אויב מען קוקט זיך ניט ארום אויף אזא ארבייט און אויף אזא אנשטרענגונג, דאן וועט ער נור טהאָן אזוי פיעל ווי אלע איבעריגע. יעדער דארף קריגען נאָך זיין פערדיענסט נאָך. ווי אזוי האָט עס הערר טארשעבועף, וועלכער האָט איהם שטענדיג בעהאנדעלט, ווי אן אייגענעם זוהן, איהם געלאזען אזוי פאלען? ער האָט כאָטש־געוואלט וויסען פאַרוואָס, פאַר־ווען, און ער האָט זיך בעשלאָסען צו זעהן דעם שעף און מיט איהם וועגען דעם דורכריידען זיך.

און אין א פריהמארגען, נאָך איידער די קאָלעגען זיינען אין מיניסטעריום געקומען, האָט ער אנגעקלאפּט צו דעם אלמעכטיגען אין טיר. א שאַרפע שטימע האָט אויסגערופען:

— אריין!

ער איז אריין.

הערר טארשעבועף, א קליינער מאן מיט א זעהר גרויסען קאָפּ איז געזעסען נעבען א טיש, פול מיט פּאפּירען, און האָט געשריעבען. ווען ער האָט דערזעהן זיין געליעבטען בעאמטען, האָט ער געזאגט:

— גוט מאָרגען, לעסאבלע, ווי געהט עס?

דער יונגער מאן האָט געענטפערט:

צו איהר כמעט אן עקעל, וועלכען דאס לעבען צווישען צוויי מענשען רופט געוועהנליך גאנץ גיך ארוים. טויזענדער לעבערליכע קליינינ־קייטען פון'ם לעבען, די אבגעלאזענקייט אין איהר טואלעט אין־דער־פריה, דער אלטער, אבגעטראגענער, ביליגער שלאף־ראק, דער צוקנייטשטער פריזיר־מאנטעל — ווייל רייך זיינען זיי ניט געווען — און אלע קליינע איינצעלהייטען, וועלכע ער האט געזעהן צו נאהענט, האבען געבראכט דערצו, אז ער זאל קוקען אויף דאס פאמיליען־לעבען מיט מעהר ניכטערע אויגען, און יענער הויך פון פאעזיע, וועלכען ער האט געפיהלט די ערשטע צייט נאך זייער חתונה, איז אין גאנצען פערשוואונדען.

טאנטע שארלאטע האט זיי אויך זייער היים פערביטערט, ווייל זי איז דארט שטענדיג געווען, האט זיך אין אלעס אריינגעמישט, אלעס בעשטימט, אויף אלעס איהרע בעמערקונגען געמאכט און אזוי ווי זיי האבען שרעקליך מורא געהאט זי צו בעליידיגען, האבען זיי דאס אריבערגעטראגען מיט געדולד, הגם אין הארצען איז די פער־צווייפלונג געוואקסען און געוואקסען.

זי האט זיך געשלעפט מיט איהרע לאנגזאמע טריט איבער דער וואהנונג און אהן אויפהער האט איהר דין קול'כעל געקלונגען:

— דאס האט איהר געדארפט אזוי מאכען און יענעס אזוי.

ווען מאן און ווייב זיינען געווען אליין, האט לעסאבלע א צו־קאכטער, א נערוועזער אויסגערופען:

— פון דיין טאנטע קען מען שוין מעהר נישט אויסהאלטען. איך וויל זי דא מעהר נישט האבען, איך וויל זי מעהר נישט אנקו־קען, דו הערסט? איך וויל זי נישט אנקוקען!

קארא האט רוהיג געענטפערט:

— נו, יא, וואס קאן איך העלפען?

דא איז ער געווארען אויסער זיך פאר כעס.

— עס איז עקעלהאפט צו האבען אזא פאמיליע.

און זי האט געענטפערט נאך אימער מיט דער גרעסטער רו־היגקייט.

— יא, די פאמיליע איז עקעלהאפט, אבער די ירושה איז גוט, ניט אמת? זיי דאך נישט קיין נאר! עס איז גראדע אזוי אין דיינע

אז אין אלגעמיין ווערט מען געהעכערט נור איין מאָל אין צוויי־דריי יאָהר. אָבער איך מוז בעמערקען, אז איך טהו אב אין ביורא דריי־פיער מאל אזוי פיעל ארבייט ווי א געוועהנליכער בעאמטער און, אז איך זיץ וויינינגסטענס צוויי מאָל אזוי פיעל צייט ביי דער ארבייט, איך גלויב, אז ווען מען זאל אבוועגען די סומע פון מיינע בעמיהונגען און די בעלאהנונג, וועלכע איך קריעג, וועט זיך ארויסשטעלען, אז די לעצטע שטעהט ווייט, ווייט הינטער דער ערשטער.

ער האָט דעם דאזיגען זאץ, וועלכען ער האָט געהאלטען פאר זעהר א קלוגען, זארגפעלטיג פאָרבערייט.

הער טארשעבועף איז געוועזען ערשטוינט און געזוכט אן ענט־פער. צום סוף האָט ער געזאגט אין עטוואס א קאלטען טאָן:

— הגם עס איז געגען מיין פּרינציפּ, אז צווישען שעף און זיי־נע אונטערגעבענע זאלען אזעלכע זאכען בעשפּראָכען ווערען, דאָך, האָבענדיג אין זינען אייערע ביזאהעריגע גוטע דיענסטען, וועל איך אייך דאָס מאל ענטפערען. איך האָב היינטיגס יאהר, גראדע אזוי ווי פאראיאָהרען פארגעשלאָגען, אז מען זאל אייך הע־כערען, אבער דער דירעקטאר האָט אויסגעמעקט אייער נאָמען דערפאר, ווייל אייער הייראט פערזיכערט אייך א שעהנע צוקונפט, וואס אייערע קאָלעגען קענען קיינמאָל נישט האָבען. איז עס דען ניט מעהר ווי רעכט, אז מען זאל אין זינען האָבען די אומשטענדען פון דעם בעאמטען? איהר וועט אמאָל רייך ווערען, זאָגאר זעהר רייך! דרייהונדערט פראנק מעהר א יאָהר וועלען ביי אייך גאָר־נישט בעדייטען, בעת פאר די אנדערע איז דאָס א סך געלד. דאָס, ליעבער פריינד, איז די אורזאכע, פארוואס מען האָט אייך היינטיגס יאָהר נישט געהעכערט.

לעסאבלע האָט זיך צוריקגעצויגען פערשעהמט און צוקאכט.

אויף־דער־נאכט, ביים עסען, איז ער געוועזען אונאנגענעהם. אנטקעגען זיין פרוי. געוועהנליך איז זי געוועזען פרעהלאך און כמעט אלע מאָל גלייך גוט אויפגעלעגט, הגם אביסעל איינגעשפּארט. זי האָט שוין אין זיינע אויגען ניט געהאט מעהר דעם צויבער פון דער ערשטער צייט און הגם זי איז איהם נאך אלץ געוועזען געפעלען, דען זי איז געוועזען פריש און שעהן, דאָך האָט ער מאנכעס מאל געפיהלט

מיט זיינע טעגליכע פפליכטען. הערר טארשעבועף האט איהם ערשטוינט געפרעגט:

— וואס זייט איהר אזוי צושטרייט, הערר לעסאבלע?

און לעסאבלע האט געענטפערט:

— איך בין זעהר מיעד, אייער גנאדען. איך האב די גאנצע נאכט ביי אונזער טאנטע געוואכט. זי איז נעבאך זעהר קראנק.

אבער דער שעף האט קאלט בעמערקט:

— עס איז דאכט זיך גאנץ גענוג, אז קאכעלין בלייבט מיט איהר. איך קען דאך ניט צולאזען, אז מיין גאנצע ביורא זאל זיך איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב.

לעסאבלע האט אוועקגעלעגט דעם זייגער פאר זיך אויף'ן טיש און מיט פיבערישער אונגעדולד געווארט, עס זאל ווערען פינף. אזוי גיך, ווי דער גרויסער זייגער אין הויף האט גענומען שלאגען פינף, האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אנטלאפען. צום ערשטען מאל האט ער פערלאזען דאס ביורא אין דער רעגעלמעסיגער צייט.

ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט גענומען א דראש־קע צו פאהרען אהיים. ער האט ארויפגעשטורעמט אויף די טרעפ. דאס מיידעל האט איהם געעפענט און ער האט גלייך געפרעגט:

— ווי געהט עס?

— דער דאקטאר האט געזאגט, אז זי איז מורא'דיג ארונטער.

דאס הארץ האט איהם געקלאפט, ער איז געווען אויסער זיך. אך, גאט, ווען זי זאל טאקע שטארבען? ער האט ניט געוואגט אריינ־צוגעהן אין דאס קראנקען־צימער און געשיקט רופען קאכעלינ'ען, וועלכער איז געזעסען ביי דער אלטער.

זיין שווער איז גלייך אריינגעקומען, עפענענדיג פארזיכטיג די טיר. ער איז געווען אין'ם שלאף־ראק און האט געטראגען די שלאף־מיצעל אויף'ן קאפ. ער איז געוועהנליך אזוי אין אבענד געווען אנגעטהאן, בעת ער איז געזעסען ביים קאמין. ער האט גאנץ שטיל געזאגט:

עס געהט שלעכט, זעהר שלעכט. זייט פיער א זייגער איז זי אהן זינען. זי האט היינט נאכמיטאג זאגאר ווידוי געזאגט.

ווי אין מיינע אינטערעסען, טאנטע שאַרלאָטע'ן גוט צו בעהאנדלען!

און ער האָט געשוויגען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען.

איצט האָט די טאנטע זיי נאכאנאנד געהאלטען אין איין מאַ־טערען, זיי זאלען האָבען א קינד. זי האָט אבגעפיהרט לעסאבלע'ן אין א ווינקעל און מיט איהם אריינגעַ'טענה'ט:

— ליעבער פלימעניק, איך פערלאנג, אז דו זאלסט ווערען א פאָטער, איך וויל זעהן מיינע יורשים. דו וועסט מיר ניט איינריידען, אז קאָרא איז אונפעהיג א מוטער צו ווערען, מען דארף אויף איהר בלויז איין קוק טהאָן. ליעבער פלימעניק, מען האָט חתונה, אום צו האָבען א פאמיליע און קינדער, וועלכע זאלען ירש'ענען דעם נאמען. אונזער הייליגע קירכע בעפעהלט, קינדער צו האָבען. איך ווייס גאנץ גוט, אז איהר זיט ניט רייך און אז א קינד פערגרעסערט די הוצאות, אבער ווען איך וועל איבער הונדערט יאָהר שטאַרבען, וועט אייך קיין זאך ניט פעהלען. איך וויל זעהן א קליינעם לעסאבלע, איך וויל עס, דו הערסט?

אזוי ווי זיי זיינען שוין געווען פערהייראט פופצעהן מאָנאטען און איהר וואונש איז נאך אלץ ניט ערפילט געוואָרען, איז זי געוואָ־רען אונגעדולדיג און גענומען זיי צוואַיילען. איצט האָט זי אין דער־שטיל געגעבען קאָראַ'ן אלערליי עצות, ווי א פרוי, וועלכע האָט אמאָל פערשיעדענעס מיטגעמאכט און וועלכע האָט ביי א געלע־גענהייט געוואוסט, ווי אזוי דאָס אויסצונוצען.

אָבער איין מאָל אין־דער־פריה האָט זי זיך געפיהלט ניט גוט און איז געבליעבען ליעגען אין בעט. אזוי ווי איז נאך קיינמאָל ניט געווען קראנק, האָט קאבעלין זעהר אן אויפגערעגטער אָנגע־קלאפט צו זיין איידעם אין טיר:

— לויף שנעל אריבער צו דאָקטאר בארבעטטע, און דעם שעף וועסטו זאגען, אז א.נטער די דאזיגע אומשטענדען האָב איך ניט געקענט קומען אין ביורא.

לעסאבלע האָט א גאנצען טאג פערבראכט אין אנגסט און פיין, ער איז ניט אימשטאנד געווען צו ארבייטען, צו בעשעפטיגען זיך

טער דעם רויט־פלאקערענדיגען האריזאנט און דער קופפעל פון דעם אינוואלידען־קלויסטער האט גענליהט, אקוראט ווי א צווייטע זון וואלט אויף'ן דאך פון דער דאזיגער געביידע פון'ם הימעל ארונטער־געפאלען.

לעסאבלע האט ארומגעכאפט דאס אייזערנע פארענץ מיט ביי־דע הענד און אריינגעזויגען די לופט, ווי מען טרינקט ווייז. עס איז אויף איהם אנגעפאלען א לוסט צו שפרינגען, צו שרייען, אויסצו־שטרעקען די הענד אין דער ווייטקייט אריין. אזוי פיל איז ער געווען מיט פרייד און גליק. דאס לעבען האט איהם געלאכט אנט־קעגען, די צוקונפט האט זיך איהם פארגעשטעלט פול גליק. וואס האט ער געזאלט טהאן? ער האט געטרוימט.

פלוצים האט ער זיך א טרייסעל געטהאן. ער האט הינטער זיך דערהערט א גע־רויש. דאס איז געווען זיין פרוי. זי האט געהאט רויטע אויגען, עטוואס אנגעשוואלענע באקען און האט אויסגעזעהן מיעד. זי האט איהם אונטערגעשטעלט דעם שטערן, ער זאל זי א קוש טהאן און געזאגט:

— מיר וועלען היינט עסען ביים פאפא, כדי מיר זאלען קאנען זיין נעהענטער צו איהר. די דיענסט וועט בלייבען מיט איהר די ווייל ע, וואס מיר ווערען זיצען ביים טיש.

ער איז אוועק נאך איהר אין צווייטען צימער.

קאכעלין איז שוין געזעסען ביים עס־טיש און געווארט אויף דער טאכטער און דעם איידעם. א קאלטע הוהן, קארטאפעל־סאלאט און א טעצעל, פול יאגאדעס, זיינען געשטאנען אויף'ן טיש און די סופ האט געדאמפפט א'ן די טעלער.

מען האט זיך געזעצט. קאכעלין האט זיך אנגערופען:

— אזא טאג וואלט איך ניט אפט געוואלט דורכמאכען! קיין פערגעניגען איז עס ניט. — ער האט דאס געזאגט אין א גאנץ גלייכגילטיגען טאן און מיט א צופריעדענער מינע. דאן האט ער זיך גענומען צום עסען, ווי איינער, וואס איז שטארק הונגעריג. די הוהן האט איהם געשמעקט אויסגעצייכענט און דער קארטאפעל־סאלאט, ווי מען דארף ניט בעסער. לעסאבלע האט זיך געפיהלט קראנק אויף'ן מאגען, ער איז געווען אונרוהיג, האט ניט געקענט

לעסאבלע'ן האָבען זיך אונטערגעהאקט די קניע און ער האָט זיך אנידער געזעצט:

— וואו איז מיין פרוי?

— זי איז ביי איהר.

— וואָס האָט דען דער דאקטאר געזאגט?

— ער האָט געזאגט, אז דאס איז אן אנפאל. עס איז מעגליך זי זאל געזונד ווערען, אבער עס איז גראד אזוי מעגליך, אז זי זאל היינט ביי־נאכט שטאַרבען!

— דארפסט מיך האָבען? אויב ניט, וואלט איך ניט וועלען אהין אריינגעהן. עס איז מיר אונאנגענעהם זי אין אזא צושטאנד צו זעהן.

— ניין, געה צו זיך. ווען עס וועט זיין עפּעס אן ענדערונג, וועל איך דיך גלייך שיקען רופען.

לעסאבלע איז אוועק אין זיין צימער. די וואהנונג האָט איהם פלוצים געגומען אויסווייזען פערענדערט, גרעסער און ליכטיגער, אָבער ער האָט ניט געקאנט איינזיצען אויף אן ארט און איז ארוים אויף'ן באלקאן.

עס איז געווען ענדע יולי און די זון, איידער זי איז צווישען ביידע טהורעמס פון דעם טראָקאדערא פערשוואונדען, האָט נאָך אמאָל געווארפען איהרע פייערדיגע שטראהלען איבער דעם ים פון דעכער.

דער הימעל איז געווען ארום און ארום רויט, דערנאך איז ער געוואָרען מאט־גאָלדיג, דערנאך געל־גרינליך, העל־גרין, דאן בלוי, ריין־בלוי ביים האָריזאנט.

די שוואלבען זיינען געפלויגען, ווי פייל פון בויגען, און מען האָט זיי קוים געקאנט זעהן און זייערע פליעגעל אונטערשיידען, און איבער דעם אונענדליכען ים פון הייזער, איבער דער ווייטער לאנדשאפט איז געלעגען א ראָזיגער נעבעל, ווי פייער־דאמפף, פון וועלכען עס זיינען ארויסגעשטיגען שפּיציגע קירכען־טהורעמס און די שפּיצען פון אנדערע הויכע געביידעס, עהנליך צו א טעאטער־דעקאראציאָן.

דער טריאומפף־ארק האָט אויסגעזעהן מורא'דיג שווארץ און־

קלאפּענדיגען הארצען. איין לעסאבלע איז געבליעבען שטעהן ביי דער טיר און האָט זיך פון ווייטען איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין דאָס בעט, וועלכע האָט זיך אין דער דעמערונג קוים ארויסגעזעהן. ער האָט געזעהן דעם רוקען פון זיין שווער, וועלכער איז געשטאַנען אריבערגעבויגט איבער דאס קראנקען־בעט און אונבעוועגליך געקוקט אויף די קראנקע. פּלוצים האָט ער דערהערט קאַבעלינ'ס שטימע און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז עס קומט פון ערגעץ ווייט, ווייט, פון עק וועלט, ווי אין א **חלום**:

— עס איז אויס, מען הערט מעהר גארנישט.

ער האָט געזעהן, ווי זיין פרוי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קניע און, שלוכצענדיג דעם פּנים אין די קישען בעהאלטען. דאן ערשט האָט ער זיך ענטשלאסען אריינצוגעהן אינווייניג און, בעת קאבעלין האָט זיך ווידער אויפגעהויבען, האָט לעסאבלע דערזעהן אויף'ן ווייסען קאפּ־קישען דאס געזיכט פון טאנטע שארלאטע מיט געשלאָסענע אויגען, אזוי איינגעפאלען, אזוי שטאַר, אזוי בלייך, דאָס עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס געזיכט פון א וועקסענער ליאַלקע.

ער האָט געפרעגט פערשטיקט:

— איז עס טאקע אויס?

קאבעלין, וועלכער האָט נאָך בעטראכט זיין שוועסטער, האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט און זיי האָבען זיך ביידע אָנגעקוקט. ער האָט געענטפערט:

— יא, אויס — דערביי האָט ער געוואלט ארויפציהען אויף זיין פּנים א טרויעריגען אויסדרוק, אבער ביידע מענער האָבען זיך מיט איין קוק גוט פערשטאַנען און פּלוצים גענומען דריקען איינער דעם אנדערען די הענד, אזוי ווי זיי וואלטען זיך בעדאנקט דערפאר, וואס איינער האָט פאר דעם אנדערן אויפגעטהאָן.

און ניט פערליערענדיג קיין איבריגע צייט, האָבען זיי זיך א נעהם געטהאָן אלעם איינצואָרדנען.

לעסאבלע האָט גענומען אויף זיך, צו רופען דעם דאקטאר און צו בעזאָרגען די נויטיגסטע זאכען אזוי שנעל ווי מעגליך. ער

ארונטערשליגנגען א ביסען און האָט זיך אלץ צוגעהערט צום נעבען־צימער, אין וועלכען עס איז געווען שטיל, ווי קיינער וואלט דאָרט ניט זיין. קאָרא איז אויך ניט געווען הונגעריג. איז געווען אויפ־געדעגט, צום וויינען אויפגעלייגט, און האָט זיך אלע ווייהע געווישט די אויגען מיט די ברעגען פון איהר סערוועטקע.

קאָבעלין האָט געפרעגט:

— וואָס האָט דער שעף געזאגט?

און לעסאבלע האָט דערצעהלט אלערליי א־ינצעלהייטען, אבער זיין שוואָגער האָט אלעס געוואלט וויסען גאנץ גענוי און יענער האָט געמוזט נאָך אמאָל איבערדערצעהלען. קאָבעלין האָט זיך אבגע־שטעלט פאר יעדער קליינינקייט, ווי ער וואלט, ווייניגסטענס, א יאָהר צייט אין ביורא ניט געווען:

— עס האָט געמוזט מאכען א גוואלדיגען רושם, ווען זיי האָ־בען געהערט, אז די טאנטע איז קראנק. — און ער האָט געטראכט וועגען דעם, ווי ער וועט שטעהן א שטראהלענדיגער צווישען די קאָ־לעגען, ווען זי וועט שוין טאקע זיין אויף דער אמת'ער וועלט. און אזוי ווי ער וואלט וועלען פערטרייבען געהיימע געוויסענסביסע, האָט ער געזאגט:

— איך ווינש איהר חס ושלום קיין בייז, דער ארימער פרוי! גאָט איז מיין עדות, אז איך וואלט וועלען זי זאל נאָך זיין מיט אונז און זאל זיך לעבען געזונטערהייד, אָבער אן איינדרוק וועט עס דאָך מאכען א גרויסען. דער אלטער סאוואן קען נאָך אפשר צוליעב דעם די קאָמונע פערגעסען.

ווען מען האָט געהאלטען ביי די יאגדעס, האָט די טיר פון'ם צימער זיך געעפענט. דאָס האָט געמאכט אויף די לייטע ביים טיש אזא איינדרוק, דאס זיי זיינען אלע דריי מיט איין מאָל אויפגע־שפּרונגען צושראָקענע. דאָס דיענסט־מיידעל איז אריין מיט איהר געוועהנליכען אונבעוועגליכען, נארישען פנים און האָט געזאגט גאנץ רוהיג:

— זי ריהרט זיך ניט מעהר.

קאָבעלין האָט א וואָרף געטהאָן זיין סערוועטקע אָן א זייט און איז, ווי א משוגענער, ארויסגעלאָפען. קאָרא נאָך איהם, מיט א

און ביידע מענער האָבען זיך א נעהם געטהאָן צו דער ארבייט. זיי האָבען אויסגעליידיגט אלע שופלאדען, דורכגעזוכט אלע קעשענעס, דורכגעקוקט יעדעס פּיצעל פּאפּיר. ביז האלבע נאכט האָבען זיי קיין שום אינטערעסאנטעס ניט ענטדעקט. קארא איז אנדרימעלט געוואָרען און האָט לייכט געכראפּעט, ציהענדיג רעגעלמעסיג דעם אטהעם. קאכעלין האָט געפרעגט:

— וועלען מיר דען דא פערבלייבען די גאנצע נאכט?

לעסאבלע איז געווען ראפּיר. ער האָט געמיינט, אז עס פּאסט זיך בעסער, ווען זיי וועלען דא פערבלייבען. און דער שווער האָט זיך אָנגערופען:

— אויב אזוי, לאמיר אהער ברייגנען עטליכע שטוהלען.

און זיי זיינען ארויס, אום צו ברענגען עטליכע ווייכע פאטעלען פון'ם יונגען פּאָאר פאלק'ס צימער.

אין א שטונדע ארום זיינען אלע דריי קרובים געשלאפען כראָפּענדיג איינער נאָך דעם אנדערען נעבען דעם בר־מינן, וועלכער איז געלעגען שטאר אין זיין אייביגער אונבעוועגליכקייט. זיי האָבען זיך אויפגעכאפּט, ווען עס איז טאג געוואָרען, וויייל דאס דיענסט־מיידעל איז אין צימער אריין. קאכעלין האָט זיך גענומען רייבען די אויגען און צוגענעבען:

— איך האָב, דאכט זיך, געכאפּט א דרימעל אפשר אויף א האלבער שעה.

לעסאבלע, וועלכער איז גלייך געקומען צו זיך, האָט געזאגט:

— יאָ, איך האָב עס בעמערקט. איך האָב ניט געשלאפען קיין איין רגע. איך האָב נור די אויגען צוגעמאכט, אום זיך אויסצורוהען.

קארא איז אוועק צוריק אין איהר וואהנונג.

דאן האָט לעסאבלע מיט א געמאכטער גלייכגילטיגקייט געפרעגט:

— ווען, רענקסטו, זאלען מיר געהן צום נאטאריוס, א קוק טהאָן איהר צוואה?

— אויב דו ווילסט, קאנען מיר היינט אין דער פריה געהן.

— מוז אונז קארא בעגלייטען?

— אפשר איז בעסער, וויייל זי איז דאָך די יורש'טע.

האָט געפּיהלט א בעדירפניס צו זיין אויף דער גאס, צו זיין אליין, צו אטהעמען, צו רענקען און אין איינזאמקייט זיין גליק צו געניסען.

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט אלע זיינע גאנגען, איז ער, אנשטאדט צוריק אהיים, אויף'ן בולוואר אוועק. ער האָט געוואלט זעהן מענשען, אויסמישען זיך אין געדרענג, וועלכער האָט דארט יעדען אבענד געשטראמט אהין און צוריק. עס האָט זיך איהם געוואלט אויסשרייען הויך אויף'ן קול צו די פערבייגעהער:

— איך האָב פופציג טויזענד פראנק איינקונפט! — און ער האָט געטראַטען אלץ ווייטער, די הענד אין די קעשענעס, האָט זיך אבגעשטעלט פאר יעדען גרויסען געשעפט, האָט בעטראכט די רייכע שטאפען, די טהייערע ציערונג, די עלעגאנטע מעבעל, מיט דעם גליקזעליגען געדאנק: דאָס אלעס קאָן איך מיר איצט פער־שאפען.

פלוצים איז ער פארבייגעגאנגען פאר א קראָם מיט טרויער־שטאָפען און א געדאנק האָט איהם א זעץ געטהאָן אין מוח: טאָמער איז זי ניט טויט? טאמער האָבען זיי א טעות געהאט?

דער דאזיגער געדאנק האָט איהם ניט אבגעלאזט און ער איז האסטיג אוועקגעלאפען צוריק אהיים. ווען ער איז אריין אין הויז, האָט ער געפרעגט:

— איז דאָ געוועזען דער דאקטאר?

קאכעלין האָט געענטפערט:

—יאָ, ער האָט בעשטעטיגט דעם טויט און וועט אויסמאכען א טויטען־שיין.

זיי זיינען ווידער אריין אין'ם צימער, וואו די טויטע איז גע־לעגען. קארא איז נאָך אלץ געזעסען אויף א שטוהל און האָט גע־וויינט. די טרעהרען זיינען גערונען שטיל, אהן מיה, כמעט אהן שמערצען, לייכט, ווי נור פרויען קאָנען וויינען.

ווען זיי זיינען אלע דריי געוועזען אין'ם צימער, האָט זיך קאכע־לין אנגערופען מיט א שטיל קול:

— איצט, אז דאס דיענסטמיידעל איז אוועק שלאפען, קאנען מיר פּרובירען א זוך טהאָן, אפשר וועלען מיר אין די מעבעל עפּעס געפינען.

פאל, אז איך זאל שטארבען פריהער, ווי מיין פלימעניצע וועט האָ־בען א יורש, פערבלייבט מיין גאנץ פערמעגען אין דער פערוואלטונג פון מיין נאטאריוס אין פערלויף פון דריי יאָהר, אום אז מיין אויף דעם דאזיגען אופן אויסגעשפראָכענער ווילען זאל קאנען ער־פילט ווערען.

אין'ם פאל אבער, אז דער הימעל וועט קאראליע'ן אין די דאָזיגע דריי יאָהר נאָך מיין טויט קיין לייבליכען יורש ניט בע־שערען, דאן וועט מיין פערמעגען דורך מיין נאטאריוס פערטהיילט ווערען צו די ארימע לייט און צו די וואהלטהעטיגע אנשטאלטען".

עס האָט געפאלגט אן אונענדליכע ליסטע פון געמיינדען, צי־פערען, אנווייזונגען און עצות.

דאן האָט דער נאטאריוס זעהר העפליך איבערגעגעבען דאס פאפיר קאכעלין'ען, וועלכער איז געווען אין גאנצען בעטויבט פאר איבעררראשונג.

הערר בעלהאמע האָט געהאלטען פאר נויטיג צו געבען זיי נאָך איניגע ערקלעהרונגען. ער האָט געזאגט:

— ווען פריילין קאכעלין האָט מיר צום ערשטען מאָל געמאכט די עהרע צו רעדע מיט מיר וועגען איהר צוואה, האָט זי אויסגעדריקט א הייסען וואונש צו זעהן א קינד פון איהר אייגען בלוט. וויפיעל איך האָב מיט איהר ניט גערעדט, האָט זי אלץ געענטפערט, אז דאָס איז איהר פעסטער בעשלוס. דער דאזיגער בעשלוס איהרער האָט גע־שטאמט דערפון, ווייל זי האָט געגלויבט אין דער רעליגיעזער אנ־שויאונג, אז אויף יעדער קינדערלאזער פאמיליע ליעגט א פלוך פון'ם הימעל. עס איז מיר בשום אופן ניט געלונגען איהרע אנזיכטען צו ענדערען. איך פערזיכער אייך, אז דאָס טהוט מיר זעהר לייד.

און ווענדענדיג זיך צו קאראליע, האָט ער מיט א שמייכעל צוגעלייגט:

— איך צווייפעל ניט א האָאר, אז דער וואונש פון דער פער־שטארבענער וועט באלד ערפילט ווערען.

און די דריי קרובים זיינען אוועק צומישטע, צוטומעלטע, אָהן א געדאנק אין מוח, ווי מען וואלט זיי די קעפּ ארונטערגענומען.

— דאן וועל איך איהר זאגען, זי זאל זיך גלייך מאכען פערטיג. און לעסאבלע איז ארויס מיט שנעלע טריט.

דאָס ביורא פון נאטאריוס, הערר בעלהאמע, האָט זיך נור־וואָס נעעפענט, ווען קאכעלין, לעסאבלע און זיין פרוי, אנגעטהאָן אין טיעפען טרויער, מיט בעטריבטע פנים'ער, זיינען אריינגעקומען.

דער נאטאריוס האָט זיי גלייך עמפפאנגען און זיי געבעטען זיצען. הערר קאכעלין האָט גענומען דאס ווארט:

— הערר ארוואקאט, איהר קאנט מיך, איך בין דער ברודער פון פריילין שארלאטע קאכעלין. דאס איז מיין טאכטער און מיין איידעם. מיין ארימע שוועסטער איז נעכטען געשטארבען. מאָרגען וועלען מיר זי צו קבורה ברייננגען. אזוי ווי ביי אייך איז איינגעלעגט איהר צוואה, זיינען מיר אייך געקומען פרעגען, אויב מיין שוועסטער האָט פיליכט געמאכט א געוויסע בעשטימונג וועגען איהר לויה, אָדער אפשר האָט איהר אונז עפּעס מיטצוטהיילען.

דער נאטאריאוס האָט געעפענט א שופלאָד, ארויסגענומען פון דאָרט א קאנווערט, איהם אויפגעריסען, ארויסגעצויגען א פּאפּיער און געזאגט:

— דאָ איז דער דופּליקאט פון דער צוואה, מיט וועלכען איך קאָן אייך גלייך בעקאנט מאכען. די אנדערע, די אמת'ע צוואה, וועלכע ענטהאלט גענוי דאָס זעלבע ווי די, מוז בלייבען אין מיינע הענד.

און ער האָט פאר זיי איבערגעלעזען:

„איך, די אונטערצייכענטע וויקטאָרינא שארלאטע קאכעלין, בעשטים דערמיט מיין לעצטען ווילען, ווי פאלגט:

איך לאז איבער מיין פערמעגען, וואס בעשטעהט פון א מיליאָן צוויי הונדערט טויזענד פראנק, די קינדער, וועלכע וועלען געבאָרען ווערען ביי מיין פּלימעניצע צעלעסטע קאראליע קאכעלין; די צינזען פון'ם גאנצען פערמעגען זאלען געהערען צו די עלטערען, ביז דאס עלטסטע פון זייערע קינדער וועט מינדיג ווערען.

די פאלגענדע צייזען בעשטימען פעסט, ווי אזוי מיין פערמעגען זאָל צווישען די קינדער געטהיילט ווערען, און וועלכע סומע די עלטערען זאָלען קריגען אזוי לאנג, ווי זיי וועלען לעבען: אין'ם

קארא האָט זיך פערשלאָסען אין איהר צימער און מען האָט
‏-עהר פון איהר נישט געהערט. אָבער קאַכעלין איז אין אַ שטונדע
...רום צוגעקומען צו זיין איידעמ'ס טיר און האָט אנגעקלאפּט:

— ליעבער לעאָפּאָלד — האָט ער געזאָגט — איך קום, אום זיך מיט דיר דורכרעדען וועגען אייניגע זאכען, מיר מוזען קלאָהר פערשטעהען איינער דעם אנדערען. מיין מיינונג איז, אז מיר זאָלען טראַצדעם זאָרגען פאר אן אנשטענדיגער לויה, אום מען זאָל אין מיניסטעריום ניט האָבען פון וואָס צו רעדען. די קאָסטען וועלען אונז שוין ניט ארימער מאכען. איבריגענס איז דאָך נאָך גאר נישט פערלאָרען, איהר זייט נאָך ניט לאנג פערהייראט און עס וואָלט ווירקליך געווען אן אונגליק, אז איהר זאלט גאָר קיין קינדער נישט האָבען. איהר מוזט זיך נור אביסעל מיה געבען, דאן וועט עס שוין געהן. אָבער דערווייל, לאָמיר בעזאָרגען די פריהערדיגע זאכען. ווילסטו זיך אונטערנעהמען צו געהן אין מיניסטעריום?

לעסאבלע האָט מיט ביטערקייט געמוזט מודה זיין, אז זיין שווער איז גערעכט, און זיי האָבען זיך געזעצט איינער אנטקעגען אנדערן אויף ביידע עקען פון'ם לאַנגען טיש, אום די אדרעסען אויף די טויט־אָנצייגען צו שרייבען.

דערנאָך האָבען זיי געגעסען פריהשטיק. קארא האָט זיך ווי־דער בעוויזען, גאַנץ גלייכגילטיג, ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט איהר גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און געגעסען מיט גרויס אפּעטיט, ווייל זי האָט מיט אַ טאָג פריהער געפאַסט.

באַלד נאָך'ן מאָהלצייט, האָט זי זיך אומגעקעהרט צוריק אין איהר צימער. לעסאבלע איז אוועק אין מיניסטעריום. און קאַכעלין האָט זיך אויפ'ן באַלקאָן געזעצט רייטענדיג אויף אַ שטוהל און גע־רויכערט זיין ליולקע.

די גליהענדע זומערדיגע זון איז געפאַלען אויף אַ ים פון דע־כער, מאַנכע פון זיי, וועלכע האָבען געהאַט פענסטער, האָבען גע־ברענט ווי פייער און אזוי אָבגעשפּיעגעלט די בלענדענדיגע שטראַה־לען, דאָס מען האָט געמוזט אָבקעהרען פון דאָרט די אויגען. און קאַכעלין האָט ארונטערגעקוקט און געזעהן ווייט הינטער דער גרוי־סער שטאָדט, הינטער די שטויביגע גאַסען די הויכע, גרינע שפּיצען

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים ניט רייזענדיג א וואָרט, פערשעהמט און צוקאכט, ווי זיי וואלטען איינער דעם אנדערען בע׳גנב׳עט. אפילו קאָרא׳ס גאנצער שמעריז איז פלוצים פערשוואונדען; די אונדאנקבארקייט פון איהר טאנטע האָט זי בע־פרייט פון וויינען. צום סוף האָט לעסאבלע זיך געווענדעט צום שווער און מיט בלייכע, צוזאמענגעדריקטע ליפען ארויסגערעדט:

— גיעב מיר אהער די צוואה, לאָמיך אויף דעם אליין א קוק טהאָן.

קאבעלין האָט איהם דערלאַנגט דאָס פאפיער און דער יונגער־מאן האָט גענומען לעזען. ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען טראָ־טואר, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די פארבייגעהער האָבען איהם געשטויסען אהין און אהער, און האָט דורכגעקוקט די ווערטער מיט זיין פראקטישען, דורכדרינגענדען בליק. ביידע אנדערע האָבען גע־ווארט צוויי טריט ווייטער, דאן האָט ער אבגעגעבען צוריק די צוואה און ערקלעהרט:

— ס׳איז גאָרנישט צו מאַכען, זי האָט אונז אזוי נישקשה׳דיג אונטערגעפיהרט.

קאבעלין, אויפגערעגט, וואָס אלע זיינע האָפנונגען זיינען צו־בראָכען געוואָרען, האָט געענטפערט:

— נו, יא, צום טייפעל! איהר מוזט האָבען קינדער! איהר האָט גאנץ גוט געוואוסט, אז זי האָט עס אימער פערלאנגט.

לעסאבלע האָט אָהן אָן ענטפער א דריק געטהאָן מיט די אקס־לען.

ווען זיי זיינען אהיים געקומען, האָט שוין אַן עולם מענשען אויף זיי געווארט. דאָס זיינען געווען יענע לייט, וועלכע האָבען צו טהאָן נעבען א טויטען. לעסאבלע איז אוועק אין זיין צימער, ער האָט זיך מעהר ניט געוואָלט קימערן וועגען קיין זאך. און קאבעלין איז געווען גראָב געגען דער גאנצער וועלט, האָט געשריען, מען זאָל איהם לאָזען צורוה, און פערלאנגט מען זאָל מאַכען א סוף פון דער געשיכטע אזוי שנעל ווי מעגליך. די צייט ביז מען וועט זיי בעפריי־ען פון דער פערשטאָרבענער האָט זיך איהם איצט אויסגעוויזען צו לאַנג.

צו וואקסען. ער וואלט אויך געקאנט זיין א שעף און ער וואלט אוועק נאך ווייטער.

ניט אויסטהאנדיג זיין אויבער־ראק, איז ער אוועק צו הערר טארשעבועף. ער איז צו איהם אריין מיט יענעם פערטרויערטען פנים, וועלכען מען ציהט געוועהנליך אויף זיך ארויף ביי טרויעריגע געלעגענהייטען, אבער אויף זיין פנים איז געלעגען נאך מעהר, א מין נידערגעשלאגענקייט, סמנים פון אמת׳ן טיעפען שמערץ האבען זיך אויף איהם אוועקגעלעגט.

דעם שעף׳ס גרויסער קאפ, וועלכער איז אימער געלעגען אין דער קרים איבער דאס פאפיער, האט זיך אויפגעהויבען, און הערר טארשעבועף האט קורץ געפרעגט:

— איך האב אייך דעם גאנצען טאג געדארפט האבען, פאר־וואס זייט איהר ניט געקומען אין ביורא?

לעסאבלע האט געענטפערט:

— אונז האט געטראפען אן אונגליק. אונזער טאנטע, פריילין קאבעלין, איז געשטארבען. און איך האב אייך געוואלט בעטען, איהר זאלט מארגען קומען צו דער לויה.

הערר טארשעבועף׳ס פנים איז גלייך פריינדליכער געווארען און ער האט געענטפערט זאגאר מיט א געוויסער העפליכקייט:

— אויב אזוי, ליעבער פריינד, איז עס גאנץ וואס אנדערש. איך דאנק אייך זעהר פאר די איינלאדונג און לאז אייך פריי, ווייל איהר האט אודאי זעהר פיעל צו טהאן.

לעסאבלע האט געוואלט צייגען זיין פלייסיגקייט און זיך אנ־גערופען:

— איך דאנק אייך זעהר, אלעס איז שוין בעזארגט און איך האב געוואלט בלייבען דא ווי געוועהנליך ביז צו דער לויה.

און געזאגט עס, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין צי־מער.

די נאכריכט וועגען דער אלטער׳ס טויט האט זיך גלייך פער־שפרייט איבער׳ן גאנצען ביורא, און פון אלע אבטהיילונגען האבען זיך די בעאמטע א לאז געטהאן, איהם צו זאגען א פאאר ווערטער, וועלכע האבען געקלונגען מעהר ווי גליקוואונש, איידער טרייסט,

בערג. ער האָט געטראַכט וועגען דעם, אַז דאָרט אונטען, צופוסען פון די דאָזיגע מיט בוימער בעוואַקסענע בערג, פליסט ווהיג די ברייטע, קיהלע סיינע און, אַז דאָרט, אונטער דעם שירם פון בלעטער, צווישען די גרינס, ביים ברעג פון׳ם טייך, מוז אודאי זיין אַ סך שעהנער, ווי דאָ, אויף דעם באַלקאָן, אונטער דער ברענענדיגער זונן. און אַן אונאַנגענעהם געפיהל איז איהם בעפאַלען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זייער מפלה און בייזע געדאַנקען האָבען איהם גענומען ענגבערן דעם מוח. דער קלאַפּ איז נאָך דערפאַר געווען אַזוי גרויס, ווייל די האָפנונג אויף רייכטהום און גליק איז געווען אַזוי שטאַרק און האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג. און ווי אין אַ מאָמענט פון גרויסער אויפרעגונג, ווען מען טראַכט אימער נור פון איין זאַך, האָט ער פלוצים הויך אויף׳ן קול אויסגערופען: אַלטע שווינדלערין!

הינטער איהם אין׳ם צימער האָט ער געהערט ווי די קבורות־לייט בעוועגען זיך און ווי דער האַמער קלאַפּט איבער דעם טויטען־קאַסטען. זינט ער איז געווען ביים נאָטאַריוס, האָט ער זיין שוועסטער שוין מעהר ניט געזעהן.

אָבער ביסלעכווייז האָט איהם דורכגענומען די וואַרימקייט, די פרעהליכקייט און די ליכטיגקייט פון דעם דאָזיגען העלען זומערדיגען טאָג און ער האָט אַ טראַכט געטהאָן: עס איז נאָך נישט אַלעס פערלאָרען. פאַר וואָס עפּעס זאָל זיין טאָכטער ניט האָבען אַ קינד? זיי זיינען דאָך נאָך אפילו קיין צוויי יאָהר ניט געווען פערהייראַט. זיין איידים איז דאָך אַ קרעפטיגער, גוטגעבויטער, געזונטער מאַן, כאָטש ער איז עטוואָס קליין. עט, זיי וועלען נאָך האָבען אַ קינד. זיי וועלען עס מוזען האָבען.

לעסאַבלע האָט זיך שטילינקערהייד אַריינגע׳גנב׳עט אין מיניסטעריום און אַריינגערוקט זיך אין זיין צימער. אויף זיין פּלאַץ האָט ער געפונען אַ פּאַפּיער מיט די ווערטער: „דער שעף וויל אייך זעהן!״ צוערשט האָט ער געמאַכט אַן אונגעדולדיגע מינע. דער דאָזיגער דעספּאָטיזמוס, וועלכער האָט איהם שטענדיג געהאַלטען אין איין אונטעריאָכען, האָט איהם אויפגעבראַכט. און דערנאָך האָט איהם גענומען מאַטערן דער ברענענדיגער וואונש עפּעס צו ווערען,

האָט ער זיך גענומען מיט דעם אייגענעם אייפער און דער זעלבער פלייסיגקייט, ווי פריהער. עס האָט אויסגעזעהן, ווי אין זייער לעבען וואָלט קיין זאַך זיך ניט פערענדערט. מען האָט נור בעמערקט, אַז זיי רויכערען, ווי אומיסטנע, גוטע ציגארען, רעדען פון רענט, פון אייזענבאַהן־אקציען און אַנדערע ווערטה־פּאַפּיערען, ווי מענשען, וואָס האָבען פערמעגען. און אין אַ געוויסער צייט איז מען אויך דערגאַנגען, אַז זיי האָבען ארום פּאריז גערענט אַ הויז, אום צו פּאַר־ברענגען דעם סוף זומער.

מען איז געקומען צום שלום, אַז זיי זיינען קאַרגע, גייציגע מענשען, פּונקט ווי די אַלטע איז געווען. דאָס איז שוין הפּנים גע־לעגען אין דער פאַמיליע און דער איידעם האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיי פּונקט ווי געוואונשען.

אָבער ווי די מעשה זאָל דאָרט ניט זיין, פאַר שעהן האָט מען דאָס ניט געהאַלטען, מיט אַזאַ פערמעגען אין מיניסטעריום צו דינע־נען.

אין אַ געוויסער צייט ארום האָט מען וועגען דעם שוין מעהר ניט געטראַכט, יעדער האָט זיך געהאַט זיין מיינונג פעסט אָבגע־מאַכט.

.4

ווען לעסאַבלע איז נאָכגעגאַנגען נאָך'ן טויטען־וואָגען פון דער טאַנטע, האָט ער געטראַכט פון דעם מיליאָן. און אַזוי ווי דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט און ער האָט עס פאַר קיינעם ניט געקאָנט ארויסווייזען, איז ער געוואָרען בייז אויף דער גאַנצער וועלט.

ער האָט זיך אויך געשטעלט די פראגע, פאַרוואָס אייגענטליך זיי האָבען אין די צוויי יאָהר, וואָס זיי זיינען געווען פערהייראַט קיין קינדער ניט געהאַט. און דאָס האַרץ האָט איהם גענומען צאַפּ־לען ביי דעם געדאַנק, אַז עס קאָן אַזוי פערבלייבען.

ווי דער אינגעל, וועלכער קלעטערט אויף אַ הויכען בוים, זעהט פון אויבען איבער זיך דעם פּרייז און מאַכט ביי זיך פעסט אָב אָנ־צואווענדען אלע זיינע קרעפטען, זיין גאַנצען מוטה און ווילען, אום דאָרט אויבען צום שפּיץ צוצוקומען, אַזוי האָט אויך לעסאַבלע גע־פּאַסט דעם פערצווייפעלטען ענטשלוס צו ווערען אַ פּאָטער. אַזוי

און דערביי צו זעהן, ווי ער האלט זיך איצט. מיט גוט געשפּיעלטער ־דאנקבארקייט האָט ער אויסגעהערט זייערע רייד, אויסגעהאלטען זייערע אַלעמענ׳ס בליקען און זיך אין אַלגעמיין געהאלטען אזוי קאָ־ רעקט, דאס אַלע זיינען געבליעבען גאנץ ערשטוינט.

איינינגע האָבען געזאָגט:

— ער בעהערשט זיך אויסגעצייכענט!

און אנדערע האָבען צוגעלייגט:

דאָס מאַכט ניט אויס, אין הארצען מוז ער דאָך שטאַרק צו־ פריעדען זיין.

מאַזע, וועלכער האָט זיך מעהר ערלויבט, ווי די אַנדערע, האָט אויף א פרייען אופן פון א וועלט־מענש געפרעגט:

— ווייסט איהר שוין, ווי גרוים דאָס פערמעגען איז?

מיט א גאַנץ גלייכגילטיגען טאָן האָט לעסאבלע געענטפערט:

— ניין, געננוי ווייס איך נאָך ניט, אין דער צוואה ווערט דער־ מאָנט א מיליאָן צוויי־הונדערט טויזענד פראנק. איך ווייס דאָס דער־ פאר, ווייל דער נאָטאַריוס האָט אונז גלייך געמוזט לאָזען וויסען גע־ וויסע זאכען, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דער ירושה.

אַלע זיינען געוועזן איבערצייגט, אַז לעסאבלע וועט מעהר אין מיניסטעריום ניט בלייבען. מיט זעכציג טויזענד פראַנק יעהרלי־ כען איינקונפט בלייבט מען ניט קיין שמירער, מען שטעלט דאַן מיט זיך עטוואָס פאר, אַלע וועגען שטעהן פאר אזא איינעם אָפען. איינינגע האָבען געדענקט, אז ער וועט פּרובען ווערען א שטאאטס־ ראַט, אנדערע ווידער האָבען געמיינט, אַז ער וועט זיך אויסקליי־ בען די קאַריערע פון אַן אבגעאָרדנעטען. דער שעף איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט קומען בעטען, מען זאָל איהם ענטלאַסען.

צו דער לויה איז געקומען דאָס גאַנצע מיניסטעריום, זיי האָבען זיך געוואונדערט, וואס די פּייערליכקייט איז אביסעל צו ארעם, אָבער עס האָט געהייסען, אַז פריילין קאַבעלין האָט אין איהר צוואה אַליין בעשטימט, אַז איהר לויה זאָל זיין אַ גאַנץ איינפאַכע.

אויף׳ן אנדערן טאָג איז קאַבעלין ווידער געקומען אין ביורא, און אויך לעסאַבלע איז געקומען, נאָכדעם ווי ער איז אַ וואָך צייט קראנק געוועזן. ער איז געוועזן עטוואָס בלייך, אָבער צו דער ארבייט

גלייך געוואָרען איבערצייגט, אז די גוטע דאָרפישע לופט וועט האָ־
בען א ווירקונג אויף זיין גאַנצען געזונד. אין זיין לאַגע האָט די לופט
אָפּט וואונדערבאר געווירקט, דאָס האָט איהם צוגעגעבען זיכערקייט,
און ער האָט געהאָפּט און געגלויבט אין אן ערפאָלג. עטליכע מאָל
האָט ער געזאָגט צו זיין שוועסטער מיט א וואונק:

— ווען מיר וועלען זיין אין דאָרף, וועל איך זיך פיהלען בע־
סער, און דאַן וועט דער עסק ווערען פארטיג.

דאָס ווארט „דאָרף“ אליין האָט פאר איהם געהאט עפּעס ווי א
בעזונדערע בעדייטונג. זיי האָבען אלזאָ געדונגען אין׳ם דאָרף בע־
זאַן א קליין הייזעל, וואו זיי האָבען אלע דריי געוואוהנט. ביידע מע־
נער זיינען יעדען אין־דער־פריה געגאַנגען צו־פוס איבער די פעל־
דער צום אייזענבאהן פון קאָלאָמבעס און זיינען יעדען אבענד צו־
פוס צוריקגעקומען.

קארא האָט זיך געפיהלט גליקליך צו לעבען ביים ברעג פון ריי־
צענדען פלוס, האָט געריסען בלומען און אהיים געבראכט גרויסע,
ליכטיגע, שמעקענדיגע בוקעטען.

יעדען אבענד זיינען זיי אַללע דריי געגאַנגען שפּאַציערען נע־
בען ברעג טייך ביז צו׳ן דעם פלאַץ, וואו עס איז אָבגעצאַהמט געווען
פאר די פישער, און אין׳ם רעסטאָראן „צו די לינדען“ האָבען זיי
געטרונקען א גלאָז ביער. דאָ האָט דער טייך געשוימט, געקאָכט און
געוואָרפען מורא׳דיגע כוואליעס הויך אין דער לופט. און דאָס ברוי־
זען פון דעם וואסער־פאל האָט געמאכט ציטערן די ערד, האָט בע־
שפּריצט די לופט ארום זיך, ווי מיט א קליינעם רעגען, וועלכער
האָט זיך איבערן וואסער־פאל, ווי א רויך אויפגעהויבען, אזוי, דאָס
מען האָט נאָך פון ווייטען דעם וואסער־שטויב איינגעאטהעמט.

די נאכט האָט זיך ארונטערגעלאָזט. פון ווייטען האָט א ליכ־
טיגער פאס אָנגעוויזען דעם פלאַץ, וואו פאריז איז געלעגען און יע־
דען אבענד האָט קאבעלין געזאָגט:

— דאָס איז אביסעל א שטאָדט, הא, וואָס?

פון צייט צו צייט איז איבערן אייזערנעם בריק מיט א טראס־
קעריי און קלאפּעריי, פערבייגעפאָהרען א צוג און איז באלד ווידער

פיעל אנדערע מענשען זיינען געווען פּאַטערס, פאר וואָס־זשע זאָל ער עס ניט קאָנען זיין. פיעלייכט האָט ער עפּעס פארזעהן. ער איז געווען אַזוי זאָרגלאָז, אפשר האָט ער עפּעס ניט געוואוסט און האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט, אזוי ווי ער האָט אייגענטליך קיינמאָל ניט געהאַט דעם וואונש צו לאָזען נאָך זיך אַ יורש, האָט ער ניט אזוי שטאַרק אכטונג געגעבען, אַז דאָס זאָל געשעהן. איצט אָבער האָט ער ביי זיך פעסט בעשלאָסען צו געבען זיך די גרעסטע מיה, קיין זאַך ניט דורכלאָזען און איין מאָל האָט ער עס געוואָלט, האָט עס אויך געמוזט געלינגען.

אָבער ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער זיך געפיהלט קראַנק, און געמוזט זיך לעגען אין בעט אריין. די ענטווישונג איז געווען צו גרויס, דער קלאַפּ צו שטאַרק, און עס האָט איהם צובראָכען.

דער דאָקטאָר האָט זיין צושטאַנד געפונען פאר אזוי ערנסט, דאָס ער האָט איהם פערשריבען פאָלשטענדיגע רוה, און זאָגאר אָנ־געזאָגט, ער זאָל זיך אַ לענגערע צייט גוט שאַנעווען. מען האָט מורא געהאַט פאר אַ נערוועז־פיעבער.

אָבער אין אכט טאָג ארום איז ער ווידער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין מיניסטעריום, צו זיין געוועהנליכען דיענסט.

אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך נאָך געפיהלט צו שוואַך, האָט ער ניט געוואַגט זיך צו דערנעהנטערען צו זיין פרוי, ער האָט אָבגעוואַרט און געציטערט, ווי אַ גענעראַל, וועלכער דאַרף דורכפיהרען אַ שלאַכט, פון וועלכער עס הענגט אָב זיין גאַנצע צוקונפט. און יעדען אבענד האָט ער אָבגעלעגט אויף אַן אַנדער טאָג, ווייל ער האָט אַלץ געהאָפט אויף אַ שטונדע, ווען ער וועט זיך פיהלען געזונד, קרעפּ־טיג, שטאַרק און אויף אַלעם פעהיג. יעדען אויגענבליק האָט ער זיך געטאַפּט זיין פּולס, איהם געפונען צו שוואַך, אָדער צו שנעל, האָט גענומען מיטלען צום שטאַרקען, געגעסען רויהע פלייש און יעדען אויף־דער־נאַכט פאר'ן קומען אַהיים, האָט ער געמאַכט לאַנגע שפּאַ־ציערען, אום זיך צו קרעפטיגען.

אזוי ווי זיין גענעזונג איז ניט געקומען אַזוי שנעל, ווי ער האָט עס פערלאַנגט, איז איהם איינגעפאַלען אַן אידעע, צו פערברענגען דעם סוף פון הייסען זומער ערגעץ הינטער דער שטאָדט. ער איז

כעססמאַל אין דער דעמערונג האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אין איהם ערוואכט אַ מין פּאָעטיש געפיהל, יענעם אונבעשרייבליך גע־פיהל, וועלכעס ס'פאַלט אַמאָל אָן אויף די טעמפּפּסטע מענשען, ווען זיי זעהען אַ זונען־שטראהל אין די צווייגען, אַ זונן־אונטערגאנג הינטער די ווייטע בערג און דעם פורפור־רויטען אָבשיין אין'ם טייך. ער האָט ערקלעהרט:

— ווען איך זעה עטוואָס אזוינס, גלויב איך אין גאָט. אַלעס אין מיר ציהט זיך צוזאַמען, און מיר ווערט עפּעס גאַנץ אַנדערש אויף'ן הארצען. איך פיהל, ווי איך וואָלט אַ קאַלטע באָד גענומען, און עס ווילט זיך מיר שרייען, קוויטשען.

דערווייל איז לעסאבלע'ן געוואָרען בעסער. צייטענווייז האָט ער געהאַט אַ פערלאַנג, וועלכען ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט גע־האַט; ער האָט געפיהלט דאָס בעדערפניש ארומצולויפען, צו קייקלען זיך, ווי אַ יונג פערדעל, איבער דעם גראָז און שרייען פאַר פרייד הויך אויפ'ן קול.

צום סוף האָט ער גערענקט, אַז עס איז געקומען די ריכטיגע צייט, און זיי האָבען געפייערט אָן אמת'ע חתונה־נאַכט. דערנאָך האָט געפאָלגט אַ גאָלדענע וואָך, פול צערטליכקייט און פול האפנונג.

עס איז אוועק אַ קורצע צייט, און זיי האָבען ענטדעקט, אַז זיי־ערע פערזוכען האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג און אַז זייערע האפ־נונגען זיינען צונישט געוואָרען.

דאָס האָט אויף זיי אַ טיעפען און שווערען איינדרוק געמאַכט. אָבער לעסאַבלע האָט ניט פערלאָרען דעם מוטה, און זיך געגעבען איבערמענשליכע מיה. זיין פרוי, וועלכע האָט זיך ארומגעטראָגען מיט דעם איינענעם וואונש און געהאַט הייסערע בלוט ווי ער, האָט זיך מיט פערגעניגען אָבגעגעבען צו די דאָזיגע אַלע פערזוכען און האָט אָהן אויפהער געזוכט און געזוכט זיין אָבשטאַרבענדיגע ליעבעס־גלוט צו צוברענגען.

אין אָנהויב אָקטאָבער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטאָדט אריין.

איצט איז דאָס לעבען געוואָרען פערביטערט. עס זיינען גע־פאַלען אונפריינדליכע ווערטער, און קאַכעלין, וועלכער האָט פער־

פערשוואונדען דאָ רעכטס און דאָ לינקס, דאָ צו פאַריז־צו ,און דאָ אין דער ריכטונג פון׳ם ים.

מיט לאַנגזאַמע טריט האָבען זיי זיך צוריק אַהיים אומגע־קעהרט, געזעהן ווי די לבנה געהט אויף אויף׳ן הימעל, און זיך ביים ברעג געזעצט, אום איהר ווייכען, געלען שיין צו געניסען. און אונ־טען, אין׳ם טייך, איז, דאַכט זיך, נאָך א לבנה געווען, וועלכע איז געלאָפען מיט די וואסערן ווייט, ווייט אוועק, און וועלכע די כוואַ־ליעס האָבען ווי לייכטענדען זייד אַהער און אַהין בעוועגט. פון ווייַ־טען האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון זשאַבעס, דער געשריי פון נאַכט־פויגלען האָט זיך געטראַגען אין דער לופטען און מאַנכעסמאָל האָט זיך א מעכטיגער, שטומער שאַטען איבערן טייך אריבערגע־גליטשט און זיין רוהיגען, בליסטשענדיגען לויף פערדונקעלט. דאָס איז געווען א שיף מיט פישער־גנבים, וועלכע האָבען פּלוצים פערוואַר־פען זייער נעץ און שטיל אָהן געררויש דאָס גרויסע, דונקעלע נעץ מיט זיין צאַפּעלדיגען אינהאַלט צוריק צום ברעג ארויסגעצויגען, ווי אַן אוצר, וועלכען זיי האָבען פון דער טיעפעניש ארויסגעשלעפּט, אַן אוצר מיט לעבעדיגע זילבער־פיש.

קאַרא איז געווען בעוועגט און זיך צערטליך אָנגעשפּאַרט אָן איהר מאַן׳ם אַקסעל. זי האָט פערשטאַנען זיינע געדאַנקען, זיינע אבזיכטען, הגם זיי האָבעןביידע וועגען דעם קיינמאָל ניט גערעדט. פאַר איהר איז דאָס געווען, ווי זי וואָלט איצט אויף דאָס ניי חתונה געהאַט און זי האָט געוואַרט אויף דעם קוש פון דער ליעבע. פון צייט צו צייט האָט ער מיט זיינע ליפּען לייכט בעריהרט איהר נאַקען דאַרט, וואו עס קרייזלען זיך די ערשטע האָאַרעלאַך. זי האָט געענט־פערט מיט א האַנד־דריק. זיי האָבען בעגעהרט איינעם דעם אַנדערן, און דאָך זיך איינגעהאַלטען, אָבגעזאָגט זיך איינער פון׳ם צווייטען, ווייל ער האָט אַלץ געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך פיהלען שטאַרקער, קרעפטיגער. דאָס געשפּענסט פון דעם מיליאָן האָט זיי פערפאָלגט.

קאַבעלין איז דורך דער האָפנונג, וואָס ער האָט ארום זיך גע־זעהן, רוהיגער געוואָרען. ער האָט זיך געלעבט גאַנץ צופריעדען, גע־טרונקען זיין ווין, ניט קיין צוגעמישטען, געגעסען א סך, און מאַנ־

— וואס נוצט מיר וואס איך ארבייט אזוי שווער, ווען קיין בע־לאָהנונג קריעג איך זאָ־ווי־זא ניט דערפאר.

דער גרויסער קאפּ פון׳ם הערר טארשעבועף האָט אנגענומען א עטוואס בעליידיגטע מינע:

— איך האָב אייך שוין אמאָל געזאגט, הערר לעסאבלע, אז איך קאָן געשפּרעכען פון דיעזען סארט צווישען אונז ניט צולאָזען און איך זאג אייך נאָך א מאָל, אז אייער האנדלונג האלט איך פאר אונפּאסענד. א מענש, וועלכער געפינט זיך אין אזא גינסטיגער פינאנציעלער לאגע, מוז זיך רעכענען מיט דער ארימקייט פון זיינע קאָלעגען.

לעסאבלע האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען און ארויסגעפּלאצט:

— אָבער איך בעט אייך, איך האָב גארנישט! די טאנטע האָט איהר פערמעגען איבערגעלאזען פאר דעם ערשטען קינד, וואס וועט ביי אונז געבארען ווערען. מיין שווער און איך לעבען אויס־שליסליך פון אונזער געהאלט.

דער שעף האָט געענטפערט זעהר ערשטוינט:

— מילא, ווען איהר האָט היינט אפילו גארנישט, אמאָל וועט איהר דאָך רייך ווערען, דאָס איז אלזא כמעט אלץ איינס.

און ווען לעסאבלע איז אוועק, איז ער צוליעב זיין ניט געהעכערט ווערען געוועזען נאָך אונגליקליכער ווי צוליעב דער ירושה, וועלכע איז איהם נישט צוגעפאלען.

ווען קאכעלין איז אין עטליכע טעג ארום געקומען אין ביורא, איז דער שעהנער מאזע מיט א שמייכעל אויף די ליפּען צו איהם אריינגעקומען. דאן איז ערשיענען פּיטאָלעט מיט בלישצענדיגע אויגען און צום סוף האָט אויך באָיסעל די טיר א שטויס געטהאָן און איז אריין מיט א געלעכטער, צו־ווינקענדיג צו די איבעריגע. דער אלטער סאוואן איז געזעסען אונבעוועגליך אויף זיין הויכען שטוהל, די פּיס ווי א קליין אינגעל אויף דאס סקווער־האלץ אנגע־שפּארט, מיט דער ליולקע אין׳ם מויל, און האָט געשריעבען.

קיינער האָט ניט גערעדט קיין ווארט. עס האָט אויסגעזעהן,

שטאַנען וואס דאָ טהוט זיך, האָט זיי געמאַטערט מיט אַלערליי גראָבע, געמיינע, סאָלדאַטסקע וויצען.

איין געדאַנק האָט זיי אָהן אויפהער פערפאָלגט, געפּרעסען, געשטאָכען און אויפגעהעצט איינעם געגען אַנדערן, דער געדאַנק וועגען דער ירושה, וועלכע זיי קענען ניט ירשה'נען. איצט איז קאָרא געוואָרען פרעך און גראָב אַנטקעגען איהר מאַן. זי האָט איהם בעהאַנדעלט ווי אַ נאַרישען אינגעל, ווי איינעם, וואָס טויג ניט אַ קאַץ אָן עק צו פערבינדען, און קאַבעלין האָט צו יעדען מאהלצייט געטענה'ט:

— אָה, ווען איך זאָל זיין רייך, וואָלט איך אַ סך קינדער געהאַט. ווען מען איז אָן אָרימאַן, מוז מען זיין קלוג.

און ווענדענדיג זיך צו דער טאָכטער, האָט ער צוגעלעגט:

— דו, דו מוזט האָבען מיין נאַטור, יאָ!... — און דערביי האָט ער געוואָרפען אויף זיין איידעם אַ פיעלזאָגענדיגען בליק און געדריקט פערעכטליך מיט די אַקסלען.

לעסאַבלע האָט גאָרנישט געענטפערט, ווי אַ געבילדעטער מענש, וועלכער איז אריינגעפאַלען אין אַ פאַמיליע פון פויערים. אין מיניסטעריום האָט מען בעמערקט, אַז ער זעהט אויס שלעכט. דער שעף האָט איהם זאָגאר איין טאָג געפרעגט:

— איהר זייט קראַנק? מיר קומט פאָר, אַז איהר האָט זיך פערענדערט.

ער האָט געענטפערט:

— אַך, ניין, אייער גנאַדען, איך בין אביסעל מיעד. זייט אַ געוויסער צייט ארבייט איך זעהר פיעל, איהר ווייסט דאָך.

ער האָט שטאַרק געהאָפט געהעכערט צו ווערען צום סוף פון'ם יאָהר, און מיט דער דאַזיגער האָפנונג האָט ער געלעבט און געארבייט ווי אַ מוסטערהאַפטער בעאַמטער.

ער האָט געקראָגען אַ גאַנץ קליינע העכערונג, אַ סך אַ קלענערע ווי אַלע איבעריגע, און זיין שווער קאַבעלין גאָרנישט.

דאָס האָט געטראָפען לעסאַבלע'ן ווי אַ דונער. ער איז ווידער אַוועק צום שעף, און צום ערשטען מאָל האָט ער איהם נישט גערופען „אייער גנאַדען".

— פון דעסטוועגען זייט איהר דאָך דער פאטער פון עטליכע קינדער, איך האָב געהערט, דריי אדער פיער?

דער ארימער אלטער איז אין גאנצען רויט געוואָרען און ארויס־געשטאַמעלט:

— הערר פיטאָלעט, איהר ווילט מיר פערשאפען קריינקונג, אָבער דאָס וועט אייך ניט געלינגען. מיין פרוי האָט ווירקליך גע־האט דריי קינדער; איך האָב א גרונד אנצונעהמען, אז איך בין דער פאטער פון דעם ערשטען, אָבער די אנדערע אנערקען איך ניט.

פיטאלעט האָט אָנגעהויבען איבער אַ נייעס:

— יעדענפאלס זאגט די וועלט, אז די ערשטע איז פון אייך, דאָס איז גענוג. עס מוז זיין שעהן, צו בעזיצען א קינד, זעהר שעהן און א גרויס גליק דערצו. ווייסט איהר, איך וואלט זיך וועטען, אז לעסאבלע וואלט געוועזן גליקליך צו האָבען א קינד אזוי ווי איהר.

קאַבעלין האָט אויפגעהערט צו שרייבען. ער האָט ניט מיטגע־לאכט. הגם ער האָט געוועהנליך דעם פאטער סאוואָן ניט געשאָנע־וועט, און שטענדיג געשאַטען מיט אונפאסענדע וויצען איבער זיין שלים־מזל׳דיגען פאמיליען־גליק.

לעסאבלע האָט זיינע פאפירען צוזאמענגענומען. אבער אזוי ווי ער האָט געפיהלט, אז מען גרייפט איהם אָן, האָט ער געוואָלט בלייבען דאָ. דער עהרגייץ האָט איהם צוריקגעהאלטען. און ער האָט זיך צובראָכען דעם קאָפּ טראַכטענדיג, ווער עס האָט זיי געקאַנט זיין געהיימניס פערראַטען. דאָ האָט ער זיך דערמאַנט, וואס ער האָט געזאָגט דעם שעף, און בעגריפען, אז מען מוז דאָ גלייך אויף׳ן אָרט האנדלען זעהר ענערגיש, אויב ער וויל נישט ווערען די ציעל־ברעט פון אלע פוילע וויצען און שפּאסען פון גאנצען מיניסטע־ריום.

באָיסעל איז לאַבענדיג ארומגעגאנגען הין און צוריק, ער האָט אויסגערופען:

— די קונסט, קינדער צו האָבען, צעהן סאַנטימס! קויפט די קונסט, קינדער צו מאכען. ענטדעקט פון הערר סאַוואָן, מיט מורא־דיגע איינצעלהייטען.

ווי מען וואלט אויף עפּעס געוואַרט, נור קאַבעלין האָט שטיל פאַר זיך, ווי דאָס איז געווען זיין געוואוהנהייט, די אַקטען געלעזען:

— טולאָן, ליפערונג פאַר דעם אָפּיציער׳ס טיש אויף דעם „רישעליע״...

לעסאַבלע איז אַריין. איצט האָט ער זיך זיינע פּאַפּירען יעדען טאָג אַליין גענומען, ווייל זיין שוועד האָט זיך ניט געגעבען די מיה, זיי איהם דורך׳ן דיענער צוצושיקען.

בעת ער האָט אויף דעם בוכהאַלטער׳ס טיש די פּאַפּירען געזוכט, האָט איהם מאַזע אָנגעקוקט פון דער זייט און זיך גענומען רייבען די הענד. פּיטאַלעט האָט זיך גערדעהט א פּאַפּיראָס און אַרום די ווינקלען פון זיין מויל האָט ניט אויפגעהערט צו שפּיעלען א שמייכעל. ער האָט זיך געווענדעט צום איבערזעצער:

— זאָגט מיר אָקאַרשט, פּאַטער סאַוואַן, איהר האָט דאָך אין אייער לעבען פיעלעס דורכגעמאַכט?

דער אַלטער מאַן האָט פערשטאַנען, אַז מען וויל פון איהם לאַכען און ווידער אַמאָל מאַכען א רייד פון זיין פרוי, און ער האָט נישט געענטפערט.

פּיטאַלעט האָט געזאָגט:

איהר האָט דאָך אימער דעם קונץ פערשטאַנען, קינדער צו האָבען, דען איהר האָט דאָך עטליכע, זאָלען לעבען?

דער גוטער מאַן האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ:

— איהר ווייסט, הערר פּיטאַלעט, אַז איך האָב נישט ליעב אַזעלכע שפּאַסען. איך האָב געהאַט דאָס אונגליק אַן אונווירדיגע פרוי צו קריגען און ווען איך האָב געהאַט בעווייזע פון איהר אונטרייהייט, האָב איך זיך מיט איהר גע׳גט.

מאַזע האָט געפרעגט מיט א גלייכגילטיגען טאָן גאַנץ ערנסט:

— איהר האָט עטליכע מאָל געהאַט בעווייזע פון איהר פאַלשקייט, ניט אמת?

און פּאַטער סאַוואַן האָט געענטפערט:

— יאָ, אַזוי איז דאָס.

פּיטאַלעט האָט גענומען דאָס וואָרט:

עס האָט אויסגעבראָכען אַן אַלגעמיינער געלעכטער און פער־הילכט זיינע רייד. דעם אַלטען סאַוואַן האָט געגומען קלאָהר ווערען, אַז ניט איהם האָט מען דאָס היינט געמיינט און ניט איהם לאַכט מען דאָ אויס און ער איז געבליעבען זיצען מיט אַן אָפּענעם מויל און אויפגעהויבענער פּעדער. קאַכעלין איז געוועזען בערייט יעדען אויגענבליק אַנצופאַלען אויף וועמען עס איז, וועך עס וועט איהם אין וועג קומען.

לעסאַבלע האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך פערשטעה אייך ניט. וואָס האָט מיר נישט געגליקט?

דער שעהנער מאַזע האָט אַבגעלאָזט איין פּאָלע, אַ דרעה גע־טהאָן מיט דער פריייער האַנד זיינע וואָנסעס און געענטפערט מיט אַ געוויסער מינע:

— איך וויים, אַז אייך געלינגט געוועהנליך אַלסדינג צו וואָס איהר נעהמט זיך נור. איך האָב הפנים אַ טעות געהאַט, ווען איך האָב פון אייך גערעדט. אגב האַנדעלט זיך דאָ וועגען די קינדער פון פּאַטער סאַוואַן און ניט וועגען אייערע, ווייל איהר האָט דאָך גאָר קיין קינדער נישט. און דערביי, אַזוי ווי אייך גליקט אָב אַלעס וואָס איהר אונטערנעהמט, איז עס דאָך קלאָהר, ווי דער טאָג, אַז ווען איהר האָט ניט קיין קינדער, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל איהר ווילט זיי נישט האָבען!

לעסאַבלע האָט געפרעגט גראָב:

— וואָס נעהט עס אייך אָן?

גערייצט פון דעם טאָן, האָט אויך מאַזע אויפגעהויבען זיין קול:

— הערט אויס, איהר דאַרט, וואָס פאַלט אייך איין. איך זאָג אייך אַפריהער, איהר זאָלט זיך האַלטען העפליך, אַז ניט וועט איהר האָבען צו טהאָן מיט מיר.

אָבער לעסאַבלע האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג און זיך ניט געקענט מעהר איינהאַלטען:

— הערר מאַזע, איך בין ניט אַזאַ שעהנער יונג, ווי איהר, און ניט אַזאַ פּאַט, איך בעט אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, איהר זאָלט מיט מיר נישט רעדען. איך קימער זיך ניט וועגען אייך און אייער

אלע האָבען זיך צולאכט, אויסער לעסאבלע און זיין שוועה. און פיטאלעט האָט זיך געווענדעט צום רעגיסטראטאר:

— וואָס טהוט זיך מיט אייך קאכעלין? וואו איז אהינגע־קומען אייער געוועהנליכע גוטמוטהיגקייט? עס זעהט כמעט אויס, אז איהר געפינט ניט פאר קאָמיש, וואס פאטער כאוואן האָט א קינד פון זיין פרוי. אָבער איך געפין, אז דאָס איז זעהר קאָמיש און זעהר וויציג, ווייל ניט יעדער קען אזוינס בעווייזען.

לעסאבלע האָט נערוועז געבלעטערט זיינע פאפירען און גע־מאכט אן אנשטעל, אז ער לעזט און הערט קיין זאך ניט, אָבער ער איז געוואָרען בלייך ווי קאלך.

באָיסעל האָט ווידער אנגעהויבען ווי אן אינגעל, וואס רופט אויס אין גאס זיין סחורה:

— צום נוצען פון יורשים, ווען מען וויל ירשה'ענען, צעהן סאנטימס! קויפט, קויפט! צעהן סאנטימס!

מאזע האָט פערזענליך געטראגען א הארין אויף לעסאבלע'ן פארוואָס יענער האָט ביי איהם אויסגעכאפט דעם פערמעגען, אויף וועלכען ער האָט אין דער שטיל גרויס האפנונג געלעגט, און ער האָט איהם געפרעגט גאנץ אָפען:

— וואָס איז מיט אייך, לעסאבלע, איהר זעהט אויס אזוי בלייך?

לעסאבלע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אריינגעקוקט זיין קאָלעגע גלייך אין פנים אריין. אן אויגענבליק האָט ער געטראכט מיט ציטערענדיגע ליפּען און געזוכט עטוואס בעליידיגענדעס, עט־וואָס שארפזיניגעס. ער האָט אבער ניט גלייך געפונען, וואס ער האָט געזוכט און געענטפערט:

— מיר איז גארנישט. איך וואונדער זיך בלויז, וואס איהר גיט זיך אזוי פיעל מיה וועגען מיר.

מאזע, וועלכער איז נאָך אלץ געשטאנען ביים פייער און האָט מיטביידע הענד די פּאָלעס אין דער הויך פעררייסען, האָט לאכענ־דיג זיך אבגערופען:

— יעדער טהוט וואס ער קאן. אונז געהט עס פונקט אזוי ווי אייך. ניט אימער גליקט עס אָב...

האָט ער פּרובירט זיך אבצוריינינגען, אבער אָהן ערפאָלג. ער איז געוועזן אבגעגאסען מיט בלויען טינט, וועלכען מען האָט בּשום אופן ניט געקאנט אפוואשען. צוקאָכט און פערצווייפעלט איז ער גע־שטאַנען פאר׳ן שפּיגעל און זיך, ווי א משוגענער, געריבען דעם פּנים מיט א צוזאמענגעדרעהטען האנדטוך. אָבער די שווארצקייט האָט נור אָנגענומען פערשיעדענע קאלירען דורך דאָס בלוט, וועלכע איז אונטער׳ן הויט אנגעלאפען.

באָיסעל און פּיטאלעט האָבען איהם נאָכגעפאלגט און איהם געגעבען פערשיעדענע עצות. איינער האָט געזאגט, אז ער מוז אויס־וואשען זיין פּנים מיט ריינעם אליוועןאויל; דער אנדערער ווידער, אז אמאָניא איז דער בעסטער מיטעל. דאן האָבען זיי אוועקגעשיקט א דיענער אין אפּטהעק, אום דארט צו פרעגען אן עצה. ער האָט געבראכט פון דארט א געלע פליסיגקייט און אזא מין שטיין. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען.

מאזע האָט פערלארען דעם מוט, זיך געזעצט און ערקלעהרט:

— איצט איז אונז נור פערבליעבען איינצוארדנען די עהרען־פראגע. איך בעט אייך, איהר זאָלט זיין מיינע סעקונדאנטען און זאָלט געהן צו הערר לעסאבלע׳ן. איך פערלאנג, אדער ער זאל זיך פאר מיר ענטשולדיגען, אדער מיר זאלען זיך שלאָגען.

ביידע האָבען דאס אנגענומען און זיך בעראטען וואס צו טהאָן. זיי האָבען פון אזעלכע זאכען קיין שום בעגריעף ניט געהאט, האָבען עס אָבער ניט געוואלט ארויסווייזען, און וועלענדיג האנדלען ריכטיג, מיט אלע פּיטשעוועקעס, ווי עס פּאסט פאר אזא פאַל, האָבען זיי א לאנגע צייט ניט געקענט קומען צו קיין שום טאָלק. ענדליך האָ־בען זיי זיך בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו אַ געוויסען קאפּיטאן, וועל־כער האָט געדינט אין מיניסטעריום, און פרעגען ביי איהם אַ ראַטה. צום שלים־מזל האָט ער אויך ניט פיעל געוואוסט. נאָך א ווייל״ע טראכטען, האָט ער זיי געראטהען זיך צו זעהן מיט לעסאבלע׳ן און איהם צו בעטען, ער זאל זיי אנרופען צוויי סעקונדאנטען.

בעת זיי האָבען געגומען געהן צום צימער פון זייער קאלעגע, איז באָיסעל פּלוצים שטעהן געבליעבען:

— מוזען מיר אָנטהאָן האנדשוה?

גלייכען. — דערביי האָט ער אַ וואַרף געטהאָן אַן ארויספאָדערנ־דיגען בליק אויף פיטאלעט און באָיסעל.

מאָזע האָט גלייך פערשטאַנען, אז מען מוז זיך האלטען קאלט און רוהיג און נור דאן וועט מען זיך קאָנען אברעכענען פאר דער בעליידיגונג. אָבער ער האָט זיך געפיהלט צו שטאַרק בעליידיגט. ער האָט געוואלט אַ שטאך טהאָן זיין פיינד אין דער סאמע טיעפע־ניש און ער האָט געענטפערט אין אַ פיינדליכען טאָן, מיט אַ פייער־דיגען בליק:

— מיין ליעבער לעסאבלע, דאָס איז שוין אביסעל צופיעל. איך פערשטעה גאנץ גוט אייער כעס. עס איז זעהר אונאנגענעהם צו פערליערן אַ פערמעגען, און איבערהויפּט נאָך צוליעב אזא קליי־ניגקייט, צוליעב אזא לייכטע, אזא איינפאכע זאך. הערט אויס, ווען איהר האָט נישט דאגעגען, דאן וועל איך אייך אין דער זאך גערן ארויסהעלפען, און איך וועל עס אייך טהאָן אומזיסט, ווי אַ גוטער קאָלעגע. איך טהו עס אָב אין פינף מינוט...

ער האָט געוואלט ווייטער רעדען, אָבער דא האָט לעסאבלע נעכאַפּט דעם אַלטען סאוואָן׳ס טינטער און איהם אַ שליידער גע־טהאָן מאָזע׳ן אין קאָפּ אריין. אַ שטראָם טינט האָט מאָזע׳ן פער־גאָסען דעם פּנים און שנעל איהם אין אַ ניגער פערוואנדעלט. ער האָט זיך אַ ווארף געטהאָן אויף לעסאבלע׳ן מיט אויסגעפּוטשעטע אויגען און אויפגעהויבענע פויסטען. אָבער קאכעלין האָט זיך גע־שטעלט אין מיטען, האָט אַ כאפּ געטהאן מאָזע׳ן מיטביידע הענד, אבגעשטויסען איהם אַן אַ זייט, געגעבען איהם אַ פּאָאר גוטע קלעפּ און צוגעדריקט צו דער וואנד. מאָזע האָט זיך מיט גוואלד לויז גע־מאכט, אויפגעריסען די טיר און אַ געשריי געטהאָן צו ביידע מענער:

— איהר וועט פון מיר הערען.

דערמיט איז ער פערשוואונדען.

פיטאלעט און באָיסעל זיינען אוועק נאָך איהם. פיטאלעט האָט זיך פאַרענטפערט, פאר וואס ער האָט זיך אבגעטראגען: ער וואָלט זיכער איינעם אויף טויט דער׳הרג׳ט, ווען ער וואלט אנטהייל גענומען אין׳ם קאמפּף — האָט ער געזאגט.

אזוי שנעל ווי מאָזע איז ווידער געווען ביי זיך אין׳ם צימער,

לעסאבלע האָט זיי צושראָקען אנגעקוקט. וואס זאל ער טהאָן? ער האָט געוואלט געווינען צייט:

— מיינע הערען — האָט ער געזאָגט — אין צעהן מינוט זאָלט איהר האָבען מיין ענטפער. ווילט איהר אזוי גוט זיין און אבווארטען אין הערר פּיטאלעט'ס צימער?

אזוי שנעל ווי ער איז געבליעבען אליין, האָט ער זיך ארומ־געקוקט, ווי ער וואלט הילף און שוץ געזוכט. גאָט, א דועל! ער זאל זיך שלאָגען! ער איז געוועזן דערשראָקען אויף טויט, ווי א פריעדליכער מענש, וועלכער האָט קיין מאל פון אזא מעגליכקייט ניט געטראכט, זיך קיין מאָל אין אזעלכע געפאהרען ניט אריינגע־לאָזט און איז איבערהויפּט צו אזעלכע אויפרעגונגען ניט געוואהנט געוועזן. ער האָט זיך געוואלט אויפהויבען און איז מיט א קלאפּענדי־גען הארצען, ווי א געלעהמטער, געפאלען צוריק אין זיין שטוהל אריין. זיין צאָרן און זיין ענערגיע זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען. אָבער דער געדאנק וועגען דעם מיניסטעריום און דאס רעדעריי, וואס די זאך קאָן ארויסרופען, האָט אויפגעוועקט זיין דערשלאגענעם עהרגייץ, און אזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט צו וואס ער זאל זיך ענטשליסען, איז ער אוועק צום שעף, הערען וואס יענער וועט איהם זאגען.

הערר טארשעבועף איז געוואָרען זעהר פערוואונדערט און ער־שטוינט. ער האָט ניט געהאלטען פאר נויטיג צו־צולאזען צו א דועל. ער האָט געהאט אין זינען, אז אזעלכע זאכען קאָנען נור שטערען די ארבייט אין ביורא און ער האָט געזאָגט:

— איך קאָן אייך דא ווירקליך גאר נישט זאגען, דאָס איז אָן עהרען־זאך, וועלכע געהט מיך גאָרנישט אָן. איך קען אייך נור געבען א רעקאמענדאציאָן צום קאמענדאנט באוק. דאָס איז א מאָן, וועלכער האָט אין אזעלכע זאכען א סך ערפאהרונג און וועט אייך גערן העלפען מיט וואס ער וועט קענען.

לעסאבלע האָט איהם געפאלגט און איז אוועק צום קאמענדאנט, וועלכער האָט זיך זאָגאר אנגעבאָטען צו זיין סעקונדאנט. אן אונ־טערשעף האָט ער גענומען פאר'ן צווייטען סעקונדאנט.

באָיסעל און פּיטאלעט, נאָך אלץ אין האנדשוה, האָבען זיי

פיטאלעט האָט אן אויגענבליק געטראכט:

— יאָ, אפשר ביזטו גערעכט!

אָבער אום זיך צו פערשאפען האנדשוה, האָבען זיי געמוזט פערלאזען די ביורא און מיט דעם שעף האָט מען ניט געקענט טרייבען קיין קאטאָוועס. און זיי האָבען ווידער אוועקגעשיקט דעם דיענער, ער זאָל זיי פון אַ דערבייאיגער קראם ברענגען עטליכע פּאָאר האנדשוה אויף אויסצוקלייבען. א צייט לאַנג האָבען זיי זיך מיישב געווען וואס פאר א פארב זיי זאלען נעהמען. באָיסעל איז געווען פאר שווארץ. פיטאלעט האָט געדענקט, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען פאסען ניט קיין שווארצע האנדשוה און זיי האָבען גע־נומען וויאָלעטעווע.

ווען לעסאבלע האָט דערזעהןביידע מענער אין האנדשוה און מיט ערנסטע מינעס אריינקומענדיג צו איהם, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאפּ און קורץ געפרעגט?

— וואס פערלאנגט איהר?

פיטאלעט האָט געענטפערט:

— מיר קומען אויף דעם וואונש פון אונזער פריינד, הערר מאָזע, אום אייך אויפצופאדערען, אז איהר זאלט זיך אדער ענט־שולדיגען פאר דער טהאט, וועלכע איהר האָט פריהער בעגאנגען, אָדער מיט וואפען זיך שלאָגען.

לעסאבלע האָט א געשריי געטהאָן אויסער זיך:

— וואס? פריהער בעליידיגט ער מיך און דאן וויל ער נאך איך זאל זיך מיט איהם שלאָגען? זאגט איהם, אז איך פעראכט איהם, אז מיר געהט גאָר נישט אָן, וואס ער טהוט און וואס ער וויל.

באָיסעל איז צוגעקומען נעהנטער:

— איהר וועט אונז דאן צווינגען צו פערעפענטליכען אין די צייטונגען די גאנצע געשיכטע, און דאָס קאָן פאר אייך ווערען זעהר אונאנגענעהם.

און פיטאלעט האָט צוגעלעגט מיט גיפט:

— און דאָס וועט זיך זעהר ניט פאסען פאר אייער עהרע און קאָן זיין א שטערונג פאר אייער צוקונפטיגער אוואנסירונג.

טענות, און האָט דעם אנגעוואָרפענעם בריעף, וועלכע זיינע סע־
קונדאנטען האָבען איהם געבראכט, אנגענומען מיט די ווערטער:

— אזוי לאנג, ווי דאָס-איז אייער מיינונג, מוז איך נאטירליך
אויך צושטימען.

און די פיער מאכטהאבער זיינען זיך ווידער צוזאמענגעקומען.
מען האָט אבגעגעבען די בריעף, זיך פייערליך בעגריסט און ווען די
זאך איז געוואָרען אבגעטהאָן, איז מען זיך צוגאנגען יעדער אין
זיין זייט.

אין ביורא האָט דערוויילּ געהערשט אן אויסערגעוועהנליכע
אויפרעגונג. די בעאמטע זיינען געלאָפען פון איין טיר צו דער אנ־
דערער, האָבען אבגעשטעלט איינער דעם אנדערען אין די קארידא־
רען, אום זיך נאכצופרעגען אויף נייעס.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אז די זאך איז געענדיגט, האָ־
בען זיך אלע געפיהלט ענטוישט. עמיצער האָט אויסגערופען: „פון
אזא ליעבע וועט דאָך קיין קינד ניט ווערען, און לעסאבלע פער־
שטעהט ניט ווי עס צו מאכען!" און דאָס דאָזיגע ווערטעל האָט גע־
נומען געהן פון מויל צו מויל. איינער פון די בעאמטע האָט זאגאר
פערפאסט א ליעד אויף דער געשיכטע.

ווען אלעס איז שוין געווען אויסגעגליכען און געענדיגט, האָט
באָיסעל פלוצים אנגעוויזען אויף א נייע שוועריגקייט. ווי אזוי זאָלען
זיך די געגנער האלטען, ווען זיי ועלען זיך טרעפען? זאָלען זיי זיך
גריסען? זאלען זיי מאכען אן אנשטעל, ווי זיי קענען זיך גארניט?

נאָך א קורצער בעראטונג איז מען געקומען צום שלום, אז
זיי זאלען זיך, ווי דורך א צופאל, טרעפען ביים שעף אין ביורא
און אין דער געגענוואַרט פון הערר טארשעבועף זאלען זיי איינער
דעם צווייטען זאָגען עטליכע העפליכע ווערטער.

די דאזיגע צערעמאָניע איז גלייך דורכגעפיהרט געוואָרען. דאָן
האָט מאזע זיך געהייסען ברענגען א דראשקע און איז אוועקגע־
פאָהרען אהיים, אום זיך דארט ווי עס איז ריין צו מאכען.

ניט רעדענדיג קיין ווארט, צוקאכט איינער אויף'ן אנדערען,
ווי זיי וואלטען זיך געגענזייטיג בעשולדיגט אין דער זאך, זיינען
לעסאבלע און קאכעלין אהיים געגאנגען. ווען לעסאבלע איז אריין

ערוואַרט, פון דעם צווייטען צימער האָבען זיי צוויי שטוהלען אנט־ליהען, אום זיי זאלען האבען פיער.

מען האָט בעגריסט פייערליך איינער דעם אנדערען און זיך געזעצט. פיטאַלעט האָט גענומען דאָס וואָרט און ערקלעהרט די לאַגע. דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעהערט און גענטפּערט:

— דאָס איז אַן ערנסטע זאַך; דאָך שיינט מיר, אַז עס לאָזט זיך אויסגלייכען, אַלעס הענגט נאַטירליך אָב פון גוטען ווילען.

ער איז געוועזען אַ פּרעהליכער אַלטער וויצלינג און די גאַנצע געשיכטע האָט איהם געמאַכט שפּאַס.

און עס זיינען אוועק לאַנגע ערקלעהרונגען וועגען די פּער־שיערענסטע קליינינקייטען, וועלכע זיינען נוגע דער דאָזיגער זאַך. אין דער צייט האָבען זיי אויך אנגעוואָרפען פיער בריעף איי־נעם נאָך'ן אַנדערען, און וועלכע ביידע צדדים האָבען זיך געזאָלט ענטשולדיגען. ווען הערר מאַזע זאָל זאָגען, אַז ער האָט ניט געהאַט אין זינען צו בעליידיגען זיין קאָלעגע, דאַן וואָלט הערר לעסאַבלע אודאי צוגעגעבען, אַז ער האָט געטהאָן אַן אונרעכט דערמיט, וואָס ער האָט דעם טינטער טינט געוואָרפען יענעם אין פּנים אריין און וואָלט זיך פאַר זיין ניט־אַרומגעטראַכטע האַנדלונג ענטשולדיגט.

און די פיער מענער האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו זייערע ... יינד.

די מעגליכקייט פון אַ דועל האָט מאַזע'ן שרעקליך אויפגע־רעגט, הגם ער האָט ערוואַרט, אַז זיין געגנער וועט זיך דערפון אָב־זאָגען. ער איז געזעסען פאַר זיין טיש און בעטראַכט דאַ איינע און דאָ די צווייטע באַק אין אַ קליינעם, צינענעם שפּיעגעלע, איינעם פון די, וועלכע אַלע בעאַמטע האָבען ביי זיך אין זייער טיש־קעס־טיל, אום אין אָבענד, איידער זיי געהען אהיים, זאָלען זיי קאָנען צורעכט מאַכען די האָאַר, די באָרד און דעם שניפּס.

ער האָט איבערגעלעזען די בריעף, וועלכע מען האָט איהם פאָרגעלעגט, און מיט קאָנטיגער בעפריעדיגונג ערקלעהרט:

— מיר שיינט, אַז דערמיט איז די עהרע ווידער גענוג פעסט־געשטעלט. איך בין בערייט אונטערצושרייבען.

לעסאַבלע פון זיין זייט האָט אויך ניט געמאַכט קיין וויטערע

— און וואס האט ער געטהאן?

— ער האט מיר געשיקט זיינע סעקונדאנטען.

איצט האט זי זיך אינטערעסירט מיט דער געשיכטע אין אלגע־מיין, ווייל דראמאטישע עפיזאדען האבען זי, ווי אלע פרויען, שטארק אינטערעסירט. זי האט פלוצים דערפיהלט א געוויסע אכטונג פאר דעם דאזיגען מאן, וועלכער איז בערייט געוועזען זיין לעבען פאר איהר אין קאן איינצושטעלען, און ווייכער ווערענדיג, האט זי פלוצים געפרעגט:

— און ווען שלאגט איהר זיך?

ער האט רוהיג געענטפערט:

— מיר שלאגען זיך ניט. די סעקונדאנטען האבען די זאך אויס־געגלייכט. מאזע האט זיך ענטשולדיגט.

זי האט איהם אנגעקוקט און אויסגערופען מיט דער גרעסטער פעראכטונג:

— אזוי, מען בעליידיגט מיך אין דיין געגענווארט, דו לאזט זאגען אויף מיר וואס מען וויל און שלאגסט זיך ניט. צו דיינע אלע מעלות ביזטו נאך א פייגלינג אויך.

דאס האט איהם אויפגעקאכט:

— איך בעפעהל דיר, זאלסט האלטען מויל. איך וויים בעסער פון דיר, ווי מיין עהרע צו בעשיצען. אויסערדעם, אט דא איז הערר מאזע'ס בריעף. אט לעז...

זי האט גענומען דאס פאפיער, עס שנעל איבערגעקוקט, האט אלעס פערשטאנען און געענטפערט לאכענדיג:

— דו האסט מסתמא אויך געשריעבען א בריעף? איהר האט פשוט מורא איינער פאר'ן צווייטען. אך, ווי פייג די מענער זיינען! ווען מיר, פרויען, וואלטען געוועזען אויף אייער פלאץ! אלזא, קורץ, ביי דער גאנצער געשיכטע בין איך בעליידיגט געווארען, איך, דיין פרוי, און דאס איז פאר דיר גענוג. איצט וואונדערט מיך ניט מעהר, וואס דו קענסט ניט האבען קיין קינד. מיט די פרויען ביזטו פונקט אזא שלומיאל, א שמאטע, ווי מיט די מענער. א שעהנעם פרא אדם האב איך מיר אויף'ן האלז אנגעהאנגען.

זי האט פלוצים אנגענומען די שטימע און בעוועגונגען פון

אין זיין צימער, האָט ער א שמייכל געטאָן, האָט דיט אייף'ן קאָמאָד
און אויסגערופען צו זיין פרוי:

— איצט אין שיין די מאַס פאָרפיל, איך האָב צילעב דיר שיין
א דועל אויך!

זי האָט איהם אנגעקוקט ערשטוינט און איבערגעטט:

— א דועל? פארוואס?

— ווייל מאַיע האָט דיך און הערמיט מיך אויך בעליידיגט.

זי איז צונעקומען נעהנטער.

— מיך! ווי אזוי?

ער האָט זיך בייז א וואָרט נעטראָן אויף א שטיהל און גער
ענטפערט:

— ער האָט מיך בעליידיגט. מערר דאַרף איך נישט זאָגען.

אָבער זי האָט אַלעס געוואָלט וויסען:

— איך פערלאַנג, דו זאָלסט מיר דערצעהלען, וואָס ער האָט
וועגען מיר געזאָגט?

לעסאַבלע איז רויט געוואָרען און האָט אויסגעשטאַמעלט:

— ער האָט מיר געזאָגט... ער האָט מיר געזאָגט... וועגען דעם
וואָס דו האָסט נישט קיין קינדער... וועגען דיין אונפרוכטבאַרקייט...

צוערשט האָט זי זיך דערשראָקען, דאַן איז אויף איהר אנגע
פאַלען א מורא'דיגער צאָרן; דעם פאָטער'ס מאָבקייט האָט זיך בוי
איהר הורכגעריסען און זי האָט אויסגעפּלאַצט:

— איך, איך בין אונפרוכטבאַר? אבער וויים יענער פרא ארם
וועמעס שולד דאָס איז? איך בין אונפרוכטבאַר מיט דיר. יא, ווייל
דו ביזט נישט קיין מאַן, אבער ווען איך וואָלט געהייראט מיט א
אַנדערען, מיט יעמען עס איז, אבי נור נישט מיט דיר, וואָלט איך
שוין געהאַט קינדער. נו, יאָ, דו האָסט נאָך וואָס צו רעדען! איך
בין נישט אריינגעפאַלען, וואָס איך האָב מיט אזא שלימיל, ווי דו
חתונה געהאַט. און וואָס האָסטו יענעם ליטפ געענטפערט?

לעסאַבלע איז געוועסען א דערשראָקענער פון דעם פּלוצלומדיי
גען שטורם און געשטאַמעלט:

— איך האָב איהם דערלאַנגט אין באַק.

זי האָט אויף איהם ערשטוינט א קוק געטהאָן:

— ארויס! ארויס! דאָס איז מיין הויז, דו הערסט, דאָ וואוין איך! דו זאָלסט גלייך געהן פון דאַנען!

דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן פון קאָמאָדע אַ פלאַש פון מעדי־צין און זי אויפגעהויבען איבער'ן קאָפּ, בערייט אַ וואָרף צו טהאָן.

קאַבעלין האָט זיך דערשראָקען און זיך ארויסגערוקט מיט די ווערטער:

— וואָס איז ער משוגע געוואָרען?

אָבער לעסאַבלע'ס כעס האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט. דאָס איז שוין געווען צופיעל. ער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אביסעל אַ פערוואונדערטע פון זיין צאָרן און האָט איהם נאָך אימער אָנגעקוקט. נאָכדעם ווי ער האָט די פלאַש צוריק פון דער האנד ארויסגעלאָזט, האָט ער ארויסגעשיפּעט:

— און דו! און דו!

אָבער אזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, איז ער געבליעבען שטעהן פאר איהר מיט אַ פּנים אַ צוקרימטען פאר כעס.

זי האָט זיך צולאַכט.

איהר לאַכען האָט איהם איבער־אַ־נייעס צורייצט און האַלב־משוגע געמאַכט. ער האָט זיך אויף איהר אַ וואָרף געטהאָן, אָנגע־כאַפּט זי מיט דער לינקער האנד און מיט דער רעכטער געגעבען עט־ליכע מורא'דיגע פּעטש. אויסער זיך און קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטהעם, האָט זי זיך פון איהם אַ ריס געטהאָן, האָט זיך אָנגעשטוי־סען אָן בעט און געפאַלען דארויף מיט'ן רוקען. ער האָט זי ניט איינגעלאָזען, און זי אַלץ געהאַלטען אין איין שלאָגען. פּלוצים האָט ער זיך אויפגעהויבען אַ פערמאַטערטער, אהן אָטהעם און, פער־שעהמט פון זיין אייגענער ברוטאַליטעט, האָט ער ארויסגעשטאָ־מעלט:

— דאָס קומט דערפון... דאָס קומט דערפון....

אָבער זי האָט זיך ניט בעוועגט, ווי ער וואָלט זי דער'הרג'עט. זי איז געבליעבען ליגען אויפ'ן רוקען און געהאַלטען איהר פּנים מיט דער האַנד צוגעדעקט. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר עטוואָס צומישט און זיך אַליין געפרעגט, וואָס וועט איצטער זיין. ער האָט געוואַרט ביז זי האָט צוגענומען די הענד פון'ם פּנים, אום צו זעהן, וואָס איז

איהר פאטער, האָט גערעדט מיט מענערשע טענער און זיך בענומען גראָב און פרעך ווי אן אלטער סאלדאט.

זי איז געשטאנען פאר איהם מיט די הענד אין די זייטען, גרוים, שטאַרק, קרעפטיג, מיט א פולער, רונדער ברוסט, מיט א רויט פּנים, א טיעפער, ציטערענדיגער שטימע. דאָס בלוט איז איהר אין די פרישע, שעהנע באקען אריין און אזוי איז זי געשטאַנען און אנגעקוקט דעם קליינעם, בלייכען, עטוואס פליכעוואטען, גלאט ראַזירטען מאן מיט זיין קורצער ציגענער בערדיל. זי האָט געפיהלט א שטארקען פערלאנג, איהם צו דערווערגען, איהם צו שלאָגען, הרג'ענען.

און זי האָט ווידערהאלט:

— דו טויגסט צו קיין זאך נישט, אפילו אלס בעאמטער קריכען זיי דיר אויך אלע אויף'ן קאָפּ ארויף.

די טיר האָט זיך געעפענט. קאכעלין, וועלכער האָט דערהערט א גערויש, א ליארם פון שטימען, איז אריין און געפרעגט:

— וואָס איז דען געשעהן?

זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צום פאטער:

— זאָג דעם דאָזיגען גולם דעם אמת.

און ווען לעסאבלע האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט ער פלוצים בעמערקט, ווי עהנליך זיי זיינען איינער צום צווייטען, פאטער און טאכטער. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי א שלייער וואָלט פון זיינע אויגען ארונטערגעפאלען און זיי האָבען זיך פאר איהם בעוויזען אין זייער אמת'ער געשטאלט, ווי דער פאטער אזוי די טאכטער,ביידע פון איין בלוט, פון איין גראָבער, געמיינער ראַסע. און ער האָט זיך גענומען פיהלען אונגליקליך, פערשאלטען, וואס ער מוז זיין גאנץ לעבען פערברייגנען מיט די דאזיגע העסליכע, גראָבע נפשות.

קאכעלין האָט ערקלעהרט:

— ווען דו וואָלסט זיך וויניגסטענס געקאָנט גט'ן מיט איהם. עס איז אודאי ניט אנגענעהם צו האָבען א שלים־מזל פאר א מאן.

ביי דעם דאָזיגען ווארט איז לעסאבלע אויפגעשפרונגען א פערציטערטער. ער איז צוגעגאנגען צו זיין שווער און גענומען שרייען:

זעהן אין איהר אויג א טרעהר, א גרויסע גלענצענדע טרעהר, וועל־כע האט זיך ארופגעלעזט און איז איבער איהרע באקען ארונטער־גערונען. און פלוצים האבען איהרע אויגען־לעדלאך אנגעהויבען צו צוקען.

דאן האט ער זיך מיט אפענע ארעמס א ווארף געטהאן אויף זיין פרוי. מיט זיינע ליפען האט ער איהר האנד אבגעשטופט, גענו־מען קושען איהר פנים און געבעטען:

— ארימע קארא, ווענסטו מיר דען ניט פערצייהען? פערצייהע מיר, איך בעט דיך! איך בעט דיך!

זי האט נאך אלץ געוויינט, ווי אין טיעפסטען שמערץ, שטיל, אהן שלוכצען. ער האט זי צוגערריקט צו זיך, געגלעט זי, און אין איהר אויער ארייגעשושקעט אלע זיסע ווערטער, וועלכע זיינען איהם נור איינגעפאלען. אבער עס האט געשיינט, אז אויף איהר האט עס קיין שום איינדרוק ניט געמאכט. צום סוף האט זי אויפגעהערט צו־וויינען און א לאנגע צייט זיינען זיי געבליעבען ליעגען פעסט ארומגענומען.

די נאכט איז געקומען און זיך איבער'ן קליינעם צימער ארונ־טערגעלאזען, און ווען עס איז גאנץ דונקעל געווארען, האט ער זיך געמאכט הארץ און אויסגעבעטען איהר פערצייהונג אויף אזא ארט און וייזע, דאס זיי האבען ווידער איבער־א־נייעס גענומען האפען...

ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען, האט ער ווידער אנגענומען זיין געוועהנליכען פנים און זיין געוועהנליכע שטימע, ווי עס וואלט גאר־נישט פאסירט. זי אבער האט מיט איהם גערעדט ווייכער, מיט א צערטליכערען טאן, ווי געוועהנליך, און האט געקוקט אויף איהר מאן כמעט מיט ליעבע, אזוי ווי די ארט און וייזע, אויף וועלכער ער האט אונערווארטעט זיין אונרעכט ווידער גוט געמאכט, וואלטען איהרע נערוועז בערוהיגט און איהר הארץ ווייכער געמאכט. ער האט גע־זאגט גאנץ רוהיג:

— דיין פאטער איז אליין, ער מוז זיך דארט לאנגווייליגען. דו האסט איהם געדארפט רופען אהער. אויסערדעם איז אויך צייט צו עסען.

זי איז אוועק.

מיט איהר. אין אַ פּאָאר מינוטען ארום האָט איהם גענומען שטאַרק קלעמען אין האַרצען פאר איהר און ער האָט ווייך ארויסגעמורמעלט:

— קאָרא, קאָרא, אָבער הער מיך אויס, קאָרא. — זי האָט זיך ניט גערירט, און ניט געענטפערט. — וואָס טהוט זיך מיט איהר, וואָס איז געשעהן און איבערהויפּט וואָס וועט זי טהאָן?

ווען עס איז איהם איבערגעגאַנגען דער כעס, האָט אַ פערלאַכטונג געגען זיך אַליין אין איהם ערוואַכט. ער האָט אויפגעהויבען די האַנד אויף אַ פרוי, אויף זיין אייגענער פרוי, ער, דער בערעכענטער, קאַלטער מאַן. ער, מיט זיין גוטער ערציהונג, וועלכער האָט אימער געהאַלטען זיין קאָפּ הויך און שטאָלץ. איצט, ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער ווייך געוואָרען און געוואָלט ביי איהר בעטען אומפערצייהונג. אויף די קניע האָט ער זיך געוואָלט פאר איהר וואַרפען, און די דאָזיגע רויטע באַקען קושען, וועלכע ער האָט נור וואָס געפּאַטשט. ער האָט פארזיכטיג, מיט די שפּיץ פינגער אנגעריהרט אייגע פון איהרע הענד, מיט וועלכע זי האָט דאָס פּנים פארדעקט. עס האָט געשיינט, אַז זי פיהלט גאָרנישט. ער האָט זי געגלעטשעט און געגלעט, ווי אַ הונד, וועלכען מען האָט נור וואָס בעשטראַפט. זי האָט גאָרנישט בעמערקט. דאַן האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט:

— אָבער הער דאָך, קאָרא, קאָראַ. עס איז געוועזן אונרעכט פון מיר. הער מיך אויס.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי זאָל זיין טויט. ער האָט פּראָבירט צונעהמען איהר האַנד פון'ם פּנים. זי האָט זיך ניט געוועהרט און ער האָט אריינגעקוקט אין איהרע אָפענע אויגען, וועלכע זיינען געווען אויף איהם אויסגעגלאָצט מיט שרעק. ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— הער מיך אויס, קאָראַ, אין מיין כעס, האָב איך זיך געלאָזט הינרייסען צופיעל, צו־ווייט, אָבער דיין פאָטער האָט מיך ארויסגעבראַכט פון זיך. אַזוי בעליידיגט מען ניט קיין מאַן.

זי האָט איהם ניט געענטפערט, ווי זי וואָלט איהם גאָרניט געהערט. ער איז ווידער געבליעבען שטעהן און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל זאָגען, און ניט וואָס ער זאָל טהאָן. ער האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין האַלז, און ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ער דער־

ווען לעסאבלע איז אין ביורא אוועק, האָט זי איהם נאָכגע־שריען:

— נעהם מיט דיין רעגענשירם, זעה, אַז דו זאָלסט זיך דיינע קליידער ניט איבערפיהרען. איך בין ניט שולדיג, וואָס דו מוזט נאָך אַלץ שפּיעלען די ראָליע פון א שמירער, אַ שרייבערל....

און האָט זי אַליין געדאַרפט ארויסגעהן, האָט זי קיינמאָל ניט פארפעהלט אויסצורופען:

— ווען איך טהו נור אַ טראַכט, אַז איך האָב איצט געקאָנט אין מיינע אייגענע קארעטען ארומפאָהרען, ווען איך זאָל האָבען אַן אַנדער מאַן, דאַן....

אימער און אייביג, ביי יעדער געלעגענהייט, האָט זי דערפון געטראַכט, דעם מאַן דערפאַר פאָרווירפע געמאַכט, זיך מיט איהם פאַר יעדער קליינינגקייט ארומגעקריעגט; די גאַנצע שולד אויף איהם ארויפגעוואָרפען און געמאַכט איהם פעראַנטוואָרטליך דערפאַר, וואָס זיי קענען ניט קריגען דאָס געלד.

צום סוף, האָט ער איינמאָל אין אַן אבענד פערלאָרען די געדולד און אַ געשריי געטהאָן:

— צום טייפעל! וועסטו איין מאָל פאַר אַלע מאָל האַלטען ס'מויל! דיין שולד איז עס, אין גאַנצען דיינע, וואָס מיר האָבען ניט קיין קינדער, ווייל איך האָב אַ קינד!

ער האָט געליגט. אָבער אַלץ אין דער וועלט איז איהם ליעבער געוועזען פון דעם דאזיגען שטענדיגען פארוואורף, אז ער איז אונפעהיג.

צוערשט האָט זי איהם זעהר ערשטוינט אָנגעקוקט, און געזוכט אין זיינע אויגען דעם אמת צו לעזען; דאַן האָט זי פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך, און געענטפערט מיט אַ קול פול מיט פעראַכטונג:

— דו האָסט אַ קינד?

ער האָט געענטפערט פרעך:

— יא, אַן אונגעזעצליכער זוהן. איך לאָז איהם אין אַ פענסיאָן ערציהען.

זי האָט זיך אָבגערופען מיט אַ רוהיגער שטימע:

עס איז ווירקליך געווען זיעבען א זייגער און דאס דיענסטמיי־
דעל האט געמעלדעט, אז עס איז געגרייט צום טיש. דא האט זיך בע־
וויזען קאכעלין מיט דער טאכטער, ער איז געווען רוהיג און א שמיי־
כעל האט אויף זיינע ליפען געשפיעלט. מען האט זיך געזעצט עסען,
און דעם דאזיגען אבענד האבען זיי געפלוידערט אינטימער און
פריינדליכער, ווי זייט א לאנגער צייט, ווי זיי אלעמען וואלט עפעס
א גרויס גליק געטראפען.

.5

אבער די האפנונגען, מיט וועלכע זיי אלע האבען זיך ארומ־
געטראגען, זיינען ניט ערפיללט געווארען. פון מאנאט צו מאנאט,
טראץ אלע בעמיהונגען פון לעסאבלע'ן און דער געדולדיגער בעריים־
קייט פון זיין פרוי, איז זייער ענטוישונג געווארען אלץ גרעסער און
גרעסער. אימער און אימער האט איינער אויף'ן אנדער'ן ארויפגע־
ווארפען די שולד, איינער דעם אנדער'ן אויפגעווארפען דעם אונ־
גליק, און דער פערצווייפעלטער מאן, וועלכער איז מאגער, אויסגע־
מאטערט און מיעד געווארען, האט נאך איצט געמוזט אויסשטעהן
אלע צרות, אלע גראבקייטען פון קאכעלין'ען, וועלכער האט איהם
אין זייערע היימישע קריעגערייען גערופען ניט אנדערש ווי „הערר
האהן"....

זיין טאכטער און ער האבען אינסטיקטיוו געהאלטען איינער
פאר דעם אנדער'ן, און דער גערשאנק וועגען דעם גרויסען פערמע־
גען, וועלכער האט זיי שטענדיג פאר די אויגען געשוועבט, און וועל־
כען זיי האבען דאך ניט געקאנט אנטאפען, האט זיי שטענדיג אויפ־
גערעגט. זיי האבען שוין מעהר ניט געוואוסט וואס אזוינס אויסצו־
טראכטען, אום דעם דאזיגען אונפעהיגען, שלים־מזל'דיגען מאן,
וועלכער איז שולדיג געווען אין זייער אונגליק, צו בעליידיגען און
צו קוועלען.

יעדען טאג, ווען זיי זיינען געגאנגען צום טיש, האט קארא גע־
זאגט :

— מיר האבען היינט ווייניג צו עסען. יא, ווען מיר וואלטען
געווען רייך, וואלט עס געווען גאנץ אנדערש, אבער מיין שולד איז
עס נישט.

פון זייער בעזוך. אָבער לעסאַבלע, וועלכער איז געווען רויט ביז צו די וואַרצלען פון די האָאַר, האָט ניט געוואגט צו רעדען אַ וואָרט. דאַן האָט זיך זיין פרוי ענטשלאָסען דערצו און געזאָגט מיט אַ רוהי־גען קול, ווי איינער, וואָס איז ענטשלאָסען אונטער אַלע אומשטענ־דען צו עררייכען זיין ציעל:

— מיר קומען צו אייך, ווייל מיר האָבען ניט קיין קינדער און אַ גרויסער פערמעגען הייגגט אָב דערפון.

די אונטערזוכונג האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און איז געווען זעהר פיינליך. עס האָט אויסגעזעהן, אַז קאָראַ'ן האָט עס גאָרניט גע־אַרט און זי האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגען פון דאָקטאָר ווי אַ פרוי, וועלכע טהוט עס צוליעב העכערע אינטערעסען און איז בע־רייט אַלעס אריבערצוטראָגען.

כמעט אַ גאַנצע שטונדע האָט זיך דער דאָקטאָר פערנומען מיט דער אונטערזוכונג פון דאָס יונגע פּאָאר פאָלק און גאָרנישט געזאָגט. צום סוף האָט ער ערקלעהרט:

— איך געפין ביי אייך גאָרנישט אבנאָרמאַלעס, אויך ניט קיין שום בעזונדערע קראַנקהייט, אָדער שוואכקייט. הגם אַזעלכע פעלען קומען גאַנץ אָפט פאָר. מיט די קערפּערס איז דיזעלבע זאַך ווי מיט די כאַראַקטערן. אַזוי ווי מיר זעהן אָפט, אַז אַ פּאָאר פאָלק איז אונ־גליקליך, ווייל זייערע כאַראַקטערע פּאַסען זיך ניט צוזאַמען, אַזוי איז עס אויך ניט קיין וואונדער, ווען מיר טרעפען אַנדערע פּאָארלאַך אָהן קינדער דערפאַר, ווייל מאַן און פרוי פּאַסען זיך פיזיש ניט גוט צוזאַמען. איהר, ווערטהע פרוי, זעהט מיר אויס גאַנץ געזונד און דורכאויס פעהיג מוטער צו ווערען. אייער מאַן ווידער, הגם איך האָב אין איהם קיין שום אונרעגעלמעסיגקייט ניט אויסגעפונען, איז אָבער פאָרט אַביסעלע אָבגעשוואכט, אפשר קומט עס טאַקע צוליעב זיין ברענענדיגען פערלאַנג צו ווערען אַ פּאָטער. וועט איהר מיר ערלוי־בען, איך זאָל אייך אויסהערען?

לעסאַבלע אַ אונרוהיגער, האָט אויסגעטהאָן זיין ראָק און וועסט און דער דאָקטאָר האָט אַ צייט לאַנג צוגעלייגט דעם אויער צו דער ברוסט און דעם רוקען פון'ם בעאַמטען. דאַן האָט ער איהם גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעקלאַפּט פון מאָגען צום האַלז און פון קרייץ

— גוט, דאן וועלען מיר איהם מארגען בעזוכען, איך וויל איהם אקארשט אויך זעהן.

ער איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען און האט ארויס־געשטאמעלט:

— פון מיינעטוועגען.

אויף מארגען אין דער־פריה איז זי אויפגעשטאנען ארום זיעבען א זייגער, און ווען ער האט זיך געוואונדערט דעריבער, האט זי געזאגט:

— וועלען מיר דען ניט בעזוכען דיין קינד? דו האסט עס מיר דאך נעכטען ביינאכט פערשפראכען. אדער האסטו שוין אפשר היינט גאר קיין קינד ניט?

ער איז שנעל ארויסגעשפרונגען פון'ם בעט:

— מיין קינד וועלען מיר ניט בעזוכען, אבער א דאקטאר יא, און יענער וועט דיר שוין זאגען צי דו ביזט שולדיג צי ניט.

איבערצייגט אין זיך אליין, האט זי געענטפערט:

— איך בין צופריעדען.

קאכעלין האט גענומען אויף זיך צו ערקלעהרען אין מיניס־טעריום, אז זיין איידעם איז קראנק. און דאס פאר'ל, וועלכע האט זיך ביים אפטייקער אין דער נאכבארשאפט נאכגעפרעגט אויף א ספעציאליסט, האט צו דער בעשטימטער שטונדע אנגעקלונגען אין דער [illegible], דאקטאר לעפיללע, וועלכער איז געווען דער פערפא־טער פון איינעגע ביכער איבער דער "היגיענע פון פאמיליען־לעבען".

זיי זיינען אריין אין א קליינעם זאאל, בעשלאגען מיט העלע טאפעטען און גאלדענע שטרייפען, וועלכער איז געווען שלעכט איינ־געריכטעט און וועלכער האט מיט זיין פוסטקייט, טראץ דער מאסע שטוהלען, וואס דארט איז געשטאנען, געמאכט אן איינדרוק פון א פוסטקע. זיי האבען זיך געזעצט. לעסאבלע איז געווען זעהר אויפ־געגרעגט, ער האט געציטערט, ער האט זיך געשעהמט. ענדליך איז געקומען זייער רייהע און זיי זיינען אריין אין אזא סארט קאבינעט, וואו א קליינער, דיקער הערר האט זיי קאלט און שטייף אויפגענו־מען.

ער האט געווארט, אז זיי זאלען איהם ערקלעהרען דעם גרונד

פאר אויפרעגונג און שרעק. דערביי האָט ער מיט דער לינקער האַנד געטאַפּט דעם פּולס פון דער רעכטער און געצעהלט דאָס קלאַפּען.

קאָרא האָט זיך אונגעדולדיג ארומגעדרעהט אהין און אהער און געפרעגט:

— ביזט שוין פערטיג מיט דיינע נארישקייטען, צי נאָך ניט?

ער איז אויפגעשטאַנען, ווי א לעמעלע, און ניט רעדענדיג א וואָרט, אוועק ווייטער.

ווען קאַבעלין האָט זיך דערוואוסט דעם רעזולטאַט פון דעם קאָנסוליום, האָט ער זיך ניט געוואָלט מעהר איינהאַלטען און מיט גיפט ארויסגעפּלאַצט:

— נו, זיינען מיר אַביסעל אריינגעפאַלען, א גוטע. צרה האָבען מיר זיך אויף די פּלייצעס אָנגעהאַנגען!

דערביי האָט ער אָנגעקוקט זיין איידעם מיט אזא האַס, ווי ער וואָלט איהם וועלען אויפעסען א לעבעדיגען.

לעסאַבלע האָט קיין זאַך ניט געהערט און קיין זאַך ניט געזעהן. ער האָט געטראַכט נור פון איין זאַך, פון זיין געזונד און פון זיין לע־בען, וואָס איז אין געפאַהר געוועזן. פון זיינעטוועגען האָבען זיי בייַ־דע דאָרט, דער פאָטער און די טאָכטער, געמעגט שרייען פון היינט ביז מאָרגען, זיי זיינען דאָך ניט געווען אין זיין לאַגע, זייער לעבען איז ניט געווען אין געפאַהר, און זיין לעבען האָט ער געוואָלט היטען.

איצט זיינען אויף׳ן טיש געשטאַנען א סך מעדיצין־פּלעשלאַך, און צו יעדען מאָהלצייט האָט ער גענומען גענוי די פארשריעבענע דאָזע אונטער דעם הויכען געלעכטער פון זיין שווער און דעם שמי־לען שמייכעל פון זיין פרוי. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אין שפּיע־געל, און כסדר געהאַלטען די האַנד אויף׳ן הארצען, אום צו פיהלען, ווי דאָס הארץ קלאַפּט ביי איהם. דאן האָט ער זיך אין׳ם דונקעלען קעמערעל, וועלכע זיי האָבען בענוצט אלס גארדעראָבע, געהייסען אוועקשטעלען זיין בעט, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאר דער נע־הענטערער בעריהרונג מיט קאָרא׳ן און איז דערפון אנטלאָפען.

איצט האָט ער צו איהר געפיהלט א מין צושראָקענעם האַס און פעראַכטונג. אלע פרויען האָבען זיך איהם איצט אויסגעוויזען ווי

ביז צום גנניק. ער האָט געפונען אַ לייכטע אונאָרדנונג אין'ם קלאַ־פען פון'ם האַרץ און האָט ערקלעהרט, אז זיינע לונגען זיינען ניט נאָר מיט אַלעמען.

— איהר מוזט זיך צוזעהן, איהר מוזט גוט אכטונג געבען אויף אייער געזונד. עס איז ניט מעהר ווי בלוט־אַרמוט און שוואכקייט. אָבער וואס עס איז היינט א קליינינגקייט, קאָן אמאָל ווערען גאַנץ גע־געפעהרליך, ווען איהר וועט ניט ריכטיג אַכטונג געבען אויף זיך.

לעסאַבלע איז געוואָרען בלייך פאר שרעק און געבעטען, ער זאָל איהם עפּעס פערשרייבען.

דער דאָקטאָר האָט איהם גענוי ערקלעהרט, ווי ער זאָל זיך פיהרען און ווי צו לעבען. יעדען טאָג זאָל ער עסען רויעס פלייש, בוליאָן טרינקען, מאַכען בעוועגונג, דערנאָך רוהען. און איבער'ן זו־מער זאָל ער זיין אויף'ן לאַנד און געניסען פרישע לופט. דאן האָט איהם דער דאָקטאָר געגעבען נאָך עטליכע עצות אויף דעם פאַל, אז ער וועט זיך פיהלען בעסער און האָט איהם אָנגערופען איינינע מי־טעל, וועלכע זיינען אָפט מיט ערפאָלג אָנגעווענדעט געוואָרען.

די אונטערזוכונג האָט געקאָסט פיערציג פראנק.

ווען זיי זיינען געווען אויף דער גאַס, האָט קאָרא מיט פערבי־סענעם צאָרן אויסגערופען:

איך בין היבש אריינגעפאלען מיט דיר!

ער האָט ניט געענטפערט. די אַנגסט האָט איהם פערצעהרט, און ער האָט ארומגעטראכט יעדעס וואָרט, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם געזאגט. האָט ער איהם אפשר גאר אין גאנצען גענארט? האלט ער איהם אפשר שוין פאר אַ פערלאָרענעם? איצט האָט ער שוין מעהר נישט געטראכט וועגען דער ירושה און ניט וועגען דאס קינד; איצט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען זיין לעבען. עס האָט זיך איהם געדאכט, ווי ער הערט אין זיינע לונגען אַ מין פייפען און ווי ער פיהלט דאָס העפטיגע, שטאַרקע קלאַפּען פון זיין האַרצען. ווען זיי זיינען געגאַנגען דורך די טוליערים, איז אויף איהם פּלוצים אָנגע־פאַלען אזא שוואכקייט, אז ער האָט זיך געמוזט צוזעצען. זיין פרוי איז געבליעבען שטעהן אויסער זיך, און איהם בעטראכט פון אויבען ביז אראָב מיט פערעכטליכען מיטלייד. ער האָט געאַטהעמט שווער

— זי האָט געענטפערט:

— ניין, פּאַפּאַ.

פאַרנאַכט ביים טיש זיינען אימער פאַרגעקומען פיינליכע סצענען. קאַכעלין האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן:

— אז א מאַן איז קיין מאַן נישט, דאַן איז א סך גלייכער ער זאָל איינגעהמען א מיתה־משונה, אום אַן אנדערער זאָל קאָנען זיין פּלאַץ פערנעהמען.

און קאָרא האָט צוגעלעגט:

— יערענפאַלס זיינען פאַראַן א סך אונניצליכע מענשען, וועל־כע שטערען נור די אַנדערע; איך וויים ניט וואָס אייגענטליך זיי טהוען אויף דער וועלט, אויסער וואָס זיי פאַלען אַלעמען צו לאַסט.

לעסאַבלע האָט גענומען זיינע רעצעפּטען און ניט געענטפערט א וואָרט.

צום סוף, האָט דער שווער איין מאָל, אין א געוויסען טאָג, אויף איהם גענומען שרייען:

— הער אָקאָרשט אוים, ווען דו וועסט זיך אין גיכען ניט נעהמען אַנדערש אויפפיהרען, איצט, ווען דיר איז פיעל בעסער, דאַן וויים איך, וואָס מיין טאָכטער האָט צו טהאָן.

דער איידעם, וועלכער האָט געפיהלט עפּעס א נייע בעליידי־גונג, האָט אויף איהם אַנגעשטעלט א פרעגענדיגען בליק, און קאַכע־לין האָט ווייטער גערעדט:

— זי וועט גאַנץ איינפאַך זיך נעהמען אַן אנדער מאַן. דו קאָנסט זאָגען, אַז דו האָסט א סך גליק, וואָס זי האָט עס שוין לאַנג נישט געטהאָן. ווען מען האָט אזא טויגעניכטס פאַר א מאַן, ווי דו, דאַן איז אַלעס ערלויבט.

לעסאַבלע איז בלייך געוואָרען און געענטפערט:

— איך שטער איהר ניט דיינע גוטע עצות צו פאָלגען.

קאָרא האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, און קאַכעלין האָט געהאַט עפּעס א מין אונבעשטימטען געפיהל, אַז דאָס מאָל איז ער אוועק אַביסעל צו־ווייט, און איז עטוואָס צומישט געוואָרען.

.6

אין מיניסטעריום האָבען זיךביידע מענער געהאַלטען גאַנץ

ווילדע חיות, וועלכע זיינען בעשאפען געווארען נור אום צו טויטען דעם מאַן. און וועגען טאַנטע שאַרלאָטע׳ס צוואה האָט ער שוין ניט געטראַכט אַנדערש, ווי וועגען אַ גליק, וועלכען מען האָט געדאַרפט קויפען מיט דעם טויט.

מאָנאַטען זיינען אַוועק. עס איז פערבליעבען בלויז איין יאָהר צום קריטישען צייט־פונקט.

קאַבעלין האָט אויפגעהאַנגען אין עס־צימער אַ ריעזיג גרויסען קאַלענדאַר, אין וועלכען ער האָט יעדען אין דער־פריה אויסגעשטרי־כען אַ טאָג, און דער כעס אויף דעם, וואָס ער האָט גאָרנישט געקאָנט טהאָן, די פערצווייפלונג, וואָס דאָס גליק איז פון וואָך צו וואָך אַלץ ווייטער פערשוואונדען, דאָס צופיקעניש ביי דעם געדאַנק, אַז ער מוז נאָך אַלץ האָרעווען אין ביוראָ און, אַז ביז זיין טויט אַריין וועט ער אַלץ מוזען לעבען מיט די צוויי טויזענד פראַנק פענסיאָן, האָט איהם געטריעבען צו ביטערע קריגערייען, וועלכע האָבען זיך מאַנכעס מאָל כמעט מיט קלעפּ געענדיגט.

ער האָט מעהר נישט געקאָנט אַ קוק טהאָן אויף לעסאַבלען׳ן, אַז איהם זאָל זיך ניט פערגלוסטען יענעם שלאָגען, הרג׳ענען, טרע־טען מיט די פיס. ער האָט איהם פאַנאַטיש געהאַסט, און יעדעס מאָל, ווען יענער האָט די טיר געעפענט און איז אין הויז אריין, האָט זיך איהם אויסגעדוכט, ווי אַ גנב וואָלט צו איהם אריינגעשפּרונגען, אַ גנב, וועלכער האָט ביי איהם אַ הייליגען אייגענס, אַ פאַמיליען־צוואה אוועקגע׳גנב׳עט. ער האָט איהם געהאַסט מעהר ווי דעם ערג־סטען שונא זיינעם, און האָט איהם פעראַכטעט פאַר זיין שוואַכקייט און איבערהויפּט פאַר זיין פייגהייט, ווייל אויס מורא פאַר זיין איי־גענעם געזונד, האָט ער זיך פון דער ווייב דערווייטערט און אויף אַזאַ אופן די געמיינזאַמע האָפנונג אין גאַנצען דערשטיקט.

לעסאַבלע האָט טאַקע אין דער אמת׳ן געלעבט אבגעטהיילט פון זיין פרוי, ווי זיי וואָלטען איינער צום אַנדערן מעהר נישט גע־הערט. ער האָט זי ניט אָנגעריהרט. פערשעהמט און צושראָקען האָט ער איהרע בליקען אויסגעמידען.

קאַבעלין האָט יעדען טאָג געפרעגט ביי זיין טאָכטער:

— נו, האָט זיך דיין מאַן ענטשלאָסען?

צו רעדען א פּאָאר ווערטער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען זיך בעגע־גענט. דאַן האָבען זיי זיך פּערשאַטען מיט העפליכקייטען און זיינען וואָס ווייטער אַלץ פריינדליכער געוואָרען איינער צום אַנדערן. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי אין גיכען געוואָרען גוטע פריינד, הגם עטוואָס איינגעהאַלטען, ווי מענשען, וועלכע האָבען פריהער איינער אינ׳ם אַנדערן אַ טעות געהאַט. צום סוף, נאָכדעם, ווי זיי האָבען איינער דעם אַנדערן בעזוכט אין זייערע צימערן, זיינען זיי געוואָרען גוטע קאַמעראַדען.

איצט האָבען זיי אָפט צוזאַמען געפּלוידערט, ווען זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין ביורא, אום צו הערען נייעס. לעסאַבלע האָט אַביסעל אַרונטערגעלאָזען פון זיין שטאָלץ און מאַזע פון זיין זייט האָט אויך עטוואָס פערבויגען זיין יחסנות אלס וועלט־מענש. קאַבעלין האָט זיך אָפט אַריינגעמישט אין זייער אונטערהאַל־טונג, ער איז, קאַנטיג, זעהר צופריעדען געווען מיט זייער פריינד־שאַפט. פון צייט צו צייט, האָט ער, קוקענדיג אויף זיין איידעם, געמורמעלט:

— אָט דאָס הייסט אַ קלוגער יונג!

איין מאָל אין אַן אבענד, ווען זיי זיינען אַלע צוזאַמען געשטאַ־נען, און דער אַלטער סאַוואַן איז געבליעבען זיצען ביי זיין פּולט, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט פערלאָזען, איז זיין שטוהל פּלוצים צובראָכען געוואָרען און דער גוטער אַלטער מאַן איז מיט אַ צו־שראָקענעם געשריי צו ד׳ערד געפאַלען. עמיצער פון דער חברה האָט איהם הפנים אַ שפּיצעל אָבגעטהאָן. אַלע דריי האָבען זיך צו איהם אַ וואָרף געטהאָן. דער איבערזעצער האָט ווידער אַמאָל אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף די קאָמונאַרען, און מאַזע האָט דורכאויס געוואָלט זעהן, וואו ער האָט זיך צושלאָגען. קאַבע־לין און ער האָבען אפילו פּרובירט דעם אַלטען אויסצוטהאָן, אום איהם די וואונד צו פערבינדען, ווי זיי האָבען געזאָגט. אָבער דער אַלטער האָט זיך פּערצווייפעלט געוועהרט און געשריען, אז איהם טהוט קיין זאַך נישט וועה.

ווען זיי האָבען זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט קאַבעלין פּלוצים געזאָגט:

פריינדליך. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטעןביידע אין געהיים ביי זיך אָבגעמאַכט ניט אַרויסצואווייזען פאַר די קאָלעגען, וואָס ביי זיי אין דער־היים קומט פאָר. זיי האָבען זיך גערופען: „מיין ליעבער קאַ־כעלין“, „מיין ליעבער לעסאַבלע“, און האָבען געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען געלעבט גליקליך און צופריעדען איינער מיט׳ן צוויי־טען.

לעסאַבלע און מאַזע האָבען פון זייער זייט זיך אויך געהאַלטען העפליך און איינגעהאַלטען, ווי צוויי מענשען, וועלכע האָבען זיך שיער נישט געשלאָגען. דורך דאָס ניט געלונגענע דועל, וועלכע האָט אויף זיי ביידען אַרויפגעוואָרפען אַ מורא, איז אין זייער האַלטונג איינער צום אַנדערן אַריינגעקומען אַ צו גרויסע העפליכקייט און אַ בעזונדערע אַכטונג, און אפשר אויך אַ פערלאַנג ווידער גוט־פריינד צו ווערען, ווייל יעדער פון זיי האָט אין דער שטיל מורא געהאַט עס זאָל צווישען זיי ווידער ניט עפּעס אויסברעכען.

מען האָט בעטראַכט און בעשפּראָכען זייער בענעהמען זיך און עס געפונען קאָרעקט פאַר מענשען, וועלכע האָבען צווישען זיך גע־האַט אַ עהרען־האַנדעל. זיי האָבען נאָך פון ווייטען זיך געגריסט און מיט ווירדיגען ערנסט איינער פאַר׳ן צווייטען דעם הוט אַרונטערגע־נומען. זיי האָבען קיין מאָל ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט איי־נער מיט׳ן אַנדערן, ווייל קיינער פון זיי ביידען האָט ניט געוואָלט טהאָן דעם ערשטען שריט. אָבער איין טאָג איז לעסאַבלע אויף גיך גערופען געוואָרען צום שעף, און אום זיין אייפער צו צייגען, האָט ער שנעל גענומען לויפען איבער׳ן קאָרידאָר און האָט זיך אויף׳ן צווייטען עק אָנגעשטויסען מיט זיין גאַנצער קראַפט אָן אַן אַנדער בעאַמטען, וועלכער איז פון דער צווייטער ריכטונג איהם אַנטקעגען געקומען. דאָס איז געווען מאַזע. ביידע האָבען אָבגעשפּרונגען צוריק, און לעסאַבלע האָט געפרעגט שנעל, עטוואָס פערשעהמט, אָבער זעהר העפליך:

— איך האָב אייך דאָך ניט וועה געטהאָן, העדר מאַזע?

העדר מאַזע האָט געענטפערט:

— אָה, ניין, העדר לעסאַבלע.

פון דער דאָזיגער מינוט אָן האָבען זיי געהאַלטען פאַר פּאַסענד

דאָס מאָהלצייט איז מיט דער זעלבער זארגפעלטיגקייט פאר־בערייט געוואָרען, ווי אמאָל צו עהרע פון לעסאבלע'ן. קאכעלין האָט ארומגעטראכט יעדען געריכט. ער האָט געוואָלט, אז אלעס זאָל אויסזעהן זעהר שעהן. און אזוי ווי אין זיין הארצען וואלט א האָפנונג ערוואכט, א האָפנונג, אין וועלכער ער האָט זיך אליין ניט געוואָלט מודה זיין, איז ער פּלוצים פרעהליכער און רוהיגער געוואָרען, פאראויסזעהענדיג אפריהער, וואָס שפּעטער וועט זיין. דעם גאַנ־צען זונטאג אין דער־פריה האָט ער אבגעגעבען אויף אויפצופּאַ־סען, אז אלעס זאָל ריכטיג פארבערייטעט ווערען, וועהרענד לע־סאבלע האָט געהאט צו ארבייטען אויף א דרינגענדע אנגעלעגענ־הייט, וועלכע איז מיט א טאָג פריהער אָנגעקומען אין ביורא. דאָס איז געווען אין דער ערשטער וואך אין נאוועמבער און דער ניי־יאהרסטאג איז געווען ניט ווייט.

ארום זיעבען א זייגער איז מאזע אנגעקומען זעהר גוט אויפ־געלעגט. ער איז אריין, ווי צו זיך אין דער היים, האָט זיך פער־נייגט, דערלאנגט קארא'ן א גרויסען בוקעט ראזען, און האָט מיט דעם פאמיליארען טאָן פון אוועלט־מענשען צוגעלייגט:

— גנעדיגע פרוי, איך פיהל, ווי איך וואלט אייך שוין כמעט געקאנט און געקאנט שוין פון לאנג, דען זייט יאָהרען, אז אייער פאָטער רעדט נור פון אייך.

ווען קאכעלין האָט דערזעהן די בלומען, האָט ער אויסגע־רופען:

— אָה, דאָס איז נאָבעל!

און זיין טאָכטער איז איינגעפאלען, אז לעסאבלע האָט איהר קיין בלומען ניט געבראכט, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל ביי זיי נעגעסען. דער שעהנער בעאמטער איז קאנטיג געווען זעהר גוט אויפגעלעגט, ער האָט פרעהלאך געלאכט, ווי איינער, וועלכער קומט צום ערשטען מאָל צו אלטע גוטע פריינד און האָט קארא'ן אין דער שטיל געמאכט פערשיעדענע קאָמפּלימענטען, פון וועלכע זי איז רויט געוואָרען.

זי איז איהם שטארק געפעלען געווען און ער האָט ביי איהר אויך אויסגענומען.

— ווייסט איהר גאר וואס, הערר מאזע, איצט ווען מיר פערטראָגען זיך אזוי גוט, וואלט ניט געווען קיין עולה, אז איהר זאלט ווען עס איז אַ זונטאג קומען צו אונז צום דינער. עס וואָלט אונז אַלעמען פערגעניגען פערשאַפט, מיין איידעם, מיר און אויך מיין טאָכטער, וועלכע קאָן אייך נאָך׳ן נאָמען, ווייל ביי אונז ווערט אָפט און פיעל פון ביורא גערעדט. און וואָס זאָגט איהר דערצו? הא?

לעסאבלע האָט איהם אויך געבעטען, הגם אביסעל קיהלער, ווי זיין שווער:

— קומט טאקע, עס וועט אונז אַלעמען פערשאַפען פערגעניגען.

מאזע האָט זיך געקווינקעלט, שמייכלענדיג עטוואס צומישט, ווייל ער האָט געטראכט פון די אַלע קלאנגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען וועגען זיי.

קאָכעלין איז צו איהם צוגעשטאנען:

— אלזא, קומט איהר?

— גוט, איך וועל קומען.

ווען זיי זיינען אהיים געקומען, האָט קאָכעלין געזאגט צו זיין טאָכטער:

— דו ווייסט נאָך ניט דערפון? אלזא, הער אויס: קומענדען זונטאָג קומט הערר מאזע צו אונז צום עסען.

קארא איז געווען פערוואונדערט און האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— הערר מאזע? אזוי גאָר!

און זי איז געוואָרען רויט, אליין ניט וויסענדיג, פארוואס. זי האָט אַזוי אָפט געהערט פון איהם רעדענדיג, פון זיינע מאניערען, פון זיינע ערפאלגען, ווייל אין מיניסטעריום האָט מען איהם געהאַלטען פאר זעהר אַ דרייסטען אין ליעבע־זאַכען, און דעם וואונש, מיט איהם בעקאנט צו ווערען, האָט זי שוין לאנג, לאנג געהאט. קאָכעלין האָט ווייטער גערעדט, רייבענדיג זיך די הענד:

— דו וועסט זעהן, דאס איז א שלאנקער יונג און אַן אמת שעהנער מענש, הויך ווי א קיראסיר, ניט אזוי ווי דיין מאן.

זי האָט גארנישט געענטפערט און איז געווען אזוי צומישט דאָס מען האָט געקענט דענקען, אז זי האָט וועגען איהם גע׳חלום׳ט.

ער איז געווען גליקלאך, וואס זיין הארץ האָט ניט אזוי שטארק געקלאפּט, וואָס ס'האָט איהם ניט פערכאפּט דעם אטהעם, ווען ער איז שנעל געגאנגען, וואס ער האָט זיך געפיהלט פרישער און בים־לעכווייז איז זיין האס צום שווער קלענער געוואָרען, איבערהויפּט נאָך ווען יענער האָט אין דער לעצטער צייט איהם אויפגעהערט אזוי צו פערפאלגען.

צום נייעם יאָהר האָט מען איהם אין מיניסטעריום געהעכערט און ער איז דערפון געווען אזוי גליקליך, דאָס קומענדיג אהיים, האָט ער צום ערשטען מאָל זייט זעקס מאָנאטען זיין ווייב א קוש געטהאָן. ווי עס האָט געשיינט איז זי דערפון אזוי דערשראקען געוואָרען, כמעט פערשעהמט, ווי ער וואלט בעגאנגען אן אונאנשטענדיגקייט. דערביי האָט זי געווארפען א בליק אויף מאזע'ן, וועלכער איז גע־קומען, אום איהר צום נייעם יאָהר צו גראטולירען. אויך ער איז עטוואס צומישט געוואָרען און האָט זיך אבגעקעהרט צום פענ־סטער, ווי איינער, וואס וויל זיך מאכען ניט זעהענדיג.

אָבער אין גיכען איז קאבעלין ווידער געוואָרען אויפגערעגט און בייז און האָט איבער אַ נייס אָנגעהויבען מאטערן דעם איידעם מיט זיינע פוילע וויצען. צייטענווייז האָט ער זאגאר מאזע'ן אויך אָנגעגריפען, אזוי ווי ער וואָלט אויף איהם אויך אַ הארץ געטראָגען דערפאר, וואס די קאטאסטראפע האָט זיך פון טאג צו טאָג אלץ נעהענטער גערוקט און די האפנונג אויף דער ירושה איז אלץ קלע־נער און קלענער געוואָרען. נור קארא איז געווען גאנץ רוהיג, גאנץ גליקליך און צופריעדען. עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואלט אָן דעם שרעקליכען, נאָהענטען ראטום גאר אין גאנצען פערגעסען.

עס איז אָנגעקומען דער מאָנאט מערץ, און אלע האפנונגען האָבען געשיינט צו זיין פערלארען. דעם דרייסיגסטען יולי האָט געזאָלט ווערען דריי יאָהר, זייט טאנטע שארלאטא איז געשטארבען.

אַ פריהצייטיגער פריהלינג האָט די ערד מיט גרינס בעדעקט און מאזע האָט פארגעשלאגען זיינע פריינד, זיי זאלען זונטאג מא־כען אַ שפּאַציער ביים ברעג פון דעם טייך סיינע, אום דאָרט פּייל־כען־בלימעלעך צו רייסען.

ווען ער איז אוועק, האָט קאַכעלין געפרעגט:

— נו, ווי געפעלט ער דיר? דאָס איז אַ לעבעדיגער יונג! וואָס זאגסטו?

קאַרא האָט ניט געוואָלט רעדען וועגען דעם, אָבער זי האָט צוגעגעבען, אַז ער איז זעהר ליעבענסווירדיג און איז גאָר נישט אַזאַ פּאַט, ווי זי האָט איהם געהאַלטען.

לעסאַבלע איז געווען וועניגער אויפגערעגט ווי געוועהנליך. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט איהם פריהער ניט געקענט.

שפּעטער איז מאַזע פון צייט צו צייט ווידער געקומען, דער־נאָך האָט ער גענומען געהן גאָר אָפט. ער איז אַלעמען געווען געפע־לען. מען האָט איהם צוגעצויגען צום הויז און איהם דאָרט פער־צערטעלט. קאַרא האָט אַליין געמאַכט פאַר איהם די געריכטען, וואָס ער האָט געליעבט, און די דריי מענער זיינען באַלד געוואָרען איין האַרץ און איין נשמה און האָבען שוין כמעט ניט פערלאָזען איינער דעם אַנדערען. דער נייער פריינד האָט אָפט אויסגענומען די פאַ־מיליע אין טהעאַטער אויף פרייע בילעטען, וועלכע ער האָט פון דער פּרעסע בעקומען.

צו־פוס האָט מען זיך ביי־נאַכט צוריקגעגעהרט דורך די ליארעמדיגע גאַסען ביז דעם הויז, וואו לעסאַבלע האָט געוואָהנט. מאַזע און קאַרא זיינען געגאַנגען אין פאָראויס מיט גלייכע טריט, זייט ביי זייט, ווי צוויי מענשען, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען, אום צוזאַמען דורך דאָס לעבען צו געהן. זיי האָבען גערעדט אין דער שטיל, ווייל זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט פערשטאַנען. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ פערשטיקטער געלעכטער און דאַן האָט זיך די יונגע פרוי אומגעדרעהט, אום אויפ'ן פאָטער און דעם מאַן אַ בליק צו טהאָן.

קאַכעלין האָט זיי בעטראַכט מיט צופריעדענע אויגען און אָפט, פערגעסענדיג, אַז ער רעדט עס צו זיין איידעם, ערקלעהרט:

— זיי ביידע זיינען אַ ריכטיגע פּאָאַר! זיי זיינען ווי אָנ־געמאָסטען איינער פאַר'ן אַנדערען.

לעסאַבלע האָט גאַנץ רוהיג געענטפערט:

— זיי זיינען כמעט פון איין וואוקס.

נען. זי האָט גענומען לויפען צום ברעג טייך און מיטביידע הענד דעם מויל מיט א סערוועטקע פערשטעלט.

לעסאבלע האָט פערזארגט געפרעגט:

— וואָס איז מיט איהר?

מאזע איז געוואָרען צומישט, איז רויט געוואָרען און גענומען שטאמלען:

— יאָ, וואס וויים איך? איך וויים ניט. זי האָט זיך דאך נור וואָס גאנץ גוט געפיהלט.

און קאכעלין איז געבליעבען זיצען אין גאנצען א פערשטויי־נערטער, מיט דעם גאפעל, אויף וועלכען עס האָט געשטעקט אַ בלאט סאלאטע, אין דער לופטען.

צולעצט איז ער אויפגעשטאנען אום צו זעהן וואס זיין טאכטער מאכט. ווען ער האָט זיך איינגעבויגט, האָט ער בעמערקט ווי זי שטעהט מיט׳ן קאפּ אָן א בוים אנגעשפּארט; דאן איז איהם פּלוצים א פערדאכט אין קאָפּ אריין און ער האָט זיך צוריק אויף זיין שטוהל ארונטערגעלאזען, קוקענדיג צושראקען אויף ביידע מענער, וועלכע האָבען איצט אויסגעזעהן ווי צומישט, מיט צושראקענע אויגען. ער האָט פארשענדיג געקוקט אויף זיי און פאר קלעמעניש און האָפנונג ניט געוואגט א וואָרט ארויסצוברענגען.

א גאנצע פערטיל שעה איז פאראיבער אין טיעפסטען שוויי־גען. דאן האָט זיך קארא ווידער בעוויזען. זי איז געווען עטוואָס בלייך און האָט קוים־קוים געטראטען. קיינער האָט ביי איהר גאר־נישט געפרעגט. אלע האָבען זיך אנגעשטויסען, אז עפּעס א גרויס גליק האָט זיי געטראפען, פון וועלכען מען קאן ניט רעדען און דאך האָבען זיי געברענט פאר אונגעדולד עס צו הערען, צו דערגעהן אויף זיכער, אז זיי האָבען זיך נישט גענארט. קאכעלין האָט נור געפרעגט:

— איז דיר בעסער?

זי האָט געענטפערט:

— יא, א דאנק. עס איז גארנישט. אָבער ניט אמת, מיר קעהרען זיך אום פריה צוריק אהיים, מיר טהוט אביסעל וועה דער קאָפּ.

מיט דעם אין דער פריה'דיגען צוג זיינען זיי אהין אוועק־
געפאָהרען און זיינען אויסגעשטיגען אין כּיִיסאַן'ס־לאפּיט.

א הויך פון'ם ווינטער איז נאָך אויף די נאקעטע צווייגען
געלעגען, אָבער דאס פּריש־ארויסגעשפּראצטע גראז איז שוין געווען
מיט ווייסע און בלויע בלימלאך בעשפּרינקעלט, און די פּרוכט־
בוימער מיט זייערע שפּיציגע צווייגען, אויף וועלכע קנאספּען האבען
נור וואס ארויסגעשפּראצט, האָבען אויסגעזעהן, ווי מיט ראזען בע־
קראנצט.

דער טייך סיינע האָט זיך געדרעהט צווישען די הויכע, פון'ם
ווינטער אבגעוואשענע ברעגעס. דער לעצטער רעגען האָט די וואַ־
סער'ען א טרויעריג־שמוציגע פארב צוגעגעבען. די גאנצע לאנד־
שאַפט איז געווען מיט וואסער פערטרונקען און האָט געשטראהלט
אונטער דער מילדער ווארעמקייט פון דעם ערשטען זוניגען טאָג.

די שפּאציער־געהער האָבען זיך אין פּאַרק פערלארען. קאַ־
כעלין איז דעם גאַנצען טאָג געווען נאָך ערגער אויפגעלייגט, ווי גע־
וועהנליך; מיט אַ פינסטערער מינע האָט ער מיט זיין שטאק עטליכע
מעער־קעפּלאך אוועקגעשטויסען. דער געדאנק אָן דעם אונגליק, וועל־
כער איז שוין איצט געווען אזוי נאָהענט, האָט איהם דאס לעבען
פערביטערט. אויך לעסאבלע איז געווען נידערגעשלאָגען. ער האָט
שטאַרק מורא געהאט, ער זאל ניט קריגען נאַסע פיס, ווערענד
מאַזע מיט זיין פרוי האָבען בלומען געזוכט. זייט א פּאָאר טעג האָט
קאַרא אויסגעזעהן מאַט, בלייך, און ליידענד.

זי איז שנעל מיעד געוואָרען און געוואָלט וואו עס איז פריה־
שטיקען. זיי זיינען אריין אין אַ קליינעם גאַסט־הויז נעבען אן איינ־
געפאלענעם, אלטען מיהל. און באלד איז געשטאנען דער געוועהנ־
ליכער פריהשטיק פון די פּאריזער, ווי די מאָדע איז ביי לאנד־
פּארטיען, אין דער ליעטאנקע, נאָהענט נעבען טייך, אויף א היל־
צערנעם טיש, וועלכער איז געדעקט געווען מיט צוויי סערוועטקעס.

ווען מען איז פערטיג געוואָרען מיט די געבאקענע פיש, אבגע־
געגעסען דאָס רינד פליייש מיט קארטאָפעל און מען האָט געהאלטען
ביי דער פולער שיסעל מיט גרינעם סאלאט, איז קארא אויפגעשטאַ־

פאר שמחה. דאן האָט ער געגומען טאנצען ארום איהר אין א קאראַ־האד, ווי א משוגענער. ער האָט געוואָרפען די פיס אין דער הויך טראָץ זיין בעלייבטקייט און געטופּעט אזוי, דאָס די גאנצע וואָהנונג האָט זיך געטרייסעלט. די מעבעל האָבען זיך אנגעהויבען צו שאָק־לען, דאס גלאז־ווארג אין'ם בופעט האָבען געטאנצט און געקלונגען און דער לאָמפּ איבער'ן עס־טיש האָט זיך געשאָקעלט אהער און אהין, ווי איבער א שיף־קאַיוטע.

דאן האָט ער א כאַפּ געטהאָן זיין געליעבטע טאכטער אין זיינע אָרעמס, געקושט זי מיט שטורם, א קלאַפּ געטהאָן איהר גוט־מוטיג איבער דעם בויך און אויסגערופען:

— נו, ענדליך זיינען מיר אזוי ווייט. האָסט עס שוין געזאָגט דיין מאן?

זי איז פּלוצים אביסעל צומישט געוואָרען און ארויסגעמור־מעלט:

— ניין, נאָך ניט, איך וועל נאָך ווארטען.

אָבער קאַכעלין האָט אויסגערופען:

— גוט, רעכט, איך זעה, אז דיר איז עס אונאנגענעהם. ווייסטו וואס, איך וועל עס איהם זאגען.

און ער איז אנטלאָפען צו זיין איידעם אין צימער אריין. ווען לעסאבלע, וועלכער איז געזעסען און גאָרנישט געטהאָן, האָט איהם דערזעהן אריינקומענדיג, איז ער אויפגעשפּרונגען.

קאַכעלין האָט איהם גאָר קיין צייט ניט געלאָזט נאכצודענקען און גלייך ארויסגעפּלאַצט:

— ווייסטו שוין, אז דיין פרוי איז אין אומשטענדען?

דער צושראָקענער מאן האָט זיך אין גאנצען פערלאָרען און איז רויט געוואָרען:

— וואס! ווי! קאָרא, זאגסטו?

— איך זאג, אז זי איז אין אנדערע אומשטענדען, הערסטו? מיר האָבען פארט מזל?

און פאר גרויס פרייד האָט ער גענומען זיין האנד, זי גע־דריקט, געשאָקעלט, ווי ער וואלט איהם וועלען גליק ווינשען, איהם דאנקען. דערביי האָט ער נאכאנאנד גערעדט:

און ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען, האָט זי דעם מאן אונטער
ארעם גענומען, ווי זי וואלט דערמיט געגעבען אן אנצוהערעני
אויף עטוואס געהיימניספולעס, אין וואס זי האָט זיך אליין נאָ
ניט געוואגט מודה צו זיין. אויף דעם באהן־הויף סענט־לאזאר האָ
מאזע זיך צושיידט מיט זיי. אלס תירוץ האָט מאזע אָנגעגעב
עפעס א געשעפטליכע אנגעלעגענהייט. ער האָט אלעמען געדריקט ד
הענד, זיך פערנייגט און איז אוועק.

אזוי גיך ווי קאכעלין איז מיט זיין טאכטער און זיין איידע
געבליעבען אליין, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר ביים פריהשטיק געוועזן?

צוערשט האָט קארא ניט געענטפערט, דערנאָך האָט זי נאָ
א קורצען טראכטען געזאגט:

— אָט גארנישט, מיר איז נור אביסעל נישט גוט געוואָרען.

און זי איז אוועק ווייטער מיט א שמייכעל אויף די ליפען
לעסאבלע האָט זיך געפיהלט גאר ניט אנגענעהם. א גאנצע מאס
ווידערשפרעכענדע געדאנקען האָבען איהם בעשעפטיגט: דע
דורשט נאָך רייכטהום, שטילער צאָרן, א געפיהל פון שאנדע, א
וועלכען ער האָט זיך ניט געוואגט מודה צו זיין אפילו פאר זיך אליי
פייגהייט... די דאזיגע אלע געפיהלען און געדאנקען האָבען אוי
איהם אזוי געווירקט, אז ער האָט זיך געפיהלט ווי א שלאפעדיגער
וועלכער דריקט אין דער־פריה פעסט די אויגען צוזאמען, אום נישט
צו זעהן דעם ערשטען ליכט־שטראהל, וואס האָט זיך דורך די פאר
האנגען דורכגעריסען און א ליכטיגען פלעק אויף דאָס בעט גע
וואָרפען. אזוי שנעל ווי זיי זיינען ווידער געוועזן אין דער־היימ
האָט ער געזאגט, אז ער האָט עפעס אן ארבייט צו טהאָן און האָ
זיך איינגעשלאָסען ביי זיך אין דעם צימער. דאן האָט קאכעלי
ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף דער טאכטער׳ס שולטערען און גע
פרעגט:

— דו ביזט אין אנדערע אומשטענדען, וואס?

זי האָט געשטאמעלט:

— יא, איך גלויב אזוי, שוין א פּאָאר מאנאטען.

קוים האָט זי דאָס געזאגט, ווי ער האָט גענומען שפּרינגע

לעסאבלע האָט זיך א טרייסעל געטהאָן ביי דעם דאזיגען גע־דאנק און זיין שווער האָט גערעדט ווייטער:

דאָן לאָדען מיר איין הער טאַרשעבועף מיט זיין פרוי צו אונז, און אזוי ווי דער אונטערשעף וועט אין גיכען שטאַרבען, קאנסטו זיין פלאַץ פערנעהמען. פאר אן אָנפאנג וואָלט עס געווען...

בעת קאכעלין האָט גערעדט, האָט לעסאבלע אלצדינג געזעהן קלאָר פאר די אויגען, ער האָט זיך פארגעשטעלט, ווי ער שטעהט באר א שעהן, קליין הייזעל ביים ברעג טייך און נעהמט אויף זיין שעף. ער טראָגט א זיידענע וועסט און א שטרויענעם הוט אויף'ן קאָפּ, און א זיסער געפיהל האָט איהם ביי דער דאָזיגער האָפנונג אָנגעפילט, אויף'ן הארצען איז איהם גוט און ווארעם געוואָרען און איהם האָט זיך געדאכט, אז ער פיהלט זיך שוין לייכטער, בע־סער, געזונדער. ער האָט נאָך אַלץ ניט געענטפערט, אָבער ער האָט געשמייכעלט. און קאכעלין, האלב משוגע פאר פרייד, האָט אין דער הויך זיינע חלומות געשפונען:

— ווער ווייסט, מיר קאָנען נאָך אמאָל זיין מענשען מיט גרויס איינפלוס. דו קאנסט נאָך אפשר ווערען אן אבגעארדנעטער. אויף יעדען פאַל קאנען מיר די גאנצע העכערע געזעלשאפט פון אונזער אומגעגענד ביי זיך אויפנעהמען און זיך דאָן פיעלעם ערלויבען. דו וועסט זיך קויפען א שעהן וועגעלע מיט א קליין פערדעל, אום יעדען טאָג צו פאהרען צום באהן־הויף, וואס זאגסטו?

דאָ האָבען זיך ביי לעסאבלע'ן גענומען וועבען חלומות וועגען רייכטהום, לוקסוס, עלעגאנץ, א'ן דער געדאנק, אז ער אליין וועט קאָנען פאהרען אין איינעם פון יענע שעהנע וועגלאך, ווי די רייכע לייט, ווען ער האָט אזוי אָפט מקנא געווען, האָט אין איהם ערוועקט א געפיהל פון העכסטער בעפריעדיגונג. אזוי, דאָס ער האָט זיך שוין לענגער נישט געקענט איינהאלטען און געזאָגט:

— יאָ, דו האסט רעכט, דאָס וואלט געווען שעהן, זעהר שעהן.

ווען קארא האָט דערזעהן, אז ער איז געוואונען, האָט זי אויך א שמייכעל געטהאָן פאר דאנקבארקייט. און קאכעלין, וועלכער האָט שוין נימ געזעהן מעהר קיין הינדערניס, האָט געזאָגט:

— נו, גאָט צו דאַנקען, ענדליך האָבען מיר דאָס ערדייכ
דאָס איז אביסעל א גליק, נו א גליק! בעדענק זיך נור, איצט געהער
דאָס געלד צו אונז.

ער האָט זיך איצט שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען א
איהם ארומגענומען מיט די ווערטער:

— בערעכען זיך נור, מעהר ווי א מיליאָן! מעהר ווי א מיליאָן
און ער איז ווידער אוועק טאַנצען. דאן האָט ער פּלוצים גע
זאָגט:

— אָבער קום דאָך צו איהר, זי וואַרט אויף דיר. גיב איה
כאַטש א קוש דערפאַר.

דערביי האָט ער איהם אנגעכאַפּט פאַר די שולטערען און
שטופּ געטהאָן פאַר זיך אזוי, דאָס לעסאַבלע איז ווי א באַמבע אי
צימער אריינגעפאַלען, וואו קאָרא איז אין גרויסער אונרוהע גע
שטאַנען און האָט זיך אונטערגעהערט. אזוי שנעל ווי זי האָט דער
זעהן איהר מאַן, איז זי אבגעשפּרונגען צוריק און פּלוצים איז אויי
איהר א מורא ארויפגעפאַלען. ער איז געבליעבען שטעהן פאַר איהר
בלייך, נערוועז און אויפגערעגט, מיט א מינע פון א ריכטער געגע
אָנגעקלאַגטען.

צום סוף האָט ער געזאָגט:

— ווי עס שיינט ביזטו שוואַנגער?

זי האָט געענטפערט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

— יאָ. דאַכט זיך.

אָבער קאַכעלין האָט זיי ביידע אנגענומען און צוגעשטופּ
איינער צום אנדערען, געזיכט צו געזיכט, און האָט אויסגעשריען:

— גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען, אָבער צוקושט זיך דאָך
איהר האָט דאָך גענוג גרונד דערצו.

און ווען ער האָט זיי אבגעלאָזט, האָט ער פאַר פרייד שוי
מעהר ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טהאָן און וואָס ער זאָל זאָגע
און ער האָט ערקלעהרט:

— נו, איצט האָבען מיר געוואונען די שפּיעל. הער אקאַרש
לעאָפּאָלד, ווייסטו גאָר וואָס: איצט קויפען מיר גלייך א לאַנד
הויז, דאָרט וועסטו גלייך ווידער געזונד ווערען.

— אָה, יאַ, איך האָב שוין קיין טעות ניט.

און ער, וועלכער האָט נאָך אביסעל מורא געהאַט, האָט זי ליכט ארומגעטאפט און מיט זיין האנד איהר לייב געפיהלט. דאן האָט ער זיך אָנגערופען:

— יא, דו האסט רעכט; אבער דו וועסט ניט איבערקומען פאר דעם טערמין. מען וועט אפשר אונזער רעכט בעקעמפפען.

ביי די דאָזיגע ווערטער איז זי געוואָרען א צוקאָכטע: ניין, עטוואס אזוינס האָט זי נישט ערווארטעט. איצט נאָך אלדעם עלענד, נאָך אלע בעמיהונגען, נאָך דעם ווי זי האָט זיך דאס פלייש געלאָזט שינדען, האָט זי ניט געוואָלט מען זאָל זי נאָך ערגערן אויך. אויפגערעגט האָט זי זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— מיר וועלען גלייך געהן צום נאָטאריוס.

אָבער ער האָט געדענקט, עס וואלט זיין בעסער, זיי זאלען זיך צוערשט פערשאפען א צייגניס פון א דאָקטאר. און זיי זיינען ווידער אוועק צום דאָקטאר לאפיללעל.

ער האָט זיי גלייך דערקאַנט און געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך? האָט אייך געגליקט?

זיי זיינען ביידע געוואָרען רויט ביז איבער די אויערען און קארא, וועלכע האָט זיך עטוואָס פערלאָרען, האָט אויסגעשטאמעלט:

— איך גלויב, יאַ.

דער דאָקטאָר האָט זיך געריבען די הענד.

— איך האָב גאָרנישט אנדערש ערווארטעט! דאָס מיטעל, וואָס איך האָב אייך געגעבען, העלפט אימער, אויב איינער פון די טהיילען איז נור נישט פאלשטענדיג אונפעהיג.

ווען ער האָט די יונגע פרוי אונטערזוכט, האָט ער ערקלעהרט:

— בראַווא, אלעס איז אויסגעצייכענט.

און ער האָט אנגעשריעבען אויף א שטיק פאפיר:

„איך, דער אונטערצייכענטער, דאָקטאר מעדיצין פון דער אוני־ווערזיטעט פון פאריז, בעשטעטיג דערמיט, אז פרוי לעאפאָלד לעסאבלע, געבארענע קאכעלין, צייגט אלע סימפטאמען פון שוואַנגערשאפט פון אונגעפעהר דריי מאָנאטען“.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו לעסאבלע׳ן:

— כאפט עס דער טייפעל, איצט געהען מיר אין רעסטאראן עסען. איצט מעגען מיר זיך אזא פערגעניגען ערלויבען.

ווען זיי זיינען צוריק אהיים געקומען, זיינען זיי אלע ביי־דריט געווען אביסעלע אנגעסנאסקעט, און לעפּאבלע, ביי ווע:מען אין'ם קאָפּ האָט זיך שטאַרק געמישט און געדרעהט, האָט זיין פינסטערען קעמערל ניט געקענט געפינען און ער האָט זיך געלעגט, אפשר על פי טעות, אין דעם ברייטען בעט פון זיין פרוי. און די גאנצע נאכט האָט זיך איהם כסדר אויסגעדוכט, אז דאס געלעגער טרייסעלט זיך,קלאפּט און הויבט זיך און ווארפט זיך, ווי א שיף. ער איז זאָ־גאר געוואָרען אביסעלע זעע־קראנק אויך.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט ער צו זיין ערשטוינען קארא'ן אין זיינע ארעמס געפונען.

זי האָט געעפענט די אויגען, א שמייכעל געטהאָן און זיך איהם פלוצים ארויפגעוואָרפען אויף'ן האלז פאר דאַנקבארקייט און ליעבע. דערנאָך האָט זי צו איהם געזאָגט, מיט יענער זיסער שטימע, וועלכע די פרויען האָבען, ווען זיי זיינען בעזונדערס צערטליך:

ווען דו ביזט גאר א גוטינקער, דאַן געהסטו היינט נישט אין מיניסטעריום. דו דארפסט דאָך שוין מעהר ניט זיין אַזוי פּינקטליך, ווייל איצט ווערען מיר דאָך רייך. און ווייסטו וואס, מיר מאכען דאַן נאָך אמאָל א לאנד־פּארטיע, מירביידע, גאנץ אליין.

ער האָט זיך געפיהלט גאנץ אויסגערוהט, ווי נאך א איבערגע־קומענעם קאַטער. אינ'ם בעט איז געווען אזוי גוט, אזוי אנגע־נעהם און ער האָט געהאַט חשק לאנג, לאַנג אזוי צי ליעגען און גאָר נישט טהאָן, נור רוהען, רוהען. א מין פוילקייט האָט זיין נשמה און זיינע גליעדער געלעהמט. און דער אונבעשטימטער געדאנק פון גליק האָט איהם שוין מעהר ניט פערלאזען. ער האָט געטראכט: איצט ווערט ער רייך, אונאבהענגיג, פריי!

אָבער פלוצים איז אויף איהם אנגעפאלען אן אנגסט און ער האָט געפרעגט שטיל, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז מען וועט דורך די ווענט זיינע ווערטער הערען:

— ביזטו אין דיין צושטאַנד גאנץ זיכער?

זי האָט איהם גלייך בערוהיגט:

טרעפֿ איינער דעם אנדערען אויף׳ן האלז געפאלען, ווען זיי האָבען דאָס ביורא פערלאזען.

.7

פון דער דאזיגער גליקליכער ענטדעקונג אָן, האָבען די דריי קרובים געלעבט אין פאלשטענדיגער צופריעדענהייט און זיינען שטענדיג געווען גוט אויפגעלעגט. קאַבעלין האָט זיין אמאָליגע פרעהליכקייט ווידער געפונען, און קארא האָט איהר מאַן מיט צערטליכקייטען פערשאטען. אויך לעסאבלע איז גאָר אנדערש געוואָרען, איצט איז ער שטענדיג געווען צופריעדען און א גוטער יונג, ווי פריהער.

מאַזע איז געקומען זעלטענער און האָט זיך איצט, קאָנטיג, ניט גוט געפיהלט אין דער פאמיליע. ער איז אפילו שטענדיג גוט אויפגענומען געוואָרען, אָבער דאָך עטוואס קאלטער, דען דאס גליק מאַכט עגאָאיסטיש און דארף נישט קיין דריטען. עס האָט אויסגעזעהן, אז קאבעלין האָט עפּעס געגען דעם שעהנעם בעאמטען, וועלכען ער האָט מיט עטליכע מאנאטען צוריק מיט אזוי פיעל ענטהוזיאזמוס אין זיין הויז אריינגעבראכט, אז ער טראגט אויף איהם אין געהיים עפּעס א הארץ, א שנאה. אין קורצע ווערטער האָט איהם קאבעלין קאראם צושטאַנד מיטגעטהיילט:

— איהר ווייסט דאָך, מיין טאָכטער איז אין אנדערע אומשטענדען.

מאַזע האָט זיך געמאַכט ווי ער שטוינט:

— ווירקליך! דאַן מוזט איהר זיך פיהלען זעהר גליקליך!

קאַבעלין האָט געענטפערט:

— איך זאל עס מיר דענקען! — און דערביי האָט ער בעמערקט, אז זיין קאָלעגע האָט, ווי עס שיינט, זיך גארנישט געפרעהט דערמיט. אזוי איז שוין די נאטור פון מענער, זיי האָבען ניט האלט צו זעהן די פרויען, וועלכע זיי ליעבען, אין דעם דאָזיגען צושטאַנד, עס מאַכט ניט אויס צי זיי זיינען אין דעם שולדיג צי ניט.

פון דעסטוועגען האָט מאזע יעדען זונטאג נאָך אלץ ביי זיי געגעסען. אָבער זיי האָבען זיך אלע געפיהלט אונבעקוועם, הגם

— נו, און איהר? אייערע לונגען און דאָס הארץ?

ער האָט איהם אויסגעקלאַפּט און געפונען, אז ער איז אין גאַנ־צען אויסגעהיילט.

ארעם אין ארעם, מיט לייכטע טריט, פּרעהלאך לאכענדיג זיינען זיי פון דארט אוועק. אבער אויף'ן וועג איז לעאָפּאלד'ען איינ־געפאלען אן אידעע:

אפשר וואלט זיין בעסער, דו זאלסט אונטערלעגען איינע אָדער צוויי סערוועטקעס, איידער מיר געהען צום נאטאריוס. דאָס מאכט די זאך גלייך דייטליכער און דאן וועט ער ניט מיינען, אז מיר ווילען נור געווינען צייט.

זיי זיינען ביידע געוואָרען רויט ביז איבער די אויערען, און זיי זיינען אוועק אהיים, וואו ער האָט איהר געהאָלפען דאס קלייד אויסטאָן, דאָרט האָט ער די סערוועטקעס אמאָל צעהן נאכאנאנד אהין און אהער אונטערגעלעגט, איז אבגעטראטען עטליכע טריט צוריק, אום צו זעהן וואס פאר אן איינדרוק עס מאכט און אויב עס זעהט נאטירליך אויס.

ווען ער איז געבליעבען צופריעדען מיט זיין ארבייט, זיינען זיי צוריק אוועקגעגאנגען, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט שטאלץ געווען צו שפּרייזען נעבען דעם ראזיגען בויך, וועלכער האָט די וועלט אין זיין מענליכקייט איבערצייגט.

דער נאָטאריוס האָט זיי פריינדליך אויפגענומען, האָט אויסגע־הערט אלע זייערע טענות, איבערגעלעזען דאס צייגניס, און ווען לעסאבלע האָט זיך ארייגעמישט און געזאגט: אייגענטליך דארף מען אויף איהר נור איין קוק טהאָן! — האָט ער געוואָרפען אן אי־בערצייגטען בליק אויף דער דיקער טאליע פון דער יונגער פרוי.

א ווייל זיינען זיי געזעסען און געווארט אין אנגסט און פּיין. צום סוף האָט דער נאטאריוס ערקלעהרט:

— גוט, אויב דאָס קינד דארף נאָך געבוירען ווערען אדער איז שוין געבוירען געוואָרען, דאס איז אלץ איינס. עס איז דא און עס לעבט. מיר וועלען אלזא אבלעגען די אויספיהרונג פון דער צוואה ביז די גנעדיגע פרוי וועט איבערקומען.

זייער פרייד איז געווען אזוי גרויס, דאס זיי זיינען זיך אויף די

איך בין אין דעם ניט שולדיג. דערפאר האָב איך מורא געהאַט, אז דו וועסט זיין בייז, וואס איך האָב איהם פערבאָטען צו קומען אהער אין הויז.

איהר מאַן האָט זי מיט דאנקבארער פרייד אנגעקוקט און האָט געזאָגט:

— דו האָסט גאנץ רעכט געטהאָן, גאנץ רעכט! און איך דאנק דיר דערפאר פיעל מאָל.

זי האָט נאָך צוגעלייגט, אום די שטעלונג פוןביידע מענער זאָל זיין קלאָהר:

— ווייסטו, אין ביורא מוזטו קיין מאָל ניט ציינען, אז דו ווייסט דערפון עפּעס, מוזט מיט איהם רעדען פּונקט אזוי ווי פריהער; ער דארף נור מעהר ניט קומען אהער.

לעסאבלע האָט זיין פרוי צערטליך אין זיינע ארעמס געשלאָסען און זי לאנג געקושט אויף די אויגען און אויף די באַקען, ווערענד ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט א מלאך! דו ביזט א מלאך!

און ווען זיי האָבען זיך צוגעדריקט איינער צום אנדערען, האָט ער גאנץ דייטליך דערפיהלט די פאָרמען פון'ם קינד.

.8

ביז זי איז געלעגען געוואָרען האָט ביי זיי קיין בעזונדערע נייעס ניט געטראָפען. קאַרא האָט געהאַט א מיידעלע און מען האָט איהר א נאָמען געגעבען רעזירעע — די געוואונשטע. אָבער אזוי ווי די צערעמאָניע ביים טויפען דאָס קינד האָט געוואָלט זיין זעהר א פייערליכע, האָבען זיי אלע איינשטימיג בעשלאָסען, אז זי זאָל ערשט דעם קומענדען זומער געפייערט ווערען אין דעם לאנד־הויז, וועלכען זיי האָבען זיך געוואָלט קויפען.

אזא הויז האָבען זיי געפונען אין אסניערעס, אויף דער העכע־רער זייט פון דעם טייך סיינע.

אין פערלויף פון'ם ווינטער האָבען וויכטיגע פּאסירונגען גע־טראָפען. אזוי שנעל ווי די ירושה איז געוועזען זיכער, האָט קאכעלין אריינגעשיקט זיין אבשיעדס־בריעף און גלייך דאָס ביורא פערלאָזען. איצט האָט ער זיך בעשעפטיגט דערמיט, וואָס ער האָט מיט א קליין

קיין שטרייט האָט צווישען זיי ניט אויסגעבראכען, אפילו קיין איבעריגען ווארט האָט קיינער פון זיי ניט געזאגט און דאָך איז פון וואך צו וואך געוואקסען דאס בעזונדער אונאנגענעהם געפיהל, די פיינליכע פערלעגענהייט.

איין מאָל אין אן אבענד, ווען קאכעלין איז אהיים געקומען, האָט ער אויסער זיך פאר כעס אויסגערופען:

— דער יונג ווערט מיר צו לאַנגווייליג.

— און לעסאבלע האָט גענטפערט:

— יאָ, מען קען ניט זאָגען, ער ווערט גאנץ אונסימפאטיש, ווען מען דערקאנט איהם נעהענטער.

קארא האָט אראָבגעלאזט די אויגען. זי האָט קיין מיינונג ניט ארויסגעזאָגט. עס האָט געשיינט, אַז מיט דעם גרויסען מאַזע האָט זי זיך אימער געפיהלט עטוואס פערלעגען, און ער האָט זיך כמעט געשעהמט אין איהר געגענוואַרט. ער האָט שוין ניט מעהר געקוקט אויף איהר, ווי פריהער, מיט א שמייכעל, האָט זי מעהר נישט איינ־געלאַדען אין טעאטער און האָט, קאנטיג, געקוקט אויף דעם פריהער־דיגען אינטימען פערקעהר, ווי אויף אַ נויטיגען איבעל.

אָבער איין טאָג, ווען איהר מאַן איז אהיים געקומען עסען, האָט איהם קאָרא מיט גרעסערער צערטליכקייט א קוש געטהאָן און האָט איהם ארייגעשושקעט אין אויער:

— דו ווערסט מיך מסתמא אויסזידלען.

— פארוואס עפּעס?

— הערסט דאָך, נישט לאנג איז דאָ געווען מאַזע און אַזוי ווי איך וויל נישט, אז מען זאָל האָבען פון מיר וואס צו דערען, האָב איך איהם געבעטען, ער זאָל מיך קיינמאָל ניט בעזוכען, ווען דו ביזט אין דער היים ניטאָ! ווי עס שיינט האָט עס איהם געקרענקט.

לעסאבלע האָט ערשטוינט געפרעגט:

— ער האָט דען עפּעס געזאגט?

— אָך, ער האָט גארנישט געזאגט, עס האָט אָבער געשיינט, אַז ער איז ניט גאָר איינפערשטאנען מיט מיר, און דאן האָב איך איהם געבעטען, ער זאָל מיך איבערהויפּט אויפהערען צו בעזוכען. דו ווייסט דאָך, אַז פּאפּא און דו האָבען איהם אהער געבראכט!

פון דער ווייטען האָט זיך געהערט דאס פּייפען פון דעם לאָ־קאָמאָטיוו און באלד האָט מען איהם אויך דערזעהן מיט א גאנצער רייהע וואגאָנעס, פון וועלכע עס האָט א שטראם געטהאָן אן עולם מיט רייזענדע. הערר טארשעבעוף איז ארויס פון'ם ערשטען קלאַס מיט זיין פרוי, וועלכע איז געווען אָנגעטהאָן אין זעהר שרייענדיגע קליידער. פּיטאלעט און באָיסעל זיינען געפאָהרען מיט'ן צווייטען קלאַס. דעם אַלטען סאוואן האָט מען ניט געוואגט איינצולאַדען; אָבער עס איז אָבגערעדט געוואָרען, מען זאָל איהם צופעליג טרעפען נאָכמיטאג און מיט דער צושטימונג פון'ם שעף זאָל מען איהם בע־טען צום טיש.

לעסאבלע איז געגאנגען זיין שעף אנטקעגען, וואס האָט אויס־געזעהן ניט גאָר וויכטיג אין זיין שווארצען ראָק, אויף וועלכען דער מעכטיגער עהרענ־לעגיאָן האָט, ווי א רויטע ראזע, געבליהט. זיין גרויסער קאָפּ, אויף וועלכען עס איז געזעסען א ברייטער צילינדער, האָט כמעט צודריקט זיין קליינעם, אויסגעטריקענטען קערפּער און האָט איהם אין גאנצען צוגעגעבען א זעהר קאָמישען אויסזעהן. ווען זיין פרוי האָט זיך נור אביסעלע אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער, האָט זי לייכט געקאָנט איבער זיין קאָפּ אריבערקוקען.

לעאָפּאָלד, מיט א שטראַהלענדיגען פּנים, האָט זיך פערנויגט און געדאנקט, וואס זיי זיינען געקומען. ער האָט זיי געהאָלפען זיך זעצען אין דעם שטרויענעם וועגעל, דאן איז ער צוגעלאָפען צו זיינע ביידע קאָלעגען, וועלכע זיינען בעשיידען געגאנגען פון הינטען, האָט זיי געדריקט די הענד און זיך ענטשולדיגט, וואס ער קען זיי אויך ניט נעהמען אויף'ן וועגעל, ווייל עס איז קיין פּלאַץ נישטאָ.

— געהט נור גלייך מיט'ן וועג, איהר וועט שוין דאן קומען צו מיין הויז. ווילאַ דעזירעע, די פיערטע פון'ם ראג. אָבער מאכט עס שנעל!

דאן איז ער אריין אין וועגעל, אנגענומען די לייצעס און איז אוועק, וועהרענד דער דיענער האָט זיך פון הינטען אויף דעם קליי־נעם זיץ ארויפגעכאַפּט.

די פייערליכקייט איז דורך און דורך געלונגען. דאן האָט מען זיך גענומען צום פריהשטיק. יעדער האָט אונטער זיין סערוועטקע

זעגעלע אויסגעזעגט פון די דעקלאך פון סיגאר קעסטלאך פערשיע־
דענע זייגערלאך, קעסטעלאך און אזוי צאצקעס. די דאזיגע ארבייט,
צו וועלכער ער האָט זיך גענומען, ווען ער האָט א געוויסען הענדלער
געזעהן אזוי ארבייטענדיג, האָט איהם מורא׳דיגען שפאס פערשאפט;
די גאנצע וועלט האָט יעדען טאָג געמוזט אנקוקען זיינע אנטיקען.
ער איז געווען אזוי שטאלץ אויף זיין ארבייט, דאס ער האָט געהאל־
טען אין איין טענה׳ן:

— עס איז אונגלויבליך, וואס פאר א זאכען מען קען אויפ־
מאַכען!

צום סוף איז דער אונטערשעף, הערר ראבאט, געשטארבען.
לעסאבלע האָט פערנומען זיין פלאץ, הגם ער האָט נאָך דעם טיטול
ניט געקראגען, ווייל ער איז נאָך ניט געווען גענוג אלט פאר אזא
דיענסט.

קארא איז גלייך געוואָרען גאָר אן אנדער פרוי, איינגעהאלטע־
נער און עלעגאנטער. זי האָט גלייך געכאפּט דעם שניט פון א רייכער,
פארנעהמער ליידי און זיך גענומען פיהרען אין לעבען אויף א גע־
הויבענעם שטייגער.

אין דעם טאָג פון ניי־יאָהר האָט זי בעזוכט דעם שעף׳ס פרוי,
אַ דיקע דאמע, וועלכע איז טראָץ דעם פינף־און־דרייסיג־יאָהריגען
אויפהאלטען זיך אין פאריז נאָך אלץ פערבליעבען א קליינשטעדטעל־
דיגע פרוי, און זי האָט אזוי ליעבענסווירדיג, אזוי איינשמייכלענדיג
געבעטען, פרוי טארשעבועף זאל זיין קוואטער ביי איהר קינד, דאס
יענע האָט עס אָנגענומען.

די פייערליכקייט איז פארגעקומען אין א שטראהלענדיגען
זוניגען יוני טאָג. עס איז איינגעלאדען געוואָרען דאס גאנצע ביורא
ביז צו דעם שעהנעם מאָזע, פון וועלכען מען האָט מעהר גארניט
געהערט און ניט געזעהן.

ארום ניין אזייגער האָט לעסאבלע געווארט אויף׳ן באהן־הויף
אויף דעם פאריזער צוג, וועהרענד אַ קליינער דיענער אין א ליוורעע
מיט גרויסע, גאלדענע קנעפּ האָט געהאלטען פאר די לייצעס א קליין
פּאָני, וואס איז געווען איינגעשפּאנט אין א נייעם שטרויענעם ווע־
געלע.

אויף'ן צווייטען טאג איז דיעזער ווארט פערשפרייט געוואָרען אין מיניסטעריום.

דערווייל איז געווארען צוויי א זייגער. מען האָט געטרונקען ליקער און קאבעלין האָט פארגעשלאָגען צו בעקוקען די ווילא און דאן מאכען א שפּאציער נעבען דעם טייך סיינע.

די געסט זיינען ווי אין א פּראצעסיאָן געגאנגען דורך אלע צימערען, פון קעלער ביז צום בוידעם; דאן האָבען זיי זיך א לאָז געטהאן אין גארטען אריין, זיינען געלאָפען פון בוים צו בוים, פון פלאנצע צו פלאנצע און צום סוף האָט מען זיך צוטהיילט אין צוויי אבטהיילונגען און אוועק שפּאציערען.

קאבעלין, וועמען די געגענווארט פון די דאמען האָט אביסעל געשטערט, האָט גענומען פיטאלעט און באָיסעל און איז מיט זיי אוועק אין די קאפעעס ביי'ם וואסער, וועהרענד די דאמען מיט זייערעביידע מענער זיינען אוועק צום אנדערען ברעג, ווייל עס פּאסט ניט פאר אנשטענדיגע דאמען זיך אויסצומישען מיט דעם פּראָסטען עולם, וועלכער קומט געוועהנליך זונטאג צום ברעג פון'ם טייך, צו פערברענגען. זיי האָבען געטראָטען לאנגזאם איבער'ן גרי-נעם וועג. די מענער זיינען זיי נאכגעגאנגען פון הינטען און האָבען זעהר ערנסט גערעדט וועגען דיענסט אנגעלעגענהייטען.

איבער'ן טייך זיינען געפאהרען שיפלאך. יונגע לייט האָבען קרעפטיג גערודערט מיט זייערע פון זון-פּארברענטע, נאקעטע, מוסקוליסטע ארעמס. מיידלאך זיינען געלעגען אויף שווארצע אדער ווייסע פעלכלאך ביים שטייער, האלב איינגעשלאָפען אונטער די שטראהלען פון דער זון, און האָבען געהאלטען איבער די קעפ רויטע, געלע, בלויע שירעמס, וואס זיינען ווי גרויסע בלומען איבער'ן טייך געשוואומען. פון איין שיפעל צו דעם אנדערען האָט מען זיך איבער-גערעדט, נאכגעשריען, געזידעלט זיך, און פון דער ווייטענס האָט זיך געטראגען אן אונבעשטימטער און אונאויפהערליכער ליארעם פון שטימען: דער הו-הא פון יום-טוב'דיגע טעג.

גאנצע רייהען פון פיש-כאפּער זיינען געזעסען אונבעוועגליך ביים ברעג. מענער האָבען זיך געבאָדען און מאנכע פון זיי זיינען גע-שטאַנען כמעט נאקעטע אויף שווערע פישער-שיפלאך און מיט איין

נעפונען א פרעזענט, ווי עס האט זיך געפאסט פאר דעם כבוד פון דעם גאסט. די קוואטערקע האט געקראגען א שווערען גאָלדענעם בּראסלעט, איהר מאן, א שפּילקע מיט א רובּין פאר א שניפּס, באָיסעל א טהייערען בּריעף־טאַש און פּיטאלעט א פּראכטפאָללען סיגארען שפּיץ. עס האט געהייסען, אז דעזירעע מאכט איהרע נייע פריינד די דאזיגע פּרעזענטען.

פרוי טאַרשעבּועף האט פארשעמט און גליקליך אנגעטהאָן דעם גלענצענדען בּראסלעט אויף איהר דיקען ארעם, און אזוי ווי דער שעף האט געטראָגען א קליין שלייפעל, אין וועלכען מען האט קיין שפּילקע ניט געקענט ארײנשטעקען, האט ער ארײנגעזעצט דעם רו־בּין אין דעם לאָך פון זיין ראָק, פּונקט אונטער דעם עהרענ־לעגיאָן, ווי א צווייטען עטוואס ווייניגער בּעדייטענדען ארדען.

פון די פענסטער האט מען געזעהן א ברייטען פאס פון׳ם טייך, וועלכער האט זיך געדרעהט צווישען די מיט־בּוימער־בּעוואקסענע בּרעגעס, ווי א בּרייטע ליענטע. די זון האט אויף דאס וואסער ארונטערגעשטראהלט, און עס האט אויסגעזעהן, ווי דער גאנצער טייך וואָלט געבּרענט. אין אָנהויב איז ביים מאָהל־צייט צוגעגאנגען זעהר ערנסט אוים רעספּעקט צו הערר און פרוי טאַרשעבּועף. דער־נאָך איז מען געוואָרען לוסטיגער. קאכעלין האט געזאָגט א פּאָר גראָ־בּע וויצען, צו וועלכע ער האט זיך אלס רייכער מאן געהאלטען בּע־רעכטיגט. און אלע האבען געלאכט. ווען פּיטאלעט אדער באָיסעל וואלט דאס געוועזען זאגען, וואלט מען עס געווים געהאלטען פאר זעהר גראָב און אונפּאסענד.

נאָך׳ן עסען איז דאָס קינד געבּראכט געוואָרען און יעדער פון די געסט האט עס א קוש געטהאָן. עס איז געלעגען אין א וואָלקען פון שפּיצען און עס האט אָנגעקוקט די לייטע מיט בּלויע אויגען און מיט דעם אונבּעשטימטען, געדאנקענלאָזען בּליק פון אן עופה׳לע. דאן האט עס אביסעלע א קעהר געטהאָן דעם גרויסען קאָפּ, ווי דער פערשטאנד וואלט אין דעם געגומען ערוואכען.

פּיטאלעט האט א שושקע געטהאָן זיין שכן באָיסעל אין אויער ארײן:

— זי זעהט אוים ווי א קליין מאזע׳לע.

ניט שעהן פון אייך, עפּעס אזוינס צו זאגען; עס איז ניט שעהן.

קאכעלין האָט געקייכט פאר געלעכטער.

— אך, דו אלטער שטיפער, דו האסט זי דאָך „מיין קעצעלע“ גערופען. אהא, איצט האָבען מיר איהם אבער דערטאפּט.

אפילו די דאמען האָבען זיך אויך צולאכט, אזוי אויסער זיך איז געוועזן דער גוטער אלטער מאן.

קאכעלין האָט ווידער אנגעהויבען:

— ווען הערר טאַרשעבועף האָט ניט דאגעגען, וועלען מיר אלס שטראף דעם געפאנגענעם בעהאלטען און איהם נעהמען אהיים צום טיש.

דער שעף האָט גוטמוטהיג געגעבען זיין צושטימונג און דער שפּאַס איבער דער דאמע, וועלכע דער אלטער זאל האָבען פערלאזען, איז ווידער אנגעגאנגען, ווערהענד דער אלטער סאוואן האָט זיך נאָך אלץ פערטהיידיגט, שטארק אויפגעבראכט איבער דעם שלעכטען וויץ. און ביז אין אבענד אריין האָט מען נאָך אלץ דערפון גערעדט און געלאכט.

קאָרא און פרוי טאַרשעבועף זיינען געזעסען אונטער'ן לייוואנד־נעם דעכעל אויף דעם באלקאן און צוגעקוקט זיך צו דער אונטער־געהענדער זונן, וועלכע האָט געווארפען א פּורפּור־רויטע ליכט אויף די בלעטער פון די בוימער. קיין ווינטעלע האט זיך ניט בעוועגט, אן אונענדליך, יום טוב'דיגע פריעדען האָט פון דעם שטילען, בלוט־רויטען הימעל געשוועבט. א פּאָאר פישער אויף שיפלאך, וועלכע האָבען געזוכט א פּלאץ, וואו א נעץ צו פערווארפען, זיינען נאָך פערבייגעפאהרען און קארא האָט געפרעגט:

— ווי עס שיינט, האָט דער ארימער הערר סאוואן געהייראט מיט א שלעכטער פרוי?

פרוי טאַרשעבועף, וועלכע האָט געוואוסט אלע איינצעלהייטען פון ביורא, האָט געענטפערט:

— יאָ, ער האָט גענומען א יתומה, וועלכע איז געוועזן א סך איינגער פון איהם. זי האָט איהם בעטראגען, פערליעבט זיך אין א פערדארבענעם יונג און צום סוף איז זי פון איהם, איהר מאן, אין גאנצען אנטלאפען.

שפרונג זיך פון דארט אין וואסער אריינגעווארפען, דאן ווידער אויף'ן ברעג ארויס, אום זיך פון דאס ניי אין טייך צו ווארפען.

פרוי טארשעבועף האָט פערוואונדערט צוגעקוקט. קאָרא האָט געזאגט :

— אזוי געהט דא צו יעדען זונטאג. דאס פערדארבט מיר איי־נענטליך די שעהנע געגענד.

א שיפעל איז לאנגזאם צום ברעג צוגעשוואומען. צוויי מייד־לאך האָבען געדרודערט. צוויי יונגע לייט זיינען געלעגען אין דעם הינטערשטער טהייל פון דעם שיפעל. איינע פון די ביידע האָט א געשריי געטהאָן צום ברעג :

— אַהאָי ! אהאָי ! איהר ביידע ווירדיגע דאמען דארט. דא איז פאראן א מאן צו פערקויפען, גאנץ ביליג. ווילט איהר איהם אפשר האָבען ?

קארא האָט זיך מיט פעראכטונג אבגעקעהרט, גענומען איהר גאסט אונטער'ן ארעם און געזאגט :

— מען קען דא שוין מעהר נישט אויסהאלטען פון די אונ־אנשטענדיגע בעשעפענישען.

און זיי זיינען אוועק פון דארט.

הערר טארשעבועף האָט געזאגט צו לעסאבלע'ן :

— אלזא, אָט אזוי בלייבט עס. דעם ערשטען יאנואר. דער די־רעקטאר האָט עס פארמעל פערשפראכען.

און לעסאבלע האָט געענטפערט :

— איך ווייס גאר ניט, ווי איך זאל אייער גנאדען דאנקען דערפאר !

ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים, האָבען זיי געטראָ־פען קאכעלין, פיטאלעט און באָיסעל, וועלכע האָבען כמעט געוויינט פאר געלעכטער, שלעפענדיג מיט זיך דעם אלטען סאוואן. אום צו האָבען אביסעל שפאס, האָבען זיי בעהויפטעט, אז זיי האָבען איהם אויף'ן ברעג מיט א פראסטיטוטקע געטראָפען.

דער אלטער האָט צושראקען זיך געריסען פון זיי און גע־שריען :

— דאָס איז נישט אמת ! ניין, דאָס איז נישט אמת ! עס איז

דאן האָט די ריקע דאמע צוגעלייגט:

— איך זאָג אַ פערדארבענער יונג, הגם איך ווייס אייגענטליך דערפון גאָרניט. מען האָט גערעדט, אז זיי ליעבען איינער דעם אנדערען זעהר שטארק. יעדענפאלס קען מען ניט זאָגען, אז דער אל־טער סאוואן איז א גרויסער פארשוין!

פרוי לעסאבלע האָט ערנסט געענטפערט:

— דאָס איז ניט קיין ענטשולדיגונג. אויף דעם ארימען מאן איז א גרויס רחמנות. אונזער שכן, הערר בארבון'ען, געהט אויך פונקט אזוי. זיין פרוי האָט זיך פערליעבט אין עפעס א מין מאהלער, וועלכער האָט פערבראכט דעם זומער, און איז מיט איהם אנטלאפען קיין אויסלאנד. איך קען ניט פערשטעהן, ווי א פרוי קען זינקען אזוי טיעף. נאָך מיין מיינונג האָט פאר אזעלכע פערדארבענע פרויען, וואס בעשמוצען זייער פאמיליע, געדארפט איינגעפיהרט ווערען א בעזונדערע שטראף.

דאָ האָט זיך אויף'ן וועג בעוויזען די אם מיט דעזירעע אין איהרע ארעמס. זי איז צוגעגאנגען צוביידע דאמען מיט'ן קינד, וועלכעס האָט אויסגעזעהן אין גאנצען רויט, פון דעם רויטען הימעל בעשטראהלט. דאָס קינד האָט געהאלטען דעם פנים'ל פעררייסען ארויף און געקוקט צום רויטען הימעל מיט פערוואונדערטע אוי־געלאך.

די מענער, וואס זיינען געשטאנען פון ווייטען און גערעדט, זיינען צוגעגאנגען.

קאכעלין האָט א כאפ געטהאָן זיין אייניקעל מיט'ן לאנגען מאנטעלע אין די ארעמס, עס אויפגעהויבען אין דער הויך געגען דעם פלאקערענדיגען האָריזאנט און אויסגערופען:

— דאָס איז די בעסטע זאך אויף דער וועלט! ניט אמת, פאטער סאוואן?

דער אלטער האָט ניט געענטפערט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאל זאגען, און אפשר אויך דערפאר ווייל ער האָט צופיעל זיך אליין דערביי געפיהלט.

א דיענער האָט געעפענט די טיר פון'ם באלקאן און געמעלדעט:

— דער טיש איז געגרייט.

— ענדע —

#2.420
2063
183
OCT 3
...ISH PUBLIC LIBRARY
#2.420
OCT 3 '80
AUG 21 '81
SEP 19 '81

[redacted]

Ap. 1. 57

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

MAY 27 '65
JUL 16 '65
AUG 22 '66
APR 21 '67
JAN 20 '69